STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06996

GYU DE MOPASAN'S GEZAMELTE VERK

Guy de Maupassant

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גיו דע מאָפּאַסאַן'ס

געזאַמעלטע ווערק.

מאָנט אָריאָל

ראמאַן

איבערזעצט פון

לעאָן קאָברין.

XIII.

אַרויסגעגעבען פון „פאָרווערטס"
175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק
1919

ערשטער טהייל.

1.

די פריה־אויפשטעהער צווישען די געסט, וואס האבען שוין גענומען זייער קור־באד, זיינען געגאנגען צו פארוויין אדער איינציגווייז אונטער די גרויסע בוימער פאר דעם פלוס, וועלכער שטראמט פון די שלוכטען פון ענוואל ארונטער.

אנדערע זיינען געקומען פון דארף און זיינען איילענדיג אין דאס קור־הויז אריין. דאס איז געווען א גרויסע געביידע. דער אונטערשטער שטאק האט געדיענט אלס א סארט הייל־אנשטאלט, וועהרענד אויף דעם אויבערשטען שטאק האט זיך געפונען א קאסינא, א קאפע־הויז און א בילליארד־זאאל.

זינט דאקטאר באנעפילל האט ענטדעקט דעם גרויסען קוואל אין דעם טהאל פון ענוואל און איהם אנגערופען באנעפיל־ברונען, האבען געוויסע בעלי־בתים פון יענער געגענד, פארזיכטיגע ספעקולאנטען, זיך ענטשלאסען אויפצובויען א גרויסע געביידע אין מיטען פון דעם דאזיגען ווילדען און דאך פרעהליכען טהאל, וועלכער איז פערפלאנצט געווען מיט ניס־בוימער און גוואלדיגע קאשטאנען־בוימער.

אין דער דאזיגער געביידע האט מען אויף דעם אונטערשטען שטאק געצאהלט פאר מינעראל־וואסער, פאר טושען און בעדער, און אויף דעם אויבערשטען שטאק — פאר ביער, פאר אלערליי אנדערע געטראנקען און פאר מוזיק.

איין טהייל פון'ם טהאל פאזע שטראם האט מען ארומגע־צאמט, א קור־פארק געמאכט, ווי עס האט זיך געפאסט פאר א קוראָרט. דריי אלעען האט מען אויסגעלעגט. איינע איז געלאפען גלייך און צוויי זיינען געלאפען געדרעהט אין א זיג־זאג... אויפ'ן עק פון דער ערשטער אלעע האט מען א קינסטליכען ברונען אויס־געגראבען. ער איז פעראייניגט געווען מיט דעם הויפט־קוואל, וועלכער האט אין א גרויסען צעמענטענעם בעקען געשפרודעלט. א שטרויענער דאך איז איבער דעם געמאכט געווען און אונטער דעם דאזיגען דאך איז א פריינדליכע פרוי שטענדיג געזעסען, וועלכע האט אלעמען בעדיענט. „מאריע" האבען אלע געסט זי פאמיליאר גערופען. זי האט אלע מאל א שנעע־ווייס מיצעל גע־טראגען און אזא שירץ, וואס האט אין גאנצען איהר קליידונג פער־דעקט.

אזוי גיך, ווי זי האט פון דערווייטענס דערזעהן, אז א באדע־גאסט געהט צו איהר ברונען, איז זי אויפגעשטאנען. ווען זי האט דערנאך דערקענט, ווער דאס איז געווען, האט זי זיין גלאז פון א קליינעם גלעזערנעם שראנק ארויסגענומען און עס לאנגזאם מיט וואסער אנגעפילט.

דער טרויעריגער גאסט האט געשמייכעלט, געטרונקען, אפ־געגעבען זיין גלאז צוריק און געזאגט:

— דאנק, מאריע.

דאן איז ער אוועק, און מאריע האט זיך ווידער געזעצט אויף איהר שטרויענעם שטוהל, ביז אן אנדער גאסט האט זיך בע־וויזען.

איבעריגענס, זיינען ניט פיעל געסט דארט געווען. אין גאנ־צען האבען די בעדער פון ענוואל א יאהר זעקס עקזיסטירט און האבען איצט ניט געהאט מעהר געסט, ווי אין דער צייט, בעת זיי זיינען געעפענט געווארען. אפשר פופציג מענשען זיינען אהין געקומען, מעהר אגב פון דער שעהנקייט פון דער געגענד צוגע־צויגען, פון דעם וואונדער־שעהנעם דארף, וואס איז געלעגען פער־

באַרגען צווישען ריעזיגע בוימער מיט שטאַמען, כמעט אַזוי גרויס ווי הייזער. אויף איין עק דאָרף האָט זיך געעפענט די ברייטע, ווייטע עוועניו פון אַווערן; אויף דעם אַנדערען — די אויסזיכט אויף אַ הויכען, אַמאָל פייער־שפּייענדיגען באַרג, וואָס האָט זיך דאָרט צונויפגעשלאָסען מיטווילדע, ריעזיגע פעלזען. איבער די דאָזיגע פעלזען האָט זיך אַ טייך געטראָגען און אונטער יעדען פון זיי האָט דאָס וואַסער גערוישט.

דער דאָזיגער באַדע־אָרט האָט אָנגעהויבען, ווי אַלע, דורך רעקלאַמען. דאָקטאָר באָנעפּיל האָט אַ בראָשורע אַרויסגעלאָזט וועגען זיינע קוואַלען. צוערשט האָט ער דאָרט געריהמט די שעהנקייט פון דער געגענד אין אַ באָמבאַסטישען און סענטימענטאַלען סטיל. ער האָט אויסדריקען געוועהלט, וואָס האָבען אַ געוויסען איינדרוק געמאַכט, ווען זיי האָבען אפילו כמעט ווי גאָר נישט געזאָגט. ער האָט געשריבען, אַז די גאַנצע געגענד איז פול אָריגינעלער שעהנקייט. קינסטלער און רייזענדע, וואָס בעזוכען זיי, ווערען ממש בעצויבערט פון דער דאָרטיגער גראַנדיעזער און דער גאַנץ איינענאַרטיגער נאַטור־שעהנקייט.

דערנאָך האָט ער אין דער בראָשורע פּלוצים, אָהן שום איבערגאַנג, ערקלעהרט די אַלע מעלות און אייגענשאַפטען פון דעם באָנעפּיל־ברונען. אַלע קראַנקהייטען היילט אויס דאָס וואַסער פון זיין ברונען. ער האָט אויסגערעכענט אַ לאַנגען צעטעל פון קראַנקהייטען, פון וועלכע דער באָנעפּיל־ברונען קורירט אויס. די בראָשורע האָט זיך געענדיגט מיט פּראַקטישע אינפאָרמאַציאָנען וועגען דאָס לעבען אין ענוואַל, פיעל אַ וואָהנונג דאָרט קאָסטען, פיעל אין אַ האָטעל, וואָרים צוזאַמען מיט'ן קור־אָרט זיינען, ווי פון דער ערד, אַרויסגעוואַקסען דריי האָטעלען: דער ספּלענדיד האָטעל, אַ גאַנץ נייער, וואָס מען האָט אונטערען באַרג אויסגעבויט איבער די בעדער; דאָס באַדע־האָטעל, וואָס מען האָט איבערגעבויט פון אַן אַלטער קרעטשמע און דער האָטעל ווידאַיל, וואָס מען האָט איינפאַך געמאַכט פון דריי הייזער, וועלכע מען האָט דורכגעבראָכען.

אין דער אייגענער צייט האָבען זיך דאָרט פּלוצים אין אייז שעהנעם פריה־מאָרגען בעוויזען צוויי נייע דאָקטוירים. מען האָט גאָר ניט געוואוסט, ווי אַזוי און פון וואַנען. ווי די קאַהלען־זויערע אין די קוואַלען האָבען זיי זיך דאָרט בעוויזען. דאָס איז געווען דאָקטאָר האַנאַרא, פון אווערן און דאָקטאָר לאַטאַן, פון פּאַריז.

דאָקטאָר לאַטאַן און דאָקטאָר באַנעפּיל זיינען גלייך בלוט־שונאים געוואָרען, ווערענד דאָקטאָר האַנאַרא, אַ דיקער, זויבער־געקליידעטער, גלאַט־ראַזירטער, שמייכלענדיגער, פלינקער מאַן, האָט זיך מיט זיי ביידען גוט פּערטראַגען, געגעבען איינעם די רעכטע און דעם אַנדערען די לינקע האַנד. אָבער דאָקטאָר באַ־נעפּיל האָט מעהר בעדייטונג געהאַט, מחמת זיין שטעלע אַלס הויפּט־דאָקטאָר פון די בעדער. דאָס קור־הויז איז געווען זיין מאַכט, דאָרט האָט ער געהערשט. דאָ האָט מען איהם געקענט טרע־פען דעם גאַנצען טאָג און מען האָט זאָגאָר געשמועסט, אַז די גאַנצע נאַכט אויך. הונדערט מאָל דורכ'ן טאָג איז ער געגאַנגען פון זיין הויז, וואָס איז נאָהענט אין'ם דאָרף געלעגען, צום קור־הויז. דאָרט איז ער אין זיין קאַבינעט געזעסען רעכטס נעבען אריינגאַנג. ווי אַ שפּין אין איהר געוועבס, האָט ער אכטונג געגעבען, ווי די קראַנקע זיינען געקומען און אוועקגעגאַנגען, האָט בעגלייט זיינע אייגענע פּאַציענטען מיט אַן ערנסטער מינע און די פּאַציענטען פון די אַנדערע דאָקטוירים — מיט אויגען פול רציחה. צו יערען האָט ער גערעדט מיט אַ טאָן, כמעט ווי אַ קאַפּיטאַן אויפ'ן ים; די ניי־אַנגעקומענע האָבען זיך געשראָקען פאַר איהם און אַנדערע האָבען געלאַכט פון איהם.

ווען ער איז היינט אריינגעלאָפען מיט אייליגענדיגע טריט, די ביידע לאַנגע פּאָלעס פון זיין אַלטען מאַנטעל ברייט פאַנאַנדער־געעפענט, ווי פליגעל, האָט איהם פּלוצים אַ שטימע אָפּגעשטעלט:

— דאָקטאָר!

ער האָט זיך אומגעדרעהט. זיין מאָגערער פּנים, פול טיעפע און שוואַרצע קנייטשען, מיט אַ גרוי צופּאַלטעט בערדעל, האָט זיך

בעמיהט צו שמייכלען. ער האָט אַרונטערגענומען זיין שמוציגען פערשמאַלצענעם צילינדער־הוט פון׳ם קאָפּ מיט די לאַנגע האָאָר, וואָס האָבען געהאַט אַ קאָליר פון פעפער און זאַלץ, ווי זיין געגנער. דאָקטאָר לאַטאַן, פלעגט זאָגען, אַ טראַט געטהאַן אין פאָראויס, פערבויגט זיך און געזאָגט:

— גוט מאָרגען, העדר מאַרקיז, ווי געהט׳ס? וואָס מאַכט מען?

אַ קליין־געוויקסיגער, גוט־געקליידעטער מאַן, דער מאַרקיז ראוועגעל, האָט רעם דאָקטאָר די האַנד דערלאַנגט און געענטפערט:

— זעהר גוט! זעהר גוט! ווענינגסטענס ניט שלעכט. איך האָב נאָך אַלץ שמערצען אין דער זייט, אָבער איך פיהל זיך בעסער, אַ סך בעסער; איך האָב דאָך ערשט גענומען צעהן בעדער, פאַר־אַ־יאָהרען האָב איך ערשט דעם זעכצעהנטען אויגוסט גענומען פיהלען בעסער. איהר געדענקט?

— אַה, געוויס!

— אָבער ניט וועגען דעם וויל איך מיט אייך ריידען, דאָק־טאָר, מיין טאָכטער איז היינט אין דער־פריה אַנגעקומען און וועגען דעם וויל איך מיט אייך רעדען, ווייל מיין איידים, העדר אַנ־דערמאַט, וויליאַם אַנדערמאַט, דער באַנקיר...

— אַה, איך ווייס!

— מיין איידים האָט אַ רעקאָמענדאַציאָנס בריעף צו דאָקטאָר לאַטאַן; איך אָבער האָב נור צוטרויען צו אייך; בעט איך אייך, איהר זאָלט צוגעהן צום האָטעל, איידער... איהר פערשטעהט דאָך, וואָס איך מיין... איך בין מיט אייך אָפען. אַלזאָ, פיליכט קענט איהר טאַקי גלייך?..

דאָקטאָר באָנעפיל איז זעהר אונרוהיג און אויפגערעגט געוואָ־רען, האָט שנעל דעם צילינדער־הוט אַנגעטהאָן און געענטפערט:

— געוויס. קען איך איצט געהן מיט אייך?

— זיכער!

און זיי זיינען אַרוים און אַוועק מיט דער אַלעע, וואָס האָט געפֿיהרט צום ספּלענדיד־האָטעל. אויפ'ן ערשטען שטאָק זיינען זיי אַריינגעטראָטען אין דעם סאַלאָן, וועלכער האָט צו די צימערען פֿון דער פֿאַמיליע ראַוועלאַל און אַנדערמאַט געהערט, און דער מאַר־קיז האָט איבערגעלאָזען דעם דאָקטאָר אַליין און איז אַוועק רופֿען זיין טאָכטער.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריק אַריינגעקומען מיט איהר. עס איז געווען אַ יונגע בלאָנדע פֿרוי, קליין, בלייך, זעהר שעהן, מיט כמעט אַ קינדערשען פּנים'ל, נור מיט אַ שעלמישען און זי־כערען בליק אין איהרע ברוינע אויגען. דער דאָזיגער שעלמישער און זיכערער בליק האָט צוגעגעבען דער יונגער פֿרוי אַ בעזונדערען רייץ, אַ בעזונדער אָריגינעלע חן'עוודיגקייט.

קראַנק איז זי ניט געווען, נור זי איז שטענדיג טרויעריג געווען. האָט אָהן אַ פֿאַרוואָס געוויינט נאָכאַנאַנד, האָט אָהן אַ פֿאַרוואָס זיך אויפֿגערעגט, קורץ, זי איז געווען בלוט־אָרים. מעהר ווי אַלץ האָט זי געוואָלט אַ קינד האָבען; זייט זי איז געווען פֿערהייראַט, שיין צוויי יאָהר, האָט זי דאַרויף אומזיסט געוואַרט.

דאָקטאָר באָנעפּיל האָט געזאָגט, אַז דער ברונען פֿון ענוואַל אין דער ריכטיגער מיטעל פֿאַר דעם און האָט גלייך גענומען שריי־בען, ווי אַזוי זי זאָל זיך אויפֿפֿיהרען. דאָס אָנגעשריבענע האָט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ לאַנגען און שטרענגען בעשולדיגונגס־אַקט. אויף אַ גרויסען ווייסען בויגען פּאַפּיער האָט ער אָנגעוואָרפֿען אַ ווילדע מענגע שפּיציגע בוכשטאַבען מיט פּאַראַגראַפֿען. יעדער פּאַראַגראַף צוויי אָדער דריי צייל֞ען די לענג. איינס נאָכ'ן אַנדע־רען זיינען אויסגערעכענט געווען פֿערשיעדענע פּילען, פּראָשקעס, וועלכע זי האָט געדאַרפֿט נעהמען אויפ'ן ניכטערן האַרצען, אין דער־פֿריה, ביימאָג און ביינאַכט. עס האָט זיך אויסגעגעבען, אַזוי ווי מען וואָלט דאָרט געלעזען:

„אַזוי ווי הערר עקס ליידעט פֿון אַ כראָנישער, געפֿעהרליכער קראַנקהייט, קענען וועלכער קיין הילף איז ניטאָ, זאָל ער נעהמען:

1. כּינין, וואָס זאָל איהם טויב מאַכען און זיין גערעכנים אָפּשוואַכען.

2. בראָם, וואָס זאָל איהם דעם מאַגען איבערפיהרען, אַלע זיינע פעהיגקייטען אָפּשוואַכען, זיין קערפּער מיט פרישצעס בעדעקען און זיין אָטהעם מיט אַ שלעכטען גערוך פּער'סם'ען.

3. יאָד, וואָס זאָל איהם דעם מאַרך פון די ביינער אויסטריקענען.

4. סאַליסיל, וואָס זיין קראַפט צו היילען איז ניט אַזוי קלאָהר בעוויזען געוואָרען, ווי זיין קראַפט צו טויטען שנעל און זיכער.

אויסער דעם נאָך כלאָראַל, וואָס מאַכט משוגע, בעללאַדאָננאַ, וואָס מאַכט בלינד, און די אַנדערע שטאָפען פון פלאַנצען און מינעראַלען, וואָס שטערען די בלוט־צירקולאַציאָן, גרייפען אָן די אָרגאַנען, צופרעסען די ביינער און מויטען, ווען די קראַנקהייט האָט ניט געקענט טויטען".

ער האָט בעשריבען דאָס בלאַט אויף ביידע זייטען און דערנאָך זיין נאָמען אונטערשריבען, ווי אַ ריכטער, וואָס האָט אַ טויט־שטראָף אונטערשריבען.

די יונגע פרוי איז געזעסען נעגען איהם, האָט געקוקט אויף איהם און איהר האָט זיך אַזוי געוואָלט לאַכען, דאָס די ווינקלען פון איהרע ליפּען האָבען געציטערט. דערנאָך, ווען ער האָט זיך טיעף פערבויגט און איז אוועק, האָט זי גענומען דעם בויגען פּאַפּיער מיט די אַלע פּאַראַגראַפען, געמאַכט פון דעם אַ קייקעלע און עס אין דעם קאַמין אריינגעוואָרפען. דערנאָך האָט זי זיך פון'ם גאַנצען הארצען צולאַכט און אויסגעשריען:

— אָבער פּאַפּאַ, וואו האָסטו אָט דעם דאַזיגען אַלטען אַנטיקעל אויסגעגראָבען? ער זעהט דאָך אויס, ווי אַ הענדלער פון אַלטע קליידער. נור דו אַליין האָסט געקענט אויסגעפינען אַ דאָקטאָר, וואָס שטאַמט נאָך פון דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן. גאָט, איז ער קאָמיש, ווי שמוציג! מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט מיר מיין גאַנצע שרייב־געצייג שמוציג געמאַכט!

— די טהיר האָט זיך געעפענט און מען האָט געהערט הערר אַנדערמאַט'ס קול:

— קומט אַריין, דאָקטאָר!

דאָקטאָר לאַטאַן איז אַריינגעקומען. מאָגער, שלאַנק, קאָרעקט אין פערגלייך מיט יענעם יונג, און זעהר עלעגאַנט געקליידעט. ער האָט געהאַלטען אין דער האַנד דעם צילינדער־הוט, דאָס מען האָט גלייך געקענט דערקענען דעם פאַריזער. דער פּנים איז ביי איהם געווען גלאַט־ראַזירט, אָהן וואָנצעס אָדער באַקענבאַרדען, און ער האָט אויסגעזעהן, ווי אַ שוישפּיעלער, וואָס פערברענגט דעם זומער אויפ'ן לאַנד.

דער מאַרקיז האָט זיך דערשראָקען. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל זאָגען, ווערהרענד זיין טאָכטער האָט זיך מיט'ן טאַשען־טיכעל דעם מויל פערשטעלט און כלומרשט אַ הוסט געטהאָן, אום זיך ניט צולאַכען דעם נייעם דאָקטאָר אין פּנים אַריין.

דערנאָך האָט זי אַ ווינק געטהאָן צו איהם. ער האָט זיך פערבויגט און געזעצט.

הערר אַנדערמאַט, וועלכער איז אַריינגעקומען באַלד נאָך איהם, האָט איהם דערצעהלט וועגען דעם צושטאַנד פון זיין פרוי, איבערגעגעבען איהר געניי, וואָס און ווי זי האָט געפיהלט און וואָס די פאַריזער דאָקטוירים האָבען געזאָגט און דערביי אויסגעדריקט זיין אייגענע מיינונג וועגען דעם. ער איז געווען זעהר אַ יונגער מענש, אַ איד, אַ רייכער געשעפטס־מאַן. ער האָט געמאַכט אַלערליי געשעפטען. אַ זעהר קלוגע קאָפּ איז ער צו אַלצדינג געווען פעהיג. ער האָט מערקווירדיג שנעל און ריכטיג אָפּגעשאַצט יעדע נייע אונטערנעהמונג. פאַר זיין ניעדעריגע פיגור איז ער געווען צו דיק, עטוואָס צושוואָומען, האָט געהאַט אַ פּליך, קורצע פעטע הענד, ווי ביי אַ ליאַלקע, קורצע פיס און אַ צו פרישען, ניט־געזונטען אויסזעהן. ער האָט גערעדט נאָכאַנאַנד, אָהן אַן אָפּשטעל.

ער האָט די טאָכטער פון דעם מאַרקיז ראַווענעל געהייראַט, כדי צו קענען זיינע ספּעקולאַציאָנען אויסברייטען אין אַזוינע גע־

זעלשאַפטס־קרייזען, צו וועלכע ער האָט ניט געהערט. אגב האָט
דער מאַרקיז אַליין אויך געהאַט אַ הכנסה פון דרייסיג טויזענד
פראַנק אַ יאָהר. אָבער הערר אַנדערמאַט, בעת ער האָט, אַ דרייסיג־
יאָהריגער מאַן, פערהייראַט, איז שוין ווערטה געווען אַ פינף־זעקס
מיליאָן און האָט געהאַט אונטערנעהמונגען, וואָס האָבען איהם גע־
זיכערט נאָך אַ צעהן אָדער צוועלף מיליאָנען.

דער מאַרקיז איז געווען אַן אונענטשלאָסענער מענש, וועל־
כער האָט אַמאָל געטראַכט אַזוי, און אַמאָל אַנדערש, אַ שוואַכער
און אַהן אַ פעסטע מיינונג. צוערשט, ווען מען האָט איהם דעם
דאָזיגען שידוך אַנגעמוטה, האָט ער זיך אַנגעצונדען, געפיהלט זיך
בעליידיגט פון דעם געדאַנק אַליין, זיין טאָכטער פאַר אַ אידען אויס־
צוגעבען; אָבער דערנאָך, אין אַ האַלב יאָהר אַרום, האָט ער זיך
אונטערגעגעבען דער מאַכט פון די מיליאָנען מיט דער בעדינג, אַז
די קינדער זאָלען קאַטויליש ערצויגען ווערען.

אָבער מען האָט געוואַרט און קיין קינד איז ניט געקומען.
דאַ האָט זיך דער מאַרקיז דערמאָנט, וועלכער האָט זייט צוויי
יאָהר פון ענוואַל שטאַרק געהאַלטען, אַז אין דער בראַשורע פון
דאָקטאָר באָנעפיל איז אָנגעגעבען, אַז די בעדער פון ענוואַל זיי־
נען אויך אַ גוטע סגולה צו האָבען קינדער, און ער האָט איינגערעדט
זיין טאָכטער, זי זאָל פאָהרען אַהער. און אַזוי איז זי געקומען
אַהער, בעגלייט פון איהר מאַן, וועלכער, אויף דער רעקאָמענדאַציאָן
פון די פאַריזער דאָקטוירים, האָט זיך דאָ געווענדעט צו דאָקטאָר
לאַטאָן.

ווען אַנדערמאַט האָט אויסגערעכענט אַלע סימפּטאָמען פון
זיין ווייב'ס צושטאַנד און ערקלעהרט, ווי ער און זיין פרוי בענ־
קען נאָך אַ קינד, איז ער אַנשוויגען געוואָרען. דאָקטאָר לאַטאָן
האָט איהם די גאַנצע צייט ניט אונטערבראָכען, נור ווען אַנדער־
מאַט האָט געענדיגט, האָט דער דאָקטאָר זיך געווענדעט צו דער
יונגער פרוי:

— מאַדאַם, האָט איהר נאָך וואָס צו צוגעבען?

זי האָט געענטפערט ערנסט:

— ניין, הערר דאָקטאָר!

— אויב אזוי — האָט ער געזאָגט — וועל איך אייך בעמיהען אויסצוטהאָן אייער רייזע־קלייד און אייער קאָרסעט און אָנצוטהאָן אַן איינפאַכע ווייסע קלייד, אַ גאַנץ ווייסע.

זי האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט. ער האָט איהר שנעל ערקלעהרט זיין סיסטעם:

— גאַנץ איינפאַך, מאַדאַם. אַמאָל האָט מען געגלויבט, אַז אַלע קראַנקהייטען קומען פון גיפט אין דעם בלוט אָדער פון עפּעס אַ קראַנקען אָרגאַן. היינט אָבער נעהמען מיר איינפאַך אָן, אַז אין זעהר פיעל פעלע און בעזונדערס אין אַזאַ פאַל, ווי אייערער, קענען קומען די קראַנקהייטען, ניט געפעהרליכע, אַזוי ווי זעהר געפעהרליכע, נור פון דעם, וואָס איינער פון די אָרגאַנען האָט זיך אונטער אַ געוויסען איינפלוס, וואָס מען קען לייכט ערקלעהרען, ניט נאָרמאַל ענטוויקעלט און שאַדעט זיינע אַנדערע שכנ׳ישע אָר־גאַנען און שטערט די גאַנצע האַרמאָניע, דאָס גלייכגעוויכט פון דעם מענשליכען קערפּער, פּערענדערט זיינע פונקציאָנען און האַלט אָפּ די אַרבייט פון די איבעריגע אָרגאַנען. ביי איינעם קען זיין דער מאָגען געשוואָלען און מיר קענען אָננעהמען, אַז ער האָט אַ קראַנק האַרץ, מחמת די בעוועגונגען פון׳ם האַרצען זיינען דאַן גע־שטערט, עס שלאָגט ניט אַזוי רעגעלמעסיג, עס שלאָגט שטאַרקער. אַ קראַנקער לעבער קען סימפּטאָמען ווייזען, וועלכער דער ניט אויפ־מערקזאַמער דאָקטאָר קען פאַר אַן אַנדער קראַנקהייט אָננעהמען. דערפאַר מוזען מיר פריהער פאַר אַלץ פעסטשטעלען, אויב אַלע אָרגאַנען פון אַ קראַנקען זיינען ריכטיג ענטוויקעלט און אויב זיי זיינען אויף זייער ריכטיגען פּלאַץ, וואָרים צו צושטערען דעם גע־זונד פון אַ מענשען דאַרף מען זעהר וועניג. אַלזאָ, מאַדאַם, ווען איהר וועט ערלויבען, וועל איך אייך גוט אונטערזוכען און אויף אייער קלייד אָנצייכנען ווי און אין וועלכען צושטאַנד אייערע אָר־גאַנען זיינען.

ער האָט אַוועקגעלייגט זיין צילינדער־הוט אויפ׳ן שטוהל און גערעדט מיט וואַרימקייט. אויף זיינע ביידע גלאַט־ראַזירטע באַקען האָבען זיך טיעפע פאַלדען אַוועקגעלעגט, בעת ער האָט געעפענט און צוגעמאַכט דעם מויל, און דאָס האָט איהם צוגעגעבען דאָס אויסזעהן פון אַ פּריעסט.

אנדערמאַט האָט מיט התפּעלות אויסגעשריען:

— הערט נור, הערט נור, דאָס איז דאָך גרויסאַרטיג! דאָס איז דאָך עפּעס אַ מערקווירדיגע ערפינדונג, גאַר נייע און העכסט מאָדערנע!...

„העכסט מאָדערנע" איז ביי איהם אַלע מאָל געוועזן דער שפּיץ פון דער העכסטער בעגייסטערונג.

דער יונגער פּרוי האָט די גאַנצע געשיכטע שפּאַס געמאַכט; זי איז אויפגעשטאַנען, אַריינגעגאַנגען אין איהר שלאָף־צימער און האָט אין עטליכע מינוטען אַרום זיך צוריקגעקעהרט אין אַ ווייסען קלייד. דער דאָקטאָר האָט איהר געהייסען זיך לעגען אויפ׳ן זאָפע, דאַן האָט ער אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ דריי־פאַרביגען בלייפעדער, שוואַרץ, רויט, בלוי, און אַנגעהויבען זיין נייע פּאַציענטקע צו אונטערזוכען. דערביי האָט ער איהר ווייסען קלייד מיט גרויסע פאַרביגע שטריכען פון אויבען ביז אונטען בעדעקט און האָט יעדע בעאָבאַכטונג זיינע פערצייכענט. אין אַ פערטעל שטונדע אַרום האָט דאָס קלייד אויסגעזעהן ווי אַ לאַנד־קאַרטע, אויף וועלכער אַלע קאָנטינענטען, ים׳ען, טייכען, קעניגרייכען און שטעדט זיינען פערצייכענט און די נעמען פון אַלע ערד־טהיילען שטעהען, וואָרים דער דאָקטאָר האָט אַנגעשריבען אויף יעדען שטריך זיינעם צוויי אָדער דריי לאַטיינישע ווערטער, וועלכע נור ער אַליין האָט פערשטאַנען.

ווען ער האָט ביי איהר אויסגעהערט אַלע אינוועניגסטע גערוישען און אַלע דומפּפע אָדער העלע טענער, האָט ער אַרויסגענומען פון אַ קעשענע אַ רויט־לעדערנעם נאָטיץ־בוך. וואָס האָט געהאַט אַ

אַלפאַבעטישע איינטהיילונג, האַט אויפגעמישט אַ בלעטעל און אָנגעשריבען:

— אונטערזוכונג 6347, מאַדאַם א., 21 יאָהר

דערנאָך איז ער דורכגעגאַנגען פון'ם קאָפּ ביז צו די פיס די פאַרביגע נאָטיצען אויפ'ן קלייד, האָט זיי געלעזען, ווי אַן עגיפּ־טאָלאָג לעזט היעראָגליפען, און זיי אַריינגעטראָגען אין זיין נאָטיץ־בוך. צום סוף איז ער פאַרטיג געוואָרען און האָט ערקלעהרט:

— איהר זייט געזונד, נור עטוואָס, עטוואָס ניט אין גאַנצען. ווען איהר וועט נעהמען אַ דרייסיג בעדער, וועט איהר אין גאַנ־צען געזונד ווערען. אויסער דעם וועט איהר יעדען אין דער־פריה ביז מיטאָג טרינקען דריי האַלבע גלעזער וואַסער, ווייטער גאָרנישט. אין אַ פיער אָדער פינף טעג אַרום וועל איך אייך ווידער בעזוכען.

דאַן איז ער אויפגעשטאַנען, האָט זיך פערנויגט און איז אַרויסגעלאָפען אַזוי שנעל און אונערוואַרטעט, און מיט אַזאַ וויכ־טיגער מינע, דאָס זיי אַלע זיינען געבליבען שטעהן פערוואונדערט. דאָס איז געוועזען זיין טאַקטיק, אַזוי האָט ער זיך אויפגעפיהרט מיט אַלע זיינע פּאַציענטען. ער האָט געמיינט, אַז אַזוי ווירקט ער זעהר שטאַרק אויף די פּאַציענטען.

מאַדאַם אַנדערמאַט איז צוגעלאָפען צום שפּיעגעל, האָט זיך דאָרט בעטראַכט און זיך צולאַכט מיט אַ קינדערשען געלעכטער:

— אַה, ווי קאָמיש זיי זיינען! ווי לעכערליך זיי זיינען! זאָגט נור, איז דאָ נאָך איינער. כ'מיין אַ דריטער דאָקטאָר? איהם מוז איך אויך זעהן. וויל, ברענג שנעל דעם דריטען!

איהר מאַן האָט זיך אָנגערופען פערוואונדערט:

— וואָס אַ דריטער? ווי אַזוי אַ דריטער?

דער מאַרקיז האָט דאַן געמוזט ערקלעהרען. ער האָט זיך גע־נומען פערענטפערען, ווייל ער האָט פאַר זיין איידים אביסעל מורא געהאַט. ער האָט דערצעהלט, אַז דאָקטאָר באָנעפיל איז צו איהם

געקומען און ער האָט איהם פאַרגעשטעלט כריסטיאַנע, אום צו הע־רען זיין מיינונג, ווייל ער האלט זעהר פיעל פון דעם אלטען דאָק־טאָר. ער האָט דאָך טאַקי די קוואַלען ענטדעקט.

אנדערמאט האָט א דריק געטהאָן די אקסלען און ערקלעהרט, אז קיין אַנדערער, ווי דאָקטאָר לאַטאַן וועט זיין פרוי ניט בע־האַנדלען. דער מאַרקיז האָט זיך געפיהלט זעהר אונאַנגענעהם און ער האָט גענומען טראַכטען, ווי אַזוי מאַכט מען, אז דער אַל־טער דאָקטאָר באַנעפיל זאָל צו איהם קיין טענות ניט האָבען.

כריסטיאַנע האָט א פרעג געטהאָן:

— איז גאָנטראַן דאָ?

דאָס איז געווען איהר ברודער. איהר פאָטער האָט געענט־פערט:

— יאָ, שוין א פּיער טעג, מיט זיינעם א פריינד פּאָול ברעטיני, דו ווייסט, דער אייגענער, פון וועלכען ער האָט אונז אַזוי פיעל דער־צעהלט. זיי מאַכען צוזאַמען א קליינע רייזע איבער אָווערן; איצט זיינען זיי געקומען פון מאָנט דאָרע און לאַ בורבאָל. קומענדיגע וואָך ווילען זיי זיין אין טאַנטאַל.

דערנאָך האָט ער געפרעגט די יונגע פרוי, אויב זי וויל זיך צולעגען ביז מיטאָג, אבער זי האָט אין איהר שלאָף־קופּע זעהר גוט געשלאָפען און האָט נור פערלאַנגט א שטונדע צייט, אום זיך איי־בערצוטהאָן, דאַן וועלען זיי אַרויסגעהן בעקוקען דעם דאָרף און דאָס קור־הויז. איהר פאָטער און איהר מאַן זיינען אוועק אין זייערע צימערען און האָבען געוואַרט, ביז זי האָט זיך איבערגע־טהאָן. דערנאָך, ווען זי איז פאַרטיג געוואָרען, האָט זי זיי א רוף געטהאָן און זיי זיינען אוועק.

פון דעם ערשטען בליק אויפ'ן דאָרף איז זי בעגייסטערט געוואָרען. דער דאָרף איז געשטאַנען אין מיטען וואַלד, אין א טיעפען טהאָל, אַרומגערינגעלט פון אלע זייטען מיט הויכע קאַש־

טאַנען־בוימער, ווי מיט הויכע בערג. אומעדום האָבען זיי גע־וואַקסען: פאַר די טהירען, פאַר די הויפען, אין די גאַסען, און אומעדום זיינען געווען פאָנטאַנען, פון גרויסע, שוואַרצע, אויפ־געשטעלטע שטיינער געמאַכט, און פון זיי האָבען ארויסגעשפריצט קלאָהרע שטרייפען וואַסער, וועלכע האָבען אין דער לופטען זיך געדרעהט און צוריק אין די פאָנטאַנען געפאַלען. און אומעדום זיי־נען געשטאַנען פאַר זייערע הייזער די פויערטעס פון אווערן, וועלכע האָבען שנעל מיט די פינגער געשפּינט פון די שוואַרצע קנוילען וואָל, וואָס האָבען הינטער זייערע גאַרטלען געשטעקט. פון אונ־טער זייערע קורצע קליידלאַך האָבען זיך ארויסגעזעהן זייערע מאַ־גערע קנעכלאַך און די בלויע זאָקען, און אויף די שולטערען האָבען זיי געטראָגען אזוינע שלייקעס, וואָס זיינען צוגעשפּיעלעט געווען צו די קליידלאַך. דורך די ברייטע, ווייסע ארבעל פון זייערע העמדער האָבען ארויסגעשטעקט זייערע מאַגערע ארעמס און דאַרע הענד.

פלוצים האָט זיך דערהערט אַ ווילד־שרייענדיגע, טאַנצענדיגע מוזיק, ווי פון אַן אַלטער, צובראָכענער שפּיעל־קאַסטען. כריסטיאַנע האָט אויסגעשריען:

— וואָס איז דאָס?

איהר פאָטער האָט זיך צולאַכט:

— דאָס איז די מוזיק פון דער קאַסינאָ. אין גאַנצען פיער מוזיקאַנטען און מען הערט זיי אַזוי!...

און ער האָט זיי צוגעפיהרט צו אַ רויטער אַפּישע, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ וואַנד פון אַ פאַרם־הויז. אויף דער דאָזיגער רויטער אַפּישע איז מיט שוואַרצע בוכשטאַבען געדרוקט געווען:

קאַסינאָ פון ענוואל.

אונטער דער דירעקציאָן פון פעטרום מארטעל, פון ארעאָן

שבת, דעם 6טען יולי

גרויסער קאָנצערט

פון דעם מאַסטרא סען־לאַנדרי, וואָס האָט געוואונען דעם צווייטען פרייז אין׳ם קאָנסערוואַטאָריום.

פ י אַ נ אָ : הערר יאַוועל, וואָס האָט געוואונען דעם ערשטען פרייז אין׳ם קאָנסערוואַטאָריום.

פ ל י י ט : הערר נאַירא, געוואונען אַ פרייז אין׳ם קאָנסערוואַ־טאָריום.

ק אָ נ ט ר ־ ב א ס ס : הערר ניקאַרדי, בעקומען דעם ערשטען פרייז אין דער קעניגליכער בעלגישער אקאַדעמיע.

נאָך דעם קאָנצערט אַ גרויסע פאָרשטעלונג :

פערבלאָנדזשעט אין׳ם וואַלד

קאָמעדיע אין איין אקט, פון פאַינטעל.

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

פיער דע לאַפאַינט .... ה. פעטרום מארטעל, פון ארעאָן.

אָסקאר לעוויל .... ה. פעטיטענוויל, פון׳ם וואָדעוויל.

זשאָן .... ה. לאַפאַלם, פון׳ם גרענד טהעאַטער אין באָרדאָ.

פריילי פין.................מאַדעמואַזעל אַדעלין, פון אָרעאָן.

בעת דער פאָרשטעלונג וועט דעם אָרקעסטער אויף דיריגירען מאַסטרא סען־לאַנדרי.

כריסטיאַנע האָט עס איבערגעלעזען הויך אויפ'ן קול און פער־וואונדערט געלאַכט. איהר פאָטער אָבער האָט זיך אָנגערופען:

— מיר וועלען געהן אהין, דו וועסט האָבען אַביסעל שפּאַס.

זיי האָבען זיך פערקעהרט רעכטס אין דעם פּאַרק. די באָדע־געסט האָבען לאַנגזאַם און ערנסט זיך געשלעפּט איבער די דריי אַלעען, האָבען געטרונקען זייער וואַסער און זיינען צוריק אוועק. איינינע זיינען געזעסען אויף די בענק, האָבען געמאַכט פיגורען מיט זייערע שטעקלאַך אָדער מיט זייערע זונען־שירמען אויפ'ן זאַמד. זיי האָבען גאָרנישט גערעדט, האָבען געשיינט צו זיין פער־טהאָן אין זיך, האָבען אויסגעזעהן, ווי דערשלאָגען פון לאַנגוויי־ליגקייט. נור דער ווילדער ליאַרעם פון דער קאַפּעלע האָט זיך גע־טראָגען אין דער מילדער, רוהיגער לופט צווישען די בוימער און האָט ווי געמינטערט און געוועקט די טרויעריגע באָדע־געסט. אי־מיצער האָט אויסגעשריען:

— כריסטיאַנע!

זי האָט זיך אומגעדרעהט. דאָס איז געווען איהר ברודער.

ער איז צוגעלאָפען צו איהר און האָט זי ארומגענומען. דער־נאָך, ווען ער האָט אַנדערמאָט'ן די האַנד געדריקט, האָט ער זיין שוועסטער אונטער'ן אָרם אַ כאַפּ געטהאָן און זי אוועקגעשלעפּט מיט זיך. זיין פאָטער און שוואָגער זיינען געבליבען שטעהן.

ער איז געווען אַ הויכער, עלעגענטער מאַן, לוסטיג, ווי זיין שוועסטער, און בעוועגליך; אַ מענש, וואָס האָט זיך קיינמאָל גאָרנישט צום האַרצען ניט גענומען, אָבער וועלכער האָט זיך שטענדיג געגוויטיגט אין געלד.

— איך האָב געמיינט, אַז דו שלאָפסט, אַז ניט וואָלט איך שוין לאַנג ביי דיר געווען. אויסער דעם האָט מיך פּאָל היינט אין דער־פריה געשלעפּט צום שלאָס פון טורנועל.

— ווער איז דאָס פּאָל? אַך, יאָ, דיין פריינד.

— פּאָל ברעטיני. איך האָב פערגעסען, אַז דו קאָנסט איהם ניט. ער נעהמט דאָרט איצט אַ באָד.

— ער איז קראַנק?

— ניין, אָבער ער וויל פונדעסטוועגן זיך קורירן. פערשטעהסטו מיך, ער איז פערליעבט געווען.

— און דערפאַר נעהמט ער קאַהלען־זויערע בעדער — ניט אמת? מען זאָגט דאָך: „קאַהלען־זויערע בעדער?"

— יאָ, ער נעהמט די בעדער, אום זיך אויסצוקורירן פון דעם. ער טהוט אַלסדינג, וואָס איך הייס איהם. די ליעבע האָט איהם אַזוי געזונד אַ כאַפּ געטהאָן און ער איז זעהר אַן אויפגערעגטער מענש, אַז ער איז שיער פון דעם ניט געשטאָרבען. ער האָט געוואָלט דערשיסען אי זיך, אי זי... זי איז געווען אַן אַקטריסע, אַ בעקאַנטע אַקטריסע. ער האָט זי משוגע ליעב געהאַט און זי איז איהם געווען אונטריי. פערשטעהסטו מיך, עס איז געווען אַ שרעקליכע דראַמאַ. דאַן האָב איך איהם אין די הענד אַריינגענומען, פאָהר איך מיט איהם אַרום. ער האָט זיך אַביסעל בערוהיגט, אָבער פערגעסען קען ער זי נאָך אַלץ ניט.

ביז אַהער האָט זי געשמייכעלט, איצט איז זי מיט אַמאָל ערנסט געוואָרען און האָט געזאָגט:

— אינטערעסאַנט. איך וואָלט וועלען זיך מיט איהם בעקענען!

און דאָך האָט די ליעבע פאַר איהר קיין זעהר גרויסע בעדייטונג ניט געהאַט. מאַנכעס מאָל האָט זי וועגען דעם געטראַכט, ווי אַן אָרימע פרוי טראַכט אַמאָל וועגען אַ שנירעל פּערל, צי וועגען בריליאַנטען: זי ווייסט עס אפשר אויך אַמאָל האָבען, אָבער גיכער ניט... די ליעבע האָט זי נור געקענט פון די ראָמאַנען, וואָס זי האָט געלעזען אוים לאַנגוויילינקייט. ווייטער האָט זי וועגען דעם ניט געטראַכט, ניט גע'חלום'ט פון דעם און ניט געהאָפט אויף דעם. זי איז תמיד געווען גליקליך, רוהיג און צופריעדען, און הגם זי איז שוין פערהייראַט געווען העכער צוויי יאָהר, האָט זי זיך נאָך ניט אויפגעכאַפּט פון יענעם צושטאַנד, אין וועלכען די נאַאיווע יונגע מיידלאַך לעבען, ווען דאָס האַרץ און די געדאַנקען און די

חושים שלאָפען. ביי מאַנכע פרויען געדויערט אזא צושטאנד זייער גאַנץ לעבען.

איינפאַך און אנגענעהם האָט זיך דאָס לעבען פאר איהר געטראָגען, אָהן שום שוועריגקייטען. קיינמאָל האָבען זי קיינע פראגען ניט געמוטשעט. זי האָט געלעבט, געשלאָפען, האָט זיך געפוצט מיט געשמאַק, געלאַכט, איז געווען צופריעדען. וואָס מעהר האָט זי געדארפט?

ווען מען האָט איהר פאַרגעלעגט דעם שידוך מיט אנדערמאַט'ן, האָט זי צוערשט פון דעם אויך ניט געוואָלט הערען, און אזוי ווי איהר פאָטער און ברודער, האָט זי זיך אויך געפיהלט בעליידיגט פון דעם געדאנק צו הייראַטען א אידען.

אנדערמאַט איז פערשוואונדען. זי האָט מעהר פון איהם ניט געהערט, אָבער אין דריי חדשים שפּעטער האָט ער גאנטראַ'ן צוואנציג טויזענד פראנק געליהען און דער מאַרקיז האָט אָנגעהויבען נאָך צוליעב אָן אַנדער גרונד אַנדערש צו קוקען אויף דעם דאָזיגען שידוך. ער האָט תמיד נאָכגעגעבען, קיינמאָל ניט אויסגעהאַלטען, בפרט נאָך, ווען זיין רוה איז געשטערט געוואָרען. זיין טאָכטער האָט אַמאָל וועגען איהם זיך אויסגעדריקט:

— פּאפּא וויים ניט וואָס ער וויל.

און דאָס איז געווען גאַנץ ריכטיג. ער האָט ניט געהאַט קיין פעסטע, בעשטימטע פּרינציפּען, קיין גלויבען, שטענדיג איז ער געווען פון עפּעס אַנדערש בעגייסטערט. דאָ האָט זיך אין איהם ערוועקט דער אַלטער אַריסטאָקראַט און דאַן האָט ער געוואָלט האָבען אַ קעניג, אָבער אַ קלוגען, ליבעראַלען מאָנאַרך, איינעם אזא, וואָס זאָל זיין פּאַרטנעשריטען, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער נייער צייט. און שפּעטער האָט ער געלעזען אַ בוך פון מיר־שעל, אָדער פון עפּעס אַן אַנדער דעמאָקראַטישען דענקער, און ער האָט שוין געשוועדמט פאַר גלייכהייט פון אַלע מענשען, פאַר מאָדערנע אידעען, פאַר די רעכטע פון די אָרימע און געדריקטע, פאַר

די ליידענדע. ער האָט אין אלסדינג געגלויבט און האָט אין גאָר נישט בעשטימט געגלויבט, ווי עס האָט אַמאָל אָנגעכאַפּט.

און ווען זיין אלטע פריינדין, איקארדאָ, וועלכע איז בעקאַנט געוועזן מיט אַ סך אידען און וועלכע האָט זעהר געוואָלט אויספיהרען דעם שידוך צווישען כריסטיאַנע און אנדערמאַט'ן, האָט איהם גענומען צוריידען, האָט זי קלאָהר געוואוסט, ווי אזוי צו ווירקען אויף איהם. זי האָט איהם גענומען אויפווייזען, אַז פאַר דאָס אידישע פאָלק איז איצט געקומען די צייט פון ראַכע. עס איז געוועזן אַן אָרימע, אונטערדריקטע פאָלק, ווי די פראַנצויזען פאַר דער רעוואָלוציאָן, אָבער איצט וועט דאָס אידישע פאָלק בעהערשען די אַנדערע פעלקער דורך דער מאַכט פון זייער גאָלד.

דער מאַרקיז, וועלכער האָט קיין רעליגיעזען גלויבען ניט געהאַט און איז איבערצייגט געוועזן, אַז דער בעגריף פון גאָט איז נור אַ פּאָליטישער בעגריף, געשאַפען אום צו האַלטען די נאַרישע מענשען אין צוים, האָט בעטראַכט די רעליגיעזע דאָגמען מיט רעספּעקטפולער גלייכגילטיגקייט און האָט קאָנפוציאוס, מאַהאָמעד און כריסטוס גלייך רעספּעקטירט. וואָס מען האָט כריסטוס'ן געקרייציגט, האָט ער געהאַלטען מעהר פאַר אַ פּאָליטישען פעהלער, ווי פאַר אַ פערברעכען.

און אזוי האָט נור אַ פּאָר וואָכען געדויערט, ווי ער איז שוין בעגייסטערט געוועזן פאַר די שטענדיגע, אונערמיעדליכע, אַלמעכטיגע ארבייט פון די אומערום פערפאָלגטע אידען. ער האָט שוין געקוקט אויף זייער איבערמאַכט מיט אַנדערע אויגען, ווי אויף אַ גערעכטע נקמה פאַר זייער לאַנגע קנעכטשאַפט; זיי האָבען זיך איהם פאָרגעשטעלט אַלס די הערשער פון קסרים, פון גאַנצע פעלקער, אַלס שטיצער און צושטערער פון טראָנען, אַלס אַזוינע, וואָס קענען גאַנצע פעלקער ברענגען צום באַנקראָט. ער האָט זיי געזעהן שטעהן שטאָלץ פאַר אָרעם-געוואָרענע פירשטען, האָט געזעהן, ווי זיי וואַרפען זייער גאָלד אין די אָפענע קאַססען פון די קריסטליכע הערשער און האָט געזעהן, ווי זיי ווערען בעלוינט פון

די דאָזיגע קסרים און פירשטען מיט טיטולען און אייזען־באהן קאָנ־צעסיאָנען.

און ער האָט איינגעוויליגט אויף דעם שידוך צווישען זיין טאָכטער און וויליאם אַנדערמאַט.

זיין טאָכטער כריסטינע איז געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון מאדאם איקארדאן, אַ פריינדין פון איהר מוטער. זייט איהר מוטער איז געשטאָרבען, איז מאדאם איקארדאן געוואָרען איהר אינטימסטע ראטה־געבערין. האָט זי איהר צוגערעדט צו דעם שידוך מיט אנדערמאט'ן. און שפּעטער, ווען איהר פאָטער און ברודער זיינען אויך צו איהר צוגעשטאַנען, זי זאָל איהם הייראטען, האָט כריסטיאַנע איינגעוויליגט צו הייראטען דעם רייכען אידען. ער איז אפילו געווען ניט קיין מיאוס'ער מאַן, אָבער ער איז איהר גאָר ניט געפעלען געווען. זי האָט איינגעווילינט אויף דעם דאָזיגען שידוך, ווי זי וואָלט, למשל, איינגעוויליגט צו פערברענגען זומער אין אַ מיאוס'ען געגענד.

נאָך דער חתונה האָט זי אויסגעפונען, אַז ער איז געווען אַ גאַנץ פיינער מאַן, גוט, ניט נאַריש, עדעל און קאָרעקט אין זיין בע־נעהמען זיך אין דער היים. אָבער זי האָט אָפט געלאַכט פון איהם מיט גאַנטראַן, ווענען עס האָט גערריקט דער געדאַנק, אַז ער דאַרף זיין דאַנקבאר דעם שוואָגער פאַר דאָס געלד, וואָס יענער האָט איהם אָפט געגעבען.

אָפט האָט ער איהר געזאָגט:

— דיין מאַן ווערט אַלץ רויטער און פליכעוואַטער. ער זעהט אויס, ווי אַ קראַנקע בלום, אָדער ווי אַן אָפּגעשאָרענער חזיר. וואו האָט ער גענומען אַזאַ קאָליר?

זי האָט געענטפערט:

— איך ווייס ווירקליך ניט. מאַנכעס מאָל דאַכט זיך מיר, אַז מען וואָלט איהם געדאַרפט ארויפקלעפּען אויף אַ קעסטעל קאָנ־פעקטען.

זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין קור־הויז. דאָרט זיינען גע־זעסען צוויי מענער אויף שטרויענע שטוהלען מיט זייערע רוקענס צו דער וואַנד, ביי ביידע זייטען פון'ם אַריינגאַנג, און האָבען געראָויכערט זייערע פּיפּקעס. גאַנטראַן האָט זיך אָנגערופען:

— זעה נור, דאָס זיינען צוויי טיפּען. קוק אָן אַט דעם אויף דער רעכטער האַנד, מיט'ן דאַרב און מיט'ן גריכישען מיצעל, דאָס איז דער אַלטער פּרינטעמפּס. געווען פריהער אַ געפענגנים־אויפזעהער אין ריאָם, איצט איז ער דאָ דער פּאָרטיער, כמעט דער דירעק־טאָר פון'ם קור־הויז. פאַר איהם האָט זיך גאָרנישט געענדערט און ער קאָמאַנדעוועט דאָ מיט די קראַנקע פּונקט ווי ער האָט פריהער געקאָמאַנדעוועט מיט זיינע געפאַנגענע, וואָרים די באָדע־געסט זיינען אויך געפאַנגענע. די קעמערלאַך, וואו זיי נעהמען זייערע בעדער, זיינען געפענגנים־צעלען, דער זאַאַל, וואו זיי נעהמען זייער טוש, איז אַ פינסטערע לאָך, און דער אָרט, וואו דער דאָקטאָר באָנעפיל פּאָמפּעט אוים דעם מאָגען, קען מען אָנרופען „דאָס אָפּ־קומעניש־צימער“. דאָ גריסט פּרינטעמפּס קיינעם ניט, וואָרים אַלע פּאַציענטען זיינען זיינע געפאַנגענע און ער איז זייער הער־שער. געגען די דאַמען איז ער אפילו עדעלער, פערהאַלט זיך צו זיי האַלב מיט רעספּעקט און האַלב פערוואונדערט, וואָרים אין דער געפענגנים פון ריאָם זיינען קיינע פרויען ביי איהם ניט געוועזען. דערפאַר איז ער ניט געוועהנט צו זיי. דער אַנדערער איז דער קאַסירער. מיר וועלען איהם הייסען אַריינשרייבען דיין נאָמען אין זיין בוך, דו וועסט עפּעס באַלד זעהן.

און גאַנטראַן האָט זיך געווענדעט צו דעם מאַן, וואָס איז געזעסען אויף דער לינקער זייט פון דער טהיר:

— הערר סימאָנאָט, מיין שוועסטער, מאַדאַם אַנדערמאַט, וויל זיך אַבאָנירען אויף צוועלף בעדער.

דער קאַסירער, הויך, דאַר, אָרים געקליידעט, האָט זיך אויפ־געהויבען, איז אַריין אין ביוראָ, וואָס האָט זיך געפונען געגענ־

איבער דעם דאָקטאָר'ס קאַבינעט, האָט געעפֿענט זיין בוך און גע־פרעגט:

— ווי איז דער נאָמען?

— אנדערמאַט!

— ווי זאָגט איהר?

— אנדערמאַט.

— ווי לעגט זיך דאָס אויס?

— א—נ—ד—ע—ר—מ—א—ט.

— גוט!

און ער האָט לאַנגזאַם גענומען שרייבען. ווען ער איז פאַר־טיג געוואָרען, האָט גאָנטראַן איהם געפרעגט:

— ווילט איהר אזוי גוט זיין און אונז זאָגען, ווי איהר האָט דאָרט אַנגעשריבען?

— אָה, געווים: מאַדאַם אנדערפאַט.

כריסטיאַנע האָט געלאַכט ביז איהרע אויגען זיינען מיט טרעהרען פערלאָפען. דאַן האָט זי געפרעגט:

— וואָס איז דאָרט פאַר א ליאַרעם אויבען?

גאָנטראַן האָט זי גענומען אונטער'ן אָרעם:

— קום, מיר וועלען זעהן!

א צורייצטער געשריי האָט זיך פון די טרעפּ געטראָגען; זיי זיינען ארויפגעגאַנגען, האָבען געעפענט די טהיר און זיינען אריין אין א גרויסען קאַפע־הויז־זאַאל, וואו א ביליאַרד־טיש איז געשטאַ־נען אין דער מיטען. ארום דעם ביליאַרד־טיש זיינען געשטאַנען צוויי מענער, אָהן רעקלאַך, אין העמדער מיט הויך־פערקאַטשעטע אַרבעל, מיט די ביליאַרד־שטעקלאַך אין די הענד און האָבען זיך געקריגעט:

— אכטצעהן!

— זיעבצעהן!

— איך זאָג, אַז אכטצעהן!

— און איך זאָג, אַז איהר האָט זיעבצעהן!

דאָס האָט דער קאַסינאָ־דירעקטאָר, הערר פּעטרוס מאַרטעל פון אַרדעאַן, ביליאַרד געשפּיעלט מיט דעם קאָמיקער פון זיין טרופּע, הערר לאַפּאַלם, פון׳ם שטאָדט־טהעאַטער אין בורדאָ. פּעטרוס מאַר־טעל, אַ מאַן מיט אַ גרויסען בויך אונטער׳ן העמד, וואָס האָט זיך געטרייסעלט איבער די הויזען, איז פריהער געווען אַ וואַנדערענדער אַקטיאָר. איצט, ווען ער איז געוואָרען דירעקטאָר, האָט ער דעם גאַנצען טאָג פערבראַכט ביים ביליאַרד־טישעל, געשפּיעלט און גע־טרונקען. ער האָט געהאַט גוואַלדיגע וואַנצען, אויף וועלכע עס איז שטענדיג געהאַנגען דער שוים פון ביער אָדער די זיסע פעט־קייט פון שנאַפּס. אין דעם קאָמיקער פון זיין טרופּפּע האָט ער אויפגעוועקט אַ גוואַלדיגען חשק צום ביליאַרד־שפּיעלען.

ווי נור זיי זיינען אויפגעשטאַנען, אזוי גלייך זיינען זיי גע־לאָפען צום ביליאַרד־טישעל, האָבען זיך ארומגעריסען און געזוי־דעלט איינער דעם אנדערען און אָפּגעווישט איינער ביים אנדע־רען די שטריכען, וואָס יעדער פון זיי האָט אויף דער שווארצער ברעט מיט קרייט אָנגעשריבען, האָבען אָנגעהויבען פון דאָס ניי צו שפּיעלען, האָבען אפילו קיין צייט ניט געהאַט צו עסען פריהשטיק און ניט געוואָלט ליידען, ווען אימיצער אַן אנדערער האָט זיך גע־שטעלט שפּיעלען. אזוי האָבען זיי פערטריבען די אנדערע מענ־שען און אנגענעהם זייער צייט פערבראַכט, הגם צום סוף פון׳ם סיזאָן איז פּעטרוס מאַרטעל תמיד געבליבען הינטערשטעליג אין זיינע פינאַנסען.

די בופּעט־דאַמע האָט פון אין דער־פריה ביז פאַרנאַכט גע־זעהן די דאָזיגעביידע אונערמיעדליכע שפּיעלער, געהערט זייערע געשרייען און דערלאַנגט זיי גלעזער ביער און האַלבע גלעזער שנאַפּס.

גאַנטראַן האָט זיך אָנגערופען צו זיין שוועסטער:

— קום בעסער אין פּאַרק, דאָרט איז פרישער!

און זיי זיינען ארויס. זיי האָבען פּלוצים דערזעהן דעם אָר־קעסטער אין אַ כינעזישען קיאָסק. אַ לאַנגער, בלאָנדער יונגער

מאַן האָט בעגייסטערט געשפּיעלט אויף אַ פּיעדעל, דיריגירט מיט'ן גאַנצען קערפּער. אַט האָט ער זיך איינגעבויגט, באַלד זיך אויסגע־גלייכט, געדרעהט זיך אַהער און אַהין, דאַ רעכטס און דאַ לינקס, ווי דער טאַקט־שטעקעל פון אַ קאַפּעלמייסטער. דריי מוזיקאַנטען זיינען געזעסען געגען איהם. דאָס איז געווען דער מאַסטרא סען־לאַנדרי אַליין.

ער און זיינע געהילפען, אַ פּיאַנאַ־שפּיעלער, וואָס זיין אינ־סטרומענט האָט מען יעדען אין דער־פריה געבראַכט אויף רעד־לאַך פון'ם קור־הויז אין קיאָסק אריין, אַ פלייטיסט, וואָס האָט אויסגעזעהן אזוי ווי ער וואָלט געזויגט פון זיין אינסטרומענט, איבער וועלכען ער האָט געקלאַפּט מיט זיינע דיקע פעטע פינגער, און אַ קאָנטראַ־באַסיסט, וואָס האָט אויסגעזעהן אזוי ווי ער וואָלט פון אַ לונגען־פעהלער געליטען, די דאָזיגע פיער מענשען האָבען זיך שרעקליך אָנגעשטרענגט, אום ארויסצוברענגען יענע זיסע" מוזיק, וואָס האָט אזוי דערמאָנט די מוזיק פון אַ צובראָכענעם שפּיעל־קאַסטען.

ווען בּריסטיאַנע האָט זיך אָפּגעשטעלט, אום צו בעטראַכטען די מוזיקאַנטען, האָט איהר ברודער אימיצער בעגריסט:

— גוט מאָרגען, גראַף!

— גוט מאָרגען, דאָקטאָר!

גאָנטראַן האָט פאָרגעשטעלט:

— דאָקטאָר האָנאָרא — מיין שוועסטער.

זי האָט קוים איהר געלעכטער דערשטיקט, ווען זי האָט דעם דריטען דאָקטאָר דערזעהן. ער האָט זיך פערנויגט און העפליך זיך אָנגערופען:

— איך האָף, מאַדאַם, אַז איהר זייט ניט קראַנק?

— אַביסעלע.

— אזוי?

מעהר האָט ער וועגען דעם ניט גערעדט, נור אָנגעהויבען צו רעדען וועגען עפּעס אַנדערש:

— ליעבער גראַף, איהר ווייסט, אַז באַלד וועט דאַ פּאַרקומען עפּעס זעהר אינטערעסאַנטעס?

— וואָס?

— דער אַלטער אַריאַל וויל זיין באַרג אויפריייסען. יאַ, פאַר אייך איז דאָס פיליכט ניט זעהר אינטערעסאַנט, אָבער פאַר אונז איז דאָס אַ גרויסע פּאַסירונג.

און ער האָט איהם דערצעהלט, אַז דער אַלטער אַריאַל איז דער רייכסטער פּויער פון דער גאַנצער געגענד. מען דענקט, אַז ער האָט אַ יעהרליכען איינקומען פון איבער פופציג טויזענד פראַנק. צו איהם בעלאַנגען כמעט אַלע וויין־גערטנער ארום ענוואַל. הינטער'ן דאָרף, וואו דער טהאָל איז ברייטער, שטעהט אַ קליינער באַרג און אויף דעם דאָזיגען באַרג געפינט זיך אַריאַל'ס בעסטע וויין־גאָר־טענס. שטעהט דאָרטען צווישען צוויי וויין־גערטנער, אַ צוויי טריט פון'ם טייכעל, אַ גרויסער פעלז. דער דאָזיגער פעלז שאַדעט פיעל די וויין־גערטנער, איין וויין־גאָרטען פערשטעלט ער אין גאַנצען. שוין אַ יאָהר צעהן, ווי דער אַלטער אַריאַל זאָגט אַלץ, אַז ער וועט דעם באַרג אויפריייסען, אָבער ביז היינט האָט ער דאָס נאָך ניט געטהאָן. יעדעס מאָל, ווען אימיצער פון'ם דאָרף איז דיענען אין מיליטער אַוועק, האָט איהם דער אַלטער אַריאַל געבעטען: „ווען דו וועסט קומען צוגאַסט אַהיים, ברענג מיט זיך פון דאָרט אַביסעל פּולווער פאַר מיין שטיין“.

און אַלע די דאָזיגע רעקרוטען האָבען געבראַכט אַביסעל פּול־ווער אין די קעשענעס, וואָס זיי האָבען גע'גנב'עט פאַר אַריאַל'ס פעלז. האָט ער אַזוי אָנגעקליבען אַ קאַסטען פול מיט פּולווער און דער פעלז איז אַלץ אויף זיין אָרט געבליבען שטעהן. מיט אַ וואָך צוריק אָבער האָט דער פּאַטער אַריאַל און זיין זוהן, דער הויבער יאַקאָב, ענדליך בעשלאָסען דאָס צו טהאָן, און היינט אין דער־פריה האָבען זיי די לאָך אונטער'ן גרויסען פעלז מיט פּולווער אָנגע־פילט. דערנאָך האָבען זיי אַלסדינג פערשטאָפּט, נור אַ קליין שפּעל־טעל פאַר דעם שנירל איבערגעלאָזט, וועלכען מען האָט געזאָלט אָנ־

צינדען. היינט אַ זייגער צוויי, אָדער שפּעטסטענס עטליכע מינוט נאָך צוויי, דאַרף מען דעם שנירל אָנצינדען, וועלכער וועט דעם באַרג אויפרייסען.

כריסטיאַנע האָט זיך זעהר פּעראינטערעסירט מיט דעם, ווי אַ קינד מיט אַ שפּיעל. זיי זיינען צוגעקומען צום עק פון'ם פּאַרק.

— וואוהין פיהרט אָט דער וועג? — האָט כריסטיאַנע פּלוצים געפרעגט.

דאָקטאָר האנאראַ האָט געענטפערט:

— צום עק פון דער וועלט, מאַדאַם, דאָס הייסט, אין אַ הייהל. וואָס האָט ניט קיין אויסגאַנג און וועלכער איז זעהר בעריהמט אין אָווערן. עס איז איינע פון די גרעסטע מערקווירדיגקייטען פון דער געגענד.

אָבער דאָ האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון אַ גלאָק. גאָנטראַן האָט זיך אָנגערופען:

— מען קלינגט שוין צום פריהשטיק.

זיי האָבען זיך אומגעקעהרט. אַ יונגער מאַן איז זיי אָנגעקומען אַנטקעגען. גאָנטראַן האָט געזאָגט:

— ליעבע כריסטיאַנע, איך וויל דיר פאָרשטעלען מיין פריינד ברעטיני.

דאַן האָט ער זיך געווענדעט צום יונגען מאַן:

— דאָס איז מיין שוועסטער.

ער האָט זיך איהר אויסגעוויזען העסליך. ער האָט געהאַט שוואַרצע, גלאַטע, האַרטע האָאַר, צו רונדע אויגען, וואָס האָבען געקוקט האַרט. דער קאָפּ איז אויך געווען רונד, שטאַרק, מיט אַ שאַרבען, וואָס האָט ניט ווילענדיג דערמאָנט אָן אַ קאַנאָנען־קוגעל. דער יונגער מאַן האָט געהאַט ברייטע שולטערן און האָט אויסגעזעהן שווער, ברוטאַל און ווילד. אָבער זיין אָנצוג, זיינע וועש און פּי־לייכט זיין הויט אויך, האָט עפּעס געשמעקט מיט אַ בעזונדערען געשמאַקען ווייכען דופט, און די יונגע פרוי האָט זיך געפרעגט:

— וואָס אַזוינס שמעקט דאָס פון איהם?

ער האָט געפרעגט:

— איהר זייט היינט אין דער־פריה אָנגעקומען, מאַדאַם?

זיין שטימע האָט געקלונגען אַביסעל פערשטיקט. זי האָט געענטפערט:

— יאָ.

אָבער גאַנטראַן האָט אין דער צייט דערזעהן דעם מאַרקיז און אַנדערמאַט'ן, וועלכע האָבען צו זיי צייכענס געמאַכט, זיי זאָלען שנעלער געהן צום פריהשטיק. דאָקטאָר האָנאָרא האָט פאַר'ן אָפּשיידען זיך געפרעגט, אויב זיי ווילען ווירקליך זעהן, ווי מען וועט דעם באַרג אויפרייסען. כריסטיאַנע האָט געזאָגט:

— זיכער, זיכער!

זי האָט זיך אָנגעלעהנט אויף איהר ברודער'ס אָרם און אַרויסגעפּליסטערט:

— איך בין הונגעריג ווי אַ וואָלף, איך שעהם זיך פאַר דיין פריינד אַזוי פיעל צו עסען.

II.

דער פריהשטיק האָט לאַנג געדויערט, ווי געוועהנליך אין די האָטעלען. כריסטיאַנע, וועלכע האָט כמעט קיינעם פון די באָדע־געסט ניט געקענט, האָט גערעדט מיט איהר פאָטער און ברודער. דערנאָך איז זי אַרויף צו זיך אין צימער, אום זיך אויסצורוהען, ביז דער צייט, ווען דער באַרג האָט געזאָלט אויפגעריסען ווערען.

און אַ סך פריהער פאַר דער בעשטימטער צייט איז זי שוין פאַרטיג געווען צו געהן אַהין און געצוואונגען די אַנדערע מיט איהר צו געהן.

ביים אַרויסגאַנג פון'ם דאָרף איז געשטאַנען אַ באַרג, אויף וועלכען זיי האָבען גענומען קלעטערן אונטער דער ברענענ־דיגער זון איבער אַ שטעגעל, וואָס האָט זיך געצויגען צווישען די

ווייַנטרויבען־ביימלאַך. ווען זיי זייַנען אויפ׳ן שפּיץ אָנגעקומען, האָט די יונגע פרוי אַרויסגעלאָזט אַ פערוואונדערטען געשריי, איבער־ראַשט פון דעם בילד, וואָס זי האָט פאַר זיך דערזעהן. אַ׳ן אונ־ענדליך־ווייטע שטרעקע האָט זיך דאָרט געצויגען, וואָס האָט גע־מאַכט דעם אייַנדרוק פון אַ ים. זי האָט זיך דאָרט געצויגען, פון אַ לייַכטען פאַרע פערשלייערט, ביז צו די ווייטע בערג, וועלכע מען האָט קוים־קוים געזעהן, פיליכט פופציג אָדער זעכציג קילאָמעטער וויִט, און אין דער ליכטיגער, לייַכטער פאַרע, וואָס איז דאָרט אין דער ווייטקייט געלעגען, זייַנען אַרויסגעטראָטען שטעדט, דערפער, וועלדער, גרויסע, געלע, פּיער־עקיגע פלעקען: די קאָרן־פעלדער, די לאַנקעס. פאַבריק־געביידעס מיט רויטע קוימענס און שוואַרצע שפּיציגע קירכע־טורמס, פון דער לאַווא פון די אַמאָליגע וואול־קאַנען אויפגעבויט.

— דרעה זיך אום! — האָט דער ברודער געזאָגט.

זי האָט זיך אומגעדרעהט און דערזעהן דעם גוואַלדיגען באַרג מיט אַ גאַנצער מענגע קראַטערס. אונטען איז געלעגען צושפּרייט דער גרינער טהאָל, אויף וועלכען ענוואַל איז געבויט געווען. אַ גאַנצער וואַלד בוימער זייַנען אויפ׳ן באַרג געקראָכען ביז צום ער־שטען קראַטער, וועלכער האָט פערשטעלט די אַנדערע הינטער איהם.

און אַזוי ווי זיי האָבען זיך גראַד געפונען אויף דער ליניע, וואו דער באַרג איז געשטאַנען אָפּגעטהיילט פון דער גלייכער שטרעקע לאַנד, האָבען זיי קלערמאָנט־פערראַנד געקענט זעהן און אין דער ווייטקייט האָבען זיי געזעהן אונטער דעם בלויען הימעל אַזוינע אונגעוועהנליכע שפּיצען, דאָס זייַנען געווען פערלאָשענע וואולקאַנען, און גאַנץ וויִט, ווייט דאָרט צווישען צוויי שפּיצען, איז אַרויסגעטראָטען נאָך איינער, אַ העכערער, רונד און מאַיעסטעט־טיש און ער האָט געטראָגען אויף זיך עטוואָס פאַנטאַסטישעס, ווי עפּעס אַ רואינע. דאָס איז געווען דער פּעי דע דאָם, דער קעניג פון די בערג אין אָווערן, ברייט און מעכטיג, און אויף זייַן קאָפּ

האָט ער געטראָגען, אַזוי ווי אַ קרוין, די רעשט פון אַ רוימישען טעמפּעל.

כריסטיאַנע האָט אויסגעשריען:

— אַך, דאָ וועל איך זיין גליקליך!

און זי האָט זיך שוין געפיהלט גליקליך, בעצויבערט פון דער געגענד אַרום זיך.

עמיצער האָט זי גערופען:

— מאַדאַם! מאַדאַם!

און זיי האָבען דערזעהן פון דער ווייטענס דאָקטאָר האָנאָרא, וועמען זיי האָבען דערקענט אָן זיין הוט. ער איז צוגעלאָפען אָן זיי און האָט זיי אָוועקגעפיהרט אויף די אַנדערע זייט צו אַ בוש, וואו עטליכע און דרייסיג פּאַרשוין, געסט און פּויערים, האָבען שוין געוואַרט.

צו זייערע פיס איז געלעגען דער וועג באַרג אַרונטער, וואָס האָט זיך געצויגען צווישען ביימעלאַך פּערביי דעם קליינעם טייכעל ביז צו דעם ברייטען וועג פון ריאָם, און אין מיטען אויף אַ בערגעל מיט וויינטרויב־ביימער ביים ברעג טייכעל איז געשטאַנען אַ שפּיציגער פעלז. צוויי מענער זיינען דאָרט געלעגען פאַר דעם פעלז אַזוי ווי זיי וואָלטען תפלה געטהאָן. דאָס איז געווען דער פעלז, וועלכען מען האָט געלאָזט אויפרייסען. די אַריאָלס, דער פאָטער און זוהן, האָבען דאָרט דעם שנירל ערשט אַריינגעטהאָן.

דאָקטאָר האָנאָרא האָט אויסגעזוכט פיר כריסטיאַנע'ן אַ בעקוועמען פּלאַץ, פון וואַנען זי זאָל קענען בעסער זעהן. זי האָט זיך געזעצט און איהר האַרץ האָט געקלאַפּט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך גערעכט צו זעהן, ווי צוזאַמען מיט'ן פעלז וועלען מענשען אויך אויפגעריסען ווערען.

דער מאַרקיז, אַנדערמאַט און פּאָול ברעטיני האָבען זיך געזעצט נעבען איהר אויפ'ן גראָז, איהר ברודער גאָנטראַן איז געבליבען שטעהן. ער האָט זיך אָנגערופען צום דאָקטאָר מיט לייכטען שפּאָט אין'ם קול:

— מיין ליעבער דאָקטאָר, ווי עס ווייזט אויס, זייט איהר ניט אַזוי פערנומען ווי אייערע קאָלעגען־דאָקטוירים. זיי- סאָנטיג. האָבען אַזוי פיעל פּאַציענטען, דאָס ביי זיי סטאַיעט ניט קיין צייט אפילו פיר אַזאַ זעלטענעם יום טוב.

האנאָרא האָט גוטמוטהיג געענטפערט:

— מיר פעהלען אויך ניט קיין פּאַציענטען; נור איך גיב זיי ניט אַוועק מיין גאַנצע צייט. אויסער דעם האַלט איך, אַז עס איז פיעל גלייכער צו פערשרייבען די פּאַציענטען אונטערהאַלטונגען איידער פילען..

זיין גוטמוטהיגקייט איז זעהר געפעהלען געוועזן גאַנטראַן'ען.

נאָך מענשען זיינען אָנגעקומען, געסט פון'ם האָטעל — די דאַמען פּייל, צוויי אלמנות, מוטער און טאָכטער; די מאַנעקוס, פאָטער און טאָכטער, און אַ קורצער, דיקער מאַן, וועלכער האָט גע־סאָפּעט ווי אַ פּאַראָוויק, הערר אַברי־פּאַסטער, אַ מינען־דירעקטאָר, וועלכער האָט אין רוסלאַנד אַ גרויס פערמעגען אָנגעלעבט.

הערר פּאַסטער און דער מארקיז זיינען געוועזן בעפריינדעט. ער האָט זיך אַזוי שוועך און אַזוי פּאַרזיכטיג אויפ'ן גראָז ארונטער־געלאָזט, דאָס כריסטיאַנע האָט זיך צולאַכט.

גאַנטראַן איז אַוועק ווייטער, כדי די אַנדערע נייגעריגע אָנ־צוקוקען, וועלכע זיינען אויך אַהער געקומען, צו זעהן, ווי מען וועט דעם פעלד אויפרייסען. פּאָול ברעטיני האָט ערקלעהרט כריסט־יאַנע'ן די געגענד, די ערטער, וועלכע זיי האָבען געזעהן פיר זיך. צוערשט אַ רויטער ציעגעל־פלעק — ריאָם, דערנאָך ענעצאַט, דער־נאָך מאַרינגאַ, לעזאַ, אַ מאַססע דערפער, וועלכע מען האָט קוים קוים געקענט אונטערשיידען, ווי קליינע, דונקעלע פלעקען, אויף דעם ווייטען, גרינעם טוך, וואָס איז געלעגען דאָרט צושפּרייט.

— איהר זעהט מאַדאַם, קוקט וואו איך ווייז אַן, דאָרט אונ־טער די בערג פון פאַרעץ ליגט טהיערס. איך זעה דאָס גאַנץ דייטליך.

זי האָט גאָר נישט געזעהן, אָבער זי האָט זיך אויך ניט גע־

וואונדערט, אַז ער האָט יאָ געזעהן, ווארים ער האָט געהאַט אין זיינע רונדע, שטאַרע אויגען אַ בליק ווייט־זעהענד ווי אַ טעלעס־קאָפּ. ער האָט ווייטער גערעדט:

— פאַר אונז צווישען די שטרעקעס לאַנד פליסט דער אַלליער, אָבער מען קען איהם ניט זעהן, עס איז צו ווייט, דרייסיג קילאָ־מעטר פון דאַנען.

זי האָט גאָר ניט געפּרובט צו קוקען אַהין, וואו ער האָט מיט דער האַנד אַנגעוויזען. אַלע איהרע געדאַנקען אין איהר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט זיינען אויף׳ן פעלז געווען געריכטעט. זי האָט געטראַכט, אַז באַלד וועט דער דאָזיגער גרויסער שטיין ניט זיין מעהר, אַז ער וועט באַלד אויף פּיץ־פּיצלאַך צוריסען ווערען, און אַ׳ן אונבעשטימטער רחמנות־געפיהל האָט זי אַנגעכאַפּט פאַר דעם דאָזיגען שטיין, דער רחמנות־געפיהל פון אַ קליין מיידעלע פיר די צובראָכענע ליאַלקע. דער שטיין איז אַזוי לאַנג דאָרט געשטאַנען און חוץ דעם האָט ער טאַקי גאַנץ שען אויסגעזעהן.

די ביידע מענער, וואָס האָבען פריהער געהאַט אויפגעשטאַנען, האָבען איצט, דאָרט אַרום דעם פעלז אַ קופּע שטיינער אַנגעוואָר־פען. די מענגע אויף דער גאַס איז געוואָרען גרעסער, איז געקראָ־כען נעהנטער צום באַרג, אום בעסער צו זעהן. די יוגענד האָט זיך אַטוואַזשעט אויף׳ן באַרג אַרויפצוקריכען און האָט זיך דאָרט אַרומ־געדרעהט, אַרומגעלאָפען פערהאַוועט און כריסטיאַנע׳ן האָט זיך פון דער ווייטענס אויסגעגעבען, ווי מוראשקעס וואָלטען דאָרט פער־האַוועט אַרומגעלאָפען.

דער ליאַרם פון די שטימען האָט זיך געטראָגען דאָ העכער און דאָ פערשטיקטער און האָט געטומעלט און האָט געטומעלט אין דער לופטען.

אויפ׳ן בערגעל איז אויך די מענגע געוואָקסען אַלץ גרעסער און גרעסער. פון׳ם דאָרף האָבען זיך געצויגען מענשען גרופּענ־וויז אונטער׳ן בערגעל, אויף וועלכען דער פעלז, וואָס איז צום טויט פעראורטהיילט געווען, איז געשטאַנען, מען האָט זיך אַנגע־

רופען ביי די נעמען און מען האט זיך אבגעטהיילט אין בעזונדערע קופּקעס, געסט פון'ם האטעל בעזונדער, פּויערים בעזונדער.

די שוישפּיעלער און די מוזיקער זיינען אויך געשטאנען אין א בעזונדערער גרופּפּע. זייער דירעקטאר מיט די לאנגע וואנסעס פּעטרוס מארטעל האט צוליעב דער דאזיגער פּאסירונג פּערלאזען דעם ביליארד־טישעל. ער האט געטראגען א פּאנאמא־הוט און א שווארצען ראק, פון אונטער וועלכען זיין בויך האט ווי א פּאס ארויסגעשטארצט, קיין וועסט האט ער ניט געטראגען. דאס האט ער געהאלטען פאר איבריג אין דארף. ער האט ערקלערט און קריטיקירט אלע בעוועגונגען פוןביידע אריאלס. זיינע אונטערגעגעבענע: דער קאמיקער לאפּאלם, דער לאנגער פּעטיניוועל און די מוזיקער: דער מאסטרא סען־לאנדרי, דער פּיאניסט העררר זשאַוועל, דער ריעז נאירא, דער פליימיסט און דער קאנטר־באס ריקארדי זיינען געשטאנען ארום איהם און האבען זיך צוגעהערט.

פאר זיי זיינען געזעסען דריי פרויען, יעדע אונטער א שירם, א ווייסען, א רויטען, א בלויען, וועלכע האבען אונטער דער ברענענדיגער מיטען־טאגיגער זון פארגעשטעלט די פראנצויזישע פאר־בען. זיי זיינען געווען: מאדעמואזעל אדעליין, די יונגע אקטריסע, איהר מוטער און די בופעט־דאמע. דאס פארשטעלען פון די פראנצויזישע נאציאנאלע פארבען מיט די שירמס איז געווען די ערפינדונג פון פּעטרוס מארטעל. ווען ער האט בעמערקט, אז די אדעלינס זיינען ארויסגעגאנגען מיט א ווייסען און א שלויען שירם, האט ער געגעבען זיין בופעט־דאמע א רויטען און האט איהר געהייסען מיט זיי געהן.

ניט ווייט פון זיי האט אנאנדער גרופּפּע געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט: די האטעל־ארבייטער, אכט פּארשוינען. די צווישען זיי, וואס האבען אין דער קיך געארבייט, זיינען געשטאנען אין ווייסען אנגעטהאן מיט ווייסע מיצלאך, אויסגעצויגען ווי ווייסע אולאנען, און האבען זיך בעמיהט מען זאל זיי בעמערקען.

דער מארקיז האט זיך אנגערופען צום דאקטאר האנארא:

— פון וואַנען האָבען זיך דאָ גענומען אַזוי פיעל מענשען?
איך האָב גאָר ניט ערוואַרטעט, אַז אין ענוואַל זיינען דאָ אַזוי פיעל...

— אַה, זיי זיינען געקומען פון אומעדום, פון לאַ ראָש־פּראַ־דיר, פון סען־היפּאָליט, וואָרים אין דער גאַנצער געגענד האָט מען שוין לאַנג גערעדט וועגען דאָס אויפרייסען פון'ם באַרג, און אויסער דעם איז דער אַלטער אַריאַל אַ בעריהמטהייט, זעהר אַ'ן אַנגענעהמע פּערזענליכקייט צוליעב זיין איינפלוס און זיין געלד.

דאָ איז גאַנטראַן צוגעגאַנגען אויפגערעגט, מיט בלישצענדיגע אויגען און האָט געזאָגט האַלב שטיל:

— פּאָול, פּאָול, קום שנעלער, איך וועל דיר ווייזען צוויי שעהנע מיידלאַך, איך זאָג דיר זיי זיינען רייצענד!

יענער האָט איהם אַנגעקוקט:

— מיין ליעבער, איך ריהר זיך ניט פון'ם פלעק. דאָ בלייב איך, וויל דאָ איז מיר אויך גאַנץ אַנגענעהם.

— איך זאָג דיר, אַז זיי זיינען רייצענד!

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צום דאָקטאָר:

— ליעבער דאָקטאָר, איהר מוזט מיר זאָגען, ווער זיינען יענע צוויי מיידלאַך, אַכטצעהן, ניינצעהן יאָהר אַלט, זעהן אויס האַלב דאַמען, היגע, ווייזט אויס, וואָהנען ערגעץ דאָ אַרום אין דער גע־גענד, שוואַרץ־געקליידעט, מיט שמאָלע אַרבעל, קוקען אויס ווי מאַנאַשקעס אַנגעטהאַן...

דאָקטאָר האָנאָראַ האָט איהם ווייטער נישט געלאָזט ריידען:

— איך ווייס שוין, איך ווייס שוין, וועמען איהר מיינט. דאָס זיינען דעם אַלטען אַריאַל'ס טעכטער, צוויי שענע מיידלאַך. האָבען זיך ערצויגען ביי די מאַנאַשקעס פון קלערמאָנט. זיי וועלען שוין טהאָן ריכטיגע שידוכים. דאָס זיינען צוויי טיפּען, אמת'ע צוויי טיפּען פון אונזער ראַסע. ריכטיגע אווערנערינס, וואָרים איך אַליין בין אויך געבאָרען אין אווערן. אַמאָל וועל איך אייך זיי ביידען ווייזען, הערר מאַרקיז.

גאַנטראַן האָט איהם אונטערבראָכען:

— זייט איהר דער הויז־דאָקטאָר ביי די אַריאַלס?
— יאָ — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.
דער מאַרקיז האָט זיך אָנגערופען:
— די צוויי מענשען, וואָס אַרבייטען דאָרט ביים פעלז, זיינען זיי דאָס די אַריאַלס?
— יאָ.
אין דעם דאָזיגען מאָמענט זיינען די צוויי מענער שנעל אָפּ־געטראָטען פון דעם פעלז, וואָס איז מיט פּולווער אָנגעלאָדען גע־ווען און דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ לאָז געטהאָן לויפען פון דאָרט צו ריאָם און ענוואַל צו, וואָס ווייטער פון'ם פעלז.
דער עולם אויבען אויפ'ן בערגעל, וואָס איז געווען אַזוי גרויס ווי דער עולם אונטען, האָט געציטערט פאַר פערגעניגען און אונגע־דולד. דאָ האָט זיך דערהערט פּעטרוס מאַרטעל'ס גוואַלדיגער קול:
— היט זיך, דער שנור איז אָנגעצונדען.
כריסטיאַנע האָט אַ שוידער געטהאָן פאַר אויפרעגונג און דער דאָקטאָר האָט אַרויסגעמורמעלט הינטער איהר:
— אָה, ביז דאָס פייער פון דעם אָנגעצונדענעם שנור וועט צו־קומען צום פּולווער וועט נאָך געדויערען אַ צעהן מינוט.
אַלע אויגען האָבען איצט געקוקט אויף דעם פעלז, און פּלוצים איז דאָרט צו איהם צוגעגאַנגען אַ קליינער, שוואַרצער הונד. ער איז געלאָפען אַרום דעם פעלז, האָט געצויגען מיט דער נאָז, דער־שמעקט, קאָנטיג, אַז עפּעס איז דאָרט ניט גלאַט און אויפגעשטעלט די האָאר און אויערען, אַרונטערגעלאָזט דעם עק, די צייהן אויסגע־שצירעט און גענומען בילען אַזוי הויך ווי ער האָט געקאָנט.
אַ גרויזאַמער לאַכען איז דורכגעלאָפען צווישען דער מענגע, וואָס האָט זיך געריכט, אַז דער הונד וועט צוזאַמען מיט'ן פעלז אויפגעריסען ווערען. דערנאָך האָבען איהם אַ פּאָאַר שטימען אָנ־געהייבען צו רופען, עטליכע מענער האָבען געוואָרפען אויף איהם שטיינער, אום איהם פון דאָרט צו פערטרייבען. דער הונד אָבער

האט זיך פון'ם ארט ניט געריהרט, איז געשטאנען געגען פעלז און האט אויף איהם געבולען.

כריסטיאנע האט אנגעהייבען צו ציטערען. א מורא'דיגע שרעק האט זי אנגעכאפּט ביי דעם געדאנק, אז זי וועט באלד זעהן, ווי דער הונד וועט צוריסען ווערען. זי האט געוואלט אנטלויפען פון דארט. זי האט געשטאמעלט נערוועז:

— מיין גאט, מיין גאט, ער וועט צוריסען ווערען! איך קען דאס ניט צוזעהן! איך וויל ניט, איך וויל ניט. קומט אוועק! קומט אוועק!

איהר שכן פאול ברעטיני איז אויפגעשטאנען, האט קיין ווארט ניט געזאגט און זיך א לאז געטהאן לויפען צום פעלז צו אזוי שנעל, ווי נור זיינע לאנגע פיס האבען איהם געטראגען. א שרעקענס־גע־שריי האט זיך ביי דעם עולם ארויסגעריסען, פאר שרעק האט די מענגע זיך גענומען בעוועגען אהין און אהער, און דער הונד, וועלכער האט דערזעהן, ווי דער הויכער מאן יאגט זיך צו איהם, איז אנטלאפען הינטער'ן פעלז. פאול האט איהם געטריבען דער הונד האט זיך ווידער צוריקגעקעהרט אויף דער אנדער זייט, און א מינוט אדער צוויי האבען זיי זיך געיאגט ארום דעם פעלז, דא רעכטס און באלד לינקס, אקוראט ווי זיי וואלטען זיך געשפּיעלט אין „קאמער־קאמער אוים.“

ווען דער יונגער מאן האט געזעהן, אז ער וועט דעם הונד שוין ניט פערטרייבען פון דארט, איז ער אוועק צוריק אויפ'ן בארג, דער הונד איז געבליבען שטעהן געגען פעלז און האט ווידער געבולען.

אהן א'ן אטהעם האט זיך דער יונגערמאן צוריקגעקעהרט. דער עולם האט איהם אויפגענומען מיט זידלערייען, ווארים די מענשען זיינען קיינמאל ניט מוחל דעם, וואס שרעקט זיי איבער.

כריסטיאנע האט פאר אויפרעגונג שיער ניט גע'חלש'ט. זי האט מיטביידע הענד געדריקט זיך די ברוסט. זי איז אזוי צוטומעלט געוועזן, דאס, ווען ער איז צוגעגאנגען, האט זי געפרעגט:

— איהר זיימ דאך ניט פערוואונדעט, הא?

אָבער גאַנטראַן, איהר ברודער, האָט מיט כעס אויסגעשריען:

— דער מענש איז משוגע! אימער טהוט ער אַזוינע זאַכען! אַזאַ משוגענעם האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזעהן!

דער באָדען אונטער זיינע פיס האָט אַ ציטער און אַ וויעג געטהאָן זיך, אַ שרעקליכער קראַך האָט זיך דערהערט, וועלכער האָט אַ מינוט לאַנג אָבגעהילכט אויף די בערג, ווי דאָס קראַכען פון קאַנאָנען. כריסטיאַנע האָט מעהר גאָר נישט ניט געזעהן פאַר זיך ווי אַ רעגען פון שטיינער, וואָס האָט זיך אין דער לופטען געדרעהט, און אַ הויכען זייל, וואָס האָט אין דער לופטען צוזאַמענגעבראָכען. און גלייך האָט זיך דער עולם פון אויבען אַ וואָרף געטהאָן, ווי אַ מעכטיגע כוואַליע, צום אויפגעריסענעם פעלז אַרונטער מיט ווילדע געשרייען. די אינגלאַך זיינען מיט ליאַרם פון'ם באַרג געלאָפען, הינטער זיי די אַקטיאָרען מיט פעטרוס מאַרטעל אין פאַראויס. מענער, פרויען, פויערים, שטעדט־לייט זיינען געלאָפען. מאַנכע זיינען געפאַלען, האָבען זיך אויפגעהויבען און זיינען ווייטער געלאָפען. פון אַלע זייטען איז מען געלאָפען, פון דעם באַרג און פון דעם טהאָל, צו דעם אויפגעריסענעם פעלז צו.

— מיר וועלען וואַרטען — האָט זיך דער מאַרקיז אַנגערופען — ביז די נייגעריגקייט וועט איינגעשטילט ווערען און דערנאָך וועלען מיר געהן אַנקוקען.

דער אינזשענער, הערר אַברי־פּאָוסטער, וועלכער האָט מיט גרויסער מיה זיך אויפגעהויבען, האָט געענטפערט:

— איך געה אין דאָרף צוריק. מיך אינטערעסירט שוין דאָס ניט מעהר.

ער האָט דערלאַנגט דעם מאַרקיז די האַנד, זיך פערנייגט און איז אַוועק.

דאָקטאָר האָנאַרא איז אויך פערשוואונדען. מען האָט גענומען ריידען פון איהם. דער מאַרקיז האָט זיך אַנגערופען צו זיין זוהן:

— דו קענסט איהם ערשט דריי טעג און האַלסט זיך שוין

געגען איהם ניט העפליך. דו וועסט איהם נאָך אַמאָל בעליידיגען מיט דיין האַלטונג!

אָבער גאַנטראַן האָט אַ דריק געטהאָן די אַקסלען:

— אָה, איך פערזיכער דיר, אַז ער וועט זיך ניט בעליידיגען. ער איז צופיעל פילאָזאָף, אום צופיהלען זיך בעליידיגט פון אַ וואָרט. דו האָסט געדראָפּט הערען, ווי ער מאַכט חוזק פון דער וועלט, ווען מיר זיינען אַליין, פון די פּאַציענטען און פון דעם גאַנצען בעדער־שווינדעל.

בעת זיי האָבען אַזוי גערעדט, האָט זיך פון אונטען דערהערט אַ גוואַלדיגער ליאַרם. דאָרט, וואו דער פעלז איז פריהער געשטאַנען האָט אַ גוואַלדיג־גרויסער עולם זיך געדרענגט און געשטופּט און געוואַלדעוועט. אַנדערמאַט, וועלכער איז שטענדיג טהעטיג און נייגעריג געווען, האָט זיך אָנגערופען:

— וואָס איז דאָרט? וואָס אַזוינס האָבען זיי דאָרט דער־זעהן.

גאַנטראַן האָט ערקלעהרט, אַז ער וועט אַרונטערלויפען זעהן, וואָס איז דאָרט. כריסטיאַנע האָט זיך מעהר מיט דעם ניט אינטע־רעסירט. זי האָט אין דער דאָזיגער צייט געטראַכט, אַז ווען דער אָנגעצונדענער שנור וואָלט געווען אַביסעל קורצער, וואָלט איהר הויכער שכן אויף שטיקער צוריסען געוואָרען, נור דערפאַר, ווייל זי האָט רחמנות געהאַט אויפ'ן הונד. זי האָט דערפון געדרונגען, אַז ער מוז טאַקי זיין אַ העפטיגער און ליידענשאַפטליכער יונגערמאַן, ווען צוליעב אַ וואונש פון אַ'ן אונבעקאַנטער פרוי האָט ער געקענט זיין לעבען איינשטעלען אין קאָן...

מען האָט דערזעהן, ווי מענשען לויפען פון דאָרט צום דאָרף, אַזוי ווי זיי וואָלטען געלאָפען עפּעס אָנזאָגען. דער מאַרקיז איז אויך געוואָרען נייגעריג:

— וואָס איז דאָרט?

אַנדערמאַט האָט מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען און איז

אויך אוועק אַראָב־באַרג. גאַנטראַן האָט פון אונטען זיי צייכענס געמאַכט, אַז זיי זאָלען אַרונטערקומען.

פּאול ברעטיני האָט זיך צו כריסטיאַנע'ן געווענדעט:

מאַדאַם, קען איך אייך מיין אָרם פאָרשלאָגען?

זי האָט איהם אונטער'ן אָרם גענומען, און זי האָט געפיהלט, אַז ער איז שטאַרק געווען ווי אייזען, און ווען איהר פוס האָט זיך אַ גליטש געטהאָן, האָט זי זיך אָן זיין אָרם אָנגעכאַפּט, ווי אָן אַ פאַרענץ. גאַנטראַן איז זיי אַנטקעגען געלאָפען און האָט געשריען:

— אַ קוואַל! אַ נייער קוואַל! די עקספּלאָזיאָן האָט אַ נייעם קוואַל געעפענט!

און זיי האָבען זיך גענומען דורכשטופּען צווישען דעם עולם. פּאול און גאַנטראַן זיינען געגאַנגען אין פאַראויס, האָבען מיט די אַקסלען און אָרמס פונאַנדערגעשטופּט דעם עולם, ניט געקימערט זיך, וואָס די אַנדערע האָבען זיי געזידעלט, און געמאַכט אַ וועג פאַר כריסטיאַנע'ן און איהר פאָטער.

זיי זיינען געקראָכען איבער אַ קופּע פון שפּיציגע שטיינער, צוריסענע, שוואַרצע פון פּולווער, און זיינען געבליבען שטעהן פאַר אַ לאָך פול קויטיגען וואַסער, וואָס האָט בלעזלאַך געוואָרפען אויף זיך איבער די פּיס פון די נייגעריגע געטראָגען צום טייכעל צו. אַנדערמאַט איז דאָ אויך געשטאַנען און האָט געקוקט אויפמערקזאַם אויף דאָס וואַסער.

דאָקטאָר האָנאָרא, וועלכער איז געשטאַנען אַנטקעגען אויף דער אַנדער זייט פון דעם לאָך, האָט אויך געקוקט אונצופריעדען און פערוואונדערט. אַנדערמאַט האָט זיך צו איהם אַנגערופען:

— מען האָט עס גערארפט פערזוכען, פיללייכט איז עס מינע־ראַל־וואַסער.

—גאַנץ זיכער מינעראַל־וואַסער — האָט דאָקטאָר האָנאָרא געענטפערט — באַלד וועלען מיר דאָ האָבען מעהר קוואַלען ווי קראַנקע!

אַנדערמאַט האָט געזאָגט:

— אָבער פערזוכען האָט מען עס דאָך געדאַרפט.

דער דאָקטאָר האָט זיך ניט געאיילט:

— יעדענפאַלס מוז מען וואַרטען, ביז דאָס וואַסער וועט פון דעם שמוץ אַפּשטעהן.

און יעדער האָט געוואָלט דעם קוואַל זעהן. די וואָס זיינען פון הינטען געשטאַנען, האָבען געשטופּט די פאָדערשטע מענשען אין דעם שמוץ אַריין, אַ קינד איז אַריינגעפאַלען, און מען האָט געלאַכט. די אַריאַלס, דער פאָטער און זוהן, זיינען דאָ געשטאַנען און האָבען געקוקט מיט ערנסטע מינעס אויף די דאָזיגע אונער־וואַרטעטע פּאַסירונג.

דער פאָטער איז געווען אַ הויכער, מאָגערער, אויסגעטריקענ־טער מאַן, מיט אַ קנאָכיגען קאָפּ און אַן ערנסטען פּנים פון אַ פּויער אָהן אַ באָרד און אָהן וואָנסעס.

דער זוהן איז נאָך העכער געווען, אַ ריעז, איז געווען אויך מאָגער, האָט אָבער געטראָגען וואָנסעס און האַלב אויסגעזעהן ווי אַ'ן אונטעראָפיציער.

דאָס וואַסער האָט געוואָרפען נאָך מעהר בלעזלאָך און גענומען שטאַרקער שטראָמען. דאָס פּובליקום האָט זיך פאַנאַנדערגערוקט: דאָקטאָר לאַטאָן איז ערשיענען מיט אַ גלאָז אין דער האַנד. ער איז געווען פערשוויצט, אָהן אָן אָטהעם און איז געבליבען שטעהן דערשלאָגען, ווען ער האָט זיין קאָלעגע דאָקטאָר האָנאָרא דער־זעהן, וועלכער האָט אַ פוס געהאַלטען אויפ'ן ברעג פון דעם נייעם קוואַל, ווי אַ גענעראַל, וואָס איז דער ערשטער אין די ערָאָבערטע פעסטונג אַריין. ער האָט געפרעגט פערסאָפּעט:

— האָט איהר שוין פערזוכט?

—ניין איך וואַרט ביז דאָס וואַסער וועט ריין ווערען.

דאָ האָט דאָקטאָר לאַטאָן אַריינגעטהאָן דאָס גלאָז אין דאָס וואַסער אַריין און געטרונקען מיט יענער וואַזשנער מינע ווי אַ וויין־מבין, ווען ער פּרופט וויין, דערנאָך האָט ער ערקלעהרט:

— אויסגעצייכענט!

ער האָט דערלאַנגט זיין קאָנקורענט דאָס גלאָז:
— איהר ווילט?
אָבער דאָקטאָר האנארא האָט אפנים מינעראַל־וואַסער ניט ליעב געהאַט, וואָרים ער האָט געענטפערט מיט אַ שמייכעל:
— אַ דאַנק. איך פערלאָז זיך אויף אייערע מבינות. איך וויים דעם טעם!
דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צום אַלטען אַריאַל'ן:
— אַזוי גוט ווי אייער ווייַן שמעקט עס זיכער ניט.
דער אַלטער האָט זיך געפיהלט געשמייכעלט.
בריסטיאַנע האָט גענוג געזעהן און געוואָלט אַוועקגעהן. איהר ברודער און פּאול האָבען ווידער פיר איהר אַ וועג געמאַכט צווישען דעם עולם. זי איז געגאַנגען הינטער זיי אַנגעלעהנט אויף איהר פאָטער'ס אָרם. פּלוצים האָט זי זיך אויסגעגליטשט. זי איז שיער ניט געפאַלען און ווען זי האָט אויף דר'ערד אַ קוק געטהאָן, האָט ז' בעמערקט, אַז זי האָט אויף אַ שטיק בלוטיג פלייש אַרויפ־געטראָטען פול שוואַרצע האָר און קויט. דאָס איז געווען אַ איבער־בלייבעכץ פון דעם הונד, וועלכער איז ביי דער עקספּלאָזיאָן צו־ריסען געוואָרען. זי האָט שיער ניט גע'חלש'ט פאַר שרעק און די טרערען ניט געקענט איינהאַלטען און געפליסטערט, ווישענדיג זיך מיט אַ טיכעל די אויגען:
— אַזאַ רחמנות! אַזאַ רחמנות!
זי האָט מעהר גאַרנישט געוואָלט רעדען, געוואָלט געהן אַהיים און זיך פערשפּאַרען אין איהר צימער. דער דאָזיגער טאָג, וואָס האָט זיך אָנגעהייבען אַזוי פרעהלאַך, האָט זיך געענדיגט אַזוי טרויעריג. איז דאָס געווען אַ פאָרגעפיהל? איהר האַרץ האָט גע־נומען קלאַפּען שטאַרק, שטאַרק.
זיי זיינען איצט געגאַנגען אַליין איבער'ן דאָרף און האָבען בע־מערקט פון דער ווייטענס אַ צילינדער־הוט און דיביידע פּאַלעס פון אַ ראָק, וואָס האָט געפלאַטערט ווי צוויי שוואַרצע פליגעל. עס איז געווען דאָקטאָר באָנעפיל, וועלכער האָט זיך ערשט איצט דער־

וואוסט וועגען דעם נייעם קוואל און איז געלאפען אהין מיט א גלאז אין דער האנד.

ווען ער האט דערזעהן דעם מארקיז, האט ער זיך אפגעשטעלט:

—וואס איז דארט? וואס איז דארט, הערר מארקיז? א קוואל, א מינעראל־קוואל?

— יא, ליעבער דאקטאר.

— א שטארקער קוואל?

— געוויס.

— זיינען יענע דאקטוירים דארט?

גאנטראן האט געענטפערט:

— שוין לאנג, דאקטאר לאטאן האט שוין דעם קוואל אנא־ליזירט.

דאן האט דער דאקטאר זיך גענומען יאגען אזוי, דאס כריסט־יאנע האט אן איהר טרויעריגקייט פערגעסען און זי האט זיך שיער ניט צולאכט. זי איז ווידער פרעהליך געווארען און האט געזאגט:

— גוט, איך וויל שוין ניט אין האטעל, מיר וועלען זיך דא צוזעצען אין'ם פארק.

אנדערמאט איז געבליבען דארט נעבען קוואל און האט געקוקט ווי דאס וואסער האט געשטראמט.

III.

ביים טיש אין'ם ספלענדיד־האטעל איז אין דעם דאזיגען אבענד געווען פרעהליכער ווי געוועהנליך. די געשיכטע מיט'ן פעלז און דעם קוואל האט בעלעבט די אונטערהאלטונג. עס זיינען גע־זעסען ניט פיעל געסט ביים טיש, אפשר צוואנציג, לײדענדע מענ־שען, קראנקע, וועלכע האבען פריהער, איידער זיי האבען אויסגע־פרובט די דאזיגע בעדער פון ענוואל, געפרובט אלערליי אנדערע בע־דער.

ביים עק טיש, וואו די אנדערמאטס און די ראוועלס זיינען געזעסען, האָבען זיך נאָך געזעצט: די מאַנעקוס, אַ קליינער ווייסער מאַן מיט זיין טאָכטער, אַ הויכע בלאַסע מיידעל, וועלכע איז שטענדיג אין מיטען עסען פון׳ם טיש אויפגעשטאנען, אוועקגעגאנגען, און איהר טעלער מיט שפייז איבערגעלאָזט; דערנאָך דער דיקער אברי־פּאוסטער, דער אמאַליגער אינזשענער; נעבען איהם די שאפורס, אַ שוואַרץ־געקליידעטע פּאָארל, וועלכע מען האָט אַ גאנצען טאָג געקענט זעהן אינ׳ם פּאַרק הינטער אַ קליינעם וועגעל, אין וועלכען מען האָט זייער קינד, אַ קריפּעל, געפיהרט. צוערשט דיביידע דאמען פּייל, מוטער און טאָכטער, ביידע אַלמנות, הויך, שטאַרק, רונד, אומעדום, פּאַרענט און הינטען. גאנסטראַן האָט זיך וועגען זיי אויסגעדריקט:

— עס איז קלאָר ווי דער טאָג אַז זיי האָבען זייערע מענער אויפגעפרעסען און דערפאַר ליידען זיי איצט אויפ׳ן מאַגען.

און ווירקליך זיי זיינען אהער אין די בעדער געקומען, אום דעם מאַגען צו קורירען.

אויף דער אנדער זייט טיש איז געזעסען אַ מאַן מיט אַ רויטען פּנים פון ציעגעל־קאָליר, הערר ריקוויר, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ קראַנקען מאַגען; נעבען איהם אַ פּאָאר סתם מענשען, פון יענעם סאָרט געסט, מאַן און פרוי, וואָס קומען אריין אין שפּייז־זאַאל, צוערשט די פרוי, דערנאָך דער מאַן, זאָגען שטיל „גוט מאָרגען“, ווען זיי זיינען נאָך אין דער טהיר, און אַזוי שטיל און פערלעגען זעצען זיי זיך צום טיש.

די גאַנצע צווייטע העלפט פון׳ם טיש איז געווען לעדיג, הגם געדעקט איז געווען פיר נאָך געסט.

אנדערמאַט האָט מיט היטץ דערצעהלט. ער האָט דעם גאַנצען נאָכמיטאָג מיט דאָקטאָר לאַטאַן בעשפּראָכען פערשיעדענע גרויסע פּראָיעקטען, וועלכע האָבען אַ שייכות געהאַט מיט ענוואל. דער דאָקטאָר האָט איהם מיט בעגייסטערונג דערצעהלט פון דער וואונדערליכער ווירקונג פון די ענוואַלער בעדער, וועלכע קורירען זי־

כערער ווי די בעדער פון שאטע־גייאן. מענשען האבען געדארפט פאהרען אין ענוואל, פאהרען זיי גאר אין שאטע־גייאן, צו אין אנ־דערע אזוינע פלעצער נור דערפאר, ווייל אין ענוואל פעהלט די ריכטיגע פיהרונג. ווען מען זאל ענוואל אוועקשטעלען אויף א ריכ־טיגער פוס, וואלט מען וואונדער געקענט אויפטהאן. און אנדער־מאט האט זיך געווענדעט צום אינזשעניר:

— איהר ווייסט און דאס איז אמת, „אוועקשטעלען אויף א ריכטיגער פוס", געבען דעם ערשטען ריכטיגען שטויס, ריכטיג אנ־פאנגען. אלסדינג אין דער וועלט הענגט אב נור פון דעם, ווי אזוי מען הויבט אן א זאך. אום א באדע־ארט ארויפצואורבייטען, מוז מען וויסען, ווי אין איהם צו פעראינטערעסירען, דאס איז די גאנצע קונסט; און אום אין איהם צו פעראינטערעסירען דאס גרויסע פוב־ליקום, מוז מען אפריהער אין איהם פעראינטערעסירען די פאריזער דאקטוירים. ווייסט איהר, מיר גליקט אין אלסדינג וואס איך נעהם אונטער, ווייל אימער און ביי אלסדינג נוץ איך אוים פראקטישע מיטלען, דערפאר האב איך ערפאלג. כל זמן איך ווייס נאך ניט, װי אזוי און וואס צו טהאן, אום א'ן אונטערנעהמונג זאל ערפאלג האבען, טהו איך גאר נישט. דאס וואס דאס וואסער איז גוט איז נאך ניט גענוג. דאס וואסער מוז מען טרינקען אויך, און אום מען זאל עס טרינקען, איז ווענין וואס די ציימונגען אליין וועלען עס ריהמען, ריהמען דארפען עס דער עיקר די דאקטוירים אין זייערע קאבינעטען, ווייל נור זיי האבען דעם ריכטיגען איינפלוס אויף די קראנקע...

דער מארקיז, וועלכער האט בעוואונדערט די געשעפטס־אי־דעען פון זיין איידים, האט זיך אנגערופען:

— גאנץ ריכטיג! אזוי איז דאס! און דו ביזט דער איינ־ציגער, וואס וואלט געטויגט דערצו.

אנדערמאט האט זיך פון די ווערטער נאך מעהר צוהיצט און גערעדט ווייטער:

— איך זאג אייך, דא ליגען מיליאנען בעגראבען, עס איז א

וואונדערפולע געגענד, אַ מערקווירדיגער קלימאַט, די פראַגע איז נור: אויב פיר גרויסע בעדער וועט דאַ גענוג וואסער קלעקען. ווארים מיר מוזען אַ גרויסע קור־הויז בויען און דערצו דארפען מיר האַבען אַ סך וואסער, אונבעדינגט גענוג וואסער, אום צו קענען אָנ־פילען צוויי הונדערט וואַנעס פיר איין מאָל. דאָס וואסער מוז שנעל און אונטערבראָכען פליסען. היינט איז דאַ וואסער ניט מעהר ווי אויף אַ פופציג פערזאָן, מעג זיך דאָקטאָר לאַטאַן זאָגען וואָס ער וויל.

הערר אוברי־פאָוסטער האָט איהם אונטערבראָכען:

— אַך, וואסער וועל איך אייך געבען, פיעל איהר וועט אַליין וועלען!

אנדערמאַט האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן:

— איהר?

— יאָ, איך. איהר וואונדערט זיך? איך וועל עס גלייך ער־קלעהרען. פאַריאַהרען אַדיעזער צייט בין איך דאַ אויך געווען. איינמאָל אין אַ אין־דער־פריה, ווען איך בין געזעסען ביי זיך אין'ם צימער, איז געקומען צו מיר אַ דיקער מאַן, דער פרעזידענט פון דיזער פערוואַלטונגס־ראַט פון די בעדער. ער איז געווען זעהר אויפגערעגט. איך וועל אייך דערצעהלען פאַרוואָס.

דער באַנעפיל־ברונען האָט פּלוצים אָנגעהייבען צו געבען אַזוי ווייניג וואסער, דאָס מען האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט אויפ־הערען צו געבען וואסער אין גאַנצען. אַזוי ווי ער האָט געוואוסט, אַז איך בין אַ אינזשעניר, איז ער געקומען מיר פרעגען, צו איך וויים ניט עפּעס פון אַ מיטעל צו ראַטעווען דעם ברונען.

אַלזאָ האָב איך דאַן אונטערזוכט די געאָלאָגישע סיסטעם פון דער געגענד. איהר ווייסט דאָך מסתמא, אַז אומעדום אין די פריהערדיגע ערד־פעריאָדען האָבען וואולקאַנען־אויסברוכען אַרויס־גערופען פערשיעדענע ענדערונגען אונטער דר'ערד. דארום האָב איך די ערשטע זאַך געדאַרפט אויסגעפינען, פון וואַנען דאָס מינעראַל־

וואַסער איז געקומען, דורך וועלכע שיכטען, די ריכטונג פון דער דאָזיגע שיכטען, זייער אורשפּרונג, זייער אייגענאַרטיגקייט.

צוערשט האָב איך אונטערזוכט די בעדער, און דאָ האָב איך בעמערקט אין אַ ווינקעל אַ׳ן אַלטע רעהר פון אַ וואַנע, וועלכע מען האָט ניט גענוצט, ווייל זי איז פערשטאָפּט געווען מיט זאַלץ. ווען די רעהר איז פערשטאָפּט געווען, מחמת די זאַלץ פון דעם וואַסער האָט זיך אין איהר אָפּגעזעצט, — האָט מען דערפון קלאָהר גע־קענט זעהן, אַז מיט דעם באַנעפּיל־ברונען האָט אויך די אייגענע גע־שיכטע געטראָפען. מעהר גאָר נישט. האָט מען געמוזט זוכען צו־צוקומען צום וואַסער פון אַנאַנדער זייט.

אַ מאָנאַט צייט האָב איך איהם געזוכט און געפּאָרשט ביז איך האָב איהם געפונען פונפציג מעטער טיעף אונטער ד׳הערד און איצט הערט וואָרום.

איך האָב אייך פריהער געזאָגט, איך האָב געמוזט צוערשט פעסטשטעלען דעם אורשפּרונג, די אייגענאַרטיגקייט. די ריכטונג פון די שיכטען, דורך וועלכע דאָס וואַסער פליסט, דאַן איז מיר שוין לייכט געווען אויסצוגעפינען, אַז די דאָזיגע שיכטען זיינען ניט געגאַנגען, ווי געוועהנליך, פון באַרג אַראָב, נור אַלץ מעהר באַרג אַרויף צווישען די איינצעלנע גראַניט־שיכטען, און איך האָב אויך אויסגעפונען דעם גרונד צו דעם דאָזיגען מערקווירדיגען פענאָמען, וואָרים דאָס וואַסער האָט ניט אַראָב נור אַרויף געפלאָסען.

פריהער האָט די לימאַן, דאָס דאָזיגע ווייטע זאַמדיגע שטיק פלאַכע לאַנד, וואָס מען זעהט קוים זיין באַרג, זיך געפונען אויף דער זעלבער הויכקייט מיט דעם צופוסען פון די בערג, אָבער דורך דעם כאַראַקטער פון איהרע אונטערשטע טהיילען האָט זי אַרונטער־געזונקען און מיטגעשלעפּט מיט זיך די בערג אויך. איצט אַזוי: דאָס מינעראַל־וואַסער פליסט פון די אַלטע קראַטערן פון די אמאַ־ליגע וואָולקאַנען. דאָס וואַסער, וואָס קומט פון זעהר ווייט, ווערט אונטערוועגס אָפּגעקיהלט און ווען עס קומט פון אויבען אַרויף, איז

עס קאַלט, ווי געוועהנליכע קוואַל־וואַסער. אָבער דאָס וואַסער, וואָס קומט פון די נעהנטערע קראַטערן, קומט פון אויבען אַרויף נאָך וואַרעם, מאַנכע גאַנץ היים. עס ווענדט זיך אין גאַנצען פון דער נאָהענטקייט פון די קראַטערן. עס פליסט אַזוי: עס זינקט אַרונטער טיעף, גאַנץ טיעף, ביז עס דערגרייכט די שיכטען פון דער לימאַן. די דאָזיגע שיכטען פון גראַניט קען דאָס וואַסער ניט דורכ־ברעכען, זוכט עס אַ'ן אויסוועג, געפינט עס שפּאַלטען אין דעם גראַניט, רייסט עס זיך אַריין אַהין און טראָגט זיך דורך די דאָזיגע שפּאַלטען אין דער ריכטונג אַרויף צו, ביז עס דערגרייכט די אָבער־פלעכע פון דער ערד, דאָס הייסט ביז עס איז אַרויסגעקומען פון אויבען אַרויף, דערנאָך ערשט פליסט עס אין דער געוועהנליכער ריכטונג אַרונטער, אין טייך אַרונטער.

איך מוז נאָך בעמערקען, אַז דאָס וואַסער, וואָס מיר קענען, איז אַפילו ניט קיין הונדערטער טהייל פון דעם מינעראַל־וואַסער, וועלכער קוועלט דאָ אין'ם טהאָל: מיר זעהן בלויז דאָס וואַסער, וואָס קומט אַרויף פון אויבען, די אַנדערע קוואַלען, אויף וועלכע עס ליגט אַ דיקער בעוואַקסענער ערד־שיכט, ווערען פערלאָרען אין דער ערד, וואָס זייגט זיי אויס. דערפון שליס איך, אַז ערשטענס, אום דאָס וואַסער צו קריגען, דאַרף מען נור אויפזוכען דעם צושטאַנד און די ריכטונג פון די אויבערשטע גראַניט־שיכטען. צווייטענס, אום דאָס וואַסער זאָל לויפען דאַרף מען היטען, אַז די שפּאַלטען זאָלען ניט פערשטאָפּט ווערען פון דעם אָפּגעזעצטען זאַלץ, דאָס הייסט, די דורכגעבויערטע קינסטליכע ברונעמס מוזען געהאַלטען ווערען אין אָרדנונג, מוזען וואָס אָפטער גערייניגט ווערען. דריטענס, אום צו בעהעפטען איין קוואַל מיט אַנאַנדערן, מוז מען בויערען ניט פון אויבען, נור פון אונטען אין די גראַניט־שפּאַלטען, דורך וועלכע דאָס וואַסער לויפט. פון דעם שטאַנדפּונקט, איז דער נייער קוואַל, וואָס מען האָט היינט ענטדעקט, זעהר פּאַסענד פיר נייע בעדער.

אַלע האָבען געשוויגען, ווען ער איז אַנשוויגען געוואָרען. אַנ־דערמאָט איז געווען זעהר צופריעדען און האָט נור געזאָגט:

— יאָ, אַזוי איז עס, דער גאַנצער סוד איז איצט ערקלערט־ איהר זייט אַ וואונדערבאַרער מענש, הערר אוברי־פּאוסטער !

אויסער איהם האָבען נור דער מאַרקיז און פּאול ברעטיני פער־ שטאַנען, וואָס דער אינזשעניר האָט גערעדט. גאַנטראַן האָט זיך ניט צוגעהערט. די אַנדערע האָבען געקוקט אויפ'ן אינזשעניר מיט אויסגעגלאָצטע נאַרישע אויגען און געמאַכט נאַרישע מינעס. די דאַמען פּייל, וועלכע זיינען געווען זעהר פרום, האָבען זיך געפּרעגט, צו די דאָזיגע ערקלעהרונג פון גאָט'ס וואונדער איז ניט אפּיקורסעס.

די מוטער האָט געהאַלטען פאַר איהר חוב צו זאָגען :

— יאָ, גאָט'ס וועגען זיינען וואונדערבאַר !

די איבריגע דאַמען ביים טיש האָבען מיט די קעפּ צוגעשאָ־ קעלט, זייער הסכמה אויף דעם געגעבען. זיי האָבען זיך אויך גע־ פיהלט בעאונרוהיגט פון דער דאָזיגער ערקלעהרונג, וועלכע זיי האָ־ בען ניט פערשטאַנען.

הערר ריקוויר, דער מאַן מיט'ן פּנים פון ציעגעל־קאָליר,האָט זיך אָנגערופען :

— צי די קוואַלען פון ענוואַל קומען פון וואולקאַנען אָדער פון אַנדערש וואו, מיר האָבען זיי די צעהן טעג דערווייל גאָר ניט געהאָלפען.

הערר און מאַדאַם שאָפּור האָבען פּראָטעסטירט און געבראַכט אַלס בעווייז זייער קינד, וועלכעס האָט שוין אָנגעהייבען צו בעוועגען די רעכטע פוס, וואָס עס האָט אַ יאָהר זעקס ניט געקענט אַ ריהר טהאָן.

ריקוויר האָט געענטפערט :

— דאָס בעווייזט נור, אַז די קוואַלען פון קוואַל זיינען גוט פיר אַזוינע קראַנקע ווי אייער קינד איז, אָבער ניט אַזוינע, וואָס ליידען פון קראַנקען מאַגען.

ער האָט געשיינט צו זיין שטאַרק בייז, פאַרוואָס די בעדער העלפען ניט זיין קראַנקען מאַגען. אָבער הערר האַנעקי האָט אויך גענומען דאָס וואָרט אין'ם נאָמען פון זיין טאָכטער און ערקלערט :

— שוין א וואך צייט ווי איהר מאגען האלט איין די שפייזען און זי דארף ניט ארויסלויפען ביי יעדען מאהלצייט.

די טאכטער איז רויט געווארען און האט זיך צוגעבויגט צום טעלער. די דאמען פייל האבען אויך געזאגט, אז זיי פיהלען זיך בעסער. דא איז ריקוויר מיט אמאל פון די כלים ארויס און האט זיך פלוצים געווענדעט צו דיביידע דאמען:

— מיינע דאמען, איהר ליידעט אויך פון'ם מאגען?

— יא, אונזער מאגען פערדייעט ניט.

ער איז שיער פון'ם שטוהל ניט אויפגעשפרונגען און האט געשטאמעלט:

— איהר! איהר?! מען דארף נור א קוק טהאן אויף אייך! איהר, איהר ווילט מיר דערצעהלען, אז איהר ליידעט פון'ם מאגען? מיינע דאמען, איהר עסט צופיעל!

מאדאם פייל, די מוטער, האט זיך אנגעצונדען און געענטפערט:

— וואס אנבעלאנגט אייך קען גאר קיין צווייפעל ניט זיין, אז איהר האט א קראנקען מאגען. מען זאגט טאקי, אז א שלעכטער מענש האט א שלעכטען מאגען.

א'ן אלטע, זעהר מאגערע פרוי, וואס איהר נאמען האט קיינער ניט געוואוסט, האט זיך אנגערופען:

— איך גלויב, אז די בעדער וואלטען אלעמען מעהר געהאלפען, ווען דער בעל הבית פון דעם האטעל וואלט מעהר אין'ם זינען געהאט, אז ער דארף קאכען פיר קראנקע. מען דערלאנגט אזוינע שפייזען, וואס קיין מענש וואלט ניט געקענט פערדייען.

מיט דעם זיינען אלע ביים טיש איינפערשטאנדען געווען. אלע האבען גענומען ריידען מיט כעס וועגען דעם בעל הבית פון'ם האטעל, פארוואס ער האט זיי געקארמעט מיט ווארשט און קרויט, יא מיט ווארשט און קרויט, צוויי שפייזען, וועלכע זיינען אפילו פיר דעם געזינדסטען מאגען שווער צו פערדייען, און דאס האט מען צו עסען געגעבען, ווען די דריי דאקטוירים, דאקטאר באנעפיל,

דאָקטאָר לאַטאַן און דאָקטאָר האַנאַרא האָבען פערשריעבען צו עסען נור וויינבעס, מאַגערס פלייש און פרישע גרינס.

ריקוויר האָט אַזש זיך געטרייסעלט פאַר כעס:

— די דאָקטוירים האָבען געדאַרפט אַכטונג געבען אויף אונזער עסען. אַנשטאַדט דעם פערלאַזען זיי זיך אויף אַ'ן אונוויסענדען מענשען, וועלכער שטאָפּט אונז יעדען טאָג מיט האַרטע אייער און שוויין־קאָטלעטען.

הערר מאַנעקו האָט איהם אונטערבראָכען:

— אַה, מיין מאַכטער קען נור פערדייען שוויין־קאָטלעטען. די פאַריזער דאָקטוירים האָבען איהר אויך דאָס געהייסען עסען.

ריקוויר האָט זיך צושריען:

שוויין־קאָטלעטען! שוויין־קאָטלעטען! הערט אויף! רעדט ניט! דאָס איז סם!

און פלוצים האָט זיך דער גאַנצער עולם צוטהיילט אין צוויי לאַגערס, אַ טהייל איז געווען פיר, די אַנדערע געגען שוויין־קאָטלעטען. און עס האָט זיך אַנגעהויבען וועגען דעם אַ לאַנגער היצינער ויכוח. דערנאָך האָט זיך דער ויכוח צובערנט וועגען מילך טרינקען. ריקוויר האָט גע'טענה'ט, אַז ווי נור ער טרינקט אויס אַ גלאָז מילך, אַזוי גיך ווערט ער קראַנק.

אובריפּאָסטער האָט איהם געענטפערט:

— אָבער הערט נור, מיין ליעבער מאַן, ווען איהר ליידעט פון דיספעפּסיע און איך פון גאַסטראַלגיע, דאַרפען מיר גאַנץ פערשיידענע שפּייזען. די שפּייזען, וואָס טויגען אייך, טויגען ניט פיר מיר און די וואָס טויגען פיר מיר, טויגען ניט פאַר אייך. פּונקט ווי די ברילען פון אַ קורצזיכטיגען טויגען ניט פאַר אַ ווייטזיכטיגען, כאָטש ביידע, אי דער קורצזיכטיגער אי דער ווייטזיכטיגער, האָבען ניט קיין נאָרמאַלע אויגען.

ער האָט גערעדט ווייטער:

— ווען איך זאָל אויסטרינקען אַ גלאָז וויין, ווער איך פער־

שטיקט און מיר דאַכט זיך, אַז קיין ערגערע זאַך ווי וויין פיר מענ־
שען איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ...

גאַנטראַן האָט איהם אונטערבראָכען מיט אַ געלעכטער:

— וואָס רעדט איהר? אָהן וויין און אָהן ווייבער וואָס פיר
אַ זין וואָלט געהאַט דאָס לעבען אין גאַנצען?

די דאַמען פייל האָבען די אויגען אַרונטערגעלאָזט, ווייל זיי
ביידע האָבען געטרונקען זייער שטאַרקען בורדאָ־וויין אָהן וואַסער
און מען האָט זיך געקענט אָנשטויסען, אַז די מענער פון די דאָזיגע
ביידע יונגע אלמנות (די טאָכטער איז אַלט געווען צוויי און צוואַנ־
ציג און די מוטער אפשר פערציג) האָבען אויך געטרונקען וויין אָהן
וואַסער.

איין אַנדערמאַט איז געזעסען פערטראַכט און האָט געשוויגען.
פּלוצים האָט ער זיך אַ קעהר געטהאָן צו גאַנטראַן:

— ווייסטו, וואו די אַריאָלס וואָהנען?

— יאָ, פריהער האָט מען מיר זייער הויז געוויזען.

— ועסטו מיר ווייזען דאָס הויז?

— געוויס, איך וועל מיט פערגעניגען צוגעהן אַהין, איך וויל
נאָך אַמאָל זעהן זיינע טעכטער.

און באַלד נאָכ'ן עסען זיינען זיי אַוועק אַהין, וועהרענד כרי־
סטיאַנע, וועלכע איז געווען מיעד, און דער מאַרקיז און פּאָול ברע־
טיני זיינען יעדער אַוועק צו זיך אין צימער.

אַנדערמאַט האָט גענומען זיין שוואָגער אונטער'ן אָרם:

— מיין ליעבער גאַנטראַן, ווען דער אַלטער האָט שכל און
ווען דאָקטאָר לאַטאָן'ס אַנאַליז איז ריכטיג, וועל איך, וואַהרשיינ־
ליך, אַ גרויסען באַדע־אָרט דאָ מאַכען.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטען גאַס און אָנגעכאַפּט זיין
בעגלייטער ביים ראָק:

— אַה, איהר פערשטעהט גאָר ניט, ווי אינטערעסאַנט עס
איז צו פיהרען געשעפטען, ניט די געשעפטען פון הענדלער און
קרעמער, נור גרויסע געשעפטען, אונזערע! יאָ, יאָ, מיין ליעבער,

ווען מען פֿערשטעהט עס ריכטיג, ליגט דאַרין אַלעס, וואָס די מענ־שען ווילען, עס איז אין דער אייגענער צייט אַ פּאָליטיק, אַ קריעג, אַ דיפּלאָמאַטיע, אַלעס, אַלעס. מען מוז נור שטענדיג עפּעס אויפֿ־טהאָן, אויסטראַכטען, פֿערשטעהן, אַלעס קלאָר זעהן, פּראָוויסזעהן, אַלעס קאָמבינירען, אַלעס וואָגען... די גרויסע שטרייטיגקייטען ווע־רען היינטיגען טאָג מיט געלד אויסגעפּאַכטען. פיר מיר זיינען די פראַנק־שטיקער ניט אַנדערש ווי סאָלדאַטען מיט רויטע הויזען, די צוואַנציג־פראַנק־שטיקער — שעהנע לייטענאַנטען, די הונדערט־פראַנק־שטיקער קאַפּיטאַנען און די טויזענד־פראַנק־שטיקער זיינען ביי מיר גענעראַלען, און איך קעמפּף, קעמפּף פון פריה ביז פאַר־נאַכט געגען דער גאַנצער וועלט און מיט דער גאַנצער וועלט. אַט דאָס רוף איך לעבען. דאָס רוף איך ברייט און גרויס לעבען, ווי אַמאָל די מעכטיגסטע פון דער ערד, וואָרים איצט זיינען מיר די מעכטיגסטע, די איינציגע אמת'ע מעכטיגע.

קוק נור אָן דאָס דאָזיגע אָרימע דאָרף, פון דעם מאַך איך אַ גרויסע שטאָדט מיט גרויסע, איבערגעפּאַקטע האָטעלען, מיט דינער־שאַפטען, עקיפּאַזשען, און דאָס אַלעס וועט געשאַפען ווערען, ווייל מיר איז איינמאָל איינגעפאַלען צו קאָנקורירען מיט ראַיאָ ליגקס און שאַטע־גייאָן רעבטס, מיט מאָנט דאָרע, מיט לאַ בורבאָל, שאַ־טענרוי, סען־נעקטאַר, וואָס ליגען הינטער אונז, מיט ווישי, וואָס ליגט געגענאיבער. און מיר וועט אָפּגליקען, איך וויים עס זיכער, ווייל איך קען די מיטלען, די ריכטיגע מיטלען, זיי זיינען מיר פּלו־צים קלאָר געוואָרען, ווי אַ גענעראַל די שוואַכע זייטען פון דעם פיינד. אין אונזער בערוף מוז מען אויך פערשטעהן, ווי צו פיהר־רען די מענשען, ווי אַזוי זיי צו בעגייסטערען און ווי אַזוי זיי צו בעהערשען. גאָט, איז דאָס לעבען שעהן, ווען מען קען עטוואָס אַזוינס שאַפען! מיין באַדע־אָרט וועט מיך וועניגסטענס אַ דריי־יאָהר צייט אַמוזירען.

און צו מיין גליק האָב איך גראַד איצט געדאַרפט טרעפען דעם אינדזשעניר, וואָס האָט מיר געעפענט די אויגען אויף דעם. דו

וועסט זעהן, די אַלטע בעדער וועל איך רואינירען, איך וועל דאָס אַפילו גאַר ניט דאַרפען קויפען.

זיי זיינען אַוועק ווייטער און זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם אַרויף־צו אין דער ריכטונג פון שאַטאָ־גייאַן.

גאַנטראַן פלעגט אימער זאָגען: „בין איך נעבען מיין שוואָ־גער, ווייזט זיך מיר אויס שטענדיג, אַז איך הער אין זיין קאָפּ דעם זעלביגען גערויש וואָס איך האָב געהערט אין די שפּיעל־זאַאַלען פון מאָנטע־קאַרלאָ, דעם גערויש פון גאָלד וואָס קייקעלט זיך הין און צוריק, צונעלעגט, אַרונטערגענומען, פערדאָפּעלט, פון דעם גאָלד, וואָס ווערט דאָרט געוואונען אָדער פערלאָרען!"

און ווירקליך איז אַנדערמאַט געווען אַ מין מענשליכע מאַשין, וואָס איז ווי בעשאַפען געווען צו קאָמבינירען, אויסצורעכענען און צו בעוועגען געלד אַהער און אַהין. ער אַליין האָט זעהר געהאַלטען פון זיינע פעהיגקייטען און מיט אַ געוויסער קאָקעטעריי האָט ער זיך אָפט בעריהמט, אַז יעדע זאַך איז ער אומשטאַנד אָפּצושעצען פון דעם ערשטען בליק.

אַזוי צום ביישפּיעל, האָט ער געהאַט אַ טבע, וואו ער איז ניט געווען, צו נעהמען עפּעס אין דער האַנד אריין און בעטראַכטען עס און דרעהען עס אַהיר און אַהין, און דערנאָך זאָגען: „דאָס איז אַזוי פיעל און אַזוי פיעל ווערט!"

זיין פרוי און זיין שוואָגער האָבען אָפט פון איהם שפּאָס גע־מאַכט, האָבען אומיסנע געבראַכט אי'ן אַלטע זאַך און געבעטען איהם, ער זאָל שאַצען. דערנאָך ווען ער האָט בעטראַכט פערוואונדערט זייער מציאה, זיינען זיי שיער ניט דערשטיקט געוואָרען פאַר גע־לעכטער.

אויך אין פּאַריז האָט גאַנטראַן מאַנכעס מאָל זיך מיט איהם אָפּגעשטעלט פאַר אַ מאַגאַזין און געוואָלט פון איהם וויסען דעם גענויען ווערט פון אַ גאַנצען שוי־פענסטער, אָדער דעם ווערט פון אַ הינקענדיגער קליאַטשע אויף דער גאַס, אָדער פון אַ גאַנצען וואָ־גען מיט מעבעל, וואָס איז דאָרט פערביי געפאָהרען.

און איינמאָל אויף־דער־נאַכט ביי זיין שוועסטער אויף און אונטערהאַלטונג האָט איהם גאַנטראַן געבעטען, ער זאָל איהם זאָגען, פיעל איז ווערט דער אָבעליסק אויף דעם קאָנקאָרד־פּלאַץ. ווען אַנדערמאַט האָט איהם אָנגערופען.א געוויסע סומע, האָט גאַנטראַן געוואָלט וויסען, פיעל איז ווערט דער פּאַלפּערינא בריק און דער טרימפּף־בויגען, דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופען גאַנץ ערנסט:

— דו וואָלסט געקענט זעהר אַ'ן אינטערעסאַנט בוך שרייבען וועגען דעם ריכטיגען ווערט פון אַלע בעריהמטע דענקמעלער אויף דער ערד.

אַנדערמאַט האָט זיך קיינמאָל פון אַזוינע שפּאַסען ניט גע־ערגערט, ער איז געווען צו זיכער אין זיך און צו איבערלעגט, אום זיך צו בעליידיגען פון קלייניגקייטען. אָבער ווען גאַנטראַן האָט איהם איינמאָל געפרעגט:

— און וויפיעל בין איך ווערט? — האָט זיך אַנדערמאַט גע־וויינערט צו ענטפערען, און ווען זיין שוואָגער איז צו איהם לענגער צוגעשטאַנען: „נו, זאָג דאָך! ווען, צום ביישפּיעל, רויבער זאָלען מיך פאַנגען, וואָס וואָלסטו געגעבען, אום מיך אויסצולייזען?“

— נו, נו, ליעבער פריינד, איך וואָלט געגעבען אַ... וועקסעל!

און זיין שמייכעל האָט אַזוי פיעל געזאָגט, דאָס גאַנטראַן איז צומישט געוואָרען און האָט מעהר ניט געפרעגט.

אַ חוץ דעם האָט אַנדערמאַט ליעב געהאַט קונסט־זאַכען, וואָרים ער האָט געהאַט אַ פיינעם געשמאַק און זיי געזאַמעלט זעהר געשיקט מיט יענעם נאַטירליכען אינסטינקט, וואָס ער האָט געהאַט פיר געשעפטס־זאַכען.

זיי זיינען איצט צוגעקומען צו אַריאַל'ס הויז, וואָס האָט פון דרויסען אויסגעזעהן בעל־הבתיש שעהן. גאַנטראַן איז געבליבען שטעהן און האָט געזאָגט:

— דאָ איז עס.

אויף אַ שווערער אייזען־טהיר איז געהאַנגען אַזאַ אייזערנע זאַך, מיט וועלכע זיי האָבען אָנגעקלאַפּט אין דער טהיר.

אַ'ן אַלטע מאַגערע פרוי, האָט געעפענט. דער באַנקיר האָט געפרעגט:

— איז הערר אריאל אין דער־היים?

די פרוי האָט געענטפערט:

—קומט אריין!

זיין זיינען אריין אין די קיך, אַ גרויסע קיך, וואו אונטער אַ קעסעל האָט אַ פייער געגליהט, דערנאָך האָט מען זיי אריינגעפיהרט אין דאָס צווייטע צימער, וואו אריאל'ס גאַנצע פאַמיליע איז פער־זאַמעלט געווען. דער פאָטער האָט געשלאָפען אויף אַ שטול, די פיס אויף אַנאַנדערן אויסגעצויגען. דער זוהן איז געזעסען מיטביידע עלענבויגענס אָנגעלעהנט אויפ'ן טיש, און האָט מיט גרויסער התמדה געלייענט דעם „פטיט זשורנאל", און די ביידע מיידלאך האָבען גע־ארבייט ביים פענסטער איין און די זעלביגע שטיקעריי, וואָס זיי האָבען פון בעזונדערע זייטען אָנגעהייבען.

צוערשט האָבען זיי ביידע זיך אויפגעהייבען, ביידע גלייך, דערשראָקען פון דעם אונערוואַרטעטען בעזוך, דערנאָך האָט דער ריעז יאַקאָוו דעם קאָפּ אויפגעהייבען, שטאַרק רויט פאַר שווערער אָנשטרענגונג, מיט וועלכער ער האָט געלעזען, און צום סוף האָט זיך דער אַלטער אריאל אויפגעכאַפּט און אַרונטערגענומען איין פוס נאָך דער אַנדערער פונ'ם שטול.

דאָס צימער איז געווען ניט בעדעקט, מיט געווייסטע ווענד און אַ שטיינערנער פאַדלאָגע. עטליכע שטרויענע שטולען זיינען דאָרט געשטאַנען און אַ קאָמאָדע. אויף די ווענד זיינען געהאַנגען פיער בילדער פון עפּינאל אונטער גלאָז און אויף די פענסטער גרויסע, ווייסע פאָרהאַנגען. זיי אַלע האָבען געקוקט איינער אויפ'ן אַנדער'ן און די דיענסט, מיט איהר אונטערקלייד פערקאַטשעט ביז איבער די קניה, איז אין דער טהיר געשטאַנען און האָט געקוקט מיט גרוי־סער נייגעריגקייט.

אַנדערמאַט האָט זיך פאָרגעשטעלט, אָנגערופען זיין נאָמען און זיין שוואָגער'ס נאָמען, פון גראַף ראווענעל, האָט זיך טיעף פער־

נויגט פיר דיביידע מיידלאך, דערנאך זיך רוהיג געזעצט און גע־זאגט:

— הערר אריאל, איך בין געקומען צו אייך וועגען א געשעפט, און איך וועל גלייך געהן צום פונקט. איהר האט היינט ענטדעקט א קוואל אויף אייער לאנד. די טעג וועט פארטיג ווערען דער אנאליז פון'ם וואסער. וועט עס ניט האבען קיין ווערט, דאן, פערשטעהט זיך, האט עס פיר מיר אויך ניט קיין ווערטה. וועט עס אבער, פער־קעהרט, זיך ארויסווייזען אזוי ווי איך ערוואַרט, דאן וויל איך ביי אייך אפקויפען דאס שטיקעל לאנד, וואו דער דאזיגער קוואל גע־פינט זיך, און די אנדערע שטיקער לאנד ארום איהם. טהוט א טראכט וועגען דעם. קיין אנדערער אויסער מיר וועט דאס אייך ניט פארשלאגען, קיין אנדערער. די אלטע קאמפאניע איז באלד באנקראט, זי וועט זיכער ניט טראכטען אפילו פון צו בויען א נייעם קור־ארט און איהר באנקראט וועט אפשרעקען אנדערע. קורץ, אויסער מיר וועט קיינער אייך אזא פארשלאג ניט מאכען. איהר דארפט מיר ניט געבען גלייך א'ן ענטפער. רעדט זיך דורך אפריהער מיט אייער פאמיליע און ווען דער אנאליז פון'ם וואסער וועט זיין פארטיג, וועט איהר אזוי גוט זיין און מיר זאגען אייער פרייז. וועט זיך מיר לוינען, וועל איך זאגען יא, וועט זיך מיר ניט לוינען, וועל איך זאגען ניין און ניט טראכטען מעהר פון דעם. דינגען זיך מיט אייך וועל איך ניט.

דער פויער, אויף זיין אופן א געשעפטסמאן און א זעהר דורכ־געטריבענער מענש, האט געענטפערט העפליך, אז ער וועט א טראכט טהאן וועגען דעם, אז ער פיהלט זעהר בעעהרט, און האט זיי אנ־געבאטען א גלאז ווין.

אנדערמאט האט זיך ניט אפגעזאגט. און אזוי ווי עס איז דונקעל געווארען, האט אריאל זיך אנגערופען צו זיינע טעכטער, וועלכע האבען ווידער זיך געזעצט ארבייטען:

— ציגדט אן פייער, מיידלאך!

ביידע האבען זיך גלייך אויפגעהויבען, זיינען ארוים אין א

צוזויטען צימער און האָבען זיך באַלד צוריקגעקעהרט, איינע מיט צוויי ברענענדיגע וואקסענע ליכט און די אנדערע מיט פיער פּשוט'ע גלעזער. די ליכט זיינען נאָך ביז היינט קיינמאָל ניט אָנגעצונדען געווען און זיינען אפּנים דאָרט געשטאַנען אויפ'ן קאַמין פּאַר פּוץ, איינגעוויקעלט אין דאָזעווען פּאַפּיער.

דאָן האָט זיך דער ריעז אויפגעהויבען, וואָרים נור די מאַנס־ביל פּלעגען אין קעלער אונטערגעהן. אנדערמאַט'ן איז איינגע־פאַלען:

— קענען מיר זעהן אייער קעלער? איהר זייט דער גרעס־טער וויין־אייגענטהימער פון דעם געגענד און דערפאַר רעכען איך, אַז אייער קעלער איז ווערט אָנצוקוקען.

אריאל האָט זיך געפיהלט געשמייכעלט און זיי אַרונטערגע־פיהרט אהין. ער אַליין איז געגאַנגען אין פאָראויס מיט אַ וואַק־סענעם ליכט און האָט בעלויכטען דעם וועג. זיי זיינען געגאַנגען דורך די קיך, אַרוים אין קאָרידאָר, וואו מען האָט אין דער האַלבער דונקעלהייט געזעהן לעדיגע פעסער שטעהן און אין אַ ווינקעל גרויסע שטיינער מיט אַ לאָך אין דער מיטען, ווי רעדער פון אַ וואַגען אין די אַלט־פראַנקישע צייטען. ווייטער אַ וויין־פּרעס מיט הילצערנע שרויפען, וואָס האָט געגלאַנצט אונטער דעם שיין פון דעם ליכט אין דער אַרומיגער דונקעלהייט. דערביי אַלערליי לאַנדווירטשאַפט־ליכע געצייג, וואָס האָבען געבלישצעט, ווי וואָפען. אַלע די דאָזיגע זאַכען זיינען ביסלעכווייז בעלויכטען געוואָרען, ווען דער אַלטער איז נעהנטער צוגעגאַנגען מיט'ן ליכט, וואָס ער האָט מיט איין האַנד פערשטעלט, כדי דאָס פייער זאָל זיך ניט פערלעשען.

עס האָט געשמעקט מיט וויין, מיט געטריקענטע וויין־טרוי־בען.

זיי זיינען צוגעקומען צו אַ טהיר, וועלכע איז מיט צוויי שלעסער פערשלאָסען געווען. אריאל האָט געעפענט, אויפגעהוי־בען פּלוצים דאָס ליכט אין דער הויך איבער'ן קאָפּ און בעלויכטען אַ לאַנגע רייהע פון פעסער, אויף וועלכער אַ צווייטע רייהע פון

קלענערע איז געלעגן. ער האָט ערקלעהרט, אַז דער דאַזיגער קעלער ציהט זיך טיעף אין די בערג אַריין. דערנאָך האָט ער געזאָגט, וואָס פאַר אַ סאָרט וויין איז אין יעדן פאַס בעזונדער, אַלץ ערשטער סאָרט. דערנאָך, ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דעם פאַמיליען־פאַס, האָט אַריאַל אַ פיהר געטהאָן איבער דעם מיט דער האַנד, אַזוי ווי ער וואָלט אַ פערד אַ גלעט געטהאָן, און גע־זאָגט:

— אַט דעם וויין מוזט איהר פערזוכען. אַזאַ וויין וועט איהר ערגעץ ניט קריגען, נים אין בורדאָ און ניט אין דער גאַנצער וועלט.

ער האָט ליעב געהאַט צו טרינקען דעם וויין גלייך פון׳ם פאַס. דער ריעז, וועלכער איז געגאַנגען הינטער זיין פאָטער, האָט זיך איינגעבויגט, אַ דרעה געטהאָן דעם קראַן. דער פאָטער האָט איהם צוגעלויכטען מיט אַ בעזונדערער מינע, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס אַ הייליגע ארבייט געטהאָן. דאָס ליכט האָט בעשיינט זייערע פּנים׳ער, דעם קאָפּ פון דעם אַלטען און דעם נאַקען פון דעם יונגען.
אַנדערמאַט האָט געזאָגט גאָנטראַן׳ען אויפ׳ן אויער:

— זעה נור, וואָס פאַר אַ פיינער וויין!

דער יונגער מאַן האָט שטיל געענטפערט:

— מיר וואָלטען די מיידלאַך בעסער געשמעקט.

דערנאָך האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט אין הויז. זיי האָבען געמוזט טרינקען דעם וויין, פיעל טרינקען, ווייל דיביידע אַריאַלס האָבען אמת׳ן פערגעניגען געהאַט, ווען מען האָט ביי זיי וויין געטרונקען.

די מיידלאַך האָבען זיך אויך ביים טיש געזעצט און האָבען זייער שטיקעריי געאַרבייט, אַזוי ווי קיינער וואָלט דאָרט גאָר ניט געווען. גאָנטראַן האָט פון זיי די אויגען ניט אַרונטערגענומען. ער האָט זיך אַלץ געפרעגט, צי זיי זיינען ניט געווען אַ צווילינג, אַזוי ענהליך איז איינע געווען צו דער אַנדערער. אָבער דערנאָך האָט ער בעמערקט, אַז איינע איז געווען שטאַרקער און קלענער און די אַנדערע האָט פאַרנעהמער אויסגעזעהן. זייער ברוינע, ניט

גאַנץ־שוואַרצע האָאר זיינען געלעגען גלאַט אויף די שלייפען און האָבען געגלאַנצט ביי יעדער בעוועגונג פון זייערע קעפּ. זיי האָבען געהאַט שטאַרקע קינבאַקען און שטערענס פון פּויערטעס, דער־פאַר אָבער אַ רייצענדען מויל, וואונדער־שעהנע אויגען מיט ברעמען, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי פיינע שטריכען, פון אַ מייסטער־האַנד אויפגעוואָרפען, און אַ צאַרטע, פרישע הויט.

ווען מען האָט אַ קוק געטהאָן אויף זיי, האָט מען גלייך גע־קענט זעהן, אַז זיי האָבען זיך ניט אויפגעהאָדעוועט אין דעם דאָ־זיגען הויז, אַז זיי האָבען זיך ערצויגען אין אַן עלעגאַנטען פּענ־סיאָן, אין׳ם קלויסטער, וואוהין מען האָט געשיקט די רייכע מייד־לאַך פון אַווערן, אום זיי זאָלען זיך דאָרט לערנען די שעהנע מאַ־נירען פון דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט.

גאַנטראַן׳ען האָט אָנגעהויבען צו עקלען פון דעם ווייז און ער האָט אַרויפגעטראָטען זיין שוואָגער אויף דער פוס, אַז זיי זאָלען געהן. זיי האָבען זיך אויפגעהויבען, קרעפּטיג געדריקט די פּויערים די הענד, פערנוייגט זיך ווידער פאַר די מיידלאַך, וועלכע האָבען צו זיי נור לייכט מיט די קעפּ אַ נויג געטהאָן, און דערנאָך האָבען זיי פערלאָזען אַריאַל׳ס הויז.

אזוי גיך, ווי זיי זיינען אויף דער גאַס אַרוים, האָט אַנדערמאַט אָנגעהויבען צו רעדען:

— נו, מיין ליעבער, זאָג אליין, איז דאָס ניט אַ מערקווירדיגע פאַמיליע? דעם זוהן געברויכט דער אַלטער אַנשטאַט אַז אַר־בייטער, שפּאָרט איין — דאָס הייסט די נאַרישע שפּאַרעוודיגקייט פון אַ פּויער! — דערפאַר אָבער מאַכען די מיידלאַך אַן איינדרוק פון דער בעסערער געזעלשאַפט. ווען זיי זאָלען נאָך הייראַטען מיט מענער פון דער בעסערער געזעלשאַפט, וועלען זיי זיין ניט ערגער פון אונזער קלאַס פרויען און פיליכט בעסער, ווי די מייסטע פון אונזערע.

גאַנטראַן האָט געפרעגט:

— וועלכע איז דיר בעסער געפעלען געוואָרען?

— וועלכע? ווי וועלכע? וואָס וועלכע?

— פון דיביידע מיידלאך?

— אה, דאָס מיינסטו? איך וויים ניט, איך האָב זיי ניט פער־גליכען. אבער וואָס געהען זיי דיר אָן? דו דענקסט דאך ניט צו חתונה האָבען מיט איינער פון זיי?

גאַנטראַן האָט אָנגעהויבען צו לאַכען:

— ניין, אָבער איך האָב ליעב צו קוקען אויף פרישע, ווירק־ליך פרישע, נאַטירליכע מיידלאך, וואָס אַזוינע קען מען גאָר ביי אונז ניט זעהן. אויף אַזוינע קוק איך מיט פערגעניגען, ווען און וואָס זי זאָל ניט זיין און פון וואַנען זי זאָל ניט שטאַמען. איך בעוואונדער אַזוינע, בעוואונדער ליידענשאַפטליך, ווי אַ קינסטלער. איבריגענס... לייה מיר פינף טויזענד פראַנק.

אַנדערמאַט האָט זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט זעהר ענער־גיש:

— ווידער?

גאַנטראַן האָט געענטפערט גאַנץ איינפאַך:

— אימער!

דערנאָך זיינען זיי אַוועק ווייטער.

אַנדערמאַט האָט זיך אָנגערופען:

— ווייסט דער רוח, וואו דו טהוסט אַהין דיין געלד!

— וואָס הייסט? איך גיב עס אויס.

— דו וואַרפסט אַרוים, מיינסטו!

— ליעבער פריינד, איך האָב פונקט אַזוי פיעל פערגעניגען פון אויסגעבען געלד, ווי דו פון איינגעהמען געלד.

— זעהר פיין, אָבער אום אויסצוגעבען געלד, דאַרף מען קענען עס פערדיענען.

— דאָס קען איך גראָד ניט, אָבער אַ מענש קען דאך ניט האָבען אַלע מעלות. איך האָב די מעלה, וואָס איך פערשטעה ווי אויסצוגעבען געלד, פערשטעה איך אָבער ניט, ווי אַזוי צו פער־דיענען געלד. דו האָסט די מעלה, וואָס דו פערשטעהסט ווי צו

פערדיענען געלד, פעהלט דיר אָבער די מעלה צו פערשטעהן, ווי אזוי מען גיט אוים געלד. דערפאַר זאָג איך, אז איך און דו זיינען בעשאַפען געוואָרען צו זיין שוואָגערס, כדי צו פערפאָלקאָמען איי־נער דעם אַנדערען.

אַנדערמאַט האָט אַ בורטשע געטהאָן:

— דו ביזט משוגע. ניין, קיין פינף טויזענד קריגסטו ביי מיר ניט, אָבער פופצעהן הונדערט וועל איך דיר לייהען, ווייל, איך רעכען, אז אין אַ פּאָר טעג ארום וועל איך דאַרפען צו דיר אָנקומען.

גאָנטראַן האָט געענטפערט גאַנץ רוהיג:

— אויב אזוי וועל איך ביי דיר נעהמען די פופצעהן הונדערט דערווייל אַלס אַן אויפגאַב.

אַנדערמאַט האָט איהם אַ קלאַפּ געטהאָן אויפ׳ן שולטער און מעהר גאָר נישט גערעדט.

זיי זיינען צוגעקומען צום פּאַרק, וועלכער איז אילומינירט געוועזן מיט פלאַשקעס, וואָס האָבען געברענט אויף די צווייגען פון די ביימער. די קאַפּעלע האָט דאָרט געשפּיעלט עפּעס קלאַ־סישעס לאַנגזאַם און מיעד, און עס האָט זיך אויסגעגעבען, אז די טענער פון די אינסטרומענטען האָבען זיך געשלעפּט הינקענדיג און פערשלאָפען. די פיער מוזיקאַנטען, וואָס האָבען דאַ געשפּיעלט אין דער־פריה ביז פאַרנאַכט אין דער דאָזיגער איינזאַמקייט, וועל־כע האָבען שטענדיג געזעהן פאַר זיך נור די בלעטער און דאַס טיי־בעל, האָבען גאָר אָהן חשק געשפּיעלט. און אפשר האָבען זיי אזוי גע־שפּיעלט, ווייל פעטרוס מארטעל האָט זיי נאָך ניט בעצאָהלט פאַר דעם מאָנאַט געהאַלט? שטענדיג, ווען ער, פעטרוס מארטעל, האָט זיי געדאַרפט בעצאָהלען, האָט ער זיי אַנשטאַט געלד, וויין און שנאַפּס אָנגעבאָטען, וואָס די געסט פון די בעדער האָבען ניט גע־קויפט.

דורך די טענער פון דער מוזיק, האָט זיך דער ביליארד גע־לאָזט הערען, דאָס קלאַפּען פון די קוגלען און די שטימען, וואָס האָבען דאָרט אויסגערופען:

— צוואַנציג, איין־און־צוואַנציג, צוויי־און־צוואַנציג!

אַנדערמאַט און גאַנטראַן זיינען אין ביליאַרד־זאַאַל אריין. פּעטרוס מאַרטעל און לאַפּאַלם האָבען דאָרט, ווי געוועהנליך, געשפּיעלט ביים ביליאַרד־טיש. די בופעט־דאַמע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איהר דרעמעל און אַ פרעג געטהאָן:

— ווילען די הערדען עטוואָס?

IV.

אין אַריאַל׳ס הויז האָבען פאָטער און זוהן נאָך לאַנג אַרומגערעדט אַנדערמאַט׳ס פאָרשלאַג, ווען די מיידלאַך זיינען שלאָפען אוועק. אַנדערמאַט׳ס פאָרשלאַג האָט זיי אין גאַנצען צורודערט און זיי האָבען געזוכט מיטלען, ווי אַזוי דעם באַנקיר נאָך מעהר פעראינטערעסירען אין זיין פּראָיעקט און דערביי צו ציהען נוצען פון דעם, וויפיעל נור זיי וועלען קענען.

אַלס פּראַקטישע פויערים, וועלכע האָבען געוואוסט וואָס זיי ווילען, האָבען זיי אויסגערעכענט יעדען טריט, וואָס זיי האָבען זיך געקליבען צו טהאָן, יעדע מעגליכקייט און אונמעגליכקייט. זיי האָבען בעשלאָסען, אַז אין דער דאָזיגער געגענד, וואו מינעראַל־קוואַלען קען מען געגוג געפינען אַרום טייכעל, טאָרען זיי ניט דורך צו הויכע פּאָדערונגען אַרויסלאָזען אַזאַ אונערוואַרטעטע געלעגעלעגענהייט, וואָס אַנדערמאַט האָט זיי פאָרגעלעגט, ווייל אַזאַ געלעגענהייט מאַכט זיך זעלטען־ווען. פון דער אַנדער זייט אָבער, האָבען זיי איהם דעם קוואַל אין גאַנצען ניט געוואָלט אָפּגעבען, ווייל ער האָט אוצרות געלד געקענט אַריינברענגען, פּונקט ווי די קוואַלען פון ראַיאַ און שאַטע־גייאָן.

האָבען זיי געזוכט, הייסט עס, אַ מיטעל, ווי דעם באַנקיר׳ס חשק נאָך מעהר צוברענען. און זיי האָבען אויסגעטראַכט אַ גאַנצע רייהע פון קאָמפּאַניעס, וואָס האָבען בלמרשט מיט זיי אונטערהאַנ־

דעלט וועגען דעם דאָזיגען קוואַל, אַ גאַנצען שאָק ליגענס האָבען זיי אויסגעטראַכט, גראָבע, וואָס זייער אומגעלומפּערטקייט האָבען זיי אַליין גאַנץ גוט געפיהלט, אָבער זיי זיינען ניט פעהיג געווען גלאַ־טערע ליגענס אויסצוטראַכטען.

די גאַנצע נאַכט האָבען זיי אַן אויג ניט צוגעמאַכט. און אויף מאָרגען, ווען דער אַלטער אריאַל איז אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך גלייך געפרעגט, צי איז דאָרט דער קוואַל איבער נאַכט ניט פער־שוואונדען. עס האָט גרייליך געקענט טרעפען, אַז ער זאָל אַזוי פערשווינדען, ווי ער איז געקומען. ער איז געוואָרען אונרוהיג. אַ פרוד האָט איהם אַנגעכאַפּט. ער האָט אויפגעוועקט דעם זוהן, און דער ריעז האָט אַרויסגעבאַפּט די פיס פון אונטער דעם גרויען לאַקען און האָט זיך אַנגעטהאָן, אום צו געהן מיט'ן פאָטער צום קוואַל און זעהן, וואָס הערט זיך דאָרט. יעדענפאַלס האָבען זיי געוואָלט אַביסעל אויפראַמען דאָרט אַרום פעלז און קוואַל, די שטיינער אוועקנעהמען און דאָס וואַסער אַ רייניג טהאָן, קורץ, פוצען דעם קוואַל ווי אַ שטיק פיה, וואָס מען וויל פערקויפען.

האָבען זיי גענומען זייערע העק און שאָפלען און זיינען אוועק אהין מיט זייערע לאַנגע שאַקלענדיגע טריט. זיי האָבען גאָר נישט אַרום זיך געזעהן, אַזוי פערטהאָן זיינען זיי געווען אין זיך, און נור צייטענוויז האָבען זיי די שכנים און בעקאַנטע, וואָס זיי האָבען בעגעגענט, אויף דעם „גוט־מאָרגען" געענטפערט. ווען זיי זיינען געווען אויפ'ן וועג צום קוואַל, האָבען זיי מיט אונרו־היגע אויגען פון דערוויטענס שוין געקוקט אַהין, צי דאָס וואַסער שפּרודעלט דאָרט און לויכט אין דער פריה־מאָרגענדיגער זון.

דער וועג איז געווען לעדיג, וויים, שטויביג, פּאָזע וועג האָט געפלאָסען דאָס גראָזיגע טייכעל. אונטער אַ בוש האָט אַריאַל פלוצים בעמערקט צוויי פיס. ווען זיי זיינען אַביסעל נעהענטער צוגעגאַנגען, האָבען זיי דערקענט דעם אַלטען גלאַווים, וועלכער איז דאָרט געזעסען ביים זייט פון'ם וועג, וועהרענד זיינע קוליעס זיינען געבען איהם געלעגען אין'ם גראָז. דער אַלטער איז געווען

געלעהמט. אין דער גאנצער געגענד, וואס ער האט א יאהר צעהן זיך ארומגעשלעפט אויף זיינע קוליעס, האט מען איהם גוט גע־קענט. ער איז פריהער געווען א פיש־גנב. דאן האט מען איהם אפט געכאפט און פעראורטהיילט, און פון אפט ליגען אין'ם טהוי־פייכטען גראז און פון זיין ביינאכטיגען פיש־גנב'ענען, ווען איהם איז אויסגעקומען צו שטעהן ביז איבער'ן גארטעל אין'ם טייך, האט ער א רעוומאטיזם אין די פיס בעקומען, און אזוי האט ער זיך איצט ארומגעשלעפט ווי א ראק, וואס האט זיינע פיס פער־לארען. בעת ער איז געגאנגען, האט זיך די רעכטע פוס איהם נאכ־געשלעפט, ווי א שטיק האלץ, און די לינקע האט ער אויך קרום בעוועגט. אבער די יונגע לייט פון דער געגענד, וואס האבען שטי־לערהייד די מיידלאך אין די פערבארגענע ווינקלאך געזוכט, אדער האבען זיך נאך האזען נאכגעיאגט, אט די דאזיגע יונגע לייט האבען גע'טענה'ט, אז זיי האבען א סך מאל געזעהן, ווי דער אל־טער גלאוויס איז שנעל און פלינק אין'ם וואלד פערשוואונדען און אז זיין כלומרשט'דיגע רעוומאטיזמוס איז נור א געמאכטער, אום אפצונארען די פאליציי. דער ריעז האט אויך געזאגט, אז ער האט איהם אודאי פופציג מאל געזעהן געהן ניט אנגעלעהנט אויף די קוליעס.

דער אלטער אריאל האט זיך אפגעשטעלט נעבען גלאוויס'ן. א געדאנק איז איהם פלוצים אריינגעפאלען, וועלכען ער האט נאך ניט אין גאנצען ביי זיך, אין'ם פויערשען מוח, איבערגעקאכט, ווארים דאס טראכטען איז בכלל איהם צוגעגאנגען אביסעלע צו־שווער. ער האט זיך אנגערופען:

— גוט־מארגען!

גלאוויס האט געענטפערט:

— גוט־מארגען!

דערנאך האבען זיי גערעדט וועגען וועטער, וועגען די טרוי־בען אין די וויין־גערטנער און וועגען נאך אזוינע ענינים. און אזוי ווי דער ריעז האט זיך ניט אפגעשטעלט און איז זיך זיין וועג ווייי־

טער געגאַנגען אין דער ריכטונג פון'ם קוואַל, האָט זיך דער אַל־טער אַריאל מיט גרויסע טריט אַ לאָז געטהאָן צו אָניאָגען איהם. דער קוואל האָט געשלאָגען און געפּלאַסען איצט שוין גאַנץ קלאָהר, און דער גרונד פון דעם קוואל איז רויטליך געווען, דונקעל־רויטליך, אפנים פון דעם אייזען, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. דיביידע מענער האָבען זיך אָנגעקוקט מיט פרייד און האָבען זיך אַ נעהם געטהאָן צו רייניגען די ברעגעס פון דער גרוב, ארויסגעשלעפּט פון דאָרט די שטיינער, וועלכע זיי האָבען אין אַ קופּע געוואָרפען. דערנאָך האָבען זיי געפונען די איבערגעבליבענע טהיילען פון'ם טויטען הונד און זיי לאַבענדיג בעגראָבען. פּלוצים האָט דער אַל־טער אַריאַל אריינגעזעצט זיין שאַפעל טיעף אין דר'ערד אריין און איהם געלאָזט אַזוי שטעהן. אַ פרעהליכער שמייכעל האָט זיך אי־בער זיין גאַנצען פּנים צוגאָסען און פון זיינע אויגען ביטרע ארויס־געשפּריצט. ער האָט זיך אָנגערופען צו זיין זוהן:

— קום מיט מיר!

יענער איז איהם נאָכגעגאַנגען. זיי זיינען געגאַנגען אויף דעם אייגענעם וועג צוריק. דער אַלטער גלאַווים האָט נאָך דאָרט געוואַרעמט זיינע גליעדער און זיינע קוליעם אויף דער זון. אַריאל האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען איהם און געזאָגט:

— הער נור, דו וואָלסט וועלען פערדיענען אַ הונדערט פראַנק?

יענער האָט פאַר פאַרזיכטיגקייט ניט געענטפערט.

— הונדערט פראַנק! דו הערסט: הונדערט פראַנק!

דאָ האָט דער אַלטער גלאַווים געוואַגט און ארויסגעברומט:

— נו, וואָס וועל איך דערפאַר דאַרפען טהאָן?

— הער־זשע, אָבער מיט אַ קאָפּ, וואָס דו דאַרפסט טהאָן.

און ער האָט איהם ערקלעהרט פערשטעלט, מיט אַלערליי אָנצוהערענישען, אַז אויב ער וויל פערדיענען הונדערט פראַנק, דאַן וועט ער זיך מוזען באַדען יעדען טאָג אַ גאַנצע שטונדע, פון עלף ביז צוועלף, אין דער גרוב, וואָס ער און זיין זוהן ווילען גראַבען.

אזוי וועט ער זיך מוזען באדען א מאנאט צייט און געזונד ווערען.
וועט ער איהם דערנאך געבען די הונדערט פראנק.

דער קריפעל האט איהם אויסגעהערט מיט א טעמפען אויס־דרוק. דערנאך האט ער געזאגט:

— ווען אלע רפואות פון'ם אפאטהעק האבען מיר ניט גע־האלפען, היינט ווי אזוי וועט מיר אייער וואסער העלפען?

אבער דער ריעז איז פלוצים בייז געווארען:

— הער נור, דו אלטער שווינדלער, מיר ווייסען, ווי קראנק דו ביזט, מיר ווייסען. וואס האסטו אנומעלט געטהאן איז'ם וואלד א זייגער עלף ביינאכט, הא?

דער קריפעל האט געענטפערט מיט היץ:

— דאס איז ניט אמת!

דער ריעז איז אויפגערעגט געווארען:

— וואס? ניט אמת? ביזטו ניט איבער די קאנאוועס גע־שפרונגען? געוואלט גנב'ענען עפעס אדער גע'גנב'עט?

יענער האט געענטפערט ענערגיש:

— דאס איז א ליגען!

— א ליגען, הא? ווען איך האב גענומען שרייען: פא־ליציי! און דו ביזט אנטלאפען?

— ניט אמת!

דער ריעז יאקאוו איז אויסער זיך געווארען און גענומען איהם סטראשען:

— טא זאלסטו געדענקען, ווען איך וועל דיר אמאל ביינאכט פאצאפען איז'ם וואלד אדער ביים טייך, וועל איך שוין דאן דיר דערלאנגען, האב ניט מורא! איך וועל דיר דאן צובינדען צו א בוים און דיך האלטען ביז אין דער־פריה און דערנאך וועל איך צונוי פרופען דאס גאנצע דארף און מיר וועלען דיר אזוי די ביינער צוקלאפען!

אבער דער אלטער אריאל האט אונטערבראכען זיין זוהן און געזאגט ווייך:

— הער נור, גלאַווים, וואָס אַרט דיך, אַז דו וועסט עס טהאָן? וואָס קען עס דיר שאַדען? מיר ווילען פאַר דיר מאַכען אַ פּלאַץ. וואו צו באָדען זיך, איך און מיין יאַקאָוו, דו וועסט זיך באָדען פיער וואָכען צייט. איך וויל דיר אַרויפוואַרפען נאָך הונדערט פראַנק, נו, נאָך צוויי הונדערט... ווייסטו גאָר וואָס: ווען דו וועסט געזונד ווערען נאָך די פיער וואָכען, קריגסטו ביי מיר נאָך פינף הונדערט, דו פערשטעהסט? פינף הונדערט פראַנק פאַר געזונד ווערען! צוויי הונדערט פראַנק וועסטו קריגען דערפאַר, ווייל דו וועסט זיך באָדען און פינף הונדערט פאַר געזונד ווערען, אין איינעם זיעבען הונדערט פראַנק! און שפּעטער, אין הערבסט, אַז דו וועסט וועלען, אַרט מיך ניט, ווען דו וועסט ווידער קראַנק ווערען, אבי דאָס וואַסער האָט דיר געהאָלפען, ווען דו האָסט זיך געבאָדען.

דער „קריפּעל" האָט געענטפערט גאַנץ רוהיג:

— מילא, אַז מען מוז, מוז מען!...

און די דריי מענער האָבען זיך געדריקט איינער דעם אַנדערען די הענד, אַלס סמן, אַז דער געשעפט איז אָפּגעמאַכט. דערנאָך האָבען זיך די אַריאַלס, דער פאַטער און דער זוהן, צוריקגעקעהרט צו זייער קוואַל, אום צו שטעלען זיך גראָבען די באָד פאַר דעם אַלטען גלאַווים.

ווען זיי האָבען אָפּגעאַרבייט אַ פיערטעל שטונדע, האָבען זיי דערהערט שטימען הינטער זיך; אַנדערמאַט און דאָקטאָר לאַטאָן האָבען זיך בעוויזען. די פויערים האָבען זיך פיעלדייטיג אָנגעקוקט און אויפגעהערט צו אַרבייטען. דער באַנקיר איז צוגעגאַנגען צו זיי, האָט זיי די האַנד געדריקט, דאַן האָבען זיי אַלע שטום גענומען קוקען אויף דעם שפּרודעלדיגען וואַסער. דער קוואַל האָט געשוימט, געוואָרפען בלעזלאַך, גאַז־שטראָמען און זיך דורכגעבראָכען אַ וועג צום טייכעל אַרונטער.

אַריאַל האָט זיך פּלוצים אָנגערופען מיט אַ שטאָלצער מינע:

— דאָס וואַסער האָט אייזען, איהר זעהט?

און ווירקליך איז דער גאנצער קוואל איצט רויט גע״ען. אפילו די קליינע שטיינדלאך, איבער וועלכע דאס וואסער איז גע־לאָפען, האָבען אויסגעזעהן ווי מיט א לייכטען פורפור בעדעקט.

דאָקטאָר לאָטאן האָט געענטפערט:

— דאָס איז גאָר נישט, די פראגע איז, אויב עס האָט אנ־דערע מינעראלען.

דער פויער האָט זיך אָנגערופען:

— איך און יאקאָוו האָבען נעכטען אבענד אויסגעטרונקען צו גלעזער פון דעם קוואל און מיר האָבען זיך דערפיהלט אזוי גאָר ווי נייע מענשען. נים אזוי, זוהן?

דער ריעז האָט געענטפערט:

— אוראי ווי נייע מענשען!

אנדערמאט איז געשטאנען מיט איין פוס אויפ׳ן ברעג פון׳ם קוואל. ער האָט זיך געווענדעט צום דאָקטאָר:

— פאר מיינע צוועקען דארפען מיר האָבען זעקס מאָל אזוי פיעל וואסער, נים אזוי?

— יאָ, אונגעפעהר.

— דענקט איהר, אַז אזוי פיעל וואסער וועט דא מעגליך זיין צו קריגען?

— דאָס ווייס איך נים.

— איך דענק, אַז איך וועל דעם פלאץ קענען ערשט דעפי־ניטיוו קויפען, ווען איך וועל אפריהער זיכער זיין, אַז וואסער וועט זיין גענוג און אַז דאָס וואסער איז דאָס ריכטיגע. ביים נאָטאַ־ריוס וועט מוזען אַ קאָנטראקט געמאכט ווערען, אַז אויב אנדערע קוואלען וועלען געפונען ווערען, וועלכע וועלען טויגען פאר מיינע צוועקען, דאן נור זאָל דער קאָנטראקט זיין בינדיג.

דער אלטער אריאל איז געוואָרען אונרוהיג. ער האָט נים פערשטאנען, וואָס אנדערמאט האָט געזאָגט. אנדערמאט האָט איהם דאן ערקלעהרט, אַז אייך קוואל איז ווייניג און ער האָט איהם צו פערשטעהן געגעבען, אַז ער קען מיט איהם מאכען דעם מסחר.

ווען ער זאָל נאָך אַנדערע קוואַלען געפינען, און קיין אַנדערע קוואַ־לען וועט ער אָבער ניט זוכען, ביז ער וועט זיך ניט פערזיכערען אפריהער מיט אַ קאָנטראַקט ביים נאָטאַריוס, אַז דאָס געשעפט איז אָפּגעמאַכט, ווען אַלסדינג וועט זיך ריכטיג ארויסווייזען. דאָס הייסט, אַי נייע קוואַלען וועלען זיך געפינען, אַי דאָס וואַסער וועט זיין דאָס ריכטיגע.

דיביידע פּויערים האָבען גלייך גענומען טענה'ן, אַז זייער ערד איז פול מיט קוואַלען, מען דאַרף נור אַ גראָב טהאָן. אַנ־דערמאָט האָט געזאָגט:

— מיר וועלען זעהן!

דער אַלטער אַריאַל האָט אריינגערוקט זיין האַנד אין דאָס וואַסער און ערקלעהרט:

— אָבער איז דאָס היים! מען קען אַז אוי אָפּקאָכען אין דעם וואַסער, אַ סך הייסער, ווי דער באַנעפּיל־קוואַל.

דאָקטאָר לאַטאָן האָט אויך אריינגערוקט זיין פינגער אין'ם קוואַל און צוגעגעבען, אַז דאָס קען זיין. דער פּויער האָט גערעדט ווייטער:

— חוץ דעם האָט דאָס וואַסער פון דעם קוואַל אַ סך אַ גע־שמאַקערען טעם, ווי דאָס וואַסער פון יענע קוואַלען. פון יענע דאַרף מען פערשטעקען די נאָז. איך גיב אייך מיין וואָרט, אַז דאָס וואַסער איז דאָס בעסטע. איך קען דאָך די אַנדערע קוואַלען אַ יאָהר פופציג שוין און איך זאָג אייך, אַז אַזאַ וואַסער האָבען זיי ניט!

ער האָט אַ רגע געשוויגען און ווידער אָנגעהויבען:

— איך זאָג ניט, חלילה, ווייל איך וויל מיין וואַסער ריה־מען, ניין! איך וועל אייך וועטען, אַז עס וועט אויסהיילען אַלע קראַנקהייטען, רעוומאַטיזם, אַלע קראַנקהייטען, אַלע, אַזוי היים און גוט איז עס. ווילט איהר זיך וועטען?

ער האָט אַ ווײַלע נאָכגעדענקט, אַ קוק געטהאָן אויפ'ן שפּיץ באַרג אַנטקעגען, אַזוי ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט די געווינשטע

קראנקע, און האט ארונטערגעלאזט די אויגן. פון דערווייטענס האבן זיך געזעהן די געלעהמטע פיס פון דעם אלטן גלאווים, וועלכער איז דארט געלעגן הינטער א בוש. דער אלטער אריאל האט ארויפגעלעגט די האנד איבער די אויגן און געפרעגט זיין זוהן:

— ליגט דארט ניט דער אלטער גלאווים?

דער ריזע האט געענטפערט מיט א געלעכטער:

— אודאי ער! ער קען זיך קוים ריהרען פון׳ם ארט.

דא איז דער אלטער אריאל פלוצים צוגעגאנגען צו אנדער־מאט׳ן און האט געזאגט מיט אן ערנסטען איבערצייגטען טאן:

— הערט נור, מיין העדר, הערט נור: דארט ליגט א גע־לעהמטער. דער דאקטאר קען איהם גוט. א קאליקער; א יאהר צעהן, ווי ער קען מיט א פוס ניט א ריהר טהאן. ניט אמת, דאק־טאר?

— יא, ווען דאס וואסער וועט איהם אויסהיילען, דאן וועל איך צאהלען א פראנק פאר יעדעם גלאז—האט דער דאקטאר געענטפערט.

דערנאך האט ער זיך געווענדעט צו אנדערמאט׳ן:

— דער אלטער האט א שווערען רעוומאטיזם, די לינקע פוס איז ביי איהם צוזאמענגעצויגען און די רעכטע איז אין גאנצען גע־לעהמט. איהם קען מען שוין ניט אויסהיילען.

דער אלטער אריאל האט איהם געלאזט רעדען, דערנאך האט ער לאנגזאם געזאגט:

— אט אדרבה, לאמיר פרובען א מאנאט. איך זאג ניט, חלילה, אז מיר וועלען איהם אויסהיילען. ווער קען אזא זאך זא־גען? אבער מיר מעגען דאך פרובען. הערט נור, וואס מיר פאלט איין: איך און מיין זוהן גראבען איצט א גרוב פאר די שטיינער, וועלען מיר בעסער די גרוב פאר גלאווים׳ן גראבען. מיר וועלען פאר איהם א באד מאכען, און זאל ער פרובען זיצען דארט, יעדען טאג א שטונדע, און מיר וועלען זעהן. הא?

דער דאקטאר האט ארויסגעמורמעלט:

— איהר קענט פּרובען, איך פערזיכער אייך אָבער, אז עס וועט איהם ניט העלפען.

אָבער אַנדערמאַט איז שוין פערכאַפּט געוואָרען פון דעם אַל־טען׳ס פּלאַן און ער איז מיט איהם איינפערשטאַנען געווען. אז מען דאַרף עס טאַקי פּרובען. און זיי אַלע זאַלבעפערט זיינען דאַן צוגעגאַנגען צום אַלטען גלאָווים, וועלכער איז נאָך געלעגען אויף דער זון.

דער אַלטער גלאָווים האָט פערשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, און ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער וויים בלומרשט ניט. ער האָט זיך געלאָזט לאַנג איינריידען, צום סוף האָט ער איינגעוויליגט, אָבער ניט פריהער, ביז אַנדערמאַט האָט איהם פערשפּראָכען צו געבען יעדען טאָג צוויי פראַנק פאַר דער שטונדע, וואָס ער וועט זיצען אין׳ם וואַסער. אזוי איז דער עסק געווען אָפּגעמאַכט. זיינע בע־דער האָבען זיך געזאָלט אַנהויבען גלייך ווי די גרוב וועט פאַרטיג ווערען.

דערנאָך האָט דער באַנקיר און דער דאָקטאָר זיך צוריקגע־קעהרט אין דאָרף. דער דאָקטאָר איז אַוועק צו זיינע פּאַציענטען און דער באַנקיר האָט זיך געשטעלט וואַרטען נעבען קור־הויז אויף זיין פרוי, וועלכע האָט באַלד געזאָלט קומען אַהין, אום איהר וואַנע צו נעהמען.

און טאַקי גלייך איז זי ערשיענען אַ ראָזאָווע פון׳ם קאָפּ ביז צו די פיס, מיט אַ ראָזאָווען הוט, ראָזאָווען שירם און מיט אַ ראָ־זאָווען פרישען פּנים. זי איז ערשיענען פרעהליך און מונטער, און האָט זיך בעוועגט שנעל, און לייכט, און גראַציעז, שפּרינגענדיג פון איין שטיין אויפ׳ן אַנדערען, ווי אַ פויגעלע. ווען זי האָט דערזעהן איהר מאַן, האָט זי אויסגערופען:

— אַך, ווי שעהן דאָ איז! איך פיהל זיך אזוי גוט!

די פּאָר געסט, וואָס האָבען טרויעריג געשפּאַצירט איבער׳ן פּאַרק, האָבען זיך אומגעקוקט, ווען זיי זיינען איהר פערבייגעגאַנגען און פּעטרוס מאַרטעל, וועלכער האָט אַרויסגעקוקט פון׳ם פענסטער

פון'ם ביליארד־זאאל מיט די ארבעל פון'ם העמד הויך פערקאט־שעט און מיט א פיפקע אין'ם מויל, האט א רוף געטהאן זיין פריינד לאפאלם, וואס איז דארט אין א ווינקעל געזעסען פאר א גלאז וויין, און אויסגעשריען, א קנאק טהאענדיג מיט דער צונג:

— זאל מיך דער טייפעל נעהמען, אויב זי איז ניט שעהן!

כריסטיאנע איז אריין אין קור־הויז, האט מיט א שמייכעל געגריסט דעם קאסירער, וועלכער איז לינקס נעבען אריינגאנג גע־זעסען, און דעם אלטען אויפזעהער, וואס איז דארט רעכטס געזע־סען, האט זי „גוט־מארגען" געזאגט. דערנאך האט זי איהר קארטע דערלאנגט דער פרוי, וואס איז דארט געווען די אויפזעהערין אי־בער די וואנע־צימערען, און איז אוועק מיט יענער איבער'ן קא־רידאר פערביי א ראנד פון נומערירטע טהירען און אריין מיט איהר אין א גאנץ גרויסען צימער מיט לעדיגע ווענד. דארט איז א שטוהל געשטאנען און א שפיעגעל און אין דער געל־געפארבטער פאדלאגע איז דארט די געלע צעמענטענע וואנע געמאכט געווען. די פרוי האט געעפענט א קראן און דאס וואסער האט גענומען גי־כען פון א קליינער, רונדער לאך אין די וואנע אריין, וועלכע איז באלד אנגעפילט געווארען ביז'ן ראנד ארויף, און וועלכע איז פון איבערלויפען בעשיצט געווען דורך א קאנאל אין דער וואנד.

כריסטיאנע, וועלכע האט איהר קאמער־מיידעל אין'ם האטעל איבערגעלאזען, האט בעדאנקט דער פרוי פאר וועלען איהר העל־פען ביים אויסטהאן זיך. זי האט די פרוי ארויסגעשיקט, געזאגט איהר, ווען זי וועט עפעס דארפען, וועט זי אנקלינגען.

ווען זי האט דאס העמד פון זיך ארונטערגעווארפען, האט זי אריינגעטהאן פריהער איין פוס אין וואסער און זי האט דערפיהלט אזא חיות. דערנאך האט זי די צווייטע אריינגעטהאן און זיך אריינגעזעצט אין די אנגענעהמע ווארימקייט פון דעם דאזיגען דורכזיכטיגען וואסער, וואס איז איבער איהר געלאפען, זי ארומגע־נומען און איהר גאנצען קערפער מיט קליינע קויהלען־זויערע קיי־קעלאך בעדעקט.

פערוואונדערט האָט זי געקוקט אויף די דאָזיגע קליינע לופט־קייקעלאַך אהן א צאהל, וועלכע האָבען זי פון׳ם קאָפּ ביז צו די פיס, ווי מיט פּערלען בעשאָטען, און די דאָזיגע פּערלען, אַזוינע קליינציגע, האָבען זיך נאָכאַנאַנד אויף איהר ווייסען קערפּער גע־וויזען און דערנאָך איבער׳ן וואסער אוועק זיך דרעהען. זיי זיינען אויף איהר הויט אַרויסגעטראָטען, ווי קליינע פּרוכטען, פּרוכטען אַזוי קליין, דאָס מען האָט זיי קיינמאָל ניט געקענט, האָבען אי־בער איהר פרישען צאַרטען ראָזאָווען קערפּער זיך געטראָגען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַזוי ווי די דאָזיגע פּערלען וואָלטען פון איהם אַרויסגעשטראָמט...

כריסטיאַנע האָט זיך געפיהלט אַזוי גוט, אַזוי לייכט, פון דעם דאָזיגען בעוועגליכען וואסער געלאַסטשעט און אומאַרמט, פון דעם דאָזיגען קוואל, וואָס האָט אונטער איהר געשפּרודעלט, דאָס איהר האָט זיך גאָר ניט געוואָלט אַרויסגעהן פון דאָרט.

א געפיהל פון רוהיגען גליק, געזונדהייט, פערבאָרגענער פרייד און שטילער הייטערקייט האָט זי אין גאַנצען אַרומגענומען צו־זאַמען מיט דער וואונדערבאַרער וואַרימקייט פון דעם וואסער און זי האָט גע׳חלום׳ט, ווי איינגעוויעגט דורך דעם מורמלען פון דעם קוואל. זי האָט גע׳חלום׳ט דערפון, וואָס זי וועט נאָכדעם טהאָן, מאָרגען, האָט גע׳חלום׳ט פון איהר פאָטער און פון דעם הויכען, יונגען מאַן, וועגען וועלכען, זינט די געשיכטע מיט׳ן הונד, זי האָט אַמאָל געטראַכט. העפטיגע מענשען האָט זי ניט ליעב גע־האַט. קיין וואונש האָט איהר נשמה איצט ניט בעוועגט, רוהיג איז איהר האַרץ געווען אין דעם דאָזיגען וואַרימען וואסער. קיין וואונש, אויסער דעם אונבעשטימטען געדאַנק וועגען א קינד, קיין וואונש, אַז איהר לעבען זאָל זיך אַנדערשען, קיין וואונש נאָך אויפרעגונג אדער ליידענשאַפט האָט זי איצט ניט געהאַט. זי האָט זיך גע־פיהלט גוט, גליקליך און צופריעדען.

און פּלוצים האָט זי זיך דערשראָקען. מען האָט די טהיר געעפענט; דאָס איז געווען די פרוי, וועלכע האָט אַריינגעבראַכט

די ווענט. די צוואַנציק מינוטען זיינען געווען פאַראיבער, איצט האַט כריסטיאַנע געמוזט אַרויסגעהן פון דער וואַנע. זי איז כמעט טרויעריק געוואָרען, האַט געוואָלט בעטען די פרוי, זי זאָל איהר לאָזען זיצען נאָך עטליכע מינוטען. דערנאָך אָבער האָט זי זיך מיישב געווען, אַז די דאָזיגע וואַנעס וועט זי דאָך האָבען יעדען טאָג, און זי איז אַרויס פון'ם וואַסער און אַרויפגעוואָרפען אויף זיך די אָנגעוואַרעמטע וואַנע־דעקע, וועלכע האָט זיך איהר אויס־געוויזען צו־היים.

צוריקקומענדיג, ווען זי איז פערבייגעגאַנגען דאָקטאָר באָנעפיל'ס קאַבינעט, האָט דער דאָקטאָר פּלוצים די טהיר געעפענט, זי גע־גריסט און זי געבעטען אריינצוגעהן. ער האָט זי געפרעגט, וואָס זי מאַכט, געפיהלט איהר פּולס, געלאָזט איהר די צונג ווייזען, גע־פרעגט, אויב זי האָט אַפּעטיט, ווי איז איהר מאָגען, ווי שלאָפט זי. דערנאָך האָט ער זי בעגלייט ביז צו דער טהיר און געזאָגט:

— עס געהט גאַנץ גוט, גאַנץ גוט. גריסט אייער פאָטער. ער איז דער אָנגענעהמסטער מענש, וואָס איך האָב אויף מיין לעבען ווען געטראָפען!

ווען זי איז פון איהם אַרויסגעגאַנגען אַביסעל געלאַנגוויילט, האָט זי פאַר דער טהיר געטראָפען איהר פאָטער, וועלכער האָט גע־רעדט מיט אַנדערמאַט, גאָנטראַן און פאָול ברעטיני. איהר מאַן, וואָס אין זיין קאָפּ האָט יעדער נייער געדאַנק נאָכאַנאַנד אַרומ־געפלאַטערט און געזשומעט, ווי אַ פליעג, וועלכע איז אין אַ גלאָז פערשפּאַרט, האָט איהר דערצעהלט די געשיכטע וועגען דעם גע־לעהמטען און געוואָלט ווידער אַהין געהן, אום צו זעהן, אויב דער קריפּעל באָדט זיך טאַקע דאָרט. די אַנדערע האָבען איהם בע־גלייט, ווייל זיי האָבען איהם געוואָלט צוליעב טהאָן, און כריסטיאַנע האָט גענומען איהר ברודער אונטער'ן אָרם, איז געבליבען מיט איהם אַביסעלע הינטען און ווען יענע זיינען אַפּגעגאַנגען אַ היב־שען שטיק, האָט זי זיך אָנגערופען:

— הער נור, איך וויל מיט דיר רעדען וועגען דיין פריינד.

ער געפעלט מיר עפּעס ניט. זאָג נור, וואָס פאַר אַ סאָרט מענש איז דאָס אויגענטליך?

גאַנטראַן, וועלכער האָט זייט יאָהרען געקענט זיין פריינד, האָט איהר גענומען דערצעהלען וועגען דער דאָזיגער ליידענשאַפטליכער, העפטיגער און דאָך אויפריכטיגער נאַטור. לויט גאַנטראַן'ס מיינונג איז יענער געווען אַ גאַנץ קלוגער יונגער מאַן, וועלכער האָט זיך אָבער ניט געקענט בעהערשען, ניט געקענט זיינע געפיהלען און געדאַנקען קאָנטראָלירען. איז איהם עפּעס איינגעפאַלען צו טהאָן, האָט ער עס געטהאָן, גוט אָדער שלעכט, האָט איהם ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך שוין זיעבען מאָל געשלאָגען אויף דועלען, ווייל ער האָט אַזוי לייכט בעליידיגט מענשען, ווי לייכט ער האָט אימיצען'ס אַ פריינד געקענט ווערען. ער האָט זיך משוגע פערליעבט אין אַלערליי פרויען, היינט אין אַן איינפאַכער קאָנפעקטען־פערקויפערין און מאָרגען אין אַן אַקטריסע, וועלכע ער האָט מיט געוואַלד גענומען. יאָ, מיט געוואַלד! איין מאָל ביי נאַכט, נאָך דער פאָרשטעלונג, ווען זי האָט געוואָלט זיך זעצען אין איהר עקיפּאַזש, אום אהיים צו פאָהרען, האָט ער זי אויף די אָרמס אַ כאַפּ געטהאָן, דורך דעם פערוואונדערטען עולם זי געטראָגען און אין אַן עקיפּאַזש זי אריינגעזעצט. וועלכער האָט זיך אין אַ גאַלאָפּ אוועקגעטראָגען, אַזוי, דאָס מען האָט איהם דעריאָגען ניט געקענט. און גאַנטראַן האָט געענדיגט:

— קורץ און גוט, ער איז אַ וואָוילער און אינטערעסאַנטער מענש, נור משוגע אויף טויט. ער איז זעהר רייך, פעהלט איהם ניט אויס קיין געלד, ווען ער דאַרף ער פיר זיינע משוגעת'ן.

בריסטיאַנע האָט זיך אָנגערופען:

— עס שמעקט פון איהם עפּעס אַ בעזונדער רח, אַזאַ אַנגענעהמער, ווייסטו ניט, וואָס דאָס איז פאַר אַ פּאַרפיום?

גאַנטראַן האָט געענטפערט:

— איך ווייס ניט, ער וויל מיר ניט זאָגען, איך רעכען, אַז דאָס פּאַרפיום קומט פון רוסלאַנד; די אַקטריסע, זיין אַקט־

ריסע, פון וועלכער איך הייל איהם איצט, האט עס איהם פערשאפט. יא, יא, עס שמעקט זעהר גוט.

אויפ'ן וועג האבען זיי בעגעגענט באדע־געסט און פויערים, ווארים יעדען אין דער־פריה פאר פריהשטיק זיינען די געסט שפאציערען געגאנגען.

כריסטיאנע און גאנטראן האבען אנגעיאגט דעם מארקיז, אנדערמאט'ן און פאול'ן און באלד האבען זיי דערזעהן אויף דעם ארט, וואו עס איז נאך נעכטען דער פעלז געשטאנען, א קאפ פון א מענשען, בעדעקט מיט א גרויען פעלדענעם הוט, מיט א לאנגער, ווייסער באָרד, וועלכע, האט זיך געדאכט, איז פון דער ערד ארויסגעוואקסען, ווי א פלאנצונג. ארום איהם זיינען געשטאנען פויערים און האבען ערנסט זיך צוגעקוקט, וועהרענד דריי דיקע העררען פון דעם צווייטען קלאס האטעל האבען געלאכט און זיך געוויצעלט.

אריאל און זיין זוהן זיינען דערביי געשטאנען און האבען געקוקט אויף דעם אלטען חברה־מאן, וועלכער איז געזעסען אין זיין גרוב אויף א שטיין ביז'ן האלז אין'ם שוימענדיגען וואסער. עס האט זיך אויסגעוויזען, אזוי ווי א מיטעל־עלטערשער פערברעכער וואלט זיין שטראף אפגעקומען פאר עפעס א פערברעכען, ווי פאר האבען צו טהאן מיט דעם „ניט גוטען“, צום ביישפיעל. זיינע קורליעס האט ער נעבען זיך געהאלטען. זיי האבען נעבען איהם געשוואומען. אנדערמאט האט מיט פרייד אויסגעשריען:

— בראווא! בראווא! אלע, וואס זיינען קראנק, דארפען זיך דא באדען.

און ער האט זיך צוגעבויגט צו איהם און א געשריי געטהאן אזוי, אקוראט ווי יענער וואלט טויב געווען:

— פיהלט איהר זיך גוט?

דער אלטער, וועלכער האט זיך געקאכט אין דעם הייסען וואסער, האט געענטפערט:

— א, איך ווער לעבעדיגערהייט אפגעקאכט. איך ווער צושטאלצען. עס איז אזוי היים!

און דער אַלטער אריאל האָט ערקלעהרט:

— וואָס הייסער, אַלץ בעסער, אַלץ געזינטער!

הינטער דעם מאַרקיז האָט זיך אַ שטימע דערהערט:

— וואָס איז דאָ?

הערר אַברי־פּאָוסטער איז עס געווען. ער איז ערשט געקומען פון זיין שפּאַציער און האָט געסאָפּעט, ווי געוועהנליך. אַנדער־מאַט האָט איהם ערקלעהרט, וואָס דאָ איז אַזוינס. אָבער דער אַלטער האָט גענומען שרייען:

— איך'ל ניט אויסהאַלטען, איך וועד פּערברענט!

ער האָט געוואָלט פון'ם וואַסער אַרויסגעהן און געבעטען, מען זאָל איהם אַרויסשלעפּען פון דאָרט. דער באַנקיר האָט איהם צום סוף בערוהיגט, פּערשפּרעכענדיג איהם נאָך צוואַנציג סו פאַר יעדען מאָל באָדען זיך.

מען איז געשטאַנען אַרום דער גרוב, אין וועלכער די גרויע שמאַטעס, מיט וועלכע דער דאָזיגער אַלטער חברה־מאַן איז צו־געדעקט געווען, האָבען, האָט זיך געדאַכט, אַרומגעשוואומען. אי־מיצער האָט זיך אָנגערופען:

— די דאָזיגע סופּ וואָלט איך ניט געוואָלט עסען.

און אַנדערער האָט אונטערגעכאַפּט:

— דאָס פלייש אויך ניט.

דער מאַרקיז האָט בעמערקט, אַז די קאָהלען־זויערע בלעזלאַך זיינען דאָ, אין דעם נייעם קוואַל, מעהר, גרעסער און שוימענ־דיגער, ווי אין די אַנדערע קוואַלען. די שמאַטעס פון דעם אַלטען זיינען דערמיט בעדעקט געווען און די קליינע קייקעלאַך זיינען אין אַזוינע מאַססען אַרויפגעקומען אויף אויבען. דאָס עס האָט זיך אויסגעגעבען, ווי איבער'ן וואַסער וואָלטען זיך אַהן אַ שיעור פיעל שנירלאַך געצויגען מיט קליינע רונדע דימענטען, וועלכע האָבען אונטער דער שטראַהלענדיגער זון געפינקעלט, ווי בריליאַנטען.

דאָ האָט זיך אַברי־פּאָוסטער אָנגערופען:

— הערט נור, איך מוז אייך דערצעהלען, וואָס זיי טהוען

אין׳ם קור־הויז. איהר ווייסט, אַז מען פאנגט אַ קוואַל, ווי אַ פויגעל אין אַזאַ מין שטייגעל, אָדער ריכטיגער, אין אַזאַ סאָרט גלאָק, דאָס רופען זיי: אַריינראַפּען דעם קוואַל. אַלזאָ, פער־אַ־יאָהרען האָט אַזאַ געשיכטע געטראָפען מיט דעם קוואַל, וואָס גיט וואַסער פאַר די וואַנעס. דער קויהלען־זויער שטאָף, וואָס איז לייכטער ווי דאָס וואַסער, האָט זיך אָנגעזאַמעלט אויבען אונטער דעם גלאָק און ווען דער דאָזיגער שטאָף האָט זיך צופיעל אָנגעזאַמעלט, האָט ער פון דאָרט גענומען שטראָמען צוריק און האָט אָנגעפילט די וואַנע־צימערען און האָט קראַנק געמאַכט די פּאַציענטען. אין אַ צייט פון צוויי מאָנאַטען האָבען פּאַסירט דריי אונגליקס־פעלע. דאַן איז מען ווידער געקומען צו מיר פרעגען אַן עצה, און איך האָב אויסגעטראַכט אַ גאַנץ אייניפאַכען אַפּאַראַט, פון צוויי רעהרען צונויפגעשטעלט, וואָס האָט געזאָלט האַלטען אָפּגעטהיילט די גאַז און די פליסיגקייט אונטער דעם גלאָק, און נור אין וואַנע האָט מען זיי ווידער געזאָלט צונויפמישען. אויף אַזאַ אופן וואָלט דאָס וואַסער דאַן זיין אָריגינעלע אייגענשאַפט בעקומען און די געפאַהר פון דעם קויהלען־זויער שטאָף וואָלט מען אויסגעמידען. אָבער מיין אַפּאַראַט האָט געדאַרפט קאָסטען אַ טויזענד פראַנק. וואָס, מיינט איהר, האָט דער מאַכער פון די בעדער געטהאָן? ער האָט איינפאַך אויסגעבויערט אַ לאָך אין דעם גלאָק, אום דאָס גאַז זאָל זיך פון דאָרט אַרויסגעהן, און איצט ווערען גענומען בעדער, וואָס האָבען ניט קיין קויהלען־זויער שטאָף, אָדער האָבען אַזוי ווייניג, כמעט ווי גאָר ניט.

אַלע, וואָס האָבען דאָס דערהערט, זיינען אויפגערעגט געוואָרען. זיי האָבען שוין מעהר ניט געלאַכט, מעהר ניט געשפּאַסט. מען האָט געקוקט מיט קנאה אויף דעם אַלטען קריפּעל און יעדער וואָלט מיט פערגעניגען זיך געבאָדען אין דער גרוב, וואו דער אַלטער האָט זיך איצט געבאָדען. אנדערמאַט האָט גענומען דעם אינזשעניר אונטער׳ן אָרם און זיי זיינען אַוועק רעדענדיג מיט היץ. יעדע ווייל̇ע האָט זיך אַברי־פּאָסטער אָפּגעשטעלט, גע־

צייכענט עפּעס מיט'ן שטאַק אויפ'ן זאמד און דער באַנקיר האָט עפּעס געשריבען אין אַ נאָטיץ־ביכעלע.

כריסטיאַנע און פּאול ברעטיני האָבען פערפיהרט אַ שמועס. ער האָט איהר דערצעהלט פון זיין רייזע אין אווערן, וואָס ער האָט דאָרט געזעהן און געהערט. ער האָט געליעבט די נאַטור, איז געווען זעהר בעגייסטערט און האָט גערעדט:

— מאַדאַם, בין איך אויף דער פרייער נאַטור, פיהל איך אַזוי ווי מיין קערפּער וואָלט געווען אָפען. אַלסדינג שטראָמט אין מיר אריין, פּאַקט מיך, פּילט מיך אָן. דערזעהע איך דאָרט דעם אָבהאַנג אָדער די בוימער, וואָס ציהען זיך דאָרט ארויף די בערג, דאַן פיהל איך, אַזוי ווי אין מיינע אויגען וואָלט דער גאַנצער וואַלד געזעסען. ער דרינגט אין מיר אריין, ער נעהמט מיך אין גאַנ־צען געפאַנגען, ער לויפט דורך מיין בלוט, דורך אַלע מיינע ביינער, איך ווער אַליין וואַלד.

ער האָט געלאַכט, ווען ער האָט דאָס דערצעהלט, געעפענט זיינע גרויסע רונדע אויגען און געקוקט דאָ אויף דעם וואַלד און דאָ אויף כריסטיאַנע'ן, וועלכע איז געשטאַנען איבערראַשט, ערשטוינט און האָט געפיהלט, ווי זיין הייסער, גיריגער בליק זויגט איין זי אין זיך, אַזוי ווי דעם וואַלד.

ער האָט גערעדט ווייטער:

— און ווען איהר וואָלט געוואוסט, פיעל איך האָב צו פער־דאַנקען מיין נאָז. איך טרינק איינפאַך די לופט מיט מיין נאָז. איך בערויש זיך דערמיט, איך לעב דערפון און איך פיהל אַלסדינג, וואָס איז דאָ אין דער לופט, אַלסדינג, אַלסדינג. איך וועל אייך ערקעהרען וואָס איך מיין:

האָט איהר ניט בעמערקט, זייט איהר זייט דאָ, יענעם פיי־נעם געשמאַקען גערוך, וואָס קיין גלייכען איז צו איהם ניטאָ, אַזוי פיין און לייכט, דאָס ער איז, ווי זאָל איך עס אויסדריקען? — איך וואָלט איהם אָנגערופען: נשמה־גערוך. אומעדום פיהלט מען איהם, מען ווייס אָבער ניט, פון וואַנען ער קומט. קיין פיינערען

גערוך קען מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען. ווייסט איהר וואָס דאָס איז? דער דופט פון די בליהענדע וויין־גערטנער איז דאָס. פיער טעג נאָכאַנאַנד האָב איך געזוכט, פון וואַנען ער קומט, ביז איך האָב עס אויסגעפונען. איז דען דאָס ניט אַ פערגעניגען צו וויסען, מאַדאַם, אַז דער וויינשטאָק, וואָס גיט אונז וויין, וויין, וועלכען נור מענשען מיט אַ פיינערען געשמאַק קענען ריכטיג אָפּשאַצען און געניסען, גיט אונז אויך דעם פיינסטען און פערווירענדסטען גערוך, וואָס נור מענשען מיט פיינע נערווען קענען איהם ריכטיג פיהלען און געניסען?

און וואָס זאָגט איהר עפּעס צו דעם גוואַלדיגען גערוך פון די קאַשטאַנען־בוימער, צו דעם זיסען דופט פון די אַקאַציען־בוימער, צו דעם אַראָמאַט פון די בערג, פון דעם גראָז, יאָ, פון דעם גראָז, וואָס שמעקט אַזוי זיס, אַזוי זיס, פיעל זיסער, ווי מענשען קענען זיך פאָרשטעלען?

זיינע ווערטער האָבען זי גאַנץ פערווירט, ניט ווייל זיי זיינען איבערנאַטירליך געווען, נור ווייל זיי האָבען איהר געקלונגען גאַנץ אַנדערש פון אַלסדינג, וואָס זי האָט ביז אָהער אַרום זיך געהערט. זי האָט זיך געפיהלט פערכאַפּט פון זיינע ווערטער, בעוועגט און כמעט צוטומעלט.

ער האָט גערעדט ווייטער מיט זיין פערשטיקטען, אָבער וואַרימען קול:

— האָט איהר אַמאָל געפיהלט אין דער לופט, אויף די גאַסען, ווען עס איז וואַרים, אַ לייכטען גערוך פון וואַנילע? איאָ, איהר האָט געפיהלט? ווייסט איהר, וואָס דאָס איז? דאָס איז, דאָס איז... אָבער איך וואָג עס ניט אייך צו זאָגען...

און איצט האָט ער זיך הויך אויפ'ן קול צולאַכט, און פּלוצים האָט ער אויסגעשטרעקט די הענד און געזאָגט:

— טהוט נור אַ קוק!

אַ גאַנצע רייהע פון היי־וואָגענס זיינען אָנגעקומען, יעדער פון צוויי איינגעשפּאַנטע אָקסען געשלעפּט. די אָקסען האָבען

לאנגזאם געטראָטען, דעם קאָפּ אונטער'ן יאָך געבויגט, די הער־גער מיט ברעטלאָך פערשטעלט, און אונטער זייער פעל האָט מען געזעהן, ווי די ביינער פון זייערע פיס האָבען זיך בעוועגט. פאר יעדען וואָגען איז אַ מאַן געגאַנגען מיט די ארבעל פון'ם העמד פערקאָטשעט, מיט אַ שווארצען הוט און אַ שטאָק אין דער האנד. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אומגעדרעהט, צוגעריהרט זיך צום שולטער אָדער שטערן פון אַן אָקס, און דער אָקס האָט זיינע גרויסע אויגען צוגעמאַכט און איז געגאַנגען ווי אַזוי און וואוהין זיין בעל־הבית האָט געוואָלט.

די וואָגענס זיינען פארביי כריסטיאַנע'ן און פאול'ן געפאָהרען.

ער האָט זיך אָנגערופען צו איהר:

— איהר פיהלט דעם גערוך?

זי האָט זיך פערוואונדערט:

— וואס פאר אַ גערוך? עס שמעקט מיט שטאָהל!

— יאָ, דאָס מיין איך טאַקי; אַלע די דאָזיגע אָקסען, וואָס שלעפּען די וואָגענס אויף די שאָסעען, ווייל קיין פערד זיינען אין דער געגענד ניטאָ, פערשפּרייטען אָט דעם דאָזיגען גערוך פון'ם שטאָהל, וועלכער, אויסגעמישט מיט דעם פיינעם שטויב און מיט דעם הויך פון'ם ווינד, שמעקט ווי וואַנילע.

כריסטיאַנע האָט ארויסגעמורמעלט מיט עקעל:

— אָה!

ער האָט געזאָגט:

— איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, איך האָב נור געמאַכט אַן אַנאַליז. ווי אַן אַפּאָטהעקער. יעדענפאלס זיינען מיר אין דער שעהנסטער און געזונדסטער געגענד, וואָס איך האָב ווען גע־זעהן. און די לימאַן, אָה, די לימאַן! אָבער דערפון וויל איך גאָר ניט רעדען, דאָס מוז איך אייך ווייזען, מיט אייערע אייגענע אויגען מוזט איהר די לימאַן זעהן, דאַן וועט איהר זיך אַביסעל וואונ־דערען!

דער מארקיז און גאנטראַן זיינען צו זיי צוגעגאַנגען.

דער מארקיז האט גענומען זיין טאכטער אונטער'ן ארם און זיי זיינען אוועק צוריק צום האטעל צום פריהשטיק. און אויפ'ן וועג האט דער מארקיז פלוצים זיך אנגערופען:

— הערט נור, קינדער, איך מיין אייך אלעמען. וויליאם, וועלכער פערלירט דעם זינען אזוי שנעל, ווי ער האט עפעס א אידעע אריינגענומען אין'ם קאפ, שווערמט איצט נור פון דער שטאדט, וואס ער וויל דא אויסבויען, און דערצו איז איהם נויטיג צו געווינען די פאמיליע אריאל אויף זיין זייט. וויל ער, אז כריסטיאנע זאל זיך בעקענען מיט אריאל'ס טעכטער, אום צו זעהן, אויב זיי זיינען מעגליך אין א געזעלשאפט. אבער זייער פאטער דארף דאס ניט וויסען. איז מיר איינגעפאלען אן אידעע אין'ם קאפ: מיר וועלען אן אונטערהאלטונג ארראנזשירען פאר א וואהלטהעטיגען צוועק. דו, מיין קינד, וועסט צום פריעסטער אריבערגעהן און צוזאמען מיט איהם וועסטו אויסוועהלען צוויי מיידלאך פון דער געגענד, וואס זאלען דיר העלפען זאמלען געלד. דו פערשטעהסט שוין, וועלכע צוויי מיידלאך דו וועסט דארפען אויסוועהלען. איהר, יונגע לייט, מוזט זיך זעהן מיט פעטרוס מארטעל און זיין טרופפע און ארקעסטער, און צוזאמען מיט זיי ארראנזשירען די דאזיגע אונטערהאלטונג אין קאסינא, און ווען אריאל'ס טעכטער זיינען ווירקליך גוט ערצויגען, ווי איך האב געהערט — זיי האבען זיך ערצויגען, זאגט מען, אין א קלויסטער, — וועט כריסטיאנע זיכער זייער פריינדשאפט געווינען.

V.

אכט טעג לאנג איז כריסטיאנע אלץ פערנומען געווען מיט די פארבערייטונגען צו דעם פעסט. דער פריעסטער האט אויך גערעכענט, אז אריאל'ס טעכטער זיינען געווען די איינציגע צוויי מיידלאך פון זיין געמיינדע, וועלכע זיינען ווערטה געווען די עהרע,

צוזאַמען מיט דער טאָכטער פון דעם מארקיז ראַוועגעל, געלד צו זאַמלען. און ער האָט זיך אַליין אויך געפיהלט גוט, זעהר געשמיי־כעלט, וואָס דעם מארקיז'ס טאָכטער האָט זיך צו איהם געווענדעט. ער האָט געהאָלפען אַלסדינג צו אַראַנזשירען, אַליין איינגעלאַדען אַריאַל'ס מיידלאַך, אַזוי ווי דאָס וואָלט אין גאַנצען זיין אידעע געווען.

די גאַנצע געמיינדע האָט עס אויפגערודערט, און די טרויעריגע געסט האָבען גאָר אָפּגעלעבט, ווייל זיי האָבען געהאַט איצט פון וואָס צו רעדען.

דער טאָג איז געווען אַ שעהנער, אַ זוניגער, אַ וואַרימער. די גאַנצע געגענד האָט געשטראַהלט און אונטער די בוימער פון'ם דאָרף איז געווען אַזוי אַנגענעהם.

דער פעסט האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט אַ קורצען גאָטעס־דיענסט אין דער קירכע מיט מוזיק, פּונקט ניין אַ זייגער. כריס־טיאַנע איז געקומען נאָך פאַר דעם גאָטעס־דיענסט, אום צו וואַר־פען נאָך אַ בליק אויף דער בעפּוצונג אין דער קירכע, וועלכע איז אין גאַנצען בעהאַנגען געווען מיט בלומען־גירליאַנדען. דאָ האָט זי דערהערט טריט הינטער זיך. דער פּריעסטער איז אָנגעקומען מיט אַריאַל'סביידע טעכטער און האָט זיי איהר פאָרגעשטעלט. כריסטיאַנע האָט גלייך איינגעלאַדען די יונגע מיידלאַך צום פריה־שטיק. זיי האָבען אָנגענומען איהר איינלאַדונג, דערביי זיינען זיי רויט געוואָרען און האָבען געמאַכט אַ טיעפען קניקס.

איצט האָט דער עולם אָנגעהויבען צו קומען. זיי האָבען זיך אַלע דריי געזעצט אויף עהרען־שטוהלען אויבען־אָן. נעגען זיי זיי־נען געזעסען דריי אויסגעפּוצטע יונגע לייט, די זיהן פון דעם ביר־גערמייסטער (מער), פון דעם וויצע־בירגערמייסטער און פון דעם געמיינדע־פּרעזידענט, וועלכע האָבען געדאַרפט בעגלייטען די דאַ־מען, ווען זיי וועלען זאַמלען דאָס געלד. די דאָזיגע לייט האָט מען אויסגעוועהלט, אום צו שמייכלען דער אָרטיגער רעגיערונג.

דער גאָטעס־דיענסט האָט ניט לאַנג געדויערט. די געלד־

זאַמלונג האָט אַריינגעבראַכט הונדערט און צעהן פראַנק, אין גאַנצען מיט די פינף הונדערט וואָס אַנדערמאַט האָט געגעבען, די פופציג, וואָס דער מאַרקיז האָט געשענקט, און די הונדערט, וואָס פּאָול ברעטיני האָט געגעבען, — זיבען הונדערט און זעכציג פראַנק, עט־וואָס, וואָס אין ענוואַל האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפען.

נאָך דער דאָזיגער צערעמאָניע האָט מען אַריאַל'ס טעכטער מיטגענומען אין האָטעל. זיי האָבען אויסגעזעהן אַביסעל צו־מישט, אָבער האָבען זיך געהאַלטען גאָר ניט שלעכט. זיי האָבען קוים אַ וואָרט אויסגערעדט, מעהר אויס בעשיידענהייט, ווי אויס מורא. זיי האָבען געגעסען ביים טיש מיט די אַנדערע און זיי זיי־נען געפעלען געוואָרען די מענער, אַלע מענער.

די עלטערע איז געווען ערנסטער, די איינגערע — לעבהאַפטער. די עלטערע האָט געהאַט בעסערע מאַנירען, די איינגערע איז אָבער געווען גראַציעזער, און דאָך זיינען זיי געווען אַזוי עהנליך איינע צו דער אַנדערער, ווי עס קענען נור זיין צוויי שוועסטער.

באַלד נאָכ'ן מאָהלצייט איז מען אַוועק אין קאַסינאָ, וואו די אונטערהאַלטונג האָט געזאָלט פאַרקומען. דער פּאַרק האָט אויס־געזעהן ווי אַ יאַריד. ער איז פול געווען מיט געסט און פויערים. אין דעם כינעזישען קיאָסק (בודקע) האָט די מוזיק געשפּיעלט אַ דאָרפּישע סימפאָניע, וואָס סען־לאַנדרי אַליין האָט פערפאַסט. פּאָול, וועלכער איז נעבען כריסטיאַנע'ן געזעסען, איז שטעהן גע־בליבען:

— אָה, דאָס קלינגט גאָר ניט שלעכט, ער האָט אַ טאַלאַנט. מיט אַ ריכטיגען אָרקעסטער וואָלט ער זיכער אַן איינדרוק גע־מאַכט.

דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— ליעבט איהר מוזיק, מאַדאַם?

— זעהר.

— און מיך בערוישט מוזיק. ווען איך הער אַ שטיק, וואָס געפעלט מיר, פיהל איך, אַזוי ווי די טענער וואָלטען מיין הויט פון'ם

פלייש אפגעשונדען, זי צושמאלצען און וואלטען מיך אוועקגע־שטעלט אן אפגעשונדענעם געגען די אטאקעס פון די אינסטרו־מענטען. דער ארקעסטער שפּילט דאן אויף מיינע נערוון, וואס ציטערען אויף פון יעדען טאן. איך הער די מוזיק ניט נור מיט די אויערען, נור מיט יעדען נערוו פון מיין קערפּער אזוי, דאס איך ציטער פון'ם קאפּ ביז צו די פיס. קיין זאך פערשאפט מיר ניט אזוי פיעל פערגעניגען, אזא גליק, ווי די מוזיק.

זי האט געשמייכעלט און זיך אנגערופען:

— איהר פיהלט צו שטארק.

— און דאס איז מיין גליק. וואס פאר א זינען וואלט מיין לעבען געהאט, ווען איך זאל ניט שטארק פיהלען? איך בין גאר ניט מקנא יענע מענשען, וואס טראגען א פאנצער אויפ'ן הארצען אדער א דיקע פעל פון א היפּאפּאטאמוס. נור די מענשען זיי־נען גליקליך, וועלכע קענען שטארק פיהלען, נור אזוינע פיהלען דעם לעבען און נור אזוינע געניסען די שעהנקייט פון'ם לעבען.

זי האט איהם אנגעקוקט, עטוואס ערשטוינט, ווי יעדעס מאל, בעת זי האט איהם געהערט רעדען אין פערלויף פון די אכט טעג, זינט זיי האבען זיך בעקענט.

און ווירקליך, אין די דאזיגע אכט טעג האט דער נייער פריינד, — דען ער איז געווען איצט איהר פריינד, טראָץ דעם אונאנגע־נעהמען איינדרוק, וואס ער האט אויף איהר געמאכט, ווען זיי האָ־בען זיך צום ערשטען מאל געטראפען — קורץ, אין די דאזיגע אכט טעג האט ער די רוה פון איהר זעעלע צורודערט, ווי מען צורודערט שטילע וואסער, ווען מען ווארפט שטיינער אהין אריין. און ער האט שטיינער געווארפען, גרויסע שטיינער, אין איהר זעעלע אריין, וואס האט ביז אהער רוהיג געשלומערט.

כריסטיאנע'ס פאטער, ווי אלע פאטערס, האט זי אלע מאל בעהאנדעלט ווי א קליין מיידעל, מיט וועלכער מען דארף ניט רעדען וועגען ערנסטע זאכען. איהר ברודער האט זי לאכען גע־מאכט אבער ניט דענקען. איהר מאן האט געהאלטען פון דעם

כּלל, אַז מיט אַ פרוי דאַרף מען ניט רעדן וועגן זאַכען, וואָס האָבען ניט קיין דירעקטע שייכות מיט דעם געוועהנליכען לעבען, און אַזוי האָט זי זיך געלעבט רוהיג און איהר מוח און איהר האַרץ זיינען פון קיינעם און פון גאַרנישט ניט געשטערט געוועז.

פּאול איז געקומען און האָט נייע געדאַנקען אין איהר מוח אריינגעקלאַפּט, ווי מיט אַ האַמער. דערצו איז ער געווען איינער פון יענע מענער, וואָס האָט ביי פרויען אויסגענומען, ביי אַלע פרויען, דורך זיין בענעהמונג און דורך די שטורמדיגע און העפטיגע געפיהלען זיינע. ער האָט געוואוסט, ווי צו רעדען מיט זיי, האָט געקענט זיי אַלסדינג זאָגען און פערשטעהן זיך מאַכען. ניט פעהיג אויף דויערענדער אַנשטרענגונג, איז ער אָבער אינטעליגענט געווען, שטענדיג בעגייסטערט פאַר עפּעס אָדער אויפגערעגט געגען עפּעס, האָט גערעדט מיט פעסטער איבערצייגונג און האָט זיך אַזוי שנעל אָפּגעקיהלט, ווי אָנגעצונדען. ער האָט געהאַט דעם טעמפּעראַמענט פון אַ פרוי, איהר רייץ, איהר בעוועגליכקייט, איהר געפיהלפוליגקייט און דערביי די גרויסע, שטאַרקע און דורכדרינגענדיגע אינטעליגענץ פון אַ מאַן.

גאָנטראַן איז פּלוצים צוגעגאַנגען צו זיי:

— מהוט אַ קוק אהינטער אויף דאָקטאָר האָנאָראַ מיט זיין פרוי!

זיי האָבען זיך אומגעקוקט און דערזעהן דאָקטאָר האָנאָראַ נעבען אַ דיקער, אַלטער דאַמע אין אַ בלויען קלייד. איהר קאָפּ האָט אויסגעזעהן, ווי אַ באָטאַנישער גאָרטען פון די אַלערליי מינים פלאַנצען, מיט וועלכער איהר הוט איז בעפּוצט געווען.

כריסטיאַנע האָט אויסגעשריען:

— איז דאָס זיין פרוי? זי זעהט דאָך אויס אַ יאָהר פופצעהן עלטער פון איהם!

— יאַ, זי איז פינף און זעכציג יאָהר אַלט, אַז אַמאָליגע אַקושערקע, אין וועלכער ער האָט זיך פערליעבט צווישען צוויי קינד־

בעטען. מען זאָגט, אַז פון אין דער־פריה ביז פאַרנאַכט רייסען זיי זיך אַרום, ווי קעץ.

זיי זיינען אַוועק ווייטער צום קאַסינאָ צו, פון וואַנען אַ ליאַרעם האָט זיך געטראָגען. אויף אַ גרויסען טיש פאַר דעם קור־הויז איז אָנגעגאַנגען אַ לאָטעריי. פּעטרוס מאַרטעל, מיט דער הילף פון פריילין אַדעלין פון׳ם אַדעאַן, האָט צעטעלאַך מיט נו־מערען געצויגען און דערביי געשאָטען ביליגע וויצען, פון וועלכע דער עולם האָט שטאַרק הנאה געהאַט.

דער מאַרקיז האָט זיך בעוויזען מיט אַריאַל׳ם טעכטער און אַנדערמאַט׳ן. זיי זיינען צוגעגאַנגען צו כריסטיאַנע׳ן און איהרע בעגלייטער.

— זאָלען מיר דאָ בלייבען? אָבער עס איז צו טומעלדיג, — האָט דער מאַרקיז געזאָגט.

און עס איז געבליבען צו געהן אַרויף באַרג מיט׳ן וועג, וואָס האָט געפיהרט פון ענוואַל צו לאַ ראָש־פּראַדיר. זיי האָבען געמוזט אַפריהער געהן איינציגווייז איינער הינטער דעם אַנדערען מיט׳ן שמאָלען וועג, וואָס האָט זיך געדרעהט צווישען די וויין־גערט־נער אויפ׳ן באַרג. כריסטיאַנע איז געגאַנגען פאַראויס מיט שנעלע עלאַסטישע טריט. זייט זי איז אין דער דאָזיגער געגענד גע־ווען, האָט זי זיך געפיהלט ווי ניי־בעלעבט, מיט פרישער לעבענס־קראַפט און לעבענס־לוסט, ווי נאָך קיינמאָל אין איהר לעבען. אפשר האָבען די בעדער אויף איהר אַזאַ ווירקונג געהאַט, שטאַר־קער געמאַכט איהרע עטוואָס אָפּגעשוואַכטע אָרגאַנען, וואָס פלע־גען זי פריהער אָהן אַ פאַרוואָס אַזוי טרויעריג מאַכען? און אפשר האָט דער אונבעקאַנטער יונגער מאַן, מיט זיין צאַפּעלדיגען גייסט, זי בעלעבט און זי געמאַכט פיהלען און זעהן זאַכען גאַנץ אַנ־דערש, ווי פריהער...

זי האָט נאָכגעהעמט לאַנג און טיעף און געטראַכט בעת דעם, ווי וואָלט ער אָנגערופען דעם גערוך, וואָס דער ווינד האָט אָנגע־

טראָגען. זי האָט אַ קלעהר געטהאָן: „ווירקליך, ער האָט מיך אויסגעלערענט די לופט „צו שמעקען!"

זי האָט געפיהלט אַלע רוחות אין דער לופט, און מעהר ווי די אַנדערע, דעם לייכטען, פיינעם דופט פון די בליהענדיגע וויין־גערטנער.

זיי זיינען ארויס אויפ'ן גלייכען, ברייטען וועג. איצט זיי־נען זיי אוועק אין גרופּען. אנדערמאַט און אריאַל'ס עלטערע טאָכטער לואיזע, זיינען געגאַנגען פאָראויס און האָבען גערעדט פון דער לאַנד־ווירטהשאַפט אין אווערן. זי האָט געקענט אַלע איינצעלהייטען פון דער לאַנד־ווירטהשאַפט און גערעדט מיט איהר קלוגער שטימע אין אַ פיינעם טאָן, שטיל און איינגעהאַלטען, ווי מען האָט זי אין'ם קלויסטער געלערענט. וועהרענד ער האָט זיך צוגעהערט, האָט ער אויף איהר געקוקט פון דער זייט און זי. דאָס ערנסטע און פּראַקטישע מיידעל, האָט זיך איהם אויסגעוויזען רייצענד. יעדע ווײַלע האָט ער זיך אָנגערופען אַביסעל פערוואונ־דערט:

— וואָס? איז דאָס לאַנד דאָ, אין דער לימאַן, ווערטה אַזוי הויך, ווי דרייסיג טויזענד פראַנק אַ העקטאַר?

— געוויס, ווען דאָרט וואַקסען גוטע עפּעל־בוימער, עפּעל, וואָס ווערען צום דעסערט בענוצט. כמעט אַלע פרוכטען, וואָס מען עסט אין פּאַריז, קומען פון אונזער געגענד.

דאַן האָט ער זיך אַ קעהר געטהאָן, אום די לימאַן צו בע־טראַכטען, ווארים פון דעם וועג, אויף וועלכען זיי זיינען גע־גאַנגען, האָט מען, ווי ווייט דאָס אויג האָט געכאַפּט, געקענט זעהן דאָס ווייטע שטיק פלאַכע לאַנד, איבער וועלכען עס האָט שטענדיג געשוועבט אַ שוואַכער, בלויער רויך.

כריסטיאַנע און פּאול האָבען זיך אויך אָפּגעשטעלט און גע־קוקט אויף דעם ווייטען, ברייטען לאַנדשאַפט, וואָס האָט דאָס אויג אַזוי געלאַסטשעט, דאָס עס האָט זיך אָפּרייסען פון דעם ניט גע־קענט.

איצט איז דער וועג געלאָפֿען צווישען גוואַלדיג־גרויסע ניס־בוימער, וועלכע האָבען געוואָרפֿען אַ קיהלען שאָטען אויף די פֿערבייגעהער, און ער איז שוין ניט געלאָפֿען מעהר באַרג אַרויף, נור אַרונטער, צום אָבהאַנג צו, וואו וויין־שטאָקען האָבען געבליהט.
פּאָול האָט געפּליסטערט:

— נו, זאָגט אַליין, איז דאָס ניט שעהן? אה, מיך בערוישט די געגענד, זי פֿער׳כשופֿ׳ט מיך. קוק איך אויף די דאָזיגע געגענד, ווערט מיר אַזוי אונגעוועהנליך גוט, מיינע געדאַנקען בעקומען פֿליגלען און זיי פֿליהען, און זיי שוועבען אַהער און אַהין, און טראָגען זיך אַוועק העט־העט אין די וויטע טרוים־לענדער, וועלכע מיר קענען ניט מיט געוועהנליכע אויגען זעהן. יאָ, זעהט נור, קוקט, קוקט, איז דאָס ניט פּראַכטפֿאָל? איז דאָס ניט, ווי אין אַ טרוים־לאַנד?

זי האָט זיך צוגעהערט צו איהם און אַליין גאָר נישט ניט גערעדט. זי האָט געלויערט און געוואַרט אויף יעדען וואָרט זיי־נעם, האָט עס איינגעזויגט אין זיך און איז געריהרט געוועזען, זי האָט אַליין ניט געוואוסט פֿאַרוואָס. און אין דער אמת׳ן האָט זי איצט אַנדערע לענדער געזעהן, בלויע, ראָזאַווע, וואונדער־שעהנע, אָבער אונוואָהרשיינליכע, ערגעץ ניט־עקזיסטירענדע, וואונדער־לענדער, נאָך וועלכע די נשמה לעכצט שטענדיג.
ער האָט ווייטער גערעדט:

— יאָ, עס איז שעהן, ווייל עס איז שעהן. אַנדערע לאַנד־שאַפֿטען האָבען מעהר פֿאַרבען, זיי זיינען אָבער ניט אַזוי האַר־מאָניש. עה, מאַדאַם, די האַרמאָנישע שעהנהייט איז דאָך די העכסטע שעהנהייט! אָבער זעהר ווייניג פֿערשטעהען עס. די קאָנטורען פֿון אַ מענשליכען קערפּער, פֿון אַ סטאַטוע אָדער פֿון אַ באַרג, די פֿאַרבען־פּראַכט פֿון אַ בילד אָדער פֿון דער דאָזיגער לאַנד־שאַפֿט, די מוזיק פֿון זשאָקאָנדאָ, אַ וואָרט פֿון אַ דיכטער, וואָס טהוט אַ ברען די נשמה, יענעם עפּעס, וואָס ערהויבט דעם קינ־סטלער ביז צום געטליכען שעפֿפֿער, וואָס שטעלט איהם איבער

אַלע מענשען. וואַרט, איך מוז אייך פאַרלאָזען עטליכע צייַלען פון באַדליער!

און ער האָט גענומען דעקלאַמירען:

„צו דו קומסט פון׳ם הימעל אָדער העלע, אָה, שעהנהייט,
וואָס מאַכט עס אויס, ווען נור דיין לאַכעדיג אויג
האָט מיר די טהיר געעפענט פאַר אַלסדינג,
וואָס איך האָב פריהער ניט געקענט?!
צו דו ביזט טייפעל אָדער גאָט, מלאך צי רוח,
אָה, איינציג זיסע פעע מיט פייכטע אויגען־שטערען,
וואָס מאַכט עס אויס, ווען נור דיין גלאַנץ, דיין דופט
און דיינע טענער האָבען דעם לאַסט און טרויער
פון מיין וועלט פערטריבען?".

כריסטיאַנע האָט איהם אַנגעקוקט פערוואונדערט. זי האָט ניט פערשטאַנען, פון וואָס ער איז דאָ אַזוי פיעל נתפעל געווען. זי האָט קיין אויסערגעוועהנליכעס אין די דאָזיגע צייַלען ניט געזעהן.

ער האָט פערשטאַנען, וואָס זי האָט געטראַכט, און עס האָט איהם פערדראָסען, פאַרוואָס די דאָזיגע צייַלען האָבען זי ניט בעגייסטערט, ווייל ער האָט זיי פאַרגעלעזען זעהר גוט, און ער האָט זיך אָנגערופען מיט עטוואָס פעראַכטונג אין׳ם קול:

— עס איז זעהר נאַריש פון מיר צו פערלאַנגען פון אייך, איהר זאָלט קענען פיהלען אַזאַ פיינעם, צאַרטען דיכטער. אָבער עס וועט קומען אַ צייט, אַזוי האָף איך, ווען איהר וועט אַזוינע זאַכען פערשטעהן פונקט אַזוי גוט, ווי איך.

ער האָט זיך פערנויגט און געזאָגט:

— איך וועל זיך, מאַדאַם, בעמיהען, אַז איהר זאָלט אַזוינע זאַכען פערשטעהן.

זי האָט ניט בעטראַכט זיינע ווערטער אַלס אַ פרעכהייט, נור האָט זיי אָנגענומען אַלס ווערטער פון אַ פאַנטאַזיאַר. אָגב האָט זי איצט געטראַכט וועגען עפּעס אַנדערש. עס איז איהר פּלוצים

עטוואָס אויפגעפאלען, וואָס זי האָט פריהער גאָר ניט בעמערקט: ער איז געווען זעהר עלעגאַנט, אָבער צו הויך און צו ברייט, און צוליעב דעם האָט מען זיין עלעגאַנץ ניט געקענט גלייך בעמערקען. אויסער דעם האָט זיין קאָפּ געהאַט עטוואָס ברוטאַלעס, עטוואָס ניט דערענדיגטעס, און דאָס האָט צוגעגעבען זיין גאַנצער פּערזאָן אַ געוויסע שווערקייט. אָבער ווען מען האָט זיך צוגעוועהנט צו זיין אויסזעהן, האָט מען ענטדעקט אין איהם אַ רייץ, אַ שטאַרקען און געזונדען רייץ, וועלכער האָט געמוזט אַן איינדרוק מאַכען.

איצט, ווען זי האָט צום ערשטען מאָל בעמערקט, ווי עלעגאַנט ער איז אָנגעטהאָן, האָט זי אַ טראַכט געטהאָן: „עס שיינט, אַז ער איז אַזאַ מאַן, וואָס זיינע אַלע גוטע אייגענשאַפטען בעמערקט מען ניט גלייך, נור ביסלעכווייז“.

גאַנטראַן איז צוגעלאָפען צו איהר מיט התפּעלות:

— וואַרט, שוועסטער, אַנטלויף ניט! דו וואָלסט הערען, ווי קאָמיש איז אריאַל׳ס אינגסטע טאָכטער. זי איז מערקווירדיג וויציג. דער פּאַפּאַ האָט זי געמאַכט רעדען און זי דערצעהלט אַזוינע קאָמישע געשיכטען, דאָס מען קען שטאַרבען פאַר געלעכטער. וואַרט נור, ביז זיי ווערען צוקומען, דו וועסט אַליין הערען.

און זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט וואַרטען אויף דעם מאַרקיז, וועלכער איז דאָרט געגאַנגען מיט אריאַל׳ס אינגערע טאָכטער שאַרלאָטע. זי האָט דערצעהלט אויף אַ קינדערשען אופן דאָרפס־געשיכטען, פּויערשע שפּאַסען און האָט נאָכגעמאַכט די פּויערים, ווי זיי בעוועגען זיך, זייערע לאַנגע טריט, זייערע ערנסטע ווערטער און זייערע קללות. איהר קליין, קלוג פּנים׳ל האָט געשפּיעלט, איהרע לעבהאַפטע אויגען האָבען געפינקעלט, איהר גרויסער מויל האָט זיך געעפענט און ארויסגעוויזען ווייסע צייהן און איהר עטוואָס פערריסענער נעזעל האָט איהר צוגעגעבען אַ זעהר קלוגען אויסזעהן. זי איז געווען פריש, ווי אַ בליהענדע בלום.

דער מאַרקיז האָט כמעט זיין גאַנץ לעבען פערבראַכט אויף

זיין פאַמיליען־מאַיאָנטעק און כריסטיאַנע און גאַנטראַן האָבען זיך אויפגעהאַדעוועט צווישען די גראַבע, שטאָלצע נאָרמאַנישע פויערים און זייערע קינדער. דערפאַר האָבען זיי געוואוסט, ווי אַזוי צו רעדען מיט דער דאָרפישער שעהנהייט, וועלכע איז אַגב דריי־פערטעל שטאָדטיש געווען, אום זי זאָל זיך פיהלען פריי מיט זיי.

אנדערמאַט און לואיזע האָבען זיך צוריקגעקעהרט, און אַלע האָבען זיך געזעצט אונטער אַ קאַשטאַנען־בוים. דאָרט זיינען זיי לאַנג געזעסען און האָבען זיך אונטערהאַלטען, גערעדט וועגען אַלסדינג און וועגען גאָר נישט. יעדע ווײַלע איז אַ וואָגען פערביי־געפאָהרען, פון צוויי אָקסען געשלעפט, מיט איינגעבויגטע קעפּ, און אַלע מאָל האָט דעם וואָגען אַ פויער בעגלייט, וואָס האָט אַ גרויסען, שוואַרצען הוט געטראָגען און אַ ריטעל אין דער האַנד גע־האַלטען. ער האָט אַרונטערגענומען דעם הוט און געגריסט אַריאַל'ס מעכטער און די מיידלאַך האָבען פאַמיליער געענטפערט: „גוט־מאָרגען", מיט זייערע יונגע שטימען.

שפּעטער, ווען זיי זיינען אַהיים געגאַנגען און אין פּאַרק אַריין, האָט שאַרלאָטע אַריאַל אויסגעשריען:

— אַי, די באָרע! די באָרע!

און אין דער אמת'ן האָט מען אין'ם פּאַרק די באָרע געטאַנצט. דעם אַלט־פראַנקישען דאָרפישען טאַנץ. פויערים און פויערטעס האָבען געטאַנצט איינע געגען די אַנדערע, געהאַטשקעט זיך, גע־וויעגט זיך און זיך אוועקגערדרעהט. די פרויען האָבען מיטביידע הענד זייערע קליידלאַך אָנגענומען און מיט צוויי פינגער זיי גע־הויבען. די מענער האָבען געהאַלטען זייערע אַרעמס אַרונטער־געלאָזען אָדער אויסגעקרימט. און אַזוי האָבען זיי געטאַנצט. די איינפאַכע, איינגעגעהמע מעלאָדיע האָט אויך געטאַנצט אין דער פרישער פאַרנאַכטיגער לופט. דעם אייגענעם מאָטיוו האָט דער אָרקעסטר געשפּיעלט נאָכאַנאַנד, איין־טאָניג, אָבער פריש און אָהן קונצען, ווי דער דאָזיגער טאַנץ פון די פויערים.

די באַדע־ געסט האָבען אויך געפּרובט צו טאַנצען. פּעטרוס מאַרטעל האָט זיך געהאָטשקעט געגען פּריילין אַדעלין, וועלכע האָט געטאַנצט מעשה באַלעט־טענצערין. דער קאָמיקער לאַפּאַלם האָט ווילד געשפּרונגען אַרום דער קאַסירערין פון דער קאַסינאָ. פּלוצים האָט גאָנטראַן בעמערקט דאָקטאָר האָנאָראַ, וועלכער האָט מיט פייער די באַרע געטאַנצט, ווי אַן עכטער פּויער.

דער אָרקעסטער האָט אויפגעהערט צו שפּיעלען. די טענצער האָבען זיך אָפּגעשטעלט, און דער דאָקטאָר האָט בעגריסט דעם מאַרקיז. ער האָט אָפּגעווישט דעם שוויס פון'ם שטערן און פערסאָפּעט זיך אָנגערופען:

— עס איז גאַנץ געזונד צו זיין אַמאָל ווידער יונג!

גאָנטראַן האָט איהם די האַנד אויפ'ן שולטער געלעגט און לאַכענדיג געזאָגט:

— איך האָב דאָך גאָר ניט געוואוסט, אַז איהר זייט פערהייראַט.

דער דאָקטאָר האָט געענטפערט גאַנץ ערנסט:

— יאָ, איך בין פערהייראַט און גאַנץ צרה'דיג.

— וואָס מיינט איהר?

— איך מיין צרה'דיג פערהייראַט. יונגער מאַן, איהר זאָלט ניט טהאָן די נאַרישקייט!

— וואָרום?

— ווייסט איהר, איך בין שוין צוואַנציג יאָהר פערהייראַט און ביז היינט האָב איך זיך נאָך צו דעם ניט צוגעוועהנט. יעדען אָבענד, ווען איך קום אַהיים, טראַכט איך מיר: „מיין גאָט, די אַלטע דאַמע איז נאָך אַלץ דאָ! ווען זי שוין אַמאָל אוועקגעהן?"

אַלע האָבען זיך צולאַכט, אַזוי ערנסט און איבערציינגט האָט ער דאָס געזאָגט. אָבער די גלאָקען אין'ם האָטעל האָבען גענומען קלינגען צום עסען, דער פעסט האָט זיך געענדיגט. מען האָט אָפּגעפיהרט לואיזע און שאַרלאָטע אַריאַל אַהיים צו זייער פאָטער

און דערנאָך האָט מען גערעדט וועגען זיי. זיי זיינען אַלעמען געפעלען געוואָרען. אַנדערמאַט'ן איז די עלטערע שוועסטער בע־סער געפעלען געוואָרען. דער מארקיז האָט זיך אָנגערופען:

— ווי בייגיג די וויבליכע נאַטור איז; פויערטעס, און ערציהונג האָט זיי געקענט מאַכען פאַר עכטע דאַמען!

כריסטיאַנע האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צו ברעטיני:

— און וועלכע פון די ביידע געפעלט אייך בעסער?

ער האָט אויסגעפליסטערט:

— איך האָב זיי גאָר ניט אָנגעקוקט. ניט איינע און ניט די אַנדערע געפעלט מיר בעסער!

ער האָט זעהר שטיל גערעדט און זי האָט ניט געענטפערט.

VI.

שענע טעג האָבען זיך אָנגעפאַנגען פיר כריסטיאַנע'ן. זי האָט די צייט פערבראַכט לייכט און גליקליך. די באָד אין דער־פריה איז געווען איהר ערשטעס פערגעניגען. די דאָזיגע האַלבע שעה, וואָס זי איז אין דעם וואַרעמען, פליסענדיגען וואַסער געזעסען, האָט איהר זעהר גרויסען פערגעניגען פערשאַפט און זי מיט פרייד און לעבענס־לוסט אָנגעפילט פיר דעם גאַנצען טאָג. זי איז גליק־ליך געווען, האָט גליקליך געפיהלט און גליקליך געטראַכט. די ליעבע, וואָס זי האָט געפיהלט אין זיך און אַרום זיך, דער טומעל פון דער יוגענד, וואָס האָט אין איהרע אָדערן געליאַרמט, און דאַן די דאָזיגע נייע אומגעבונג, די דאָזיגע וואונדערפולע געגענד, וועל־כע איז ווי בעשאַפען געווען פיר טרוימען, דאָס אַלעס איז געווען ווי אַ פאָרטזעצונג פון אין דעם־פריהערדיגען פערגעניגען, אַזוי ווי זי וואָלט שטענדיג געזעסען אין אַ וואַרעמער וואַנע, אין אַ וואַנע פון גליק, אין וועלכער זי האָט לייב און זעעלע געבאָדען.

אַנדערמאָט, וועלכער האָט אין ענוואַל נור פערצעהן טעג גע־וואָלט פערברענגען, איז צוריק אין פּאַריז אַוועקגעפאָהרען און ביים זעגענען זיך מיט זיין פרוי, האָט ער זי געבעטען, זי זאָל אַכטונג געבען, אז דער געלעהמטער זאָל זיינע בעדער נעהמען. איז כריסט־יאַנע יעדען אין דער־פריה פאַר פריהשטיק אַהין געגאַנגען מיט איהר פאַטער, איהר ברודער און מיט פּאָול'ן, צו זעהן, אויב דער אַלטער באָדט זיך דאָרט.

אַנדערע געסט זיינען אויך געקומען אַהין און מען איז גע־שטאַנען אַרום גרוב און גערעדט מיט דעם אַלטען חברה־מאַן. ער האָט דערצעהלט, אז ער פיהלט ניט בעסער, אָבער אין די פיס פיהלט ער אַזוי ווי מוראַשקעס וואָלטען דאָרט אַרומגעלאָפען. ביי־נאַכט פיהלט ער זיי אויך, זיי בייסען איהם און לאָזען איהם ניט שלאָפען. אַלע פּויער'ים און אַלע פרעמדע האָבען זיך אין צוויי לאַ־גערן צוטהיילט. איינינע האָבען געגלויבט אין דעם דאָזיגען הייל־מיטעל און אַנדערע ניט.

נאָך דעם פריהשטיק האָט כריסטיאַנע גאַנץ אָפט אַריאַל'ס טעכטער שפּאַצירען אויסגענומען. זיי זיינען געווען די איינציגע צווישען די דאָרטיגע פרויען, מיט וועמען זי האָט ריידען געקענט, מיט וועמען זי האָט זיך בעפריינדען געקענט. ביידע שוועסטער, ווי די עלטערע מיט איהר ערנסטקייט, אַזוי די אינגערע מיט איהר שטיפערשען כאַראַקטער, זיינען איהר געפעהלען געווען. זי האָט איצט געזוכט זייער געזעלשאַפט, ניט ווייל איהר מאַן האָט דאָס געוואָלט, נור ווייל איהר אַליין איז אַנגענעהם געווען צו פערברענ־גען מיט זיי.

מען איז צוזאַמען אויסגעפאָהרען, מאַנכעס מאָל אין א'ן אַלטען דיליזשאַנס מיט זעקס פּלעצער, וועלכען מען האָט ביי א פוהרמאַן אין ריאָם געדונגען, און מאַנכעס מאָל זיינען זיי גאָר צו־פוס אַוועק. זיי האָבען זעהר ליעב געהאַט א קליינעם טהאָל ביי שאַטע־גייאָן. אַהין זיינען זיי אָפט געגאַנגען לאַנגזאַם איבער א שמאָלען וועג צווישען טענען־בוימער, פּאַזע א קליין טייכעל. נע־

גאַנגען זײַנען זײ אַלע מאָל פֿאַר־װײַז. יעדעם מאָל, װען מען האָט געמוזט דעם טײַכעל אַריבער, װאָרים דער װעג האָט זי דאָ און דאָרט אין טײַכעל אַרײַנגעדרעהט, זײַנען פּאַול און גאַנטראַן געשטאַנען מיטען װאַסער אױף גרױסע שטײנער, האָבען גענומען די פֿרױען בײ די אָרמס און מיט אײן הױב זײ אױף דער אַנדערער זײַט אַריבערגעשלײדערט.

בײַם שפּאַצירען האָבען זיך די פּאָרלעך געביטען. כריסטיאַנע איז געגאַנגען דאָ מיט אײנעם און דאָ מיט אַנאַנדערן. אָבער יעדעם מאָל האָט זי פֿערשטאַנען אַזױ אײַנצוריכטען, אַז זי איז אַ צײַט לאַנג געבליבען אַלײן מיט פּאַול ברעטיני צי הינטען, צי פֿאַרענט פֿון די אַנדערע.

ער האָט זיך פֿערהאַלטען צו איהר ניט אַזױ װי דעם ערשטען טאָג, װעניגער לוסטיג, װעניגער אָפֿען, װעניגער גוטער ברודער, נור ריקזיכטספֿולער און עדעלער. זײער אונטערהאַלטונג אָבער איז געװאָרען זעהר אינטים. מען האָט נור גערעדט װעגען האַרץ־פֿראַגען, װעגען געפֿיהלען, װעגען ליעבע. ער האָט גערעדט װעגען דעם װי אַ מאַן, װעלכער האָט די ליעבע פֿון פֿרױען נאָהנט געקענט און געהאַט אַ סך גליק װי לײַדען איהר צו פֿערדאַנקען. זי, כריסטיאַנע, איז בעצױבערט געװען, בעװעגט און האָט מיט גליהענדיגער נײַגעריגקײט זיך צוגעהערט צו דעם, װאָס ער האָט גערעדט. און װאָס מעהר זי האָט זיך פֿון איהם דערװאוסט, אַלץ מעהר האָט זיך איהר געװאָלט װיסען. אַלץ טיעפֿער האָט זיך איהר געװאָלט אַרײַנדרינגען אין די געדאַנקען און דאָס לעבען פֿון אַזאַ סאָרט מענשען, װעלכען זי האָט ביז אַהער נור פֿון ביכער געקענט.

און פֿון איהר ערמונטערט ,האָט ער יעדען טאָג איהר דערצעהלט אַביסעל מעהר פֿון זײַן לעבען, פֿון זײַנע ליעבעס, פֿון זײַנע געװאַגטע ראָמאַנען. ער האָט פֿאַר איהר אַ'ן אונבעקאַנטע װעלט געעפֿענט, ער האָט געפֿונען װערטער, װאָס האָבען איבערגעגעבען די צאַרטעסטע געפֿיהלען און די ערשטע װאונשען און טרױמען. דאָס װילדע פֿײַער פֿון װאַקסענדיגע האָפֿנונגען, האָט איהער דער־

צעהלט פון בלומען און אומאַרמונגען און פון יענע אַלע אַנדערע קליינינקייטען, וועלכע מען היט אָפּ ווי אַ הייליגטהום, פון דעם ערשטען אייפערזוכטס־שמערץ און פון דעם גליק פון דעם ערשטען קוש.

ער האָט געוואוסט, ווי דאָס אַלעס דערצעהלען, אַביסעלע פערשלייערט, זייער אַנשטענדיג, פּאָעטיש און פערפיהרעריש.

די דאָזיגע אַלע אינטימע געשפּרעכען, וועלכע זיינען מיט יעדען טאָג לענגער און פערפיהרערישער געוואָרען, זיינען געפאַלען אין כריסטיאַנע'ס הארצען, ווי זוימען אין די ערד, און דער כשוף פון דעם ווייטען לאַנדשאַפט, די געזונטע לופט, די דאָזיגע בלויע לימאַן, אַזוי ווייט און ברייט, די דאָזיגע פערלאָשענע קראַטערס אויף די בערג, די אייוועגס פון דער וועלט, וואָס האָבען איצט נור די קוואַלען פיר די קראַנקע געוואָרעמט, דער פרישער הויך פון דעם ווינד, דאָס שטיל מורמלען פון'ם טייכעל איבער די שטיינער, דאָס אַלסדינג האָט בייגעטראָגען, אַז אין דעם הארצען און פלייש פון דער יונגער פרוי זאָל זיך נעהמען עפּעס צאַפּלען און ציהען, און שפּראַצען און בליהען, ווי אין אַ יונגען באָדען נאָך אַ שטילען, וויי־כען און וואַרעמען רעגען...

זי האָט זיך געפיהלט גוט און עס איז איהר זעהר אַנגענעהם געוועזען, וואָס דער יונגערמאַן לויפט איהר נאָך, וואָס זי איז איהם געפעהלען, פיליכט נאָך מעהר ווי דאָס, און דער וואונש איהם צו געפעהלען נאָך מעהר און נאָך מעהר איז אין איהר מיט יעדען טאָג שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרען. און דאָס צו עררייכען האָט זי אַ נייע טאַקטיק געגען איהם אַנגענומען: ווען ער האָט בעוועגט אויסגעזעהן, האָט זי איהם פּלוצים פערלאָזען; ווען זי האָט געפיהלט, אַז ער וויל געבען אַ צערטליכע אַנצוהערעניש, האָט זי איהם געוואָרפען, איידער ער האָט נאָך זיין זאַץ געענדיגט, איינעם פון יענע קורצע, טיעפע בליקען, וואָס פאַלען ווי פייער אין די הערצער פון מענער. זי האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, נור מיט'ן קאָפּ שטיל אַ מאַך געטהאָן און מיט דער האַנד צוטראָגען אַ פיהר

געטהאן. זי האט מאנכעס מאל אויסגעזעהן מעלאנכאליש, אבער באלד האט זי געשמייכעלט, אום איהם אהן ווערטער צו ווייזען, אז זיינע בעמיהונגען זיינען ניט אומזיסט. וואס האט זי אייגענטליך געוואלט? גארנישט! וואס האט זי פון דעם ערווארטעט? גאר־נישט! זי האט זיך נור אמוזירט מיט דעם, ווייל זי איז געווען א פרוי. ווייל זי האט גערעכענט, אז עס איז ניט געפעהרליך, ווייל זי האט געוואלט זעהן, וואס דערפון ועט ארויסקומען, וואס ער וועט טהאן...

און דא האט פלוצים אין איהר ערוואכט די קאקעטעריי וואס שלימערט אין יעדער פרוי. ביי דעם נאאיווען קינד פון נעכטען האבען זיך מיט אמאל די אויגען געעפענט, דורך דעם דאזיגען יונ־גערמאן, וועלכער האט צו איהר נאכאנאנד געווען ליעבע גערעדט. זי האט דערפיהלט זיין ליעבע, זי דאט דערזעהן זיינע שמאכטענדינע אויגען זי האט פערשטאנען די פערשיידענע טענער פון זיין שטי־מע. מיט יענער בעזונדער פיינפיהליגקייט פון א פרוי, וועלכע פיהלט, אז זי האט ליעבע ערוועקט.

אנדערע מענער אין דער געזעלשאפט זיינען איהר פריהער נאכגלאפען נור זי האט זיי אלעמען אויסגעלאכט, זייער באנאלער ארט ריידען האט איהר שפאס פערשאפט, זייערע טרויעריגע מי־נעס — פערגעניגען, און אויף זייערע אלע ליעבעס־ערקלערונגען האט זי מיט שפאט און געלעכטער געענטפערט.

אין דעם דאזיגען יונגענמאן אבער האט זי פלוצים א געפעהר־ליכען געגנער דערפיהלט, און זי איז געווארען איינע פון יענע גע־שיקטע און טאקטפולע פרויען, מיט קאקעטעריי און קאלטבלוטיג־קייט בעוואפענט, וואס פאנגען מיט זייערע אונזיכטבארע נעצען דאס הארץ פון יעדען מאן, ווען עס איז נור ניט פערנומען.

איהם איז זי צוערשט ניט געפעהלען געווען. ער איז גע־וועהנט געווען צו פרויען פון אנאנדער סארט, צו פרויען, וואס זיי־נען געשוהלט געווען אין ליעבע, און זי איז געווען צו איינפאך און

צו באַנאַל און האָט זי דערפאַר בעהאַנדעלט מיט לייכטער פער־אַכטונג.

אָבער ביסלעכווייז האָט זי איהם דאָך גענומען אינטערעסירען. ער האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז דער בעסטער מיטעל צו בערוישען אַ ריינע פרוי איז צו ריידען מיט איהר נאָכאַנאַנד פון ליעבע און דערביי בעמיהען זיך צו מאַכען אויף איהר דעם איינדרוק, אַז ער טראַכט פון אַנאַנדערער. דאַן וועט איהר נייגעריגקייט אויפגע־וועקט ווערען. און איינמאַל האָט ער איהר נייגעריגקייט אויפגע־וועקט, דאַרף ער איהר פערטרויען עפּעס אַ סוד, און דאַן דאַרף ער זי נאָכאַנאַנד זוכען אונטער די דונקעלע ביימער. דער דאַזיגער שפּיעל האָט איהם אַפּריהער אויך נור אַמוזירט, און ער האָט איהר אַרויסגעוויזען טויזענדערליי קליינע אויפמערקזאַמקייטען. ער האָט זיך געמאַכט ווי פערליעבט און עס איז איהם גאָר ניט איינגעפאַ־לען, אַז ער קען זיך אויף אַ'ן אמת אין איהר פערליעבען.

אַזוי האָבען זיי זיך ביידע אַמוזירט, געשפּיעלט זיך איינער מיט'ן אַנדער'ן. בעת זיי זיינען שפּאַצירען געגאַנגען, און דאָס האָט זיי זיך אויסגעוויזען אַזוי נאַטירליך, ווי אויסצובאָדען זיך אין אַ הייסען טאָג, ווען מען געפינט זיך נעבען אַ טייך. אָבער אין דעם מאָמענט, ווען ביי כריסטיאַנע'ן האָט די קאָקעטעריי ערוואַכט, דאַן האָט זי די אַלע נאַטירליכע וואָפען פון דער פרוי געהאַט, אום צו בעהערשען די מענער; אין דעם אויגענבליק, ווען זי האָט זיך פאַר־גענומען צו זעהן דעם דאָזיגען מאַן אויף די קניע פאַר איהר, ווי מען נעהמט זיך פאַר אַ פאַרטיע קראָקעט צו געווינען, האָט פּאָול, דער דאָזיגער דורכגעטריבענער, געשיקטער יונגערמאַן, איהר רייץ אויף זיך דערפיהלט און אַנגעהייבען צו ליעבען.

דאָ איז ער געוואָרען אונרוהיג, נערוועז, אונגעשיקט, און זי האָט מיט איהם געשפּיעלט, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. מיט אַנאַנ־דערער וואָלט ער זיך ניט צערעמאָניעט, וואָלט געפאָדערט פון איהר און זי מיט זיין טעמפּעראַמענט גענומען, אָבער מיט איהר האָט ער עס ניט געוואגט, אַזוי ניט עהנליך האָט זי זיך איהם אויס־

געווייזן צו די אַנדערע פֿרויען, וואָס ער האָט ביז אַהער געקענט. די אַנדערע פֿרויען זיינען אַלע געווען אַזעלכע, וואָס האָבן שוין געהאַט דורכגעמאַכט אין'ם לעבן אַזוינע זאַכן, יענע האָט מען אַלס־דינג געקענט זאָגן, מיט יענע האָט מען זיך געקענט ערלויבן אַלסדינג, איינרוימענדיג זיי אויפ'ן אויער אַזוינע סודות, וואָס זאָלן זייער בלוט אַנצינדען. ער האָט געוואוסט זיין קראַפט, גע־וואוסט, אַז ער מוז זיעגן איבער דער פרוי, ווען ער האָט זי בע־געהרט מיט זיינע ווערטער, זיין געוואַגטקייט און זיין טעמפּעראַ־מענט.

מיט כריסטיאַנע'ן אָבער איז געווען גאַנץ אַנדערש. ער האָט זי זיך פֿאָרגעשטעלט פיר זעהר נאַאיוו און אונשולדיג און צו איהר צונעהן ווי צו די אַנדערע האָט ער ניט געוואַגט. און דערצו האָט ער זי ליעב געהאַט אַנדערש ווי יענע, ער האָט זי ליעב געהאַט, ווי אַ קינד, ווי אַ כלה. ער האָט זי בעגעהרט, אָבער האָט ניט גע־וואַגט זי צו בעריהרען, צו בעשמוצען, זי צו ברעכען. ער האָט ניט געהאַט דעם פֿערלאַנג זי אַרומצונעהמען ווי די אַנדערע, נור פּאָר איהר אויף די קניע זיך אַרונטערצולאָזען, איהר קלייד גאַנץ שטיל צו קושען, מיט אַ זאַנפטער בעריהרונג די קליינע הערעלאַך אויף איהרע שלייפען צו גלעטען, צו קושען איהר מויל, איהרע אויגען, די דאָזיגע האַלב־צוגעמאַכטע אויגען, וואָס זייער בלויען בליק האָט ער אין זיין הארצען געפיהלט, דעם דאָזיגען ווייכען בליק אונטער די אַרונטערגעלאָזטע אויגען־לעדלאַך. ער וואָלט זי געגעבן דער גאַנ־צער וועלט געשיצט און געגעבן אַלעמען און אַלעם, אַז זי זאָל אין בעריהרונג ניט קומען מיט געמיינע מענשען, אַז זי זאָל קיין העס־ליכעס ניט זעהן און מיט קיין אונזויבערע מענשען זאָל זי זיך ניט טרעפען.

ער וואָלט דעם שמוץ און די שטיינער, די וואָרצלען און די צווייגען פון'ם וועג אָפּגעראַמט. וואו זי איז געטראָטען, אויף די הענד וואָלט ער זי געטראָגען, אום איהרע פיס זאָלען דעם שטויב פון דער גאַס ניט בעריהרען.

און עס האָט איהם פערדראָסען, וואָס זי מוז מיט איהרע שכנים אין'ם האָטעל ריידען, וואָס זי מוז די ניט זעהר גוטע שפּייז פון'ם האָטעל־רעסטאָראַן עסען, וואָס זי מוז איבערטראָגען די אַלע אונפערמיידליכע אונבעקוועמליכקייטען פון'ם לעבען. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל איהר זאָגען. שטענדיג האָט ער געטראַכט פון איהר, אָבער די אונמעגליכקייט זיין הארץ פאַר איהר צו עפע־נען און איהר ערקלעהרען, וואָס זי איז פיר איהם, ווי איהם ווילט זיך איהר דיענען, בעקוועמער און אנגענעהמער צו מאַכען איהר לעבען, האָט איהם איינפאַך ווילד געמאַכט און אָפט האָט זיך איהם געגלוסט וויינען אויפ'ן קול.

זי האָט דאָס בעמערקט, אָבער ניט פערשטאַנען די גאַנצע ערנסטקייט פון דעם און זיך אַמוזירט מיט דעם מיט דער ניעדער־טרעכטיגער פרייד פון אַ קאָקעטקע. ווען זיי זיינען געבליבען פון הינטען די אַנדערע און זי האָט פון זיין בענעהמען זיך דערפיהלט, אַז אָט־אָט וועט ער איהר עפּעס זאָגען, וואָס קען זי אונרוהיג מאַ־כען, האָט זי פּלוצים גענומען לויפען. אום איהר פאָטער אַנצויאָגען, און ווען זי האָט איהם דעריאָגט, האָט זי אויסגעשריען:

— לאָמיר שפּיעלען אין קאַמער־קאַמער אוים!

יעדעס שפּאַציער־גאַנג האָט זיך מיט איין „קאַמער־קאַמער אוים" ביי זיי געענדיגט. מען האָט זיך אויסגעזוכט אַ פּלאַץ, וואו די בוימער זיינען ניט אזוי געדיכט געווען, וואו עס איז געווען מעהר פרייער פּלאַץ צו לויפען, און זיי האָבען זיך געשפּיעלט ווי קינדער. אריאַל'ס טעכטער און גאַנטראַן האָבען דערפון שטאַרק הנאה געהאַט, דאָס דאָזיגע שפּיעל האָט זיי אַ געלעגענהייט געגע־בען צו לויפען און צו יאָגען זיך איינער נאָך'ן אַנדער'ן, און וועל־כער יונגער מאַן האָט עס ניט הנאה פון יאָגען זיך נאָך אַ שעהנער מיידעל און וועלכע שענע מיידעל האָט ניט פערגעניגען. ווען אַ יונגער מאַן יאָגט זיך נאָך איהר? נור איין פּאָול ברעטיני איז גע־ווען פון דעם אונצופריעדען. ער האָט אַנדערע געדאַנקען אין'ם קאָפּ געהאַט, דערנאָך אָבער האָט ער אַליין אַנטהייל גענומען און

זיך געסטארעט אריבערצוזיאָגען די אַלע אנדערע, נור אום כריסט־יאנע׳ן צו כאַפּען, זי אַנצוריהרען, זי אַנצוכאַפּען ביי די שולטערן, צי ביי דער טאַליע.

דער מארקיז, וועמענס גלייכגילטיגע נאַטור איז מיט אַלסדינג צופריעדען געווען, ווען דאָס האָט נור זיין בעקוועמליכקייט ניט געשטערט, האָט זיך געזעצט אונטער אַ בוים און צוגעקוקט זיך, ווי די יוגענד האָט געשטיפּט.

אָבער עס האָט ניט לאַנג גענומען, ווי כריסטיאַנע איז אונ־רוהיג געוואָרען פון פּאָול׳ס בענעהמען זיך. און איינמאַל האָט זי זאָגאר זיך דערשראָקען פאַר איהם. אין אַ געוויסען אין דער־פריה זיינען זיי מיט גאָנטראַן׳ען צו דעם מערקווירדיגען פּלאַץ געגאַנגען, פון וואַנען דער טייך פון ענוואַל האָט ארויסגעפלאָסען און וועלכער האָט געהייסען „דער עק וועלט“. זיי זיינען געגאַנגען אין אַ שמאָ־לען טהאָל, וועלכער איז געוואָרען ענגער און ענגער, ווילדער און ווילדער און האָט זיך טיעף אין די בערג אריינגעשניטען. מען האָט געמוזט קריכען איבער גוואַלדיגע פעלזען און שטיינער און דער־נאָך ווען זיי זיינען ארומגעגאַנגען אַ פעלז מעהר ווי פופציג מע־טער די הויך, וועלכער האָט דעם טהאָל אין גאַנצען פערשפּאַרט, האָבען זיי זיך ענדליך דערזעהן אין אַ שמאָלען גראָבען צווישען צוויי גרויע גוואַלדיגע ווענד, וואו גאַנץ אויבען האָבען ביימער און גרינס געוואַקסען.

דאָ האָט דער פלוס אויסגעזעהן ווי אַ קליינציקע, קליינציקע אַזערא, ווי אַ וואַש־שיסעל די גרויס, אָבער אַ קאָכעדיגע און אַ שוימענדיגע, וואָס אַזוינע קען מען גיכער אין די מערכען געפינען ווי אין דער ווירקליכקייט. פּאָול האָט בעטראַכט דעם הויכען פעלז, פאַר וועלכען אַלע זיינען שטעהן געבליבען, ווייל ער האָט זיי דעם וועג פערשפּאַרט, און דערזעהן אויף איהם שפּורען, אַזוי ווי אַנ־דערע וואָלטען אויף איהם געקלעטערט.

— אַה, מען וועט קענען ווייטער געהן! — האָט ער געזאָגט.

און דערנאָך, אַז ער האָט ליכט אויף די גלייכע וואַנד אַרויפגע־קלעטערט, האָט ער אויסגעשריען:

— אָך, איז דאָ שעהן! אַ קליין גערטעל אין מיטען וואַסער. קריכט שוין אַרויף!

ער האָט זיך אַוועקגעלעגט, האָט אָנגענומען כריסטיאַנע׳ן פאַר ביידע הענד און זי אַ הייב געטהאָן, וועהרענד גאַנטראַן האָט איהר פון אונטען געהאָלפען און איהרע פיס אויף די קליינע טרעפּלאַך פון׳ם פעלז געשטעלט. די ערד וואָס איז פון אויבען אַרונטערגע־פאַלען, האָט דאָ אַ קליינעם, ווילדען גערטעל געבילדעט און פון אונטער זיינע וואָרצלען האָט דער טייך געמורמעלט. זיי זיינען געקראָכען ווייטער, ביז זיי זיינען שטעהן געבליבען פאַר אַ וואַנד, פון וועלכער אַ קלאָרער וואַסער־פאַל איז אַרונטערגעפאַלען פון אַ צוואַנציג מעטער הויך און פערלאָרען געגאַנגען אונטען צווישען צווייגען און קליינציקע פלאַנצען. דער וועג איז דאָ אַזוי ענג גע־וואָרען, דאָס אום צו געהן ווייטער, האָט מען זיך דורכשפּאַרען גע־מוזט. מען האָט נור געזעהן אַ שמאָלען שטיק הימעל און געהערט דאָס רוישען פון דעם וואַסער, עס איז געוועזן איינער פון יענע פערבאָרגענע ווינקעלאַך, וועלכע די דיכטער פון די אַלטע צייטען האָבען מיט נימפען בעפעלקערט. כריסטיאַנע׳ן האָט זיך אויס־געוויזען, ווי זי וואָלט אין אַ לאַנד פון פעען פערבלאָנדזשעט. פּאָל האָט געשוויגען און גאַנטראַן האָט זיך אָנגערופען:

— אַה, דאָ ערגעץ אין׳ם וואַסער באָדט זיך געוויס אַ בלאָנדע ווייסע פרוי! איך וואָלט דאָס וועלען זעהן!

זיי האָבען זיך אומגעקעהרט. כריסטיאַנע האָט מורא געהאַט ווייטער צו קריכען. פּאָל האָט זיך פון׳ם פעלז אַרונטערגעגליטשט. דאַן האָט ער אויסגעשטרעקט צו כריסטיאַנע׳ן ביידע אַרמס און אַ געשריי געטהאָן צו איהר:

— שפּרינגט!

זי האָט עס ניט געוואַגט. זי האָט ניט מורא געהאַט, טאָמער וועט זי פאַלען, נור פאַר איהם האָט זי מורא געהאַט, בעזונדערס

פאַר זיין בליק. ער האָט געקוקט אויף איהר ווי אַ'ן אויסגעהונ־גערטע חיה, מיט ווילדער, מורא'דיגער ליידענשאַפט, און זיינעביידע הענד צו איהר אויסגעשטרעקט האָבען ווי מיט געוואַלד זי געצווינגען אַרונטער, און אַזאַ מורא האָט זי פּלוצים אָנגעכאַפּט, דאָס זי וואָלט בעסער ווייטער און העכער געקלעטערט, נור ניט צו זעהן אָט דעם דאָזיגען מענשען מיט די דאָזיגע אויגען, געגען וועלכען זי האָט זיך דערפיהלט אַזוי שוואַך. איהר ברודער הינטער איהר האָט אויסגעשריען:

— שפּרינג!

און זי אַ שטויס געטהאָן אַרונטער, און זי האָט זיך אַרונ־טערגעגליטשט מיט צוגעמאַכטע אויגען און איז אונטערגעכאַפּט געוואָרען פון ווייכע און שטאַרקע אַרמס און האָט דעם קערפּער פון דעם יונגערמאַן מיט איהרען בעריהרט פון אויבען אַראָב און זיין הייסען אָטהעם אויף איהר געזיכט געפיהלט. באַלד אָבער איז זי פאַר איהם געשטאַנען מיט אַ שמייכעל, איהר מורא איז שנעל פאַר־איבער.

די דאָזיגע אויפרעגונג האָט זי פאַרזיכטיגער געמאַכט און אַ פּאַר טעג נאָכדעם האָט זי זיך געהיט צו בלייבען אַליין מיט פּאָול'ן, וועלכער האָט זי איצט געזוכט, ווי דער וואָלף די שעפּס אין דער פּאַבעל.

אָבער זיי האָבען געהאַט פון פריהער באַשטעלט אַ'ן אַרויס־פאָהר אויף אַ גאַנצען טאָג מיט די שוועסטער אַריאַל צום אַזעראַ פון טאַצענאַ. דאָרט האָבען זיי געזאָלט פערברענגען ביז ביינאַכט, אום דערנאָך ביים לבנה־שיין אַהיים צו פאָהרען.

און איינמאָל בייטאָג זיינען זיי אַרויסגעפאָהרען. דער טאָג איז געווען זעהר אַ הייסער. די פעלזען־בערג זיינען געווען אָנ־געברענט פון דער זון. דער פאַעטאָן, פון דריי פערשוויצטע פערד געשלעפּט, האָט זיך געטראָגען איבער דעם שטויביגען וועג, דער קוטשער האָט געדרעמעלט אויף זיין זיץ מיט אַ'ן אַרונטערגעלאָז־טען קאָפּ. גאַנצע מחנות פון עקדעשען זיינען געלאָפען איבער די

שטיינער אַרום וועג. די לופט האָט געשטיקט, איז אָנגעפילט געווען מיט אַ שווערען גליהענדיגען שטויב. קיינער אין דעם פּאַעטאָן האָט ניט גערעדט. די דריי דאַמען זיינען געזעסען פון הינטען אונטער זייערע ראַזעווע שירמען מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגען. דער מאַרקיז און גאַנטראַן האָבען געשלאָפען מיט טיכלאַך אויף'ן קאָפּ און פּאָול האָט געקוקט אויף כריסטיאַנע'ן, וועלכע האָט אויף איהם אויך געקוקט מיט איהרע האַלב־צוגעמאַכטע אויגען. דער פּאַעטאָן האָט זיך געטראָגען איבער דעם גלייכען וועג און הינטער איהם האָ־בען זיך געהויבען ווייסע זיילען שטויב.

ווען ער איז צוגעקומען צו פּלאַטעאַ, האָט זיך דער קוטשער אויסגעגלייכט, די פערד האָבען גענומען לויפען שנעלער און זיי זיינען איצט געפאָהרען דורך אַ וואונדער־שענע, וואַלדיגע געגענד מיט דערפער און איינצעלנע הייזער. לינקס האָבען זיך געזעהן די הויכע שפּיצען פון די בערג און די אַזערא האָט זיך שוין אויך געזעהן. פּלוצים האָט פּאָול זיך אָנגערופען:

— זעהט נור, דאָרט איז לאַווא!

ברוינע פעלזען פון אַ פאַנטאַסטישער פאָרם האָבען זיך גע־צויגען איינער איבער דעם אַנדער'ן פּאַזע וועג. רעכטס האָט זיך געזעהן אַ באַרג מיט אַ פּלאַציגען שפּיץ. זיי האָבען פערקירעוועט אויף אַ וועג, וועלכער ווי עס האָט זיך זיי געדאַכט, האָט דורכ־געשניטען יענעם באַרג. כריסטיאַנע האָט זיך אויפגעהייבען און גלייך האָט זי בעמערקט אין אַ ברייטען טיעפען קראַטער אַ קלאָרע אַזערא, רונד און גלענצענד, ווי אַ זילבערנע מטבע. דער משופּע'־דיגער אַראָבהאַנג פון'ם באַרג, רעכטס מיט בוימער בעוואַקסען, לינקס פעלזיג און גרוי, האָט זיך אין'ם וואַסער אָבגעשפּיעלט, אַזוי אויך דער בלויער הימעל.

דער פּאַעטאָן האָט ניט געקענט ווייטער פאָהרען. זיי זיינען אַרויסגעקראָכען און אַוועק איבער אַ וועג, וואָס האָט זיך געדרעהט צווישען בוימער. דער דאָזיגער וועג איז געווען גרין ווי אַ לאָנקע און דורך די בוימער האָט די אַזערא אַרויסגעלויכטען.

דאָן זיינען זיי צוגעקומען צו דער אזערא און זיי האָבען זיך אַלע געוואָרפען אויפ'ן גראָז אויף אַ בערגעל אונטער דעם שאָטען פון מעכטיגע אייכען־ביימער.

די מענער האָבען זיך געקייקעלט אויף דעם גראָז און די דאַ־מען, וואָס זיינען געלעגען אויף דער זייט, האָבען צוגעדריקט זייערע באַקען צו דער פרישער גרינקייט און זיך גע'חיות'ט. נאָך דער לאַנגער רייזע אונטער דער ברענענדיגער זון איז צו ליגען אַזוי נע־בען אזערא אונטער'ן שאָטען פון די אייכען־ביימער געווען אַ זעהר גרויס פערגעניגען.

דער מאַרקיז איז ווידער איינגעשלאָפען, גאַנטראַן אויך, און פּאָול האָט גענומען מיט כריסטיאַנע'ן און די ביידע יונגע מיידלאָך צו שמועסען. וועגען וואָס? וועגען גאָר נישט בעזונדערס. יעדע ווײַלע האָט עמיצער פון זיי עפּעס געזאָגט, אַנאַנדערער האָט גע־ענטפערט, אָבער די ווערטער האָבען זיך עפּעס ניט געקלעפּט, זיי האָבען אין'ם מויל געדרעמעלט, ווי די געדאַנקען אין'ם מוח. באַלד זיינען זיי אַלע אַנשוויגען געוואָרען. דער קוטשער האָט דעם קאָרב מיט שפּייז געבראַכט, און די ביידע שוועסטער אַריאַל, וואָס זיי־נען פון דער היים געוואָהנט געווען צו ווירטשאַפטען, האָבען זיך גלייך אַ נעהם געטהאָן פאַרצובערייטען דעם עסען, האָבען אויסגע־קליבען אַ פּלאַץ נעהנטער ביי דער אזערא און אויסגעפּאַקט דאָרט די שפּייזען פון'ם קאָרב.

פּאָול איז געבליבען ליגען נעבען כריסטיאַנע'ן, וועלכע האָט געטרוימט. און פּלוצים האָט ער אויסגעמורמעלט אַזוי שטיל, דאָס איהר האָט זיך אויסגעוויזען, ווי דער ווינד וואָלט עס אַרויסגעפּליפּ־טערט:

— דאָס זיינען די שענסטע מינוטען פון מיין לעבען!

וואָרום האָבען די דאָזיגע אונבעשטימטע ווערטער אַזוי צורו־דערט איהר נשמה? וואָרום האָט זי זיך פּלוצים געפיהלט אַזוי אויפגערעגט ווי נאָך קיינמאָל אין איהר לעבען?

זי האָט געזעהן דאָרט ווייטער אונטער די ביימער אַ גאַנץ

קליין שטיבעל, אַ פישער־שטיבעלע, וואָס איז אַזוי קליין געווען, דאָס מעהר ווי איין צימער האָט דאָרט ניט געקאָנט זיין. פּאָול האָט נאָכגעפאָלגט איהרע בליקען און געזאָגט:

— מאַדאַם, האָט איהר אַמאָל זיך געפּרובט פאָרשטעלען, וואָס פיר אַ גן־עדן אַזאַ קליין שטיבעלע קען זיין פיר צוויי מענשען. וואָס ליעבען זיך? זיי זיינען אַליין איינער מיט'ן אַנדער'ן, קיינער שטערט זיי ניט, קיינער שטערט ניט זייער גליק. און אויב אַזאַ זאַך איז מעגליך, ווארום זאָל מען דאַן ניט שטרעבען דאָס צו פערווירקליכען? דאָס גליק איז דאָך אַזוי קורץ, אַזוי זעלטען אין אונזער לעבען! ניט עסען מיט אַ מאָס און דערנאָך אויסשלאָפען זיך רוהיג איז דאָך דאָס גאַנצע לעבען!

זי האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף דאָס שטיבעל און איהר האַרץ האָט גענומען אַזוי בענקען, דאָס איהר האָט זיך וויינען געגלוסט. און פּלוצים האָט זי זיך פאַרגעשטעלט, ווי גליקלאַך מען האָט טאַקי זיך געקענט פיהלען אין אַזאַ שטיבעלע אונטער די בוימער, נעבען דער דאָזיגער קליינער רייצענדער אַזערא, וועלכע איז געלעגען דאָ ווי אַ שפּיעגעל פון ליעבע. ווי גליקליך מען האָט זיך דאָ געקענט פיהלען אָהן שכנים און אָהן בעקאַנטע, אָהן דעם ליאַרם פון'ם לעבען מיט דעם געליעבטען נור אַליין, וועלכער זיצט צו די פיס פון זיין געליעבטע שטונדען גאַנצע און קוקט איהר אין די אויגען אריין, און קושט איהר די שפּיצען פון די פינגער. זיי לעבען דאָרט אין דער שטילקייט צווישען די בוימער אויפ'ן גרונד פון דעם דאָזיגען קראַטער און זעהן מעהר גאָר נישט ווי די בערג, די אַזערא, דעם בלויען הימעל און פיהלען מעהר גאָר נישט ווי זייער ליידענשאַפט און טראַכטען מעהר פון גאָרנישט, ווי נור פון זייער גליק. זיינען דען פאַראַן אויף דער וועלט מענשען, וואָס זיינען אַזוי גליקליך? אה, ווארום ניט? ווארום האָט זי פריהער קיינמאָל ניט געטראַכט אַז אַזאַ גליק איז מעגליך?

אריאל'ס טעכטער האָבען געמעלדעט, אַז דאָס עסען איז פאַרטיג. עס איז געווען שוין אַזייגער זעקס, מען האָט אויפגעוועקט

דעם מאַרקיז און גאַנטראַן'ען און מען האָט זיך געזעצט עסען אויפ'ן גראָז נעבען וואַסער. דיביידע שוועסטער האָבען בעדיענט און די מענער האָבען זיי ניט געהינדערט דאָס צו טהאָן.

זיי האָבען געגעסען לאַנגזאַם און געוואָרפען די שאָלעכץ און די ביינער אין דאָס וואַסער אריין און ווען מען האָט געעפענט די ערשטע פלאַש שאַמפּאַניער וואָס זיי האָבען מיט זיך געבראַכט, האָט דער קנאַל פון דער פּראָבקע זיי אַלעמען איבערשראַקען, אַזוי מאָדנע האָט עס דאָרט אָפּגעהילכט.

דער טאָג איז באַלד אוועק. עס איז געוואָרען קיהלער און אַ מערקווירדיגע מעלאַנכאָליע האָט זיך אין איינעם מיט'ן אָבענד איבער'ן וואַסער אין'ם קראַטער ארונטערגעלאָזט. ווען די זון האָט אָנגעהייבען צו זינקען און דער הימעל האָט זיך אין אַ ים פון פייער געגומען טובלען, האָט די קליינע אַזורא אויך אויסגעזעהן ווי מיט פייער בעגאָסען. דערנאָך, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען און דער רויטער האָריזאָנט האָט זיך גענומען לעשען, האָט די אזורא אויסגעזעהן, ווי מיט בלוט בעגאָסען, און פּלוצים איז איבער'ן באַרג אַ פולע, בלייכע לבנה אויפגעגאַנגען, און וואָס דונקעלער עס איז אויף דער ערד געוואָרען, אַלץ העכער האָט זיך די לבנה געהייבען איבער'ן קראַטער, וועלכער איז געווען אַזוי רונד ווי זי אַליין. עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זי וועט אָט־אָט אַ פאַל טהאָן פון אויבען אין קראַטער אריין. און ווען די לבנה האָט זיך אויפגעהייבען גאַנץ הויך אויפ'ן הימעל, האָט די אזורא אויסגעזעהן, ווי בעזילבערט.

דאָ האָט פּלוצים דאָס וואַסער פון דער אזורא גענומען זיך טרויסלען — דאָ לאַנגזאַם און דאָ שנעל.

אַזוי ווי גייסטער וואָלטען איבער'ן וואַסער זיך געוויעגט און געוואָרפען איבער דער אזורא פערבאָרגענע שלייערס.

דאָס האָבען די גרויסע פישען פון דער טיעפעניש, די הונ־דערט־יאָהריגע קאַרפּען און די העכט די פרעסערס, זיך אונטער דעם לבנה־שיין ארומגעיאָגט.

אריאַל'ס טעכטער האָבען די געשיר ווידער אין'ם קאָרב פער־

פּאַקט און איהם איבערגעגעבען דעם קוטשער. מען איז אוועק צוריק צום וואַגען.

ווען זיי זיינען געגאַנגען איבער'ן וועג, אונטער די בוימער, זיינען כריסטיאַנע און פּאָול געגאַנגען די לעצטע, ער הינטער איהר. פּלוצים האָט זי דערהערט זיין הייסען פליסטערן כמעט אויפ'ן אויער:

— איך ליעב אייך! איך ליעב אייך! איך ליעב אייך!

איהר הארץ האָט אַזוי האסטיג גענומען קלאַפּען, דאָס זי איז שיער ניט געפאַלען וויל די קניע האָבען זיך איהר אונטערגעבויגט. אָבער זי האָט צונויפגענומען אַלע קרעפטען און איז געגאַנגען ווייטער, כמעט געלאָפען זי האָט געפיהלט, אַז אָט־אָט וועט זי זיך אומדרעהען צו איהם, וועט די אַרמס צו איהם אויסשטרעקען און אויפ'ן האַלז זיך צו איהם אַרויפוואַרפען

זי האָט גענומען אַ ברעג פון איהר שאַל, וואָס זי האָט אויף איהרע שולטער; געטראָגען און געקושט איהם פערצווייפעלט. זי איז געגאַנגען ווייטער אַזוי מיעד דאָס זי האָט די ערד אונטער איהרע פיס מעהר ניט געפיהלט.

פּלוצים זיינען זיי אַרויס פון אונטער די געדיכטע בוימער אויף דעם פרייען פּלאַץ וואו זייער פאַעטאָן איז געשטאַנען, און דאָ האָט זי זיך אָנגעהויבען צו בעהערשען. אָבער איידער זי האָט זיך אין דעם פאַעטאָן געזעצט האָט זי מיטביידע הענד אַ קוש געוואָרפען צו דער אַזורא. פּאָול וואָס האָט די אויגען פון איהר ניט אַרונטער־גענומען, האָט עס בעמערקט און פון דעם פערשטאַנען זעהר גוט, וואָס זי האָט געפיהלט.

ווען זי איז געפאָהרען צוריק. האָט זי זיך געפיהלט אין גאַנ־צען צובראָכען, ווי זי וואָלט פון ערגעץ אַרונטערגעפאַלען. ווי נור זי איז געקומען אין האָטעל איז זי צו זיך אין דאָס צימער אוועק און האָט די טהיר פערשלאָסען דאַן האָט זי נאָך די טהיר פער־ריגעלט אויך, אַזוי ווי מיט דעם וואָלט זי פערשליסען געוואָלט

דעם שטורם, וואָס האָט אין איהר נשמה געבושעוועט, די געפּיהלען, וואָס האָבען זיך אין האַרצען אָנגעצונדען.

דערנאָך איז זי געבליבען שטעהן אין דעם כמעט פינסטערען צימער און האָט געציטערט. דאָס ליכט, וואָס האָט אויפ'ן טיש געברענט, האָט געוואָרפען פלאַקערנדיגע שאָטענס פון די מעבעל און די פאָרהאַנגען אויף די ווענד. כריסטיאַנע האָט זיך אַרונטער־געלאָזט אין אַ פאָטעל און אין איהר מוח און אין האַרצען האָט געבושעוועט.

איהר האָט זיך געוואָלט וויינען, זי האָט אַליין ניט געוואוסט וואָרום. זי האָט זיך געפיהלט אונגליקליך, פערצווייפעלט, פער־לאָזען אין דעם דאָזיגען לעדיגען צימער, פערבלאָנדזשעט אין'ם לעבען, ווי אין אַ וואַלד.

וואוהין ציהט איהר? וואָס טהוט זיך דאָס מיט איהר?

זי האָט דעם אָטהעם ניט געקענט אָפּכאַפּען, האָט זי זיך אויפ־געהייבען, געעפענט דאָס פענסטער און לאָדען און זיך אָנגעשפּאַרט אויף דעם פענסטער־געזימס. די לופט איז געווען פריש. הויך פון דעם ווייטען הימעל האָט די טרויעריגע, איינזאַמע לבנה געוואָר־פען איהר קאַלטע ליכט אויף די גרינקייט און אויף די בערג. די גאַנצע געגענד האָט געשלאָפען, נור צייטענווייז האָט זיך דער־הערט דער שטילער טאָן פון סענט־לאַנדרי'ס פיידעל. דער דאָ־זיגער מוזיקאַנט האָט יעדע נאַכט זעהר שפּעט זיין פיעדעל געאיבט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די פיעדעל שלוכצעט אין דער טיע־פער שטילקייט פון דער נאַכט.

און די דאָזיגע לבנה, וועלכע האָט פון דעם איינזאַמען הימעל אַרונטערגעקוקט, און דער דאָזיגער שוואַכער שלוכצענדיגער טאָן פון דער פיעדעל, וואָס האָט אין דער שטילער נאַכט זיך געטראָגען, האָבען זי אַזוי אויפגערעגט, דאָס זי האָט זיך צו־וויינט. זי האָט געציטערט און זיך געטרייסעלט, ווי פון אַ שטאַרקען פיעבער, און פּלוצים האָט זי דערפיהלט, אַז זי איז אויך געווען עלענד און אַליין אויף דער וועלט.

ביז אַהער האָט זי דאָס ניט בעמערקט, אָבער איצט האָט זי דאָס געפּיהלט אַזוי קלאָר אין דער פערצווייפעלטער זעעלע איהרער, דאָס זי האָט געמיינט, אַז זי וועט משוגע ווערען. זי האָט געהאַט אַ פאָטער, אַ ברודער, אַ מאַן. זי האָט זיי דאָך געליעבט און זיי האָבען זי געליעבט, אָבער פּלוצים האָבען זיי זיך איהר אַלע אויס־געוויזען אַזוי פרעמד, ווי זי וואָלט זיי כמעט גאָרניט געקענט.

די רוהיגע ליעבע פון איהר פאָטער, די קאַמעראַדשאַפטליכע פריינדשאַפט פון איהר ברודער, די קאַלטע צערטליכקייט פון איהר מאַן, האָבען זיך איהר אויסגעוויזען גאָרנישט, גאָרנישט, ניט מעהר ווי גאָרנישט. איהר מאַן! איז דאָס געווען איהר מאַן? דער דאָזיגער רוהיגער מענש, וועלכער האָט מיט אַ גלייכגילטיגען טאָן צו איהר גערעדט:

— ווי פיהלסטו זיך עפּעס היינט, ליעבע פריינדין?

און צו דעם דאָזיגען מאַן האָט זי געהערט מיט קערפּער און זעעלע, געזעצליך צו איהם געהערט. איז עס מעגליך? אה, ווי עלענד און פערלאָזען זי האָט זיך געפּיהלט!

זי האָט איהרע אויגען צוגעמאַכט, אום אין איהר נשמה אריינ־צוקוקען, אין דעם טיעפסטען אָפּגרונד פון איהרע געדאַנקען. און איצט האָט זי געזעהן די געשטאַלטען פון יענע, וואָס האָבען אַרום איהר געלעבט, פאַר איהר שטעהן. איהר פאָטער, רוהיג און גליק־ליך, ווען מען האָט נור זיין רוה ניט געשטערט. איהר ציניש̈ען ברודער, איהר שטענדיג בעשעפטיגטען מאַן, וועלכער איז שטענדיג אַרומגעלאָפען מיט אַ קאָפּ פול ציפערן און איהר אַלע מאָל געזאָגט: „איך האָב אַ פיינעם געשעפט געמאַכט!“ ווען ער האָט איהר גע־דאַרפט זאָגען: „איך ליעב דיך!“

אָבער אַנאַנדערער האָט עס איהר געזאָגט, די דאָזיגע ווערטער, וואָס האָבען איצט נאָך אין איהרע אויערען און אין איהר הארצען געציטערט, איצט אין דעם האַלב־פינסטערען צימער נאָך שטאַר־קער. זי האָט איהם געזעהן פאַר זיך, דעם אַנדער'ן, ווי ער שטעהט

אַזוי מיט די אויגען אײַנגעגעסען אין איהר און פערשלינגט זי. און ווען ער וואָלט ווירקליך נעבען איהר געשטאַנען אין דעם דאָזיגען אויגענבליק, וואָלט זי זיך אין זײַנע אַרמס געוואָרפען!

VII.

כריסטיאַנע, וועלכע האָט זיך זעהר שפּעט געלעגט שלאָפען, האָט זיך אויפגעכאַפּט אַזוי שנעל ווי די זון האָט אַרײַנגעוואָרפען דורך דאָס אָפען-געבליעבענע פענסטער איהר רויטען שײַן. זי האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער: ערשט פינף. זי איז געבליבען ליגען מיט אַ גליקליכען שמייכעל אויף דעם וואַרימען קישען.

זי האָט זיך געפיהלט אַזוי גליקליך און פריש, דאָס איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז די נאַכט האָט זי אַ גליק געטראָפען, אַ גרויס גליק, אַ'ן אומענדליך גליק. וואָס? זי האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס פיר אַ גליק האָט זי אַזוי אויפגעלעבט. איהר גאַנצע טרויעריגקייט פון בײַנאַכט איז פערשוואונדען, צושמאָלצען געוואָרען, בעת זי האָט געשלאָפען.

אלזאַ, פּאול ברעטיני האָט זי געליעבט! גאַנץ אַנדערש האָט ער איצט אין איהרע אויגען אויסגעזעהן, ווי אין דעם ערשטען טאָג, בעת זיי האָבען זיך בעקענט. און ווי זי האָט זיך ניט אָנגעשטרענגט איהם פאָרשטעלען זיך, ווי ער האָט דאַן אין איהרע אויגען אויסגעזעהן, האָט זי בשום אופן דאָס ניט געקענט. דער מאַן, וועלכען איהר ברודער האָט דעמאָלט פאָרגעשטעלט, איז ווי פערשוואונדען געוועזען. דער פּאול היינט איז גאַר ניט עהנליך געוועזען צו יענעם ניט מיט'ן פנים און ניט מיט די מאַניערען. איהר ערשטער אײַנדרוק איז ביסלעכוויִיז פערשוואונדען מיט יעדען טאָג דורך די נעהענטערע בעקאַנטשאַפט מיט איהם און ווען ער איז איהר גאַר נאָהענט געוואָרען, איז שוין קיין שפּור פון יענעם אײַנדרוק אין איהר ניט פערבליבען.

אַלזאַ, פּאול ברעטיני האָט זי געליעבט! ברישטיאַנע האָט ניט געפּיהלט קיין אַנגסט און מורא, נור אַ גליק, אַ'ן אונענדליך־טיעפען גליק ביי דעם געדאַנק אַז מען ליעבט זי און דאָך איז זי אַביסעל אונרוהיג געוואָרען, ווען זי האָט ביי זיך געפּרעגט, ווי וועט ער האַנדלען און ווי אַזוי זי זאָל זיך האַלטען געגען איהם.

אָבער אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ צו־דעליקאַטער ענין פאַר איהר געוויסען האָט זי אויפגעהערט צו טראַכטען, וועגען דעם און זיך אין גאַנצען פערלאָזען אויף איהר טאַקט. זי האָט ביי זיך געטראַכט, אַז זי וועט שוין וויסען, ווי צו האַלטען זיך געגען איהם.

צו דער געוועהנליכער שטונדע האָט זי איהר צימער פערלאָזען און געטראָפען פּאול'ן פאַר דער טהיר פון'ם האָטעל מיט אַ סיגאַרעט אין'ם מויל. ער האָט זי בעגריסט גאַנץ רוהיג:

— גוט מאָרגען, מאַדאַם, האָט איהר זיך גוט אויסגעשלאָפען?

זי האָט געענטפערט מיט אַ שמייכעל:

— זעהר גוט, הערר ברעטיני, איך האָב אויסגעצייכענט געשלאָפען.

זי האָט איהם די האַנד דערלאַנגט און דאָך מורא געהאַט, ער זאָל זי ניט צו לאַנג האַלטען אין זיינער, אָבער ער האָט זי קוים־קוים אַ דריק געטהאָן און זיי האָבען אָנגעהייבען רוהיג צו פּלוידערן, אַזוי ווי קיין זאַך וואָלט נעכטען גאָר ניט פּאַסירט.

און דער טאָג איז פאַריבער און ניט מיט אַ מינע אפילו האָט ער איהר דערמאָנט אַז זיין נעכטיגער פייערדיגער ערקלערונג. און אויך אַ צייט נאָכדעם האָט ער זיך געהאַלטען רוהיג. זי האָט געמיינט, אַז ער היט זי צו פערוואונדען, דערפאַר שווייגט ער איצט און זי האָט דערפון געדרונגען, אַז וויטער פון דער דאָזיגער ריי־צענדער צערטליכקייט, ווען מען קוקט זיך נור אין די אויגען אַריין, אַהן געוויסענסביסע און חרטה, וועט ביי זיי ניט געהן.

אָבער פונדעסטוועגען האָט זי זיך געהיט צו זיין מיט איהם אַליין.

די אייגענע וואָך האָבען זיי זיך שבת ביינאַכט צוריקגעקעהרט

פון טאַצענאַ אין האָטעל. דער מאַרקיז, כריסטיאַנע און פּאָול זייַ־נען געגאַנגען צוזאַמען. זיי האָבען גאַנטראַן מיט אַברי־פּאַוסטער, ריקוויר און דאָקטאָר האַנאַרא איבערגעלאָזען אין'ם קליינעם זאַאַל פון קאַסינאָ.

דאַ האָט זיך ברעטיני אַנגערופען, ווען ער האָט די לבנה דער־זעהן, וואָס האָט דורך די צווייגען אַרויסגעשיינט:

— ווי שעהן וואָלט געווען צו בעזוכען אַמאָל די רואינען פון טורנעל אין אַזאַ נאַכט.

ביי דעם דאָזיגען געדאַנק אַליין איז כריסטיאַנע שוין געווען אויפגערעגט. לבנה־שיין און רואינען האָבען געמאַכט אויף איהר דעם זעלבען איינדרוק ווי כמעט אויף אַלע פרויען־זעעלען. זי האָט אַ כאַפּ געטהאָן דעם מאַרקיז'ם האַנד:

— אָה, פּאַפּאַ, ווירקליך, זאָלען מיר איצט געהן אַהין. איך בעט דיך!

ער האָט זיך געקווענקעלט, וואָרים ער האָט שוין געוואָלט געהן שלאָפען. זי אָבער איז צו איהם ווידער צוגעשטאַנען:

— דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דו האָסט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אַזאַ מאַלערישע רואינע ווי אין טורנעל, מיט דעם גרוי־סען טורם איבער'ן שלאָס, היינט שטעל זיך פאָר, ווי שעהן ערשט עס מוז דאָרט זיין ביינאַכט!

ער האָט נאָכגעגעבען:

— נו, גוט, מיר וועלען אַהין געהן. אָבער מיר וועלען דאָרט מעהר ווי צוואַנציג מינוטען ניט פערברענגען, ווייל אום עלף וויל איך געהן שלאָפען.

— גוט, מיר וועלען געהן באַלד צוריק, צוואַנציג מינוטען איז גענוג פיר דעם.

און זיי זיינען אַוועק, כריסטיאַנע אַנגעלעהנט אויף איהר פּאַ־טער'ס אָרם און פּאָול נעבען איהר. ער האָט גערעדט וועגען שווייץ, איטאַליען, סיציליען. ער האָט דערצעהלט וועגען די איינדריקען, וואָס געוויסע זאַכען האָבען אויף איהם געמאַכט, וועגען זיין בע־

גייסטערונג בעת ער האָט דערזעהן מאַנט ראָזא, ווען די זון האָט געפלאַקערט איבער די דאָזיגע הויכע ווייסע וועלט פון שנעע.

דערנאָך האָט ער געשילדערט, ווי ער האָט געפיהלט, בעת ער איז אויף דעם גוואַלדיגען קראַטער פון עטנא געשטאַנען, ווען ער האָט זיך דריי טויזענד מעטער הויך אין דעם וואָלקען געפונען, זעהענדיג אַרום זיך נור ים און הימעל, דעם בלויען ים אונטער זיך און דעם בלויען הימעל איבער זיך, ווען ער איז געשטאַנען איינגע־בויגט איבער יענעם שרעקליכען מויל פון דער ערד, וואָס קען מיט זיין אָטהעם אַ וועלט דערשטיקען.

ער האָט געשילדערט די בילדער, אום אויף כריסטיאַנע׳ן אַ׳ן איינדרוק צו מאַכען, און זי האָט זיך צוגעהערט און געציטערט, וואָרים אין איהר פאַנטאַזיע האָבען די אַלע זאַכען אויפגעלעבט, אַזוי ווי זי וואָלט זיי אַליין געזעהן.

פּלוצים האָבען זיי דערזעהן טורנעל. דער אַלטער שלאָס מיט זיין הויכען טורם, צובראָכען און צוברעקעלט דורך דער צייט, דורך די מלחמות, וואָס ער האָט געהאַט איבערגעטראָגען, איז געשטאַנען אויף אַ הויכען פעלזיגען באַרג און האָט זיך אָפּגעצייכענט אונטער׳ן הימעל מיט זיין גוואַלדיגער פאַנטאַסטישער גרויסקייט.

זיי זיינען אַלע געבליבען שטעהן ערשטוינט, ענדליך האָט זיך דער מאַרקיז אָנגערופען:

—ווירקליך, וואונדער־שעהן! דאָס איז ווי אַ פערווירקליב־טער טרוים פון גוסטאַוו דאָרע; מיר וועלען זיך אויף אַ פּאָאַר מינוטען צוזעצען.

ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויפ׳ן גראָז. אָבער כריסטיאַנע האָט אויסגעשריען בעגייסטערט:

— אַה, פּאַפּאַ, קום ווייטער. עס איז אַזוי שעהן, אַזוי וואונ־דער־שעהן. קום, איך בעט דיר, נעהענטער צום שלאָס!

אָבער דער מאַרקיז האָט זיך געוויינערט:

— ניין, קינד, איך בין גענוג געגאַנגען, איך קען ניט מעהר.

ווען דו ווילסט, געה מיט הערר ברעטיני אהין, איך וועל אויף דיר דאַ וואַרטען.

פאול האָט געפרעגט:

— ווילט איהר, מאַדאַם?

זי האָט זיך געקווענקעלט, זי האָט ניט געוואָלט מיט איהם אַליין געהן, אָבער אין דער אייגענער צייט האָט זי ניט געוואָלט איהם אַרויסווייזען, אַז זי האָט מורא פאַר איהם, ווייל אַזאַ עהרענ־מאַן ווי איהם, וואָלט עס געווים געקרענקט. דער מאַרקיז האָט נאָך אַמאָל געזאָגט:

— געהט דאָך! געהט! איך בלייב דאַ.

דאַ האָט זי אַ קלעהר געטהאָן, איהר פאָטער בלייבט דאָך דאַ ניט ווייט, דאַרף זי ניט מורא האָבען, און זי האָט געזאָגט ענט־שלאָסען:

— קומט!

און זיי זיינען אַוועק. אָבער אין אַ פּאָאַר מינוטען שפּעטער האָט זי פלוצים אַ'ן אונבעשטימטע מורא אָנגעכאַפּט, די מורא פאַר די רואינען, פאַר די נאַכט, פאַר דעם דאָזיגען מענשען. איהרע פיס האָבען גענומען ציטערן און זיך בויגען, ווי אַנומעלט ביינאַכט, בעת זי האָט זיין ערקלעהרונג געהערט; זי האָט זיך קוים־קוים בעוועגט.

אַ גרויסער בוים איז אויפ'ן וועג געשטאַנען. כריסטיאַנע האָט דעם אָטהעם ניט געקענט אָפּכאַפּען, אַזוי ווי זי וואָלט געווען געלאָ־פען, און זי האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויפ'ן גראָז אונטער'ן בוים. זי האָט געשטאַמעלט:

— איך וועל דאַ זיצען, מען זעהט פון דאַנען אויך גוט.

פאול האָט זיך געזעצט נעבען איהר. זי האָט געפיהלט, ווי האַסטיג איהר הערץ קלאַפּט. ער האָט אַ ווייליע געשוויגען און דערנאָך געזאָגט:

— גלויבט איהר, אַז מיר האָבען שוין איינמאַל געלעבט?

זי האָט ניט פֿערשטאַנען אין איהר אויפרעגונג, וואָס ער האָט געזאָגט און אַרויסגעפּליסטערט:

— איך ווייס ניט, איך האָב נאָך ניט געטראַכט וועגען דעם.

ער האָט געזאָגט:

— און איך גלויב עס מאַנכעסמאָל, אָדער ריכטיגער איך פיהל עס. דאָס לעבעדיגע וועזען, וואָס בעשטעהט פון גייסט און קערפּער, וועלכע שיינען צו זיין גאַנץ פערשיידען און אין דער אמת'ן זיינען זיי איינס און דאָס זעלבע, איין גאַנצעס פון דעם זעלביגען מין, מוז ווידער ערשיינען, ווען די עלעמענטען, פון וועלכע זיי זיי־נען איינמאָל בעשאַפען געווען, טרעפען זיך צוזאַמען אַ צווייטען מאָל. דאן איז עס ניט דאָס זעלבע וועזען, נור דער זעלבער מענש, אויב אַ קערפּער, וואָס ענדערט זיין פריהערדיגע געשטאַלט, איז בעזעלט פון אַ נשמה, וועלכע איז עהנליך צו דער נשמה, וואָס האָט איהם פריהער בעזעעלט, דאָס הייסט ווען דער קערפּער האָט זיך בעהעפט מיט דעם זעלבען עלעמענט, מיט וועלכען ער איז בעהעפט געווען אין זיין פריהערדיגען געשטאַלט.

יא, מאַדאַם, איך בין היינט ביינאַכט גאַנץ איבערצייגט, אַז איך האָב אין דאָזיגען שלאָס אַמאָל געוואָהנט, אַז ער איז געווען מיינער, אַז איך האָב דאָרט געקעמפּפט און איהם פערטהיידיגט. איך דערקען איהם איצט ווידער, מיר האָט ער געהערט, איך ווייס עס גאַנץ בעשטימט און אַזוי בעשטימט ווייס איך אויך, אַז איך האָב אַ פרוי אַמאָל געליעבט, וועלכע איז געווען עהנליך צו אייך און וועלכע האָט געהייסען כריסטיאַנע, ווי איהר.

איך ווייס דאָס אַזוי זיכער, דאָס מיר דאַכט זיך, אַז איך זעה זי פאַר זיך, הער איהר שטימע. קענט איהר זיך דאָס אפשר דער־מאָנען? דאָרט הינטען איז אַ וואַלד, וואָס ציהט זיך אין אַ טהאָל אַרונטער, דאָרטען האָבען מיר אָפט געשפּאַצירט. אין די זומער־אָבענדען האָט איהר געטראָגען לייכטע קליידער און איך שווערע וואַפען, וועלכע האָבען דאָרט געקלונגען אין דעם גרינעם וואַלד.

קענט איהר זיך דאָס דערמאָנען? פּרובט אַ זוך טהאָן אין

אייער געדעכטנים! אייער נאמען איז דאך מיר אזוי בעקאנט, ווי ער וואלט פון לאנג־לאנג אין מיין הארצען איינגעקריצט געווען. ווען מען זאל גוט דורכזוכען אלע שטיינער פון דעם דאזיגען אלטען שלאס, וואלט מען אייער נאמען געפונען איינגעקריצט פון מיין האנד. איך פערזיכער אייך, איך דערקען ווידער מיין הויז, מיין היים, ווי איך האב דערקענט אייך גלייך ווי איך האב אייך דעם ערשטען מאל געזעהן.

ער האט גערעדט מיט דער איבערצייגונג פון א פאנאטיקער, פאעטיש אנגערעגט דורך דער נאהענטקייט פון דער דאזיגער פרוי, דורך די דאזיגע נאכט, דורך דעם לבנה־שיין און דורך די רואינען. פלוצים האט ער זיך א ווארף געטהאן פאר איהר אויף די קניע און געזאגט מיט א ציטערענדיגער שטימע:

— לאזט מיך פאר אייך אויף די קניע שטעהן. פאר אייך, וואס איך האב ווידער געפונען, פאר אייך, וועלכע איך האב אזוי לאנג געזוכט!

זי האט געוואלט אויפשטעהן, אנטלויפען צו איהר פאטער, אבער זי האט די קראפט ניט געהאט, ניט דעם מוט דערצו. זי איז געווען ווי פאראליזירט פון דעם ברענענדיגען וואונש איהם נאך צו הערען, צו הערען, ווי די ווערטער, וואס האבען זי בעגליקט, זיינען אין איהר הארץ געדרונגען. זי האט זיך געפיהלט ווי אין א חלום, אין יענעם פאעטישען חלום פול לבנה־שיין און אלטע ניגונים.

ער האט איהרע הענד גענומען און געקושט די שפיצען פון איהרע פינגער און דערביי האט ער געשטאמעלט:

— כריסטיאנע, כריסטיאנע, איך בין דיינער! טויט מיך, איך ליעב דיך כריסטאנע!

זי האט געפיהלט, ווי ער ציטערט און טרייסעלט זיך ביי איהרע פיס. ער האט איהר איצט געקושט די קניע און פון זיין ברוסט האט זיך א טיעפער שלוכצען געריסען. זי האט זיך דער־שראקען, מורא געהאט, עך זאל פון׳ם זינען ניט ארונטער און האט זיך אויפגעהייבען. זי האט געוואלט אנטלויפען, אבער ער איז

שנעל אויפגעשפּרונגען, האָט זי אַ כאַפּ געטהאָן אין זיינע אָרמס און איהרע ליפּען געזוכט.

דאַ האָט זי זיך אָהן געשריי, אָהן וועהרען־זיך, אָהן ווידער־שטאַנד אויפ׳ן גראָז זיך אַרונטערגעלאָזט ,אַזוי ווי זיינע אומ־אַרמונגען וואָלטען איהר אַלע מוסקולען פּאַראַליזירט און דעם ווילען איהר צובראָכען, און ער האָט זי גענומען, אַזוי לייכט, ווי ער וואָלט אַ רייפע פרוכט פון אַ בוים אַראָבגעפּליקט.

אָבער קוים האָט זי זיך פון זיינע אָרמס בעפרייט, האָט זי זיך אויפגעהייבען און זיך אַ לאָז געטהאָן לויפען פערצווייפעלט און טרויסלענדיג זיך פון׳ם קאָפּ ביז צו די פיס. ער האָט זי אַנגעיאָגט, געכאַפּט זי ביי׳ם אָרם און אַרויסגעפּליסטערט:

— כריסטיאַנע, כריסטיאַנע, בערוהיגט זיך, אייער פאָטער!

זי האָט ניט געענטפערט און איז ווייטער געלאָפען, האָט זיך ניט אומגעקוקט אַהינטער. ער איז איהר נאָכגעלאָפען, האָט אָבער מעהר צו איהר ניט גערעדט.

ווען דער מאַרקיז האָט זיי דערזעהן, האָט ער זיך גלייך אויפ־געהייבען:

— קומט גיכער, מיר איז שוין קאַלט געוואָרען. אַלע די דאַזיגע זאַכען זייטען טאַקי זעהר שעהן, אָבער קיין געזונד וועט מיר דערפון ניט צוקומען!

כריסטיאַנע האָט זיך צוגעדריקט צו איהר פאָטער, אַזוי ווי זי וואָלט זיין שוץ געזוכט, אַזוי ווי זי וואָלט רעטונג ביי איהם געזוכט.

אַזוי שנעל, ווי זי איז ווידער אין איהר צימער געוועזן, האָט זי זיך אויסגעטהאָן, אין בעט אַריין און זיך צוגעדעקט מיט דער דעקע ביז איבער׳ן קאָפּ, האָט זי גענומען וויינען. דעם פּנים אין קישען איינגעדריקט, האָט זי געוויינט לאַנג, לאַנג. זי האָט וועגען קיין זאַך ניט געטראַכט, זי האָט ניט געליטען, זי האָט גאָרנישט בעדויערט און נור געוויינט אין דער אַריין, זיך ניט אָב־געבענדיג קיין רעכנונג און אַליין ניט וויסענדיג פאַרוואָס זי וויינט.

זי האָט געוויינט אינסטינקטיוו, ווי מען זינגט, ווען עס איז פרעה־ליך אויפ'ן הארצען. און דערנאָך, ווען זי איז מיעד געוואָרען פון די טרעהרען און דאָס שלוכצען, איז זי איינגעשלאָפען ווי א דער־הרג'עטע.

א לייכטער קלאַפּען אין טהיר האָט זי אויפגעוועקט. עס איז געווען העלער, ליכטיגער טאָג, ארום ניין אַ זייגער. זי האָט גע־זאָגט: „אריין", און אין טהיר האָט זיך בעוויזען איהר מאַן, אַ פרעהליכער, אַ לוסטיגער, מיט אַ רייזע־היטעל אויפ'ן קאָפּ, אַ קליינעם רייזע־טאַשעל אויף זיך, וועלכע ער פּלעגט געוועהנליך טראָגען אויף דער רייזע.

ער האָט אויסגערופען:

— וואָס, דו שלאָפסט נאָך, מיין קינד, און איך האָב דיר אויפגעוועקט? איך האָב דיר ניט געלאָזט וויסען, אַז איך קום; איך האָף, אַז דו פיהלסט זיך גוט. אין פּאַריז איז געווען אַ וואונ־דער־שעהנער וועטער.

און נאָכדעם, ווי ער האָט ארונטערגענומען די היטעלע, איז ער צו איהר צוגעגאנגען איהר א קוש צו טהאָן. זי האָט זיך אַ ציה געטהאָן צוריק ביז צו דער וואנד, פול משוגענער, נערוועזער מורא פאר דעם דאָזיגען קליינעם, פרעהליכען מאַן, וועלכער האָט צו איהר אויסגעשטרעקט זיינע ליפּען, און פּלוצים האָט זי איהם אויסגעשטעלט דעם שטערן און צוגעמאַכט די אויגען. ער האָט איהר רוהיג אַ קוש געטהאָן און געפרעגט:

— קען איך זיך אין דיין טואַלעט־צימער אביסעל צורעכט מאַכען? אזוי ווי מען האָט מיך ניט ערוואַרטעט, איז מיין צי־מער אודאי ניט אין אָרדנונג.

זי האָט אויסגעשטאַמעלט:

— אָבער געוויס!

ער איז פערשוואונדען אין אַ טהיר צו־פוסען פון בעט. זי האָט געהערט, ווי ער האָט זיך דאָרט בעוועגט, געהערט דאָס פּליוסקען פון וואַסער און דאַן האָט ער פון דאָרט געפרעגט:

— איז דאַ עפּעס נייעס? איך האָב אויסגעצייכענטע נאָכ־ריכטען; די אַנאַליזען האָבען אַרויסגעבראַכט גאַנץ אונערוואַר־טעטע רעזולטאַטען: מיר קענען וועניגסטענס דריי קראַנקהייטען מעהר קורירען, ווי די בעדער אין ז'איאַט. דאָס איז גרויסאַרטיג!

זי האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט אַ צומישטע, אַ צוטור־מעלטע. זי האָט געפיהלט, אַז זי ווערט דערשטיקט. דאָס אונ־ערוואַרטעטע צוריקקומען פון איהר מאַן האָט איהר געטראָפען, ווי אַ פּלוצים'דיגער שמערץ, ווי געוויסען־ביסע.

ער איז ווידער אַריינגעקומען אַ צופריעדענער, פערשפּריי־טענדיג אַרום זיך אַ שטאַרקען גערוך פון ווערבענען. ער האָט זיך געמיטליך אוועקגעזעצט צו־פוסען פון בעט און געפרעגט:

— וואָס מאַכט עפּעס דער קריפּעל, קען ער שוין געהן? נאָך די אַלע שטאָפען, וואָס מיר האָבען געפונען אין וואַסער, דאַרף ער ווערען גאַנץ געזונד.

זייט עטליכע טעג האָט זי אויף יענעם אין גאַנצען פערגעסען און זי האָט אויסגעשטאַמעלט:

— יאָ, איך גלויב, אַז איהם הויבט שוין אָן ווערען בעסער. איך האָב איהם די וואָך ניט געזעהן, איך האָב זיך געפיהלט ניט אַם בעסטען.

ער האָט זי פאַרשענדיג אַנגעקוקט און געזאָגט:

— עס איז אמת, דו זעהסט אויס אַביסעלע בלייך, אָבער איך האָף, אַז דו ביזט דאָך ניט קראַנק? אַזוי זעהסטו אויס רייי־צענד, גאַנץ רייצענד!

ער האָט זיך צוגערוקט, זיך איינגעבויגען צו איהר און גע־וואָלט זי אַרומנעהמען אַרום טאַליע. אָבער זי האָט זיך אַזוי צו־שראָקען אַ כאַפּ געטהאָן צוריק, אַז ער איז געבליבען שטעהן מיט אויסגעשטרעקטע הענד און אַן אָפענעם מויל. דאַן האָט ער גע־פרעגט:

— וואָס איז דען מיט דיר? מען טאָר זיך שוין גאָר צו דיר ניט צורירען? איך וויל דאָך דיר ניט וועה טהאָן.

און ער איז צוגעגאַנגען צו איהר מיט ברענענדיגע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך פּלוצים אַנגעצונדען אַ פערלאַנג.

— ניין, ניין, לאָז מיך אָב! לאָז מיך אָב! איך גלויב... איך גלויב, איך בין... אין אומשטענדען!

זי האָט עס געזאָגט אין איהר פערצווייפלונג, ניט טראַכטענדיג, וואָס שפּעטער וועט זיין, אָבי נור אויסצומיידען זיין בעריהרונג, עפּעס אַזוי, ווי זי וואָלט צו איהם געזאָגט: טשעפּע מיך ניט, איך האָב אַן אַנשטעקענדע קראַנקהייט, אָדער: איך האָב די פּעסט!

איצט איז ער בלאַס געוואָרען פאַר טיעפער פרייד און האָט בלויז אויסגעשטאַמעלט:

— שוין?

איצט האָט זיך איהם געוואָלט זי קושען לאַנג, ווייך און צערטליך, ווי אַ דאַנקבאַרער פאָטער; אָבער ער איז ווידער געוואָרען אונרוהיג:

— איז עס דען מעגליך, גלויבסטו עס ווירקליך, אַזוי שנעל?

זי האָט געענטפערט:

— יאָ, עס איז מעגליך!

דאַן האָט ער גענומען טאַנצען אין צימער און זיך רייבענדיג די הענד, אויסגערופען:

— היינטיגער טאָג וועט זיין אַ גליקליכער, דער אַנהויב איז זעהר אַ גוטער!

מען האָט ווידער אַנגעקלאַפּט אין טהיר. אַנדערמאָט האָט געעפענט און דאָס קאַמער־מיידעל האָט געזאָגט:

— דאָקטאָר לאַטאַן וויל גלייך רעדען מיט דעם הערר!

— גוט, פיהרט איהם אריין אין סאַלאָן, איך קום גלייך אריין.

ער איז אריין אין צווייטען צימער. דער דאָקטאָר איז גלייך אריינגעקומען. זיין אויסזעהן איז געוועזן זעהר פייערליך. ער האָט זיך געהאַלטען שטום און קאַלט און האָט קוים אַנגעריהרט די האַנד, וועלכע דער עטוואָס פערוואונדערטער באַנקיר האָט צו

איהם אויסגעשטרעקט. ער האָט זיך געזעצט און ערקלעהרט מיט א בעליידיגטען טאָן:

— געעהרטער הערר, מיט מיר האָט פּאַסירט עטוואָס זעהר אונאנגענעהמעס; איך וועל עס אייך גלייך ערקלעהרען און דאן וועט איהר פערשטעהן מיין בענעהמען זיך. ווען איהר האָט מיר פערשאַפט די עהרע און האָט מיך איינגעלאַדען צו בעהאַנדלען אייער פרוי, בין איך גלייך געקומען, ניט וויסענדיג, אז מיט א פּאָר מינוטען פריהער איז מיין קאָלעגע, דער באדע־דאָקטאָר, צו וועלכען פרוי אנדערמאַט האָט, אָהן צווייפעל, מעהר צוטרויען, ווי צו מיר, צו איהר גערופען געוואָרען דורך דעם מארקיז דע־ראַ־װענעל.

דערפאר, הייסט עס אלזאָ, אז אזוי ווי איך בין געקומען דער צווייטער, האָב איך וויסענדיג געוואָלט צונעהמען ביי דאָקטאָר באנעפילל א פּאַציענטקע, וועלכע האָט געהערט צו איהם נאָך פון פריהער. מען וועט זאָגען, אז איך בין בעגאַנגען עטוואָס זעהר שלעכטעס, אונאנשטענדיגעס, עטוואָס, וואָס פּאַסט זיך ניט פאר קאָלעגען. מיר, דאָקטוירים, מוזען זיין זעהר פּאַרזיכטיג, מיר מוזען האַנדלען מיט דעם גרעסטען טאַקט, כדי אויסצומיידען שוועריגקייטען, וועלכע קענען אמאָל האָבען גאַנץ ערנסטע פּאָלגען.

דאָקטאָר באנעפילל, וועלכער האָט געהערט פון מיין וויזיט ביי אייך און וועלכער גלויבט, אז איך האָב ניט געהאַט קיין רעכט עס צו טהאָן, און פון אויבען אויף זעהט עס טאַקע אזוי אויס, האָט זיך וועגען דעם אויסגעדריקט אין אזא שפּראַך, אז ווען ער וואָלט ניט געווען אזא אַלטער מאַן, וואָלט איך איהם געמוזט ארויסרופען אויף א דועל.

אום מיין אונשולד צו בעווייזען און זיך פאר מיינע קאָלעגען ריין צו וואַשען, בלייבט מיר איבער בלויז איין זאַך צו טהאָן, און דאָס איז, זיך צו ענטזאָגען אייער פרוי צו בעהאַנדלען.

אנדערמאַט האָט געענטפערט פערלעגען:

— יא, הערר דאָקטאָר, איך פערשטעה זעהר גוט אייער שווע־

רע לאַגע. שולדיג אין דעם איז ניט איך און מיין פרוי, זאַנדערן מיין שווער, וועלכער האָט, ניט פרעגענדיג ביי אונז, דאָקטאָר באַנעפּילל אהער גערופען. קען איך אפשר זעהן אייער קאָלעגע און איהם ערקלעהרען...

— געעהרטער הערר, דאָס איז גאַנץ אונמעגליך, עס האַנדעלט זיך וועגען אַ פּראָפעסיאָנעלע און עהרען־פראַגע, וועלכע איז מיר זעהר טהייער און, ניט קוקענדיג אויף מיין גרויסען בעדויערען...

איצט האָט איהם אַנדערמאַט איבערגעהאַקט די רייד. איהם האָט פערדראָסען די האַלטונג פון דעם דאָזיגען רעצעפּט־הענדלער. ער, דער רייכער מאַן, וועלכער בעצאָהלט פאַר אַלעס, וועלכער טאַקסירט יעדע זאַך מיט אַ געוויסען פּרייז, ווי, אַ שטיינער, אַ קעסטעל שוועבעלאַך, וואָס מען קויפט פאַר דריי סו, ווענמען, אַ דאַנק זיין געלד־בייטעל, האָבען געהערט אַלע און אַלעס, האָט אַזאַ האַלטונג ניט געקענט פערטראָגען און ער האָט געענטפערט מיט אַ קאַלטען טאָן:

— גוט, הערר דאָקטאָר, זאָל זיין אַזוי. איך ווינש נור, אַז אייער איצטיגער טריט זאָל ניט האָבען קיין איינפלוס אויף אייער וויטערדיגער קאַריערע. מיר וועלען אין גיכען זעהן, ווער פון אונז ביידען וועט פון דעם דאָזיגען ענטשלוס אייערען מעהר פערלירען.

דער בעליידיגטער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעהויבען און זיך פערנויגט מיט דער גרעסטער העפליכקייט:

— איך, געוויס איך, איך צווייפעל גאָר ניט אין דעם. עס איז מיר אַליין זעהר אונאַנגענעהם, וואָס איך בין היינט געצוואונגען אַזוי צו האַנדלען, אַבער איך צווייפעל קיין מאָל, ווען עס האַנדעלט זיך צווישען מיינע פּערזענליכע נוצען און מיין געוויסען!

און ער איז ארויסגעגאַנגען.

ווען ער איז אריבער דעם שוועל, האָט ער זיך במעט אַנגעשטויסען אַן דעם מאַרקיז, וועלכער איז נור וואָס אריין מיט אַ

בריעף אין האנד, און אזוי שנעל, ווי ער איז געבליבען אליין מיט זיין איידעם, האָט ער אויסגערופען:

— הער אויס, מיין ליעבער, צוליעב דיין שולד האָט מיט מיר פאסירט זעהר אַ מיאוסע געשיכטע. דאָקטאָר באַנעפּילל, וועלכער פיהלט זיך בעליידיגט, וואָס דו האָסט גערופען זיין קאָלעגע צו כריסטיאַנע'ן, שיקט מיר דאָ זיין ענטזאַגונג. ער ערקלעהרט מיר מיט עטליכע ווערטער, אַז איך קען זיך אויף איהם מעהר ניט פערלאָזען.

איצט איז שוין אנדערמאָט אין גאנצען ארויס פון געדולד. ער איז געוואָרען זעהר אויפגעבראכט, האָט געמאכט מיט די הענד און געשריען: וועמעס שולד איז עס איבערהויפּט, אויב ניט דעם מאַרקיז'ס, וועלכער האָט, ניט זאָגענדיג קיינעם אַ וואָרט, גערופען אהער דעם דאָזיגען עזעל, דעם דאָקטאָר באַנעפּילל.

און אויסער דעם האָט זיך דער מאַרקיז אריינגעמישט אין זאַכען, וועלכע געהערען גאָרנישט צו איהם. ער האָט הינטער דעם מאַן'ס רוקען גערופען אַ דאָקטאָר, בעת נור דער מאַן אליין האָט אַ רעכט עס צו טהאָן, ווייל ער איז פעראַנטוואָרטליך פאַר זיין פרוי'ס געזונד.

עס איז אימער געווען די זעלבע געשיכטע. אלע מענשען ארום איהם האָבען נאָכאַנאַנד בעגאַנגען נאַרישקייטען, נור נאַרישקייטען, און ער האָט עס זיי נאָכאַנאַנד געזאָגט, אָבער זיינע רייד זיינען געווען ארויסגעוואָרפען, ווי אין ווינד אריין. קיינער האָט איהם ניט פערשטאַנען, קיינער האָט ניט פערטרויט זיין ערפאַהרונג, און די מענשען זיינען אלע מאָל געקומען צום שכל, ווען עס איז שוין געווען צו־שפּעט. ער האָט געהאַלטען אין איין זאָגען: „מיין דאָקטאָר" און „מיין ערפאַהרונג", מיט דער איבערצייגונג פון אַ מאַן, וועלכער גלויבט, אַז נור ער אליין ווייס ווי צו לעבען אויף דער וועלט.

דאָס וואָרט „מיין" האָט אין זיין מויל געקלונגען ווי מעטאַל. ווען ער האָט געזאָגט „מיין פרוי", האָט מען געפיהלט, אַז דער

מארקיז האט שוין מעהר קיין שום רעכט ניט אויף זיין טאכטער, דען אנדערמאט האט זי געהייראט, וואס האט ביי איהם געהאט די זעלבע בעדייטונג, ווי ער וואלט זי געקויפט.

ווען דאס געשפרעך צווישען זיי איז געווארען זעהר היציג, איז אריינגעקומען גאנטראן. ער האט זיך געזעצט אויף א פאטעל מיט א שמייכעל אויף די ליפען. ער האט גארנישט געזאגט, זיך גור צוגעהערט און זייערע רייד האבען איהם געמאכט שפאס. ווען דער באנקיר איז אנשוויגען געווארען, וויל ער האט ניט געקענט מעהר דעם אטהעם אבכאפען, האט זיין שוואגער אויפגעהויבען די האנד און א געשריי געטהאן:

— איך פערלאנג דאס ווארט! איך שלאג פאר מיין קאנדי־דאט, דאקטאר האנארא, דעם איינציגען, וועלכער פערשטעהט ווירקליך, וואס עס טהוט זיך אין דעם ברונען פון ענוואל. ער הייסט אלעמען טרינקען דאס וואסער, אבער פאר קיינע גליקען אין דער וועלט וואלט ער אליין ניט גענומען דערפון א טראפען צו די ליפען. זאל איך איהם רופען?

דאס איז געווען דער איינציגער אויסגאנג און מען האט גע־בעטען גאנטראן'ען, ער זאל איהם גלייך לאזען רופען אהער. דער מארקיז, וועלכער האט מורא געהאט, אז ער וועט מוזען ענדערען זיין קור, האט וועגען דעם געוואלט גלייך אויפ'ן שטעל הערען די מיינונג פון דעם דאקטאר, און אנדערמאט האט ניט ווייניגער שטארק געוואלט ביי איהם פרעגען וועגען כריסטיאנע'ס צושטאנד.

כריסטיאנע האט דורכ'ן טהיר געהערט זייערע שטימען, זי האט אבער ניט געוואוסט וועגען וואס זיי רעדען. אזוי שנעל, ווי איהר מאן איז ארויסגעגאנגען, האט זי פערלאזען דאס בעט, ווי אן ארט, אין וועלכען זי איז ניט געווען זיכער. זי האט זיך שנעל אנגעטהאן אהן איהר קאמער־מיידעל. אלע געשעהעניסען, אלע פאסירונגען זיינען איהר ארומגעשוואומען אין קאפ, די גאנצע וועלט האט איהר אויסגעזעהן פערענדערט, אלעס האט אויסגע־קוקט אנדערש, ווי מיט א טאג פריהער, אפילו די מענשען.

אנדערמאַט׳ס שטימע האָט ווידער אָבגעקלונגען הויך:

— אָה, מיין ליעבער ברעטיני, ווי געהט עס אייך?

ער האָט איהם שוין ניט מעהר געהערט. אז אנדער־ שטימע האָט געענטפערט:

— זעהר גוט, מיין ליעבער אנדערמאַט. איהר זייט היינט אין דער פריה אָנגעקומען?

כריסטיאַנע, וועלכע האָט פערשפּיעלעט די האָאר, איז גע־ בליבען שטעהן אַהן אַן אָטהעם, מיט אויפגעהויבענע אָרעמס. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי זעהט דורכ׳ן וואַנד, ווי זיי דריקען זיך די הענד. זי האָט זיך אָוועקגעזעצט, האָט ניט געקאָנט מעהר איינשטעהן אויף איהרע פיס און איהרע האָאר האָבען זיך צו־ שאָטען און געפאַלען איבער איהרע שולטערען.

איצט האָט גערעדט פּאול, און זי האָט זיך געטרייסעלט ביי יעדען וואָרט, וואָס איז פון זיין מויל ארויס, האָט געציטערט פון קאָפּ ביז די פיס. יעדעס וואָרט, כאָטש זי האָט זיין בעדייטונג ניט געקענט פערשטעהן, איז אריינגעדרונגען אין איהר נשמה און האָט אָבגעקלונגען אין איהר הארצען. פּלוצים האָט זי אויסגערעדט כמעט אויפ׳ן קול פאַר זיך:

— איך ליעב איהם, איך ליעב איהם!

עפּעס אַזוי, ווי זי וואָלט ענטדעקט עפּעס אַ נייעס, עטוואָס, וואָס איז געווען פאַר איהר אַ גרויסע איבערראַשונג. און פּלוצים האָט זי געקראָגען אַ מערקווירדיגען מוטה, אין איין מאָמענט האָט זי געוואוסט וואָס זי האָט צו טהאָן, און זי האָט זיך גענומען ווי־ דער קאַמען איהרע האָאר, מורמלענדיג אין דער שטיל:

— איך האָב אַ געליעבטען, דאָס איז אַלעס! איך האָב אַ געליעבטען!

און, כדי צו ווערען זיכער מיט איהם און אַלע אנגסט פון זיך אַראָבצוּוואַרפען, האָט זי זיך בעשלאָסען איהם משוגע צו ליעבען, איהם צו אָפּפערען איהר לעבען, איהר גליק, אַלעס, אַלעס, ווי עס טהוען געוועהנליך אונגליקליכע הערצער, וועלכע ווילען זיך ריין־

וואַשען דורך אויפּאַפּערונג און איבערגעבענהייט. און הינטער דער וואַנד, וועלכע האָט זי אָבגעטהיילט, האָט זי איהם מיט דער האַנד קושען געוואָרפען זי איז געווען זיינע, זי האָט צו איהם געהערט אין גאַנצען מיט לייב און זעעלע, זי האָט זיך צו איהם איבערגעגעבען, ווי מען גיט זיך איבער צו אַ גאָט. דאָס קאָקע־טישע און קלוגע קינד אין איהר אין פּלוצים אוועק און עס איז גע־באָרען געוואָרען די פרוי, די ערנסטע, ענטשלאָסענע פרוי.

זי האָט געהערט, ווי עס עפענט זיך די טהיר און האָט זיך ניט אומגעדרעהט. זי האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז דאָס איז איהר מאַן, עפּעס אַזוי ווי אַ נייער חוש, עפּעס אַן אינסטינקט, וואָלט פּלוצים אין איהר ערוואַכט. ער האָט געפרעגט:

— ביזטו באַלד פאַרטיג? דערנאָך וועלען מיר געהן זעהן, ווי דער קריפּעל באַדט זיך. מיר מוזען זיך דאָך אַמאָל איבער־ציינגען, אויב ער געהט טאַקע אויף אַן אמת בעסער ווי פריהער.

זי האָט געענטפערט גאַנץ רוהיג:

— יאָ, מיין ליעבער וויל, אין פינף מינוטען.

אָבער גאַנטראַן, וועלכער האָט זיך צוריקגעקעהרט אין סאַ־לאָן, האָט אויסגערופען צו אַנדערמאַט׳ן:

— שטעל זיך פאָר — האָט ער געזאָגט — איך האָב געטראָפען אין פּאַרק דעם אָקס, אָט דעם האָנאָראַ, אָבער ער קוויינקעלט זיך אויך אייך צו בעהאַנדלען, אוים מורא פאַר די אַנדערע דאָקטוירים. ער רעדט פון ריקזיכטען און נאָך אַזעלכע זאַכען, קורץ, ער איז אַן עזעל, ווי זיינע ביידע קאָלעגען. איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז ער איז אַזאַ פּרי אדם.

דער מאַרקיז איז געוואָרען שטאַרק ניעדערגעשלאָגען. דער געדאַנק דורכצומאַכען די קור אָהן אַ דאָקטאָר, זיך אפשר באָדען פינף מינוט לענגער, אַ גלאָז ווייניגער וואַסער טרינקען, האָט איהם אָנגעפילט מיט שרעק, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז אַלע דאָזען, אַלע מישאַכצען, אַלע סאָרטען בעהאַנדלונג, זיינען איינגעאָרדענט געוואָרען דורך אַ געזעץ פון דער נאַטור, אַז די אַלע מינעראַלע וואַ־

סערען האָט די נאַטור אַליין געלאָזט פליסען בלויז צוליעב די קראַנקע און, אז נור די דאָקטוירים וויסען איהרע געהיימניסע און ווי אזוי זיי צו בענוצען. ער האָט אויסגערופען:

— מען קען דאָך, אַלזאָ, דאָ שטאַרבען, קראַפּירען, ווי אַ הונד, און קיינער פון די הערען וועט ניט אַ ריהר טהאָן מיט אַ פינגער!

און עס איז אויף איהם אָנגעפאַלען אַ כעס, דער עגאָאיסטי־שער כעס פון אַ מאַן, וועמעס געזונד עס איז אין געפאַהר:

— האָבען זיי דען אַ רעכט אזוי צו האַנדלען! זיי מוזען דאָך צאָהלען שטייערען, ווי יעדער קרעמער, מען קען דאָך זיי צווינגען די לייטע צו בעהאַנדלען, אזוי ווי מען קען צווינגען די אייזענבאַהנען זיי זאָלען אויפנעהמען פּאַססאַזשירען. איך וועל די גאַנצע געשיכטע לאָזען וויסען אין די צייטונגען!

ער איז ארומגעלאָפען אַ צוהיצטער אהין און צוריק איבער'ן צימער און דאַן זיך געווענדעט צו זיין זוהן:

— ווייסטו וואָס, מען וועט מוזען ארויסרופען אַ דאָקטאָר פון ראַיאַט, אָדער קלערמאָנט, אזוי קען עס ניט בלייבען.

גאָנטראַן האָט געענטפערט לאַכענדיג:

— אָה, די דאָקטוירים פון קלערמאָנט און ראַיאַט זיינען ניט גענוג בעקאַנט מיט דעם ברונען פון ענוואַל, ווייל דאָס דאָרטיגע וואַסער האָט ניט די זעלבע ווירקונג אויף דער פערדייאונג פון'ם מאָגען און אויף דער צירקולאַציאָן פון די בלוט. און דו קענסט זיין זיכער, אַז זיי וועלען אויך ניט קומען, אום ניט איינצורייסען מיט זייערע קאָלעגען.

דער מאַרקיז האָט אויסגעשטאַמעלט שטאַרק צושראָקען:

— יאָ, אָבער וואָס וועט דאַן פון אונז ווערען?

אַנדערמאַט האָט גענומען זיין הוט:

— פערלאָזט זיך נור אויף מיר. איך פערזיכער אייך, אַז היינט ביינאַכט האָבען מיר זיי דאָ אַלע דריי. איהר הערט וואָס

איך זאָג אייך: אַלע דריי ליגען זיי פּאָר אונז אויף די קניע. איצט אָבער לאָמיר גײן צום קריפּעל.

ער האָט אויסגערופן:

— ביזטו פאַרטיג, כריסטיאַנע?

זי האָט זיך בעוויזען אין טהיר זעהר אַ בלייכע, מיט אַ ענטשלאָסענער מינע און גאַכדעם, ווי זי האָט איהר פאָטער און איהר ברודער אַ קוש געטהאָן, האָט זי זיך אַ קעהר געטהאָן צו פּאָול׳ן און איהם געגעבען די האַנד. ער האָט זי גענומען און אַרונטערגעלאָזען די אויגען. ווען דער מאַרקיז, אַנדרעמאַט און גאָנטראַן, זיך ניט קימערענדיג וועגען זיי, זיינען שפּאַצירענדיג און לאַכענדיג אַוועקגעגאַנגען, האָט זי געזאָגט מיט אַ פעסטער שטימע, בעת זי האָט געקוקט אויף דעם יונגען מאַן, מיט אַ צערטליכען און ענטשלאָסענעם בליק:

— איך געהער צו אייך מיט לייב און לעבען. איהר קענט מיט מיר טהאָן, וואָס איהר ווילט!

דאַן איז זי אַרויסגעגאַנגען, ניט געבענדיג איהם קיין צייט איהר צו ענטפערען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער וואָהנונג פון דעם אַלטען אריאַל, האָבען זיי פון וויטען שוין דערזעהן דעם גרויסען הוט פון דעם אַלטען קלאָוויס, וועלכער האָט געדרעמעלט אונטער דעם זון־שיין, אין דעם וואַרימען וואַסער, טיעף אין זיין לאָך. ער האָט איצט דעם גאַנצען טאָג דאָרט פערבראַכט, ער האָט זיך צו דער הייסער באָד שוין צוגעוועהנט.

אַנדרעמאַט האָט איהם אויפגעוועקט:

— נו, מיין אַלטער, פיהלט איהר זיך בעסער?

ווען ער האָט דערקענט זיין געלד־געבער, האָט דער יונג גע־נומען קוועלען פאַר פרייד:

— עס איז שוין נישקשה, גאַר נישקשה.

— קענט איהר שוין געהן,

— צו ביסלאַך, מיין גנעדיגער הערר, צו ביסלאַך! דעם נעקסטען ערשטען וועל איך שוין ארומלויפען ווי א וויוויאַרקע.

אנדערמאַט'ס הארץ האַט געקלאַפּט. ער האַט געפרעגט:

— קענט איהר געהן, ווירקליך?

דער אלטער קלאַוויס האַט זיך מעהר ניט געוויצעלט:

— ניט גראַדע זעהר גוט געהן, אַבער עס געהט שוין מיט!

דאַ האַט זיך דעם באַנקיר גלייך פערוואַלט זעהן, ווי לאַנד־שטרייכער געהט. ער האַט גענומען ארומלויפען ארום דער לאַך אַן אויפגערעגטער און האַט גענומען קאָמאַנדעווען:

— גאַנטראַן, נעהם איהם אקאַרשט אַן פאַר'ן רעכטען אָרעם: ברעטיני, איהר לינקס, איך וועל איהם אננעהמען אין מיטען, אַט אַזוי, און איצט: איינס, צוויי, דריי! ליעבער פאַפּאַ, ציה דו אליין ארויס דעם פוס, ניין דעם אנדערען, דאַס איז בעסער, אַבער שנעל, איך בעט דיך, איך קען מעהר ניט האַלטען. איינס, צוויי, דריי, אַט איז ער! אור־אור־ף!

זיי האַבען דעם יונג אוועקגעשטעלט אויף דר'ערד. ער האַט זיך געלאַזט פון זיי שלעפּען און זיך אליין ניט א ריהר געטהאַן מיט קיין גליעד. זיי האַבען איהם אויפגעהויבען אין דער הויך, אוועקגעשטעלט אויף די פיס און דערלאַנגט זיינע קוליעס, מיט וועלכע ער האַט זיך בענוצט ווי מיט שטעקענס, און ער האַט גע־נומען געהן. ער האַט זיך בעוועגט ווי א זשאַבע און האַט הינטער זיך, אויף דעם ווייסען שטויב פון'ם שאָססע, איבערגעלאַזען א לאַנגען פאַס וואַסער.

אנדערמאַט איז געוואָרען שטאַרק בעגייסטערט, האָט גע־פּאַטשט מיט די הענד און געשריען, ווי אין טהעאַטער, ווען מען וויל ארויסרופען אַן אַקטיאָר:

— בראַוואָ, בראַוואָ! אויסגעצייכענט, בראַוואָ!

און ווען עס האַט געשיינט, אַז דער אלטער קען ניט מעהר ווייטער געהן, האַט ער זיך צו איהם א וואַרף געטהאַן, איהם אונ־

טערצוהאַלטען, האָט איהם גענומען אין זיינע אַרעמס, הגם עס האָט זיך געגאָסען פון זיינע קליידער, און געזאָגט:

— נו, איצט זאָל זיין גענוג, שטרענגט זיך ניט צופיעל אַן, איצט קומט צוריק אין באַד אריין.

און די פיער מענער האָבען אַנגענומען דעם אַלטען קלאָוויס פון אַלע פיער זייטען און איהם צוגעטראָגען מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיגקייט, ווי ער וואָלט געווען עפּעס אַ טהייערע געגענ־שטאַנד, וועלכער קען זיך לייכט צוברעכען, צוריק צו דער לאַך און איהם דאָרט אריינגעשטעקט.

דאַן האָט דער געלעהמטער ערקלעהרט מיט איבערצייגונג אין קול:

— דאָס וואַסער איז גאַנץ גוט, טהייערע וואַסער, אַזאַ וואַסער איז ווערטה אַלעס אין דער וועלט!

אַנדערמאַט האָט זיך פּלוצים געווענדעט צו זיין שוועער:

— ערוואַרט מיך ניט צום פריהשטיק. איך וועל געהן צו די אריאַלס און איך ווייס ניט, ווען איך וועל מיט זיי פאַרטיג ווע־רען. אַזעלכע זאַכען טאָר מען ניט לאַנג פערשלעפּען.

דאַן איז ער אוועק אין איילעניש. די איבעריגע האָבען זיך אוועקגעזעצט אונטער די בוימער, וועלכע האָבען זיך געצווייגען איי־בער דער דאָרפישער גאַס, אַנטקעגען דער לאַך פון דעם אַלטען קלאָוויס. כריסטיאַנע האָט זיך געזעצט נעבען פּאָול'ן און האָט גע־קוקט אויף דעם בערגעל, פון וועלכען זי האָט געזעהן, ווי מען האָט אויפגעריסען דעם פעלז. דאָרט, אויבען, זיינען זיי געשטאַנען מיט קנאַפּע פיער וואָכען צוריק. דאָרט זיינען זיי געזעסען אויף דעם רויט־ברוינעם גראָז ערשט מיט איין מאָנאַט צוריק, מיט איין איינציגען מאָנאַט. זי האָט זיך דערמאָנט אויף יענער סצענע, אויף די פיעל־פאַרביגע זונען־שירעמס, אויף די קיך־דיענער, אויף אַלעס, וואָס יעדער האָט געזאָגט, אויף דעם הונד, דעם אָרימען הונד, וועלכער איז פון דער עקספּלאָזיאָן צוריסען געוואָרען אויף

שטיקער און דאַן אויף יענעם יונגען מאַן, וועלכען זי האָט נאָך ניט געקענט און וועלכער האָט אויף איין וואָרט פון איהר זיך אַ וואָרף געטהאָן די חיה צו ראַטעווען.

און היינט איז ער געווען איהר געליעבטער. זי האָט אַלזאָ געהאַט אַ געליעבטען! זי איז געווען זיין געליעבטע! זיין געליעבטע! אין דער טיעפעניש פון איהר נשמה האָט זי זיך ווידערהאָלט דאָס דאָזיגע וואָרט: זיין געליעבטע! וואָס פאַר אַ מערקווירדיגער וואָרט! דער דאָזיגער מאַן, וועלכער איז געזעסען נעבען איהר, און וועמעס האַנד זי האָט געזעהן נאָכאַנאַנד רייסענדיג גראָז מיט דעם אבזיכט איהר קלייד צו בעריהרען, דיזער דאָזיגער מאַן איז איצט געווען צוגעשמידט צו איהר פלייש און איהר הארצען מיט יענער פערבאָרגענער, שענדליכער געהיימניס־פולערקייט, דורך וועלכע די נאַטור האָט צונויפגעבונדען דעם מאַן מיט דער פרוי.

און טיעף אין איהר נשמה האָט אַ פערבאָרגענע שטימע נאָכאַנאַנד געקלונגען:

— איך בין זיין געליעבטע! זיין געליעבטע! זיין געליעבטע!

זי האָט פלוצים אויף איהם אַ קוק געטהאָן. זייערע אויגען האָבען זיך בעגעגענט, און פון דעם דאָזיגען בליק, מיט וועלכען ער האָט זי אָנגעקוקט, האָט זי זיך געפיהלט אזוי בעוועגט, אַז זי האָט גענומען ציטערען פון קאָפּ ביז צו די פיס. עס איז אויף איהר אָנגעפאַלען אַ משוגענער לוסט צו נעהמען זיין האַנד און זי שטאַרק, שטאַרק צו דריקען. אום איהם דערמיט אַלעס, אַלעס צו זאָגען, וואָס מען קען מיט אַן אומאָרמונג זאָגען.

זי האָט אַראָבגעלאָזען איהר האַנד אויפ'ן קלייד גאַנץ ניעדעריג נעבען דאָס גראָז און אַ צייט לאַנג זי דאָרט געלאָזען אונבעוועגליך, האַלב אָפען. דאַן האָט זי דערזעהן, ווי זיין האַנד רוקט זיך צו איהרער, גאַנץ לאַנגזאַם, ווי אַ פערליעבטע חיה וואָס זוכט איהר צווייטען מין. זי האָט זיך צוגערוקט גאַנץ נאָהענט און די

קליינע פינגער פון זייערע הענד האָבען זיך בעריהרט. זיי האָבען זיך בלויז געטראָפען מיט די שפּיצען פינגער, קוים מערקבאַר אָנגעריהרט זיך, ווידער זיך אָבגערוקט און ווידער אַמאָל זיך בעריהרט, ווי אַ פּאָר ליפּען וואָס קושען זיך.

אָבער די דאָזיגע ליכטיגע בעריהרונג, די דאָזיגע קליינע צערטליכקייט, האָט זי אַזוי דורכגענומען, אַז זי האָט געמיינט, אַז זי ווערט דערשטיקט, ווי ווען ער וואָלט איהר אין זיינע אַרעמס געדריקט. און זי האָט פּלוצים פערשטאַנען, ווי מען קען אימיצען געהערען, ווי מען קען אין גאַנצען פערגעסען אַז זיך אין דער ליעבע צו אַן אַנדערען, ווי יענער אַנדערער בעהערשט אונז, אונזער לייב און זעעלע, אונזער פלייש, די געדאַנקען, דעם ווילען, דאָס בלוט, די נערווען, אַלעס, אַלעס בעהערשט ער אונז און האַלט אונז פעסט, ווי אַ רויב-פויגעל.

דער מאַרקיז און גאַנטראַן האָבען גערעדט פון דעם צוקונפטיגען באַדע-פּלאַץ, אַפילו זיי זיינען אויך אָנגעשטעקט געוואָרען מיט ווילליס ענטהוזיאַזמוס. זיי האָבען געלויבט זיין שכל, זיין גענויאַגקייט און די ספּעקולאַציאָנען און זיין געשטעלטען כאַראַקטער. דער שווער און דער שוואָגער, זעהענדיג אין פּאַראויס, וואָס פאַר אַ גוט געשעפט ער וועט דאָ מאַכען, האָבען זיך געפרעהט, וואָס זיי האָבען מיט איהם אַ שידוך געטהאָן. כריסטיאַנע און פּאָול האָבען געשיינט גאָר ניט צו הערען. זיי זיינען געווען אין גאַנצען פערנומען איינער מיט'ן אַנדערען. דער מאַרקיז האָט געזאָגט צו זיין טאָכטער:

— נו, קליינע, עס איז זעהר מעגליך, אַז דו זאָלסט ווערען איינע פון די רייכסטע פרויען פון פראַנקרייך און מען זאָל פון דיר רעדען, ווי פון די ראָטשילדס. ווילליס איז ווירקליך אַן אויסגעצייכענטער מענש, און אַ מענש מיט אַ גרויסען קאָפּ דערצו.

אָבער אויף פּאָול'ן איז פּלוצים אָנגעפאַלען אַ מאָדנע אייפערזוכט און ער האָט געזאָגט:

— די גרויסע קעפּ פון די געשעפטס-לייט קען איך צו גוט.

זיי וויסען נור פון איין זאך: געלד! אלע געדאנקען, וועלכע מיר פערשווענדען אויף די שעהנע זאכען פון דער וועלט, אלעס וואס מיר טהוען פאר אונזערע קאפריזען, אלע שטונדען וועלכע מיר אפפערען פאר אונזער צושטרייאונג, די גאנצע קראפט און מאכט, וועלכע די ליעבע נעהמט ביי אונז אוועק, פערברויכען זיי אויף דעם, צו זוכען געלד, צו דענקען פון געלד, צו מאכען געלד.

דער אמת־אינטעליגענטער מענש לעבט פריהער פאר אלץ פאר די גרויסע אידעאלען, די קונסט, די ליעבע, די וויסענשאפט, דייזען, ביכער, און ווען ער האט אויך א פערלאנג נאך געלד, איז עס נור וייל דאס געלד קען פערשאפען פרייד פאר דעם גייסט און גליק פאר דאס הארץ. אבער די יעניגע, וועלכע האבען גארנישט אין קאפ און גארנישט אין הארצען אויסער שאכער־מאכער געשעפט, זיי האבען מיט די גרויסע מענער נור א געוויסע עהנליכקייט, ווי, למשל, דער בילדער־הענדלער מיט דעם מאהלער, ווי דער פארלעגער מיט דעם שריפטשטעלער, ווי דער טהעאטער־דירעקטאר מיט דעם דראמאטורג.

ער איז פלוצים אנשוויגען געווארען. ער האט געפיהלט, אז ער האט זיך היגעריסען און ער האט צוגעלייגט מיט א רוהיגער שטימע:

— איך מיין דא נים אנדערמאט'ן, ער איז א רייצענדער מענש, איך האב איהם זעהר ליעב, דען ער שטעהט הונדערט מייל איבער די אנדערע געשעפטס־לייט.

כריסטיאנע האט איהר האנד צוריקגעצויגען. פאול האט ווידער אויפגעהערט צו רעדען. גאנטראן האט זיך צולאכט און געזאגט אויף זיין בייזען שטייגער, אויף וועלכער ער איז געוואהנט געווען אלעס ארויסצוזאגען, ווען ער איז געווען גוט אויפגעלייגט:

— אויף יעדען פאל, מיין ליעבער פריינד, האבען די דאזיגע לייטע א גרויסע מעלה: זיי הייראטען מיט אונזערע שוועסטער און האבען רייכע טעכטער, מיט וועלכע מיר קענען דאן הייראטען!

דער מאַרקיז האָט זיך אויפגעהויבען אַ בעליידיגטער:

— גאַנטראַן, מאַנכעס מאָל ווייסטו אַליין ניט, וואָס דו רעדסט!

דאַן האָט פּאָול געענטפערט, זיך ווענדענדיג צו כריסטיאַנע'ן:

— וואָלטען די דאָזיגע לייטע געקענט שטאַרבען פאַר אַ פרוי, אָדער זאָגאַר אויפאָפּפערען פאַר איהר זייער פערמעגען, זייער גאַנץ פערמעגען, ניט איבערלאָזענדיג גאַרנישט?

דאָס האָט געמיינט אָפען און קלאָהר: אַלעס, וואָס איך פערמעג, אפילו מיין לעבען, געהערט דיר! דאָס האָט זי שטאַרק געריהרט און זי האָט אָנגעווענדעט אַ שלויהייט, אום זיין האַנד אָנצונעהמען. זי האָט אויסגערופען:

— שטעהט אויף און העלפט מיר אויך אויפשטעהן! איך בין אַזוי מיעד פון'ם זיצען, אַז איך קען זיך מעהר ניט ריהרען.

ער האָט גענומען איהר האַנד, זי אויפגעהויבען, אַזוי, אַז זי איז געבליבען שטעהן נאָהענט ביי איהם אויף דעם ראַנד פון דער שאָססע. זי האָט געזעהן, ווי זיין מויל האָט געשטאַמעלט:

— איך ליעב דיך!

אָבער זי האָט זיך שנעל אַ קעהר געטהאָן צוריק, אום איהם אויך ניט אָבענטפערען מיט די זעלבע דריי ווערטער, וועלכע האָבען זיך איהר אויף די ליפּען געבעטען.

זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק אין האָטעל. די צייט פאַר באָדען זיך איז אוועק. די פריהשטיק-שטונדע איז אָנגעקומען, אָבער אַנדערמאַט איז נאָך אַלץ ניט צוריקגעקומען. נאָכדעם, ווי זיי אַלע האָבען נאָך אַ ווײַלע געשפּאַציערט אין פּאַרק, האָבען זיי בעשלאָסען צו געהן צום טיש אָהן איהם.

דער פריהשטיק, הגם ער האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט, האָט זיך געענדיגט און דער באַנקיר איז נאָך אַלץ ניט געווען. זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק אין פּאַרק, אום זיך צוזעצען אונטער די בוימער. עס איז אַוועק אַ שטונדע נאָך אַ שטונדע, די

זון איז אונטערגעגאַנגען הינטער די גרינע בערג, דער טאָג איז אוועק, ווילי איז נאָך אַלץ ניט געווען.

פּלוצים האָט מען איהם דערזעהן פון ווייטען; ער איז גע־גאַנגען שנעל מיט דעם הוט אין דער האַנד און זיך געווישט דעם שטערן. דער שניפּס האָט זיך ביי איהם פערדרעהט אַז אַ זייט, די וועסט איז געווען אָפען, ווי ער וואָלט געקומען פון אַ רייזע, און וואָלט געהאַט דורכגעמאַכט אַ מורא'דיגען, לאַנגען קאַמפּף.

אַזוי שנעל, ווי ער האָט דערזעהן זיין שווער, האָט ער אויסגע־רופען:

— זיעג! אַלעס איז פאַרטיג! אָבער אַ טאָג האָב איך גע־האַט! צום טייפעל, עס איז ניט לייכט געווען איינצובייסען דעם אַלטען פוקס!

און גלייך האָט ער דערצעהלט אַלעס, וואָס ער האָט אויס־געפיהרט און וויפיעל מיה עס האָט איהם געקאָסט. דער אַלטער אַריאַל האָט אין אָנהויב זיך גאָרניט געלאָזט רעדן און אנדערמאָאט האָט געמוזט מאַכען אַן אָנשטעל, אַז ער געהט אוועק. דאַן ערשט האָט מען איהם צוריקגערופען. דער פויער האָט געזאָגט, אַז ער קען זיין איינענטהום ניט פערקויפען, ער וויל אָבער אריינגעהן מיט זיי אין אַ קאָמפּאַניע און אין פאַל, אַז דאָס געשעפט וועט זיך אויס־לאָזען מיט גאָרנישט, נעהמט ער צוריק די ערד. אויב אָבער עס וועט זיין אַן ערפאָלג, וויל ער אַ העלפט פון די פּראָפיטען.

דער באַנקיר האָט איהם בעוויזען מיט צאָהלען און ציפערען, אַז זיין גאַנצע ערד איז איצט ניט ווערטה מעהר, ווי אַכטציג טוי־זענד פראַנק, בעת די קאָמפּאַניע מוז גלייך אריינלעגען אַ מיליאָן פראַנק.

אָבער דער פויער האָט געענטפערט, אַז דערפון, וואָס מען מאַכט אַ באָדע־פּלאַץ אויף זיין ערד, וויל ער פּראָפיטירען און דער־פאַר רעכענט ער פאַר די ערד ניט דאָס, וואָס איז איצט ווערטה, נור וואָס עס וועט שפּעטער ווערטה זיין

דאַ האָט איהם אָבער אנדערמאַט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער ריזיקע, וועלכע עס שטעהט איהם פאָר, און דאָס האָט דעם אלטען אָנגעשראָקען. עס איז דאַן געבליבען, אַז דער אַל־טער אַריאַל גיט איבער דער געזעלשאַפט זיין לאַנד אַרום דעם טייך, עס הייסט, אַלע גרונד־שטיק, וואו עס איז מעגליך צו גע־פינען מינעראַל וואַסער, דאַן דעם שפּיץ פון'ם באַרג, אום דאָרט אויפצובויען אַ קאַסינאָ און אַ האָטעל, און אַ פּאָר ווייגבערג, וועלכע וועלען צוטהיילט ווערען אין געוויסע טהיילען און וועלען פאַרגע־שלאָגען ווערען צו די בעוואוסטע דאָקטוירים פון פּאַריז. דער־פאַר קריגט דער פויער צוויי הונדערט און פופציג טויזענד פראַנק. אונגעפעהר פיער מאָל אַזוי פיעל, ווי עס איז איצט ווערטה, און אַ פיערטעל פון די איינגאַהמען פון דער געזעלשאַפט.

און אַזוי ווי עס בלייבט ביי איהם נאָך צעהן מאָל אַזוי פיעל לאַנד, ווי ער גיט איבער דער געזעלשאַפט, מעג ער זיין זיכער, אַז אויב דאָס באַדע־פּלאַץ וועט אָבגליקען, וועט ער מאַכען אַן אונגעהויער גרויסען פערמעגען, ווען ער וועט זיין איינגענטהום גע־שיקט פערקויפען. איבעריגענס, זאָגט ער, אַז דאָס איבעריגע לאַנד גיט ער זיינע טעכטער אַלס נדן.

אַזוי שנעל, ווי זיי זיינען איינגעגאַנגען אויף די דאָזיגע בע־דינגונגען, האָט וויליאַם געמוזט שלעפּען אַריאַל'ן און זיין זוהן צו אַ נאָטאַריוס, אום אויסצומאַכען די נויטיגע פּאַפּיערען. דער האַנדעל ווערט אוים האַנדעל נור דאַן, ווען מען וועט דאָס נויי־טיגע וואַסער דאָרט ניט געפינען. אַ גאַנצען נאָכמיטאָג האָט גע־נומען, ביז זיי זיינען דורכגעקומען און האָבען אויסגעמאַכט די אַלע נויטיגע קלייניגקייטען. איצט איז אַלעס געווען געענדיגט. דער באַנקיר האָט געהאַט דאָס באַדע־פּלאַץ און ער האָט געזאָגט מיט אַ טאָן, אין וועלכען עס האָט זיך געהערט אַ געוויסער בע־דויערען:

— איך מוז זיך, אַלזאָ, בעגנוגענען בלויז מיט דער באַד און

קען ניט מאַכען קיין גרעסערע ספּעקולאַציעס; אָה, דער אַלטער האָט זיין שכל ניט אויסגעקריינקט!

דאַן האָט ער צוגעלעגט:

— אָבער איך וויל די פריהערדיגע געזעלשאַפט אויסקויפּען. דערמיט קען איך ספּעקולירען. יעדענפאַלס מוז איך היינט פאָהרען נאָך פּאַריז.

דער מאַרקיז האָט איהם פערוואונדערט אַנגעקוקט און אויסגעשריען:

— וואָס, היינט אַבענד?

— יאָ, געוויס, ליעבער פּאַפּאַ, אום אויסצואַרבייטען די אַלע פּאַפּיערען. דערווייל וועט אַברי־פּאָוסטער אָנהויבען צו גראָבען. איך טאָר קיין שטונדע ניט פערלירען. אַגב וויל איך דיר זאָגען, אַז דו וועסט זיין איינער פון פערוואַלטונגס־ראַטה, אום איך זאָל דאָרט אַ שטאַרקע מאַיאָריטעט האָבען. דו וועסט האָבען צעהן אַקציעס און דו, גאַנטראַן, אויך צעהן.

גאַנטראַן האָט אָנגעהויבען צו לאַכען:

— איך דאַנק דיר זעהר, מיין ליעבער, איך פערקויף זיי דיר ווידער. ביזטו מיר, אַלזאָ, שולדיג פינף טויזענד פראַנק.

אבער אַנדראַמאַט האָט ניט געוואָלט ליידען קיין שפּאַס ביי אַזוינע ערנסטע געשעפטען און ער האָט בעמערקט מיט אַ ערנסטער מינע:

— ווען דו וועסט זיך צו דעם ניט ערנסט פערהאַלטען, וועל איך אַן אַנדערען נעהמען אויף דיין פּלאַץ.

דאָ האָט גאַנטראַן אויפגעהערט צו לאַכען:

— ניין, ניין, וויליאַם, ניין, ניין, דו ווייסט דאָך, אַז איך טהו אַלעס, וואָס דו ווילסט.

דער באַנקיר האָט זיך געווענדעט צו פּאָול'ן:

— מיין ליעבער הערר ברעטיני, ווילט איהר מיר אַ געפעליגס

טהאָן און אויך נעהמען אַ צעהן אקציעס, אום צו זיין איינער פון דער פערוואַלטונגס־ראַטה?

פאול האָט זיך פערבויגט און געענטפערט:

— ווען איהר וועט ערלויבען, וועל איך אייער ליעבענס־וויר־דיגען פאָרשלאַג ניט אַננעהמען, אָבער איך גלויב זעהר אין אייער אונטערנעהמונג און בין צופריעדען אריינצולעגען אין איהר הונ־דערט טויזענד פראַנק.

ווילליאם האט זיך זעהר דערפרעהט און איהם די האנד גע־דריקט. אין דער דאָזיגער מינוט איז ער בערייט געווען יעדען איי־נעם צו קושען, וואָס האָט אין זיין אונטערנעהמונג געגלויבט און געלד אין איהר געוואָלט אריינלעגען.

כריסטיאַנע איז אָבער רויט געוואָרען פאַר אויפרעגונג; איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אזוי ווי מען וואָלט זי נור־וואָס פערקויפט און געקויפט. וואָלט דען פאול, ווען ער וואָלט זי ניט ליעב גע־האט, אנגעבאָטען איהר מאַן הונדערט טויזענד פראַנק? ניין, געוויס ניט! וועניגסטענס האט ער זיך געדאַרפט היטען דאָס צו טהאָן, ווען זי איז דערביי געווען.

מען האָט געקלונגען צום עסען. זיי זיינען אוועק אין האָטעל און אין אַ ווייל ארום, ווען זיי זיינען ביים טיש געזעסען, האָט די מוטער פייל צו אַנדערמאַט'ן זיך געווענדעט:

— איהר ווילט, אַלזאָ, אַז אַנדער קוראָרט גרינדען?

די נייעס וועגען דעם האָט שוין אין דער גאַנצער געגענד זיך דורכגעטראָגען און אַלע האָבען פון דעם גערעדט.

אַנדערמאַט האָט געענטפערט:

— יאָ, ווייל די בעדער, וואָס זיינען דאָ, טויגען ניט.

און ער האָט זיך געווענדעט צו אבררי־פּאָוסטער:

— איהר וועט מיך ענטשולדיגען, וואָס איך וועל מיט אייך רעדען ביים טיש פון דעם, אָבער איך מוז היינט אבענד אוועק־פאָהרען און שפּעטער וועל איך קיין צייט ניט האָבען פון דעם צו

רעדען. איהר וועט אזוי גוט זיין און אוועקשטעלען מענשען צו גראָבען, אום מיר זאָלען האָבען גענוג וואסער.

דער אינזשעניר האָט זיך געפיהלט זעהר געשמייכעלט, וואָס אנדערמאט האָט איהם אנפערטרויט די דאָזיגע ארבייט און ער האָט אָנגענומען דאָס צו טהאָן. אין עטליכע מינוט איז אָלסדינג ארומגערעדט און אָפּגעמאַכט געווען, אָט ווי אין אָלע געשעפטען, וואָס אנדערמאט האָט אונטערגענומען.

דערנאָך האָט מען גענומען ריידען וועגען דעם געלעהמטען. מען האָט איהם נאָכמיטאָג געזעהן אין׳ם פּאַרק געהן מיט אַ שטאָק, וועהרענד ערשט נעכטען האָט ער ניט געקענט אַ טראָט צו טהאָן אָהן זיינע קוליעס.

דער באַנקיר האָט געזאָגט:

— זיין היילונג איז אַ׳ן אמת׳ער וואונדער. אין גיכען וועט ער אין גאַנצען געזונד ווערען.

דאָ האָבען אָלע גענומען רעדען וועגען דעם אלטען קלאָוויס. פּאָול בעגייסטערטער פון אָלעמען, אום צו שמייכלען דעם מאַן פון זיין געליעבטער, און אָלע האָבען גענומען קוקען אויף אנדערמאט׳ן. און אָלע האָבען איהם גראַטולירט; די קעלנער האָבען אָנגעפאַנגען איהם צוערשט סערווירען מיט אַ בעזונדערער מינע פון דרך ארץ, וואָס מען האָט ביי זיי ניט בעמערקט, ווען זיי האָבען סערווירט די אנדערע ביי׳ם טיש.

איינער האָט איהם אויף אַ טעלער אַ קאַרטע געבראַכט. ער האָט זי גענומען און איבערגעלעזען:

„דאָקטאָר לאַטאָן פון פּאַריז וועט זיך פרעהן, ווען הערר אנדערמאט וועט איהם די געלעגענהייט געבען צו ריידען מיט איהם אַ ווייַלע, איידער ער פּאָהרט אָפּ נאָך פּאַריז“.

— זאָגט איהם, אַז איך האָב קיין צייט ניט. אָבער איך וועל אין אַ אַכט־צעהן טעג זיין צוריק.

אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט מען כריסטיאַנע׳ן געבראַכט אַ בוקעט בלומען פון דאָקטאָר האָנאָרא.

גאַנטראַן האָט זיך צולאַכט:

— און וואָס שווייגט עפּעס דער אַלטער באַנעפּיל?

נאָכ'ן עסן האָט מען געמעלדעט אַנדערמאַט'ן, אַז זיין וואַגען וואַרט אויף איהם, און ער איז אַוועק צו זיך אין צימער, אום זיין רייזע־טאַש צו נעהמען. ווען ער איז אַרונטערגעקומען, האָט ער געטראָפען פאַר זיין טהיר שטעהן אַ העלפט פון די אָרטיגע איינוואָהנער. פּעטרוס מאַרטעל האָט איהם פאַמיליאַר די האַנד גע־דריקט און איהם איינגערוימט אויפ'ן אויער:

— איך האָב פאַר אייך אַ גוטען פּלאַן, אַ גרויסאַרטיגען פּלאַן פיר אייער אונטערנעהמונג.

דאָ איז פּלוצים ערשיענען דאָקטאָר באַנעפּיל, מיט אַ'ן אימפּעט, ווי געוועהנליך, צוגעגאַנגען נאָהענט צו אַנדערמאַט'ן, געצויגען פאַר איהם די הוט מיט טיעפען רעספּעקט, אַזוי ווי ער האָט עס געטהאָן פיר דעם מאַרקיז, און געזאָגט:

— איך ווינש אייך אַ גליקליכע רייזע, העדר באַראָן!

— אַך, ווי ריהרענד! — האָט גאַנטראַן אויסגעשריען.

אַנדערמאַט האָט טריאומפירט. ער האָט געשטראַהלט פאַר גליק און עהרגייץ, געדריקט אַלעמען די הענד, געדאַנקט און אויסגעשריען:

— אַדיע, אויף־ווידער־זעהן.

און ער איז אַזוי צודרומשקעט געווען פון דעם אַלעם, דאָס ער האָט אפילו פערגעסען אַ קוש צו טהאָן זיין ווייב ביי זעגענען זיך. זי אי צופריעדען געווען פון דעם, און ווען זי האָט דערזעהן, ווי דער וואַגען איז דאָרט פערשוואונדען אויפ'ן דונקעלענדען שליאַך, האָט זי זיך דערפיהלט אַזוי גליקליך, ווי זי וואָלט פאַר קיין זאַך ניט געפאַרכט מעהר מורא האָבען איהר גאַנצען לעבען לאַנג.

זי האָט דעם גאַנצען אָבענד פערבראַכט פאַר דעם האָטעל מיט איהר פאָטער און פּאָול ברעטיני. גאַנטראַן איז אין קאַסינאָ אַוועק, ווי ער האָט עס געטהאָן יעדען טאָג. זי האָט ניט געוואָלט ניט

שפּאַצירען געהן און ניט ריידען און איז געבליבען זיצען אויף איין אָרט, די הענד איבער די קניע פערלעגט, און האָט געקוקט אין די דונקעלע ווייטקייט. זי האָט זיך געפיהלט מיעד, אביסעלע אונ־רוהיג, אָבער גליקליך. זי האָט ניט געטראַכט, זי האָט אפילו ניט פאַנטאַזירט און צייטענווייז, ווען אונבעשטימטע געוויסענס־ביסע האָבען זיך אין איהר הארצען פער'גנב'עט, האָט זי זיי בעקעמפּפט, געטריבען פון זיך שרייענדיג מיט'ן הארצען:

— איך ליעב איהם! איך ליעב איהם! איך ליעב איהם!

זי איז פאַר־פריה אַוועק צו זיך אין צימער, אום אַליין צו זיין און צו טרוימען. זי איז געזעסען אין אַ פאַטעל אין איהר ברייטען מאַנטעל איינגעוויקעלט און האָט געקוקט אויף די שטערן דורך די אָפענע פענסטער און פאַר איהרע אויגען האָט זיך געטראָגען דאָס בילד פון יענעם, וואָס האָט איהר נשמה אין קייטען געשמיעדט. דער דאַזיגער מאַן האָט זי געפאַנגען, דאָס האָט זי געפיהלט, גע־פאַנגען זי אויף אייביג.

זי איז ניט געווען איצט אַליין, בייזאַנד זיינען זיי איצט גע־ווען, זייער ביידענס הערצער זיינען איין הארץ געווען, זייער ביי־דענס נשמה איז איין נשמה געווען. וואו ער איז איצט האָט זי ניט געוואוסט, אָבער איין זאך האָט זי געוואוסט, און אין דעם איז זי זיכער געווען, אז וואו ער איז געווען, האָט ער געטרוימט פון איהר, ווי זי פון איהם.

ביי יעדען קלאַפּ פון איהר הארצען האָט זיך איהר אויסגעגע־בען, ווי זי וואָלט דאָס קלאַפּען פון זיין הארצען אויך געהערט, וואָס האָט זיך אויף איהרם אַנגערופען. זי האָט געפיהלט אַרום זיך אַ וואונש בלאָנדזשען, וואָס האָט זיך ווי דורך די אָפענע פענסטער צו איהר אַריינגעריסען, אַ גליהענדיגען וואונש, וואָס איז פון איהם געקומען און האָט צו איהר געבעטען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

ווי זיס און ווי שען איז צו זיין געליעבט, וואָס פיר אַ גליק עס

איז צו טראַכטען פון עמיצען מיט טרערען אין די אויגען, צו קענען וויינען פאַר ליעבע, צו האָבען דאָס בעדערפניש אויסצושטרעקען די אַרמס צו דעם שוועבענדען בילד פון דעם געליעבטען, רופען איהם אין די טרוימען און קושען איהם אין די טרוימען.

און זי האָט אויסגעשטרעקט די ביידע ווייסע אַרמס פון די אַרבעל פון'ם מאַנטעל צו די שטערען אַרויף. פּלוצים האָט זי אַ געשריי געטהאָן, אַ גרויסער שוואַרצער שאָטען איז איבער'ן באַלקאָן געקראָכען און דורך דאָס אָפענע פענסטער צו איהר אין דאָס צימער אַריין.

זי איז אויפגעשפּרונגען אַ צושראָקענע — דאָס איז געווען ער. און זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהם אויף די ברוסט און ניט אַ טראַכט געטהאָן אפילו, אַז מען קען זיי דערזעהן.

VIII.

אַנדערמאַט האָט זיך פערזאַמט אין פּאַריז. אַבּרי־פּאָוסטער האָט דערוויילע געגראָבען און געפונען נאָך פיער קוואַלען, וועלכע האָבען געקענט ליפערען דער נייער קאָמפּאַניע וואַסער צוויי מאָל אַזוי פיעל, פיעל זיי האָבען געדאַרפט.

די גאַנצע געגענד האָט איצט מיט דעם געקאָכט. מען איז געווען בעגייסטערט און מען האָט גאָר פון קיין אַנדער זאַך ניט גערעדט און ניט געטראַכט ווי נור פון די דאָזיגע נייע פיער קוואַ־לען, וואָס מען האָט ענטדעקט, און פון דער גרויסער צוקונפט פון דעם נייעם קור־אָרט.

דער מאַרקיז און גאָנטראַן זיינען איצט אַליין געשטאַנען דעם גאַנצען טאָג ביי די אַרבייטער, וואָס האָבען געגראָבען, און האָבען מיט גרויסען אינטערעס זיך צוגעהערט צו די ערקלעהרונגען פון דעם אינזשעניר איבער די געאָלאָגיע פון אָווערן.

און פּאול און כריסטיאַנע האָבען זיך אין דער שטיל ליעב גע־האַט, און אַזוי ווי אַלע זיינע פערנומען געווען מיט דער גריגדונג פון דעם נייעם קור־אָרט, האָט די געליעבטע קיינער ניט בעמערקט און קיינער האָט זיך צו זיי ניט צוגעקוקט.

כריסטיאַנע איז געווען ווי איינער, וואָס שיכור׳ט זיך איין צום ערשטען מאָל. דאָס ערשטע גלאָז, דער ערשטער קוש האָט איהר דעם קאָפּ פערדרעהט; זי האָט שנעל דאָס צווייטע גלאָז געטרונ־קען, און דאַן ערשט האָט זי דעם ריכטיגען טעם דערפיהלט און געטרונקען נאָך און נאָך...

זייט יענעם אבענד, ווען פּאול איז צו איהר אין דאָס צימער געקומען, האָט די גאַנצע וועלט פיר איהר אויפגעהערט צו עקזיס־טירען. צייט, זאַכען, מענשען האָבען זי מעהר ניט אינטערעסירט, נור ער, ער אַליין. אויף דער גאַנצער ערד, אויף דער גאַנצער וועלט האָט מעהר קיינער עקזיסטירט ווי נור דער מאַן, וואָס זי האָט ליעב געהאַט. איהרע אויגען האָבען נור איהם געזעהן און איהר מוח האָט נור פון איהם געטראַכט.

זי האָט זיך געלעבט, בעוועגט, געגעסען, זיך געפּוצט, האָט זיך דאַכט זיך צוגעהערט און געענטפערט אויף פראַגען, אָבער זי האָט גאָר נישט פערשטאַנען און ניט געוואוסט, וואָס זי טהוט. זי וואָלט איצט קיין אונגליק ניט געפיהלט, קיין וועהטאָג און קיין שמערץ, וואָרים איין געפיהל האָט זי איצט אין גאַנצען בעהערשט — די ליעבע.

די ליעבע האָט זי ווי אין גאַנצען פּאַראַליזירט. און ער האָט זי ליעב געהאַט מיט יענער בעגייסטערונג, וואָס איז אין זיין נאַטור געלעגען, און ער האָט אויפגעוועקט די צערטליכקייט פון דער יונ־גער פרוי ביז משוגעת. אָפט, ווען ער האָט געוואוסט, אַז דער מאַרקיז און גאָנטראַן זיינען צו אַ זיצונג אוועק, האָט ער געזאָגט:

— מיר וועלען היינט געהן אונזער גן עדן אָנקוקען.

דיזער „גן עדן" האָט ער אָנגערופען אַ קליין טאַנען־וועלדעל

וואָס איז געשטאַנען אונטער׳ן באַרג איבער׳ן טהאָל. דער וועג אהין איז געגאַנגען באַרג אַרויף און איז געווען זעהר אַ שווערער און ביז זיי זיינען צום וועלדעל צוגעקומען, איז כריסטיאַנע גע־בליבען אָהן אטהעם. אַזוי ווי זיי האָבען ווייניג צייט געהאַט, האָבען זיי געמוזט זיך איילען און אום זי זאָל זיך ניט צופיעל אַנשטרענגען, האָט ער איהר געהאָלפען קריכען אויפ׳ן באַרג. זי האָט זיך אַנ־געשפּאַרט מיט אַ האַנד אַן זיין אַקסעל און זיך געלאָזט פיהרען, און יעדע ווײַלע איז זי איהם אויפ׳ן האלז געפאלען און האָט איהרע ליפּען צוגעדריקט צו זיינע.

וואָס שנעלער זיי זיינען צוגעקומען צום וועלדעל, אַלץ שנע־לער זיינען זיי געגאַנגען און ווען זיי זיינען גאַנץ נאָהענט צוגעקו־מען, האָט דער וואַלד־דופט אַ ווייהע געטהאָן זיי אַנטקעגען, ווי אַ פרישער בריז פון׳ם ים. זיי האָבען זיך געזעצט אונטער די דונקעלע בוימער אויפ׳ן גראָז, ער צו איהרע פיס. דער ווינד, וואָס האָט געבלאָזען, האָט דערטראָגען צו זיי יענעם זיסען רוישען, וואָס קלינגט ווי אַ גלאָק, און די פלאַכע ברייטקייט פון דער לימאַן, וואָס האָט זיך דאָרט ווייט פערלאָרען אין דעם נעבעל, האָט אויף זיי דעם איינדרוק געמאַכט פון׳ם ים.

יאָ, דאָרט אונטען איז געווען דער ים, זיי האָבען אין דעם גאָר ניט געקענט צווייפלען, וואָרים דער ים־ווינד האָט זיי אין פּנים געבלאָזען. ער האָט געשטיפּט מיט איהר ווי אַ קינד:

— גיב מיר דיינע פינגערס, איך וויל זיי עסען, זיי זיינען מיינע באָנבאָנס!

ער האָט זיי גענומען איינעם נאָכ׳ן אנדערען אין דעם מויל אַריין און האָט זיי געזויגען.

— אַך זיינען זיי געשמאַק, בעזונדערס דער קלייניגקער, איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געגעסען עפּעס, וואָס זאָל זיין אַזוי געשמאַק ווי דער קליינער פינגער.

דערנאָך האָט ער זיך אויף די קניע געשטעלט, אָנגעשפּאַרט

זיין עלענבויגען אויף כריסטיאַנע'ס קניע און אַרויסגעפּליסטערט:
כריסטיאַנע, קוק מיר אין די אויגען! איך וויל דיין האַרץ זעהן.
און זיי האָבען זיך אַריינגעקוקט איינער דעם אַנדער'ן אין די אויגען און עס האָט זיך אויסגעגעבען, אַז זייערע ביידענס בליקען איז איין שטאַרער בליק. ער האָט געזאָגט:
— מען ליעבט נור אויף אַ'ן אמת, ווען מען פערלירט זיך אַזוי איינער אין דעם אַנדער'ן.
און בעת זיי האָבען זיך אַזוי אַנגעקוקט, האָבען זיי געזוכט צו לעזען איינער אין דעם אַנדערען'ס אויגען.
ער האָט לאַנגזאַם געפּליסטערט:
— איך זעהר דיך, איך זעה דיין האַרץ.
— איך אויך, פּאול, איך זעה אויך דיין האַרץ.
און אין דער אמת'ן האָבען זיי געזעהן איינער ביים אַנדער'ן אין דער נשמה און אין'ם האַרצען ביז אין די טיעפסטע טיעפעניי־שען אַריין, וואָרים אין דער נשמה און אין'ם האַרצען איז ביי זיי מעהר גאַר נישט געווען ווי דער בערוישענדער געפיהל פון ליעבע.
ער האָט געזאָגט:
— כריסטיאַנע, דיין אויג איז ווי דער הימעל, אַזוי בלוי און העל און אַזוי זוניג. מיר דאַכט זיך אוים, אַז איך זעה שוואַלבען שוועי־בען איבער דעם האָריזאָנט, דאָס זיינען מסתמא דיינע געדאַנקען.
און דערנאָך, אַז זיי האָבען זיך אַזוי אַ היבשע צייט אַנגעקוקט, האָבען זיי זיך צוגערוקט איינער צום אַנדער'ן נעהנטער און שטיל זיך געקושט, און דערביי האָבען זיי צווישען יעדען קוש זיך ווידער אַנגעקוקט.
דאַן האָט ער זי אַ כאַפּ געטהאַן אין זיינע אָרמס און מיט איהר געלאָפען צום טהאַל אַרונטער. עס איז געווען אַ שמאָלער טהאַל ביים טייכעל מיט בוימער און לאַנקעס. פּאול איז געלאָפען מיט איהר איבער'ן גראָז, געדריקט זי אין זיינע מעכטיגע אָרמס און געשריען:

— כריסטיאנע, קום, מיר וועלן פליהען!

די ליעבע, זייער צופלאַמטע ליעבע האַט אין זיי די בעדערפ־ניש ערוועקט צו פליהען. אַלסדינג ארום האַט אין זיי דעם דאַזיגען וואונש ערוועקט, די ווייכע לופט און דער ווייטער בלויער האָריזאָנט. זיי וואָלטען זיך אזוי ביי די הענד אנגענומען און צו דעם פערוואַלקענטען הימעל אַוועקגעפלויגען. וואוהין? זיי האָבען עס ניט געוואוסט. אָבער דער דאָזיגער טרוים איז געווען אזוי שעהן.

ווען ער איז מיעד געוואָרען זי צו טראָגען, האָט ער זי דאַן אויף אַ פעלז ארונטערגעלאָזט און זיך אויף די קניע פאַר איהר גע־שטעלט, האָט זי געקושט און גערעדט צו איהר די צערטליכסטע ווערטער פון ליעבע און בעוואונדערונג.

די לאַנדשאַפט ארום זיי, דער וואַרעמער ווינד, דער וואַלד, דער גערוך פון פרישער ערד, דאָס אַלעס האָט זייער ליעבע צופלאַמט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

איין מאָל פאַרנאַכט, ווען זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט אהיים האָט דער מאַרקיז זיך פּלוצים צו זיי אַנגערופען: —

— אין פיער טעג ארום קומט אנדערמאַטט, ער האָט שוין אַלע זיינע געשעפטען בעזאָרגט און דאַן פאָהרען מיר גלייך אַלע אהיים, מיר זיינען דאָ שוין צו לאַנג. עס איז ניט געזונד צו פאַר־בלייבען לאַנג אין די בערג.

זיי זיינען געבליבען ערשטוינט, אזוי ווי מען וואָלט זיי אַנגע־זאָגט, אז די וועלט געהט אונטער און די גאַנצע צייט ביים טיש האָבען זיי קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, אזוי צוטראָגען זיינען זיי געווען פון דעם, וואָס זיי וועלען זיך מוזען צושיידען און ניט קענען זיך זעהן אזוי לייכט און פריי, ווי דאָ. דאָס האָט זיך זיי אויסגע־וויזען אזוי אנמעגליך, אזוי אונגלויבליך, דאָס זיי האָבען עס גאָר־נישט געקענט פאַרשטעהן.

אין עטליכע טעג ארום איז טאַקע אנדערמאַטט אַנגעקומען. כריסטיאַנע, וועלכע האָט ניט געשלאָפען, ווייל אַ מאָדנער געפיהל

האט זי געמוטשעט. א געפיהל פון מורא פאר איהר מאן, מורא וואס איז געמישט געווען מיט כעס, מיט א מין צולהכעיס, איז אויפגעשטאנען גאנץ פריה און געווארט אויף איהם.

צוויי עקיפאזשען זיינען אנגעקומען, אין דעם ערשטען איז ער געזעסען מיט נאך דריי שען געקליידעטע מענער, אין דעם צווייטען זיינען געזעסען אנדערע פיער מענער, וועלכע זיינען ניט געווען אזוי שען געקליידעט.

דער מארקיז און גאנטראן זיינען געווען ערשטוינט. דער מארקיז האט געפרעגט:

— ווער זיינען זיי?

אנדערמאטט האט געענטפערט:

— מיינע אקציאנערען, מיר וועלען נאך היינט די געזעלשאפט גריינדען און גלייך ערוועהלען דעם פערוואלטונגס־ראט.

ער האט א קוש געטהאן זיין פרוי, ניט גערעדט צו איהר און כמעט ניט א קוק געטהאן אויף איהר, אזוי צוטראגען איז ער געווען. דערנאך האט ער זיך א קעהר געטהאן צו די זיעבען העררן, וועלכע זיינען געשטאנען הינטער איהם שטום און מיט גרויס דרך ארץ, און צו זיי געזאגט:

— אלזא, מיינע העררן, איהר געהט איצט עסען אייער פריהשטיק, שפעטער קענט איהר זיך דורכגעהן אביסעל שפאצירען און א זייגער צוועלף וועלען מיר זיך ווידער צוזאמענקומען.

זיי זיינען אוועק, ווי סאלדאטען פאלגענדיג דעם בעפעהל פון זייער קאמאנדיר, און צו פאארוויז, איינע הינטער די אנדערע זיינען זיי אויף די טרעפ ארויף און אין האטעל פערשוואונדען.

גאנטראן, וועלכער האט זיי נאכגעקוקט, האט געפרעגט גאנץ ערנסט:

— וואו האסטו דערטאפט די דאזיגע סטאטיסטען?

דער באנקיר האט א שמייכעל געטהאן:

— דאָס זיינען זעהר אנשטענדיגע מענשען, מענשען פון דער בערזע, קאַפּיטאַליסטען.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגען און דערנאָך צוגעלייגט מיט אַ שמייכעל:

— אָמ די בעזאָרגען דאָס מיינע געשעפטען.

דאַן איז ער אַוועק צום נאָטאַריוס, אום נאָך אַמאָל דורכצו־לעזען די אַקציען, וועלכע ער האָט מיט אַ פּאָאַר טעג צוריק צוגע־שיקט פון פּאַריז. דאָרט האָט ער געטראָפען דאָקטאָר לאַטאַן. מיט וועמען ער האָט זיך אַ פּאָאַר מאָל דורכגעשריעבען פון פּאַריז. זיי האָבען אַ לאַנגע צייט גערעדט שטיל אין אַ ווינקעל פון דער ביוראָ איינער מיט'ן אַנדער'ן, בעת אין דער איינגענער צייט האָבען די פעדערען פון די שרייבער נאָכאַנאַנד געסקריפּעט.

צוויי אַזייגער האָבען זיי געזאָלט גרינדען די געזעלשאַפט. דאָס צימער פון דעם נאָטאַריוס איז געווען איינגעריכטעט ווי צו אַ קאָנצערט. צוויי ראַנדע שטוהלען האָבען ערוואַרטעט די אָרציאַ־נערען געגענאיבער אַ טיש, ביי וועלכען דער יוסטיצראַט אַלאַן מיט זיין ערשטען שעף האָבען געזאָלט זיצען.

דער יוסטיצראַט האָט לכבוד דער דאָזיגער פּאַסירונג אָנגעטהאָן זיין פּאַראַדנע פּאָרמע. ער איז געווען אַ קורצער מאַן, רונד ווי אַ קלאָץ. פּונקט צוויי אוהר איז אַנדערמאַטט געקומען מיט דעם מאַרקיז, גאָנטראַן און ברעטיני און באַלד נאָך זיי די זיעבען העררן, וועלכע גאָנטראַן האָט אָנגערופען סטאַטיסטען. אַנדערמאַטט האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גענעראַל.

אין דער איינגענער צייט האָט ערשיענען דער אַלטער אריאַל מיט זיין זוהן. זיי זיינען געווען אונרוהיג, און געקוקט אַרום זיך מיט פּערדאַכט, ווי געוועהנליך פּויערים, ווען זיי דאַרפען עפּעס אונטערשרייבען. דאָקטאָר לאַטאַן איז געקומען דער לעצטער ער האָט זיך אַנדערמאַטט'ן אין גאַנצען אונטערוואָרפען און דער באַנקיר, ווען ער האָט דערפיהלט, אַז ער וועט קענען מיט איהם

אלעם טהאָן, האָט איהם פערשפּראָכען די שטעלע פון דעם שעף־דאָקטאָר פון דעם נייעם קוראָרט.

ווען אַלע זיינען שוין פערזאַמעלט געווען, האָט דער נאָטאַריוס דאָס וואָרט גענומען:

— מיינע הערען, פערנעהמט אייערע פּלעצער.

ער האָט געזאָגט נאָך אַ פּאָאָר ווערטער, וועלכע זיינען פאַר־לאָרען געגאַנגען אין דעם טומעל, וואָס עס האָט זיך אין דעם צי־מער אויפגעהויבען, ווען מען האָט די שטוהלען גענומען רוקען. אנדערמאָטט האָט גענומען אַ שטוהל און זיך געזעצט אַזוי, אַז ער זאָל קענען אַלעמען זעהן, דאַן ווען אַלע זיינען שוין געזעסען, האָט ער אָנגעהויבען:

— מיינע הערען, איך רעכען, אַז עס איז איבעריג אייך צו ער־קלעהרען דעם צוועק צוליעב וועלכען מיר זיינען דאָ פערזאַמעלט. מיר ווילען צוערשט גרינדען די נייע געזעלשאַפט, פון וועלכער איהר ווילט זיין אַקציאָנערען, איך מוז אייך אַבער מיטטיילען איי־ניגע איינצעלהייטען, וועלכע האָבען מיר געמאַכט געוויסע שוועַ־ריגקייטען. איידער איך האָב עפּעס געטהאָן, האָב איך געוואָלט זיין זיכער, אַז מיר ווילען קריגען די געזעצליכע ערלויבניש צו גרינדען אַ נייעם קוראָרט. די דאָזיגע ערלויבניש האָב איך יעצט, דער מי־ניסטער האָט עס מיר פערשפּראָכען, אַבער עס איז דאָ אַנאַנדער פּונקט, וואָס איז פאַרבונדען מיט שוועריגקייטען און אויף דעם פּונקט וויל איך אייך אויפמערקזאַם מאַכען. מיינע הערען, אונז וועט אויסקומען זעהר אַ שווערען קאַמפף צו פיהרען מיט דער פריי־הערדיגער געזעלשאַפט פון ענוואַל.

פון דעם דאָזיגען קאַמפף מוזען מיר אַרויסקומען זיעגרייך און רייך, אַבער איהר קענט זיין זיכער, אַז דאָס וועט געשעהן. איצט פרעגט זיך, און דאָס איז זעהר וויכטיג, וואָס פאַר אַ נאָמען גיט מען אונזער קוראָרט? מיר מוזען אויסטראַכטען אַזאַ נאָמען, וואָס זאָל זיין אַ גוטע רעקלאַמע פאַר אונזער זאַך, אַ נאָמען וואָס זאָל קלינגען,

זאָל טרעפען דעם אויער ווי אַ העלער טראָמפּייטען טאָן און דאָס אויג ווי אַ בליץ.

מיר געפינען זיך, מיינע הערן, אין ענוואַל און דעם נאָמען קענען מיר ניט אומבייטען, בלייבט אונז איצט איין זאַך: מיר מוזען אונזער קוראָרט, אונזערע בעדער אַ נייעם נאָמען געבען. דערפאַר שלאָג איך אייך פאָר פאָלגענדעס:

אונזער נייער באַדעפּלאַץ וועט זיך געפינען אונטער'ן באַרג, וועלכער געהערט צו הערר אַריאַל, וואָס איז דאָ אַנוועזענד. אונזער קאַסינאָ וועט זיך געפינען אויף דעם שפּיץ פון'ם באַרג, וואָלט איך געזאָגט, אַז עס וואָלט געווען גאַנץ נאַטירליך, מען זאָל אונזער קוראָרט אַ נאָמען געבען די בעדער פון מאַנט־אַריאַל, אום אונזער באַדע־פּלאַץ, וועלכער וועט מיט דער צייט ווערען איינער פון די גרעסטע אין דער וועלט, זאָל איינהאַלטען דעם נאָמען פון זיין ערשטען בעזיצער. זאָל מען געבען צעזאַר'ן, וואָס צעזאַר'ן קומט!

און הערט זיך נור איין, ווי דער דאָזיגער נאָמען קלינגט: מאַנט אַריאַל! מאַנט אַריאַל! מען וועט זאָגען מאַנט אַריאַל, ווי מען זאָגט היינט מאַנט־דאָרע! אַזאַ נאָמען לאָזט זיך ניט פערגעסען, דרינגט אין אויער אריין און בלייבט דאָרט הייגגען, מען הערט עס פאַר זיך, מען זעהט עס פאַר זיך: מאַנט אַריאַל! מאַנט אַריאַל! די בעדער פון מאַנט אַריאַל!

און אַנדערמאַטט האָט אַרויסגערעדט דעם דאָזיגען נאָמען, אַזוי ווי ער וואָלט מיט אַ קויל אויסגעשאָסען און זיך צו זיין עבאַ צוגעהערט. ער האָט גערעדט ווייטער, נאָכגעמאַכט, ווי אַזוי דער עולם וועט רעדען דערפון:

— איהר פאָהרט נאָך מאַנט אַריאַל?

— יאָ, גנעדיגע פרוי.

— מען זאָגט אַז די בעדער פון מאַנט אַריאַל טהוען אויף וואונדער!

— אַלץ הייסט וואונדער! און וואָס פאַר אַ געגענד דאָרט איז!

און דערביי האָט אַנדערמאַט געשמייכעלט און עס איז קענטיג געווען, אַז עס פערשאַפט איהם גרויס פאַרגעניגען. ער האָט אומגעביטען דעם טאָן און גענומען נאַכמאַכען, ווי אַ דאַמע רעדט, דאַן ווי אַ העררה, ביז ער האָט זיך געווענדעט צו די איבעריגע אין זיין נאַטירליכען טאָן:

האָט אימעצער וואָס אַנצווענדען געגען דעם?

אַלע האָבען געענטפערט:

— ניין! ניין!

דריי פון די סטאַטיסטען האָבען אַפּלאָדירט. דער אַלטער אַריאַל איז געווען זעהר גערירט. ער האָט זיך געפיהלט געשמייכעלט און אַנדערמאַט האָט איהם אין גאַנצען געוואונען אויף זיין זייט. ער האָט זיך געפיהלט זעהר שטאָלץ, דער פויער, גערעהט זיין הוט אין די הענד, געמאַכט צופריעדען מיט'ן קאָפּ, וואָס דאָס האָט געהייסען, אַז ער איז מיט דעם איינפערשטאַנדען. אַנדערמאַטט האָט פאַר'גנב'עט געקוקט אויף איהם, און זיך בעמיהט דערביי, אַז דער פויער זאָל דאָס ניט בעמערקען. אַריאַל, דער זוהן, איז געזעסען אונבעוועגליך, אָבער ער איז אויך געווען צופריעדען פונקט ווי זיין פאָטער.

דאַן האָט אַנדערמאַטט זיך אָבגערופען צום יוסטיצראַט:

— איצט, זייט אַזוי גוט און לעזט איבער די רעגעלען פון דער געזעלשאַפט.

און ער האָט זיך געזעצט. דער יוסטיצראַט האָט זיך געווענדעט צו זיין ביוראָ פאַרשטאַנד:

— זייט אַזוי גוט מאַרינעט!

מאַרינעט, אַ'ן אַרימער טייפעל, האָט מיט דעם טאָן פון אַ פּרעדיגער און אַ דעקלאַמאַטאָר גענומען לעזען די איינצעלנע פונקטען פון דער אַקציען געזעלשאַפט, וועלכע רופט זיך די בעדער פון מאָנט אַריאַל אין ענוואַל, מיט אַ קאַפּיטאַל פון צוויי מיליאָן.

דער אַלטער אַריאַל האָט איהם אונטערבראָכען:

— איין אויגענבליק! איין אויגענבליק!

און ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ ביכעל מיט פּער־טיגע פּאַפּיערען, וועלכע ער האָט אַכט טאָג נאָכאַנאַנד געוויזען אַלע נאָטאַריוסען און אַלע געשעפטסלייט. דאָס איז געווען אַ קאָפּיע פֿון די סטאַטוטען, וועלכע ער און זיין זוהן האָבען שוין געוואוסט כמעט אויף אויסענווייניג.

דאַן האָט ער לאַנגזאַם אָנגעטהאָן די ברילען, אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אויסגעשפּרייט פֿאַר זיך די פּאַפּירען און געזאָגט:

— איהר קענט ווייטער לעזען, מאַרינעט!

זיין זוהן האָט צוגערוקט זיין שטוהל און נאָכגעפאָלגט וואָס איז געשטאַנען אין דעם פֿאָטער'ס פּאַפּירען. מאַרינעט האָט אָנ־געהויבען פֿון דאָס ניי. דער אַלטער אַריאַל איז געווען שטאַרק פֿאַרסמאַיעט פֿון דעם וואָס ער האָט געמוזט אַ הערען, אַ אַריינ־קוקען אין די פּאַפּיערען, דערצו האָט איהם נאָך געפּייניגט די אַנגסט, דאָס אַ וואָרט אָדער אַ זאַץ זאָל ניט האָבען איבערגעמאַכט געוואָ־רען, אָדער אַז אַנדערמאָטט זאָל ניט געבען דעם יוסטיצראַט עפּעס אַ צייכען. ער האָט ניט דורכגעלאָזען קיין איין שורה, אַז ער זאָל אַ מאָל צעהן ניט אונטערברעכען דעם ביורא־שעף און האָט נאָכאַ־נאַנד איבערגעפרעגט:

— וואָס מיינסטו? וואָס זאָגסטו? איך האָב ניט פֿאַרשטאַ־נען, ניט אַזוי שנעל!

דאַן האָט ער זיך אַ קעהר געטהאָן צו זיין זוהן:

— שטימט עס קולום?

— קולום, וועלכער האָט זיך בעסער בעהערשט, האָט גע־ענטפֿערט:

— עס שטימט, עס שטימט!

מיט דעם שפּיץ פֿון זיין אויסגעקרימטען פֿינגער, האָט דער אַלטער פֿערפֿאָלגט דאָס פֿאַרגעלעזענע, בעת זיינע ליפּען האָבען גע־שעפּצעט די ווערטער און אַזוי ווי ער האָט זיין אויפמערקזאַמקייט

ניט געקענט צוטהיילען, האט ער ניט געלעזען דאז, ווען ער האט זיך צוגעהערט, און ניט געהערט קיין זאך, ווען ער האט געלעזען. ער איז געוועזען אהן א'ן אטהעם, ווי ער וואלט אויף א הויכען בארג געקלעטערט, ער האט געשוויצט ווי ביי א זעהר שווערער ארבייט, און פון צייט צו צייט האט ער געבעטען מען זאל אויף א ווייל אויפצוהערען לעזען, אום ער זאל זיך קענען אבווישען דעם שוויים און אבכאפען דעם אטהעם.

אנדערמאטט האט אונגעדולדיג געקלאפט מיט'ן פוס אין דער ערד. גאנטראן, וועלכער האט געפונען אויף דעם טיש א זשורנאל, האט איהם רוהיג געלעזען. פאול איז געזעסען רייטענדיג אויף א שטוהל דעם קאפ אראבגעלאזען און געטראכט, אז דער דאזיגער קליינער, רויטער, דיקער יונג, וועלכער איז געזעסען פאר איהם, וועט מארגען אוועקפיהרען מיט זיך די פרוי, וועלכע ער ליעבט מיט'ן גאנצען הארצען. ער וועט צונעהמען כריסטיאנע'ן, זיין כריסטיאנע, וועלכע געהערט צו איהם, צו איהם אליין און נור צו איהם און ער האט זיך געפרעגט, אויב ער זאל מיט איהר ניט אנט־לויפען היינט ביינאכט. די איבעריגע זיעבען העררן זיינען געבלי־בען ערנסט און רוהיג.

דער נאטאריוס האט אויסגעמאכט א פאפיר, אז דער קאפי־טאל איז איינגעצאלט געווארען און קאסירער אבראהאם ליוויי האט באשטעטיגט, אז ער האט ערהאלטען דאס געלד. איצט האט די געזעלשאפט, וועלכע איז נאך דעם אונטערשרייבען פון די פאפירען אריין אין קראפט, גענומען אויסוועהלען א'ן אויפזיכטסראט און א פרעזידענט.

אלע שטימען אחוץ צוויי האבען אויסגעוועהלט אנדערמאטט אלס פרעזידענט, די אנדערע צוויי זיינען געוועזען פון דעם פויער און זיין זוהן, וועלכע זיינען געווען פאר דעם אלטען אריאל.

ברעטיני איז ערוועהלט געווארען אלס רעוויזאר. דאן האט דער אויפזיכטס־ראט, וועלכער איז בעשטאנען פון אנדערמאטט, דעם מארקיז, גראף ראווענעל, ברעטיני, אריאל און זיין זוהן, דאק־

טאר לאטאן, אבראהאם ליוויי און סימאן זידלער, געבעטען די אי־בעריגע אקציאנערן ווי אויך דעם יוסטיצראט און דעם ביורא שעף, זיי זאלען זיך צוריקציהען, אום זיך ווייטער צו בעראטען און אויס־ארבייטען די אלע נויטיגע זאכען. אנדערמאטט איז ווידער אויפ־געשטאנען:

— מיינע העררען, איצט קומען מיר צו צו דער נויטיגער פרא־גע ווי אזוי צו מאכען א'ן ערפאלג פון אונזער אונטערנעהמונג, און א'ן ערפאלג מוזען מיר האבען אונטער אלע אומשטענדען. מיט מינעראל־וואסער געהט ווי מיט אלע אנדערע זאכען, מען מוז וועגען דעם רעדען, א סך רעדען און שטענדיג רעדען, כדי די קראנקע זא־לען עס טרינקען. און מיינע העררן, די גרעסטע מאדערנע פראגע איז די רעקלאמע, זי איז דער גאט פון האנדעל און אינדוסטריע אין אונזער צייט. אהן רעקלאמע טויג קיין געשעפט ניט!

די קונסט פון רעקלאמע איז זעהר א שווערע און פאדערט א סך טאקט. די ערשטע, וואס האבען אנגעווענדעט די דאזיגע גרויסע מאכט, האבען עס געטהאן אויף א גאנץ רויהען שטייגער. זיי הא־בען געוואלט צוציהען צו זיך די אויפמערקזאמקייט דערמיט, וואס זיי האבען געמאכט א גרויסען ליארעם, א הו־הא, א געוואלד.

היינט איז שוין אזא מין ליארם פערדעכטיג. די גרויסע שרייעדיגע אדווערטייזמענטס רופען נור ארויס א שמייכעל, א געשריי אויף דער גאס רופט ארויס מעהר פערדאכט ווי נייגעריג־קייט און דאך מוז מען די עפענטליכע נייגעריגקייט צוציהען און נאכדעם ווי מען האט דעם עולם פעראינטערעסירט, מוז מען איהם איבערצייגען.

די גאנצע קונסט ליגט אלזא אין דעם, צו געפינען דעם ריכ־טיגען מיטעל און דאן קען מען פערקויפען וואס מען וויל. מיר, מיינע העררן, ווילען פארקויפען מינעראל־וואסער. מיר מוזען גע־ווינען די קראנקע דורך די דאקטוירים. די גרעסטע דאקטוירים, מיינע העררן, זיינען מענשען, אזוי ווי מיר און האבען שוואכקייטען אזוי ווי מיר. איך וויל אייך ניט זאגען, אז מען קען זיי אונטערקויפען,

דער נאָמען פון די בעריהמטע אווטאָריטעטען, וועלכע מיר דאַרפען האָבען, שטעהט העכער פון אַזאַ פערדאַכט. אָבער וועלכע מענשען קען מען ניט געווינען, ווען מען געהט נור צו איהם קלוג צו? עס זיינען אויך פאַראַן פרויען, וועלכע מען קען ניט קויפען, אָבער מען קען זיי פאַרפיהרען.

מיינע הערען, איך מאַך אייך דעם פאָלגענדען פאָרשלאַג, אי־בער וועלכען איך האָב זיך גוט דורכגערעדט מיט דאָקטאָר לאַטאַן. צוערשט מוזען מיר די אַלע קראַנקהייטען, וועלכע וועלען דאָ גע־היילט ווערען צוטהיילען אין דריי גרופען, נעמליך:

1. אַלע פאָרמען פון רעוומאַטיזם, געלזוכט און אַזוי ווייטער.
2. מאַגען קראַנקהייטען, ניערען און לעבער קראַנקהייטען.
3. אַלע שטערונגען פון בלוט צירקולאַציאָן, דען עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז אונזערע בעדער זיינען אַ וואונדערבאַרער היילמיטעל דערצו.

ווי איהר זעהט אַליין, פערשפּרעכט אונז די היילונג פון'ם אַלטען קלאָווים גרויסע וואונדער. ווען מיר וועלען שוין האָבען בעשטימט די קראַנקהייטען, פאַר וועלכע דאָס וואַסער איז גוט, וועלען מיר דאַן די בעוואוסטעסטע דאָקטוירים, די ספּעציאַליסטען, וועלכע גיבען זיך דערמיט אָב, מאַכען פאָלגענדען פאָרשלאַג:

— מיינע הערען, וועלען מיר צו זיי זאָגען, קומט צו אונז און זעהט אַלעס אַליין מיט אייערע אויגען, קומט מיט אייערע קראַנקע, איהר זייט אונזערע געסט. די געגענד איז אַ פּראַכטפאָלע, איהר דאַרפט זיך אויסרוהען נאָך די אַנשטרענגונגען פון אַ גאַנץ ווינטער. קומט אַלזאָ, איהר הערען פּראָפעסאָרען, קומט ניט צו אונז, נור צו זיך אַליין, דען מיר ערלויבען זיך אייך אָנצובאָטען אַ ווילאַ, וועלכע וועט געהערען אין גאַנצען צו אייך, ווען איהר וועט זיין איינפאַר־שטאַנדען מיט די גאַנצע אויסערגעוועהנליכע בעדינגונגען.

אנדערמאַטט האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָבגעשטעלט און דאַן מיט אַ רוהיגערער שטימע ווייטער גענומען רעדען:

— הערט אוים, ווי איך וויל אויספיהרען דעם דאָזיגען פּלאַן. מיר האָבען זעקס גרונד־שטיק צו טויזענד קוואדראַט מעטער יע־דערע, אויף יעדען פון די דאָזיגע זעקס גרונדשטיק וויל די בערנער האַלץ געזעלשאַפט אויפבויען א הויז. די דאָזיגע עלעגאַנטע און בעקוועמע הייזער וועלען מיר פריי אוועקגעבען צו די דאָקטוירים, געפעלט זיי דאָרטען צו בלייבען, דאַן וועלען זיי זיך קויפען די הייזער פון דער בערנער האָלץ־געזעלשאַפט, די ערד אָבער שענקען מיר זיי אוועק און זיי וועלען אונז דערפאַר בעצאָהלען מיט זייערע פּאַ־ציענטען.

אויף אַזאַ אופן וועלען מיר האָבען פיעלפאַכע נוצען: מיר וועלען אונזער פּלאַץ בעפוצען מיט רייצענדע ווילאַס, וועלכע וועלען אונז גאַרנישט קאָסטען און וועלכע וועלען צוציהען צו אונז די גרעסטע דאָקטוירים אין דער וועלט מיט אַלע זייערע פּאַציענטען. און דאַן וועלען מיט דער צייט די גרעסטע דאָקטוירים אַליין ווערען גרונדבעזיצער און דאָס וועט איבערצייגען די וועלט אין דער אוים־געצייכענטער ווירקונג פון אונזער ברונעם.

אַלעם וואָס עס איז נויטיג אום דאָס צו עררייכען, נעהם איך אויף זיך. איך וועל עס ניט עררייכען אַלס ספּעקולאַנט, זאָנדערן אַלס דזשענטעלמאַן!

דער אַלטער אַריאַל האָט איהם אונטערבראָכען: זיין פריערשע קאַרגשאַפט איז אויפגעבראַכט געוואָרען ביים געדאַנק, די שטיקער ערד אוועקצוגעבען אין גאַנצען אומזיסט. דאָ איז אַנדערמאָטט געוואָרען רעדעוודיג. דער גרויסער גרונדבעזיצער, האָט ער געזאָגט, וואַרפט אריין גאַנצע מאַסען קערנער אין דער פרוכטבאַרער ערד, אָבער דער קאַרגער פּויער, וואָס צעהלט יעדען קערנ׳דעל, נעהמט אימער אַראָב נור אַ העלפט פון דעם, וואָס די ערד וואָלט איהם גע־קענט געבען.

ווען אָבער דער אַלטער אַריאַל האָט זיך שטאַרק איינגעשפּאַרט, האָט דער באַנקיר געהייסען וועגען דעם אָבשטימען און האָט פאַר־

שלאָסען דעם אַלטען דאָס מויל מיט זעקס שטימען געגען צוויי. איצט האָט ער אַרויסגענומען זיין גרויסען בריעף טאַש און פון דאָרט אַרויסגענומען די פּלענער פון דעם נייעם באָדע פּלאַץ. דעם האָטעל, דער קאַסינאָ, וועלכע האָבען געדאַרפט גוט געהייסען און גלייך אונטערגעשריבען ווערען. די אַרבייט האָט זיך געזאָלט אָנהויבען נאָך נעקסטע וואָך. ביידע אַריאַלס האָבען אַלעס געוואָלט זעהן און וועגען אַלעס דיסקוטירען, אָבער אַנדערמאַט איז געווען אויפגערעגט און ער האָט צו זיי געזאָגט:

— בעט איך דען ביי אייך געלד? ניין, דאַן לאָזט מיך צו־פריעדען און ווען איהר וועט ניט זיין דערמיט איינפערשטאַנדען, דאַן לאָזען מיר גלייך נאָך אַמאָל אָבשטימען.

אַלע האָבען זיך אונטערגעשריעבען אונטער די פּלענער און די זיצונג איז געשלאָסען געוואָרען.

די לייטע פון דער גאַנצער געגענד האָבען זיך פערזאַמעלט אין דרויסען און געוואַרט צו זעהן, ווי זיי וועלען אַרויסקומען. אַזוי גרויס איז געווען די אויפרעגונג. מען האָט זיי בעגריסט מיט גרויס רעספּעקט און ווען ביידע פּויערים האָבען געוואָלט אַהיים געהן, האָט אַנדערמאַטט צו זיי געזאָגט:

— פאַרגעסט ניט, אַז מיר עסען אַלע צוזאַמען אין האָטעל, און ברענגט מיט אייערע טעכטער, איך האָב אייך מיטגעבראַכט פון פּאַריז אַ פּאָאַר קליינע פּרעזענטען.

זיעבען אַזייגער האָבען זיך אַלע צוזאַמענגעטראָפען אין סאַלאָן פון דעם האָטעל, עס איז געווען אַ גרויסער דינער, צו וועלכען דער באַנקיר האָט איינגעלאַדען די אַנגעזעהנסטע באָדע־געסט און די העכסטע פון דער דאָרטיגער נאַטשאַלסטוואָ.

כריסטיאַנע איז געזעסען אויבען אָן, רעכטס פון איהר איז געזעסען דער פּריעסטער, לינקס דער בירגמייסטער, מען האָט נור גערעדט פון דעם באָדע־פּלאַץ, וואָס מען געהט עפענען און פון דער צוקונפט פון דער היגער געגענד. אַריאַל׳ס ביידע טעכטער האָבען

אונטער זייער סערוועטקע געפונען צוויי קעסטעלאַך, אין וועלכע עס זיינען געלעגען צוויי בראַסלעטען, אויסגעזעצט מיט סמאַראַג־דען און פּערל, און אויסער זיך פאַר פרייד, האָבען זיי פרעהלאַך געפּלוידערט מיט גאַנטראַן׳ען, וועלכען מען האָט אוועקגעזעצט צווישען זיי. אפילו די עלטסטע האָט פרעהלאַך געלאַכט פון די וויצען פון׳ם יונגען מאַן, וועלכער איז געוואָרען אַלץ לעבעדיגער, וואָס מעהר ער האָט מיט זיי גערעדט.

פּאול האָט גאַרנישט געגעסען און גאַרנישט גערעדט. ער האָט געפיהלט ווי זיין לעבען ענדיגט זיך איהם. פּלוצים האָט ער זיך דערמאַנט, אַז היינט איז פּונקט אַ מאָנאַט, זייט ער איז מיט איהר אויסגעפאָהרען צו דעם טייך טאַ־צענאַט. ער האָט געפיהלט יענעם פּאַרגעפיהל פון שמערץ, וועלכער איז מעהר אַ פאַרגעפיהל פון לייַ־דען, יענעם קימער, וואָס מאַכט שווער דאָס האַרץ,, רעגט אויף די נערוועז, אַזוי דאָס מען מהוט זיך אַ כאַפּ אַ צומישטער ביי יעדען קלענסטען גערויש.

ווען זיי האָבען זיך אויפגעהייבען, איז ער אַריין מיט כריס־טיאַנע׳ן אין דעם סאַלאָן און איהר געזאָגט:

— איך מוז אייך היינט אָבענד זעהן, וואָרים איך וויים ניט, ווען מיר וועלען ווידער קענען אַליין פערברענגען. ווייסט איהר אַז היינט איז פּונקט אַ מאָנאַט זייט...

זי האָט געענטפערט:

— איך וויים עס!

ער האָט גערעדט ווייטער:

— איהר ווייסט וואָס, איך וועל אייך ערוואַרטען נעבען לאַראַש־פּראַדיר. אַזוי שפּעט ביינאַכט וועט קיינער ניט בעמערקען, אַז איהר זייט ניטאָ. קומט, מיר וועלען זיך זעגענען, ווייל מאָרגען צושיידען מיר זיך.

זי האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— אין אַ פערטעל שטונדע אַרום בין איך דאָרט.

און ער איז אַוועק, אום ניט צו דאַרפֿען זיין לענגער צווישען דער דאָזיגער מענגע, וואו ער האָט זיך געפֿיהלט אַזוי שווער. ער איז אַוועק איבער אַ שמאָלען וועג דורך די וויינגערטנער און ראָלד איז ער אַרויס אויפ'ן שאָססע.

ער איז געוועזן אַליין, האָט זיך געפֿיהלט אַליין, אַליין אויף דער גאַנצער וועלט. וויט און ברייט פֿאַר איהם האָט זיך געצויגען די לימאַן און די דאָזיגע גראַנדיעזע ווייטקייט, וועלכע דאָס אויג האָט ניט געקענט אַרומנעהמען, האָט נאָך מעהר פֿערשטאַרקט אין איהם דעם געפֿיהל פֿון איינזאַמקייט. ער איז געבליבען שטעהן אויף דעם אייגענעם אָרט, וואו זיי האָבען זיך דאַן געזעצט, וואו ער האָט איהר דאַן באַדליער'ס פּאָעמאַ וועגען ליעבע און שענקייט פֿאָרגעלעזען. וויפֿיעל ער האָט זיין דאַן איבערגעלעבט, וויפֿיעל!

און ער האָט זיך דערמאָנט אַן יעדער איינצעלהייט, וואָס האָט זייט דאַן געטראָפֿען. נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען איז ער אַזוי גליקליך געוועזן, נאָך קיינמאָל האָט ער אַזוי משוגע און אין דער אייגענער צייט אַזוי ריין און איבערגעגעבען ליעב געהאַט. ער האָט זיך דערמאָנט אַן דעם אָבענד אין טאַצענאַט, היינט מיט פֿיער וואָכען צוריק, אַן דעם פֿרישען וואַלד, וואָס איז פֿון דעם מאַטען לבנה־שיין געוועזן בעשטראַהלט, אַן דעם קליינעם, זילבערנעם טייכעל, וואו גרויסע פֿישען זיינען אויפ'ן וואַסער אַרומגעשפּרונגען. און ווי זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט, זי געהענדיג פֿאַראויס דאָ אין'ם שאָטען און דאָ אין'ם העלען לבנה־שיין, וואָס האָט בעשטראַהלט איהרע האָאָר, איהרע שולטערען און איהרע אָרעמס. דאָס זיינען די שענסטע שטונדען פֿון זיין לעבען געוועזן.

ער האָט זיך אומגעדרעהט, אום צו זעהן, אויב זי קומט ניט; ער האָט אָבער נור די לבנה געזעהן, וועלכע איז אויפ'ן האָריזאָנט אויפֿגעגאַנגען. די אייגענע לבנה, וועלכע האָט געלויכטען ביי זיין ערשטער ערקלערונג פֿון ליעבע האָט געשטראַהלט ביי זיין ערשטען געזעגענען זיך. ער האָט אַ שוידער געטהאַן, דער הערבסט קומט. דער הערבסט, נאָך וועלכען דער ווינטער קומט.

ביז אַהער האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געפיהלט דעם דאָזיגען ערשטען הויך פון קעלט, וואָס האָט איהם שוידערן געמאַכט, ווי א פאַרגעפיהל פון עפּעס אַ'ן אונגליק.

דער שטויביגער, ווייסער שליאַך האָט זיך געצויגען פאַר איהם ווי אַ וואַסער צווישען ברעגעס. דאַ האָט ער פּלוצים בעמערקט אַ געשטאַלט, וועלכע האָט זיך פון אַ זייטיגען וועג בעוויזען. ער האָט זי גלייך דערקענט. ער איז ניט געלאָפען איהר אַנטקעגען, געבליבען שטעהן און האָט געוואַרט אויף איהר און אין גאַנצען געציטערט פאַר געהיימען גליק. זי איז געגאַנגען לאַנגזאַם, האָט ניט געוואַגט איהם צו רופען, האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט זי איהם ניט געפינען, ווייל ער האָט זיך הינטער אַ בוים פערשטעקט, פערווירט דורך דעם גוואַלדיגען שווייגען פון ערד און הימעל. און פאַר איהר איז געגאַנגען איהר שוואַרצער, ריעזיגער שאָטען, וועלכער האָט פון איהר עפּעס געטראָגען, איידער זי איז אַליין אַנגעקומען, האָט זיך געדאַכט.

כריסטיאַנע איז שטעהן געבליבען און גלייך איז דער שאָטען אויך געבליבען אונבעוועגליך ליגען אויפ'ן שליאַך. פּאַול איז שנעל צוגעגאַנגען צו דעם אָרט, וואו דער קאָפּ פון דער געשטאַלט האָט זיך אויפ'ן וועג אָפּגעצייכענט. דאַן ווי ער וואָלט ניט וועלען קיין צייט פערלירען, האָט ער זיך אויף די קניע אַרונטערגעלאָזט, איינגעבויגט נידעריג דעם קאָפּ און צוגעלעגט זיינע ליפּען צו דעם דונקעלען שאָטען. און ווי אַ דורשטיגער הונד, וואָס קריכט אויפ'ן בויך צו אַ קוואַל וואַסער און לעקט עס מיט אַ'ן אימפּעט, האָט ער דעם שטויב אַרום איהר שאָטען געקושט און געפּויזעט צו איהר אויף די קניע. זי איז געוועזען ערשטוינט, האָט זיך זאָגאַר אביסעלע דערשראָקען. זי האָט געוואַרט, ביז ער וועט צו איהרע פיס צוקריכען, דאַן ערשט האָט זי געוואַגט צו ריידען, און דערנאָך ווען ער האָט דעם קאָפּ צו איהר אויפגעהייבען, נאָך אַלץ שטעהענדיג אויף די קניע, און זי מיט ביידע אָרעמס אַרומגעכאַפּט, האָט זי איהם געפרעגט:

— וואָס טהוסטו ?

— כריסטיאַנע, איך פערליר דיך !

זי האָט איהם די געדיכטע האָאַר אַ גלעט געטהאָן, צוגעבויגט זיך צו איהם און איהם אַ קוש געטהאָן.

— ווארום עפּעס ווערטו מיך פערלירען ? — האָט זי גע־פרעגט מיט אַ שמייכעל.

— ווייל מאָרגען צושיידען מיר זיך.

— מיר צושיידען זיך אָבער אויף אַ קורצע צייט.

— דאָס קען מען ניט וויסען. אַזוינע גליקליכע טעג, ווי מיר האָבען דאָ דורכגעלעבט, וועלען מיר שוין ניט האָבען.

— ווארום ניט ? מיר וועלען נאָך האָבען גליקליכע טעג.

זי האָט איהם אויפגעהייבען און איהם אוועקגעשלעפּט נאָך זיך אונטער דעם בוים, אונטער וועלכען ער האָט פריהער געוואַרט, איהם אוועקגעזעצט נעבען זיך, געגלעט איהם ווידער די האָאַר און דערנאָך גערעדט ערנסט מיט איהם, ווי אַ פערליעבטע פרוי, וואָס איז אויף אַלסדינג ענטשלאָסען :

— הער נור, מיין ליעבער, אין פּאַריז בין איך דאָך גאַנץ פריי, וויליאַם קימערט זיך קיינמאָל ניט וועגען מיר, ער לעבט אין גאַנ־צען אין זיינע געשעפטען. אַזוי ווי דו ביזט ניט פערהייראַט וועל איך צו דיר קומען, איך וועל קומען יעדען טאָג, אַמאָל אין דער־פריה און אַמאָל אָבענדס. מיר קענען זיך דאָרט טרעפען אַזוי גוט ווי דאָ און נאָך בעסער, ווייל דאָרט וועלען מיר זיך ניט דאַרפען אַזוי היטען.

אָבער ער האָט געשאָקעלט דעם קאָפּ און אַלץ גע'טענה'ט זיינס :

— כריסטיאַנע, כריסטיאַנע, איך פערליר דיך, איך פיהל אַז איך פערליר דיך.

זי איז געוואָרען אונגעדולדיג. זי האָט ניט געוואָלט הערען אַזוינע קינדערשע ווערטער פון דעם דאָזיגען שטאַרקען מאַן. זי נעגען איהם איז געווען אַזוי צאַרט, אַזוי שוואַך, אַזוי קליין און דאָך

איז זי געווען אַזוי זיכער, אַז קיינער און גאָרנישט וועט זיי ניט קענען צושיידען. ער האָט געשטאַמעלט:

— ווען דו וואָלסט מיך וועלען פאָלגען, כריסטיאַנע, וואָלסטו מיט מיר אַנטלאָפען ערגעץ ווייט, ווייט, ערגעץ אין אַ שעהן לאַנד, פול בלומען, דאָרט וואָלטען מיר געלעבט, דאָרט וואָלטען מיך גע־ווען גליקלאַך. זאָג: ווילסטו מיט מיר אַנטלויפען נאָך היינט ביינאַכט?

אָבער זי האָט אַ ציה געטהאָן די אַקסלען, אָביסעלע נערוועז, אָביסעלע אונצופריעדען, וואָרום ער פערשטעהט איהר ניט. עס איז געווען אַ שטיק משוגעת איצט אַזוי צו טרוימען. מען האָט געדאַרפט האַנדלען אויסגערעכענט, פּראַקטיש, אום זיי זאָלען קע־נען ווייטער אונגעשטערט ליעבען איינער דעם אַנדער'ן. זי האָט געזאָגט:

— הער גור, מיין ליעבער, מיר מוזען זיך איינפערשטעהן און ניט האַנדלען נאַרעש, ווי קינדער. ביזטו זיכער, אַז דו קענסט זיך פערלאָזען אויף דיינע דיענער, דאָס זיי וועלען ניט ריידען? מיין מאַן אליין וועט עס קיינמאָל ניט איינפאַלען, איך קען ווילאַם'ען.

דער דאָזיגער נאָמען, וואָס זי האָט היינט צוויי מאָל דערמאָנט, האָט פּאָול'ן ווילד געמאַכט, און ער האָט אויסגעשריען:

— אָה, דערמאָן מיר ניט היינט זיין נאָמען!

— אָבער פאַרוואָס, איך מוז דאָך דאָס! איך פערזיכער דיר, אַז איך ליעג איהם אַפּילו ניט אין'ם קאָפּ.

זי האָט פערשטאַנען, וואָס ער פיהלט. אַ דונקעלע אייפער־זוכט, עטוואָס אונבעשטימטעס האָט אין איהם ערוואַכט און פּלוצים האָט ער זיך אויף די קניע פאַר איהר געוואָרפען און אַ כאַפּ געטהאָן איהרע הענד:

— הער מיך אויס, כריסטיאַנע.

ער איז אַנשוויגען געוואָרען, ער האָט ניט געוואַגט צו ריידען פון דעם, וואָס איהם האָט געמוטשעט, און ער האָט ניט געוואוסט, ווי ער זאָל זיך אויסדריקען.

— הער נור, כריסטיאַנע, ווי שטעהסטו מיט איהם?
זי האָט ניט פערשטאַנען.

— יאַ... איך מיין... אייערע פערהעלטניסע... גוט?... דו פער־שטעהסט?... איך מיין... ער איז דאָך דיין מאַן... קורץ... אָה דו ווייסט גאָר ניט, ווי אָפט איך דענק פון דעם, ווי דאָס מוטשעט מיך, ווי דאָס בעאונרוהיגט מיך... דו פערשטעהסט, וואָס איך מיין, זאָג?

זי האָט איהם נאָך אַלץ ניט פערשטאַנען, דאַן אָבער האָט זי פּלוצים פערשטאַנען זיינע הינטער געדאַנקען און מיט דער גרעס־טער אָפענקייט און בעליידיגט האָט זי געענטפערט:

— אָבער, מיין ליעבער, ווי אַזוי האָסטו גאָר געקענט טראַכ־טען פון דעם! איך געהער דיר, דו פערשטעהסט, נור דיר אַליין, ווארים איך ליעב דיך!

ער האָט ארונטערגעלאָזען דעם קאָפּ אויף די קניע פון דער יונגער פרוי און געזאָגט מיט אַ ווייכער שטימע:

— אָבער, מיין טהייערע כריסטיאַנע, ער איז דאָך פאָרט דיין מאַן, וואָס ועסטו טהאָן? זאָג מיר, האָסטו שוין אַ טראַכט גע־טהאָן וועגען דעם? וואָס ועסטו זאָגען היינט ביינאַכט, אָדער מאָרגען, דו קענסט דאָך שטענדיג ניט זאָגען: ניין!

זי האָט אויסגעשעפּצעט גאַנץ שטיל:

— איך האָב איהם איינגערעדט, אַז איך בין אין אומשטענ־דען, און דאָס איז פאַר איהם גענוג... לאָמיר אָבער מעהר וועגען דעם ניט ריידען, מיין טהייערער, דו ווייסט ניט, ווי דאָס עקעלט מיר, ווי דאָס בעליידיגט מיך. האָב צוטרויען צו מיר, דען איך ליעב דיך.

ער האָט זיך ניט בעוועגט, האָט געקושט איהר קלייד און עס איינגעצויגען אין זיך, בעת זי האָט זיין פּנים מיט איהרע הענד געגלעט. אָבער זי האָט געזאָגט:

— מיר מוזען געהן, מען קען נאָך בעמערקען, אַז מירביידע פעהלען.

זיי האָבען זיך לאַנג געקושט, אַרומגעכאַפּט איינער דעם אַנדער'ן, ווי זיי וואָלטען זיך וועלען צודריקען. דאַן איז זי אַוועק אַפּריהער. זי איז געלאָפען, כדי וואָס שנעלער צוריק צוקומען און ער האָט פון ווייטען איהר נאָכגעקוקט פול מיט טרויער, אַזוי ווי זיין גליק און אַלע זיינע האָפנונגען וואָלטען אַוועקגעפלויגען צוזאַמען מיט איהר.

צווייטער טהייל.

I.

אין א יאהר ארום האט מען ענוואל קוים געקענט דער־קענען. אויפ'ן שפיץ פון דעם בארג, פונקט צווישעןביידע אבהאנגען האט זיך אויפגעהויבען א שעהנע געביידע, אויף וועמעס פראנט עס איז מיט גאלדענע בוכשטאבען געשטאנען: „קאסינא“.

פון א וועלדעל, וועלכער האט זיך געפונען אויף דעם אבהאנג און האט זיך געצויגען ביז צום לימאן, האט מען געמאכט א פארק. א טעראסע, וועלכע האט זיך געצויגען אין דער גאנצער לענג פון דער געביידע איז בעפוצט געווארען מיט וואזען פון נאכגעמאכטען מארמאר.

אביסעל ווייטער האט מען דא און דארט געזעהן די בליסט־שענדיגע הילצערנע פראנטען פון זעקס קליינע וויללאס, וועלכע האבען ארויסגעקוקט פון די ויין־גערטנער. אויף דער אנדערער זייט פון דעם אבהאנג האט א גרויסע ווייסע געביידע שוין פון וויטען צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון די זומער געסט, ווי מען האט נור פערלאזען דיאם, האט מען עס שוין געקענט זעהן. דאס איז געווען דער גרויסער האטעל מאנט־אריאל, און צו זיינע פיס, גאנץ אונטען ביים בערגעל איז געשטאנען א פיערקאנטיגע הויז, אן איינפאכע אבער גראמע, ארומגערינגעלט פון א גרויסען

גאָרטען, דורך וועלכען עס איז דורכגעפלאָסען דער טייך, וועלכע עס איז געפלאָסען פון די פעלזען. דער דאָזיגער טייך, וועלכער האָט געזאָלט אויפטהאָן וואונדער פאַר די קראַנקע אין שטאַרק רעקאָמענדירט געוואָרען דורך אַ בראָשורע פון דאָקטאָר לאַטאַן.

אויף דעם פּאַסאַד איז געשטאַנען:

„אַנשטאַלט פון מאַנט־אַריאַל".

דאַן אויף דעם רעכטען פליגעל אין קלענערע בוכשטאַבען:

„הידראָטהעראַפּיע, מאָגען־אויספּאַמפּונגען, פליסענדע בעדער".

און אויף דעם לינקען פליגעל:

„אינסטיטוט פאַר הייל־גימנאַסטיק".

דאָס אַלעס איז געווען געפאַרבט ווייס, ליכטיג, העל, ניי און האָט פאַרנומען די אויגען. אַלערליי אַרבייטער זיינען נאָך געווען ביי דער אַרבייט: מוליאַרעס, סטאָליאַרעס, ערד אַרבייטער, הגם דער באָדע פּלאַץ איז שוין פון אַ מאָנאַט געווען אָפען.

דער ערפאָלג האָט פון'ם ערשטען טאָג אָן איבערטראָפען די ערוואַרטונגען פון די גרינדער.

דריי גרויסע דאָקטורים, דריי אויטאָריטעטען, די פּראָפעסאָרען מאַסרוססעל, קלאָשע און רעמיוזאָט האָבען גענומען דאָס באָדע פּלאַץ אונטער זייערע פליגלען דערמיט, וואָס זיי האָבען זיך בעזעצט אין די ווילאַס, וועלכע די אַדמיניסטראַציאָן האָט זיי פאַרגעלייגט.

דורך זיי זיינען אָנגעקומען אַ מאַסע קראַנקע. דער גרויסער האָטעל מאָנט־אַריאַל איז געוואָרען פול. הגם די בעדער זיינען שוין געווען אין גאַנג אין די ערשטע טעג פון יוני, דאָך איז די אָפיציעלע עפענונג פון דעם באָדע פּלאַץ בעשטימט געוואָרען אויף דעם ערשטען יולי, כדי צוצוציהען אַ סך מענשען.

דאָס פעסט האָט זיך געזאָלט אָנהויבען אום דריי אַזייגער מיט דעם, וואָס די גייסטליכע וועלען געבען זייער ברכה צו די קוואַלען, און אין אָבענד וועט זיין אַ גרויסע פאָרשטעלונג מיט פייער־ווערק און נאָך דעם אַ באַל. אַלע באָדע געסט, ווי אויך די

קור געסט פון די אַרומיגע בעדער און די איינוואוינער פון קלערמאַנט און ריאָם זיינען איינגעלאַדען געוואָרען.

דאָס קאַסינאָ אויפ׳ן שפּיץ באַרג איז פאַרלאַרען געוואָרען אונ־טער די פיעלע פאָהנען. מען האָט נור געזעהן אַהין און אַהער זיך בעוועגענדיגע וואָלקען פון בלויע, רויטע, ווייסע און גאָלדענע פאַר־בען.

פּעטרוס מאַרטעל, וועלכער איז געוואָרען דירעקטאָר פון׳ם נייעם קאַסינאָ, האָט זיך געדאַכט, שטעהענדיג אונטער די דאָזיגע אַלע פאָהנען, אַז ער איז אַ קאַפּיטאַן פון עפּעס אַ פאַנטאַסטישען קריעג־שיף. מיט אַ פייערליכער און קלינגענדער שטימע האָט ער די קעלנער מיט די ווייסע שירצען בעפעהלען געגעבען, ווי אַ׳ן אַד־מיראַל, וואָס קאָמאַנדירט בעת קאַנאָנען קראַכען. מען האָט גע־הערט זיינע הויכע געשרייען, וועלכע דער ווינד האָט פאַרטראָגען ביז אין׳ם דאָרף אַריין.

אַנדערמאַטט, וועלכער איז שוין געווען אין גאַנצען אַהן אָטהעם, האָט זיך בעוויזען אויף דער טעראַסע. פּעטרוס מאַרטעל איז איהם געלאָפען אַנטקעגען און האָט איהם בעגריסט מיט אַ טיע־פער פערניייגונג.

— איז אַלעס אין אָרדנונג? — האָט געפרעגט דער באַנקיר.

— אַלעס אויף אַ האָאַר, הערר פּרעזידענט.

— אויב מען וועט מיר דאַרפען, וועל איך זיין אין צימער פון׳ם הויפּט דאָקטאָר, מיר האָבען היינט אַ פערזאַמלונג.

און ער איז ווידער אַרונטער פון באַרג. פאַר דער טהיר זיינען איהם אַנטקעגען געקומען דער קאַסירער און דער פּאַרטיער, וועלכע מען האָט צוליעב קאָנקורענץ צוגענומען פון דעם צווייטען באָדע־פּלאַץ. איינער פון זיי האָט דעם באַנקיר בעגריסט מיליטעריש, דער צווייטער האָט זיך פערנייגט, ווי אַ׳ן אָרימאַן, וואָס קריגט אַ נדבה. אַנדערמאַטט האָט געפרעגט:

— איז דער הערר אינספּעקטאָר דאָ?

דער צווייטער האָט געענטפערט:

— געוויס, הערר פּרעזידענט, אַלע הערךן זיינען דאָ.

דער באַנקיר איז אַריין אין דעם פּאַרזאַל, און איז פאַרבייגע־גאַנגען די באַדע־פּרויען און די קעלנער, וועלכע האָבען איהם אונ־טערטעניג בעגריסט. ער האָט זיך אַ קעהר געטהאָן רעכטס, גע־עפענט אַ טהיר און איז אַ גרויסען, ערנסטען צימער, אין וועלכען עס האָבען זיך געפונען אַ סך ביכער און ביוסטען פון גרויסע וויסענ־שאַפטסמענער, האָט ער געטראָפען אַלע מיטגליעדער פון דעם פער־וואַלטונגסראַט, וועלכע האָבען זיך געפונען אין ענוואַל. דאָרט זיי־נען געווען: זיין שוועהר, דער מאַרקיז, זיין שוואָגער גאָנטראַן, דער אַלטער אַריאַל מיט זיין זוהן, וועלכע האָבען איצט אויסגעזעהן כמעט ווי גאַנצע דזשענטעלמען. די ביידע הויכע מענער האָבען געטראָגען לאַנגע, שוואַרצע רעק, און האָבען געמאַכט דעם איינ־דרוק פון רעקלאַמע שילדען פאַר אַ טרויער געשעפט. דאָן איז נאָך אַנוועזענד געווען פּאָול ברעטיני און דאָקטאָר לאַטאָן.

נאָכדעם ווי מען האָט האָט זיך קורץ די הענד געדריקט, האָט מען זיך געזעצט און אַנדערמאַטט האָט געזאָגט:

— מיר מוזען נאָך אַ וויכטיגע פראַגע ענטשיידען, נעמליך: ווי מיר זאָלען די קוואַלען אַ נאָמען געבען. אין דער הינזיכט בין איך ניט איינפאַרשטאַנדען מיט דעם הויפּטראַקטאָר, וועלכער שלאָגט אונז פאָר צו געבען אונזערע דריי קוואַלען די נעמען פון די דריי פּראָפעסאָרען, וועלכע זיינען דאָ.

געוויס וואָלט דאָס געווען אַ שמייכלעריי, וועלכע וואָלט זיי זעהר געפרייט און זיי וואָלטען אונז געוואָרען נאָך מעהר איבער־געגעבען, אָבער איהר קענט זיכער זיין, אַז איהר וועט אויף אייביג פאַרטרייבען פון אונז זייערע בעריהמטע קאָלעגען, די קאָלעגען, וועלכע האָבען אונזער איינלאַדונג נאָך ניט אַנגענומען און וועלכע מיר מוזען געווינען, ווענען מיר מוזען איבערציינען אין דער גוטס־קייט פון אונזערע קוואַלען און וועלכע מיר מוזען אונטער אַלע אומ־שטענדען, מיט אַלע מעגליכע מיטלען צוציהען צו זיך.

יאַ, מיינע העררן, די מענשליכע נאַטור בלייבט אימער די אייגענע, מען מוז נור וויסען, ווי זי אויסצונוצען. קיינמאָל וועלען די פּראָפּעסאָרען פּלאַנטוראַו, דע לאַרעגאַנד און פּאַרקאַליס, די בע־ריהמטע מאַגען ספּעציאַליסטען, אונז שיקען זייערע קראַנקע, זייערע בעסטע פּאַציענטען, די העכסטע פון דער געזעלשאַפט, די פּרינצען, די הערצאָגען, אַלע זייערע אונטערוועלט בעריהמטהייטען, וועלכע האָבען זיי רייך און בעריהמט געמאַכט.

קיין מאָל וועלען זיי ניט שיקען, אום צו געברויכען דעם מאַס־רוסעל קוואַל, אָדער דעם קלאַשע־ברונעם, אָדער דעם רעמיוזאַט ברונעם, ווייל זייערע פּאַציענטען און דאָס גאַנצע איבעריגע פּוב־ליקום וועלען דענקען, אַז די פּראָפּעסאָרען מאַס־רוססעל, קלאַשע, און רעמיוזאַט האָבען אונזערע קוואַלען ענטדעקט און, אַז זיי גע־הערען צו זיי.

מיינע העררען, עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז דער נאָמען גובלער, מיט וועלכען מען האָט גערופען די ערשטע קוועלע אין טשאַטעל־גליאָן, אין געווען דער גרונד, פאַרוואָס די גרויסע דאָק־טוירים, וועלכע האָבען פון אָנהויב אָן געדאַרפט זיין פאַראינטערע־סירט אין דעם, האָבען אַ צייט לאַנג ניט רעקאָמענדירט די דאָזיגע קוועלע.

איך שלאָג אַלזאָ פאָר גאַנץ איינפאַך, דעם ערשטען קוואַל זאָל מען געבען דעם נאָמען פון מיין פרוי און די ביידע אַנדערע די נעמען פון אַריאַל׳ס טעכטער. דאַן וועלען מיר האָבען אַ כריסטיאַנע ברונעם, אַ לואיזע־ברונעם און אַ שאַרלאָטטע־ברונעם. דאָס קלינגט זעהר גוט און זעהר שעהן. וואָס דענקט איהר וועגען דעם?

דער דאָזיגער פאָרשלאַג איז געפעהלען געוואָרען אפילו דאָק־טאָר לאַטאָן, וועלכער האָט צוגעלייגט:

— מען קען זאָגאָר איינלאַדען אונזערע דאָקטוירים, זיי זאָלען זיין אַנוועזענד ביי דער טויפע און זאָלען אויף זיך נעהמען די ראָלען פון טויף־פּאַטערס.

— אויסגעצייכענט! אויסגעצייכענט! — האָט געזאָגט אַנ־

דערמאַטט — איך וועל גלייך צו זיי גען און זייט זיכער, אַז זיי וועלען דאָס אָננעהמען. אַלזאָ אויף ווידערזעהן אין דער קירכע פון וועלכער דער צוג וועט זיך אָנהויבען.

און ער איז גלייך אַנטלאָפען. דער מאַרקיז און גאַנטראַן זיי־נען אַוועק גלייך נאָך איהם. ביידע אַריאַלס מיט זייערע הויכע צי־לינדערס זיינען געגאַנגען זייט ביי זייט און דאָקטאָר לאַטאַן האָט זיך געווענדעט צו פּאָול'ן, וועלכער איז ערשט נעכטען געקומען, אום דעם פּעסט בייצו־וואָהנען.

— געהערטער הערר, איך האָב אייך צוריקגעהאַלטען, אום אייך עטוואָס צו ציינען, פון וואָס איך ערוואַרטע זעהר פיעל, נעמליך מיין אינסטיטוט פאַר הייל־גימנאַסטיק.

און ער האָט איהם גענומען אונטער'ן אָרעם און איהם אַוועק־געשלעפּט מיט זיך. אָבער אַזוי שנעל ווי זיי זיינען אַריין אין פּאַר־זאַאַל, האָט אַ דינער געמעלדעט דעם דאָקטאָר:

— הערר ריקוויר וואַרט אויף זיין אויסשווענקונג.

דאָקטאָר לאַטאַן איז נאָך מיט אַ יאָהר צוריק געווען געגען מאַגען־אויסשווענקונגען, וועלכע דאָקטאָר באַננעפיללל האָט איינ־געפיהרט אין דעם אינסטיטוט, וואו ער איז געווען דירעקטאָר, אָבער מיט דער צייט האָט ער אומגעביטען זיין מיינונג, און די מאַגען־פּאָמפּע איז געוואָרען דער גרעסטער מאַטערניש־אינסטרומענט פון דעם נייעם הויפּט־דאָקטאָר, וועלכען ער האָט מיט קינדערשער פרייד אריינגעלאָזען אין אַלע מאַגענס. ער האָט געפרעגט ביי פּאָול ברעטיני:

— האָט איהר שוין אַמאַל געזעהן, ווי מען וואַשט אויס אַ מאַגען?

דער אַנדערער האָט געענטפערט:

— ניין, קיינמאַל ניט!

— דאַן קומט מיט מיר, עס איז זעהר אינטערעסאַנט.

זיי זיינען אַריין אין דעם דוש־צימער אין וועלכען הערר ריק־וויער האָט געוואַרט, יענער מאַן מיט דעם געלען פּנים, וועלכער

האָט דאָס יאָהר בעזוכט דעם נייעם קוואַל, ווי ער האָט יעדען זו־מער נאָך דער רייהע יעדען נייעם באָדע־פּלאַץ אויסגעפּרובירט. ווי אַ מאַרטירער פון די אַלטע צייטען, איז ער געווען איינגעשנו־רעוועט אין אַ געל־לייוועכטענער וועסט, וועלכע האָט געזאָלט בע־שיצען די קליידער פון בעשמוצט און בעשפּריצט ווערען.

ער האָט אויסגעזעהן אונגליקליך, נערוועז און אונרוהיג, ווי אַ פּאַציענט, צו וועלכען עס קומט אַ פּראָפעסאָר איהם צו אָפּערירען. אַזוי שנעל ווי דער דאָקטאָר איז אַריין, האָט אַ דיענער גענומען אַ לאַנגע פּייפ, וועלכע איז אין מיטען צוטהיילט געוואָרען אין דריי טהיילען, ווי אַ שלאַנג מיט דריי עקען. דאַן האָט דער מאַן פאַר־פעסטיגט איין עק צו אַ קליינעם קראַן, וועלכע איז געווען פאַרבונ־דען מיט דעם קוואַל, דעם צווייטען עק האָט מען אַריינגעלאָזען אין אַ געפעס, אין וועלכען די גאַנצע פליסיגקייט פון דעם פּאַציענט'ס מאַגען האָט שפּעטער געזאָלט אַריינפליסען, און דער דאָקטאָר האָט גענומען דעם דריטען און איז צוגעגאַנגען מיט אַ ליעבענסווירדיגען שמייכעל צו דעם מויל פון הערר ריקוויר, האָט אַריינגערוקט די פּייפ, עס געשיקט אַרונטערגעלאָזען און מיט דעם דוימען און דעם צייגעפינגער עס געשטופּט אַלץ טיעפער און טיעפער און דערביי נאָכאַנאַנד גערעדט:

— אויסגעצייכענט! אויסגעצייכענט! אַט אַזוי, אַט אַזוי, עס געהט אויסגעצייכענט!

הערר ריקוויער איז געזעסען מיט פערצווייפעלטע בליקען, דער פּנים בלוי, פון מויל האָט איהם געשלאָגען אַ שוים, ווי ער וואָלט דערשטיקט געוואָרען און עס האָט איהם געהויבען פון אָרט. ער האָט זיך איינגעקלאַמערט אַן די ווענטלאַך פון'ם שטול און זיך מיט אַלע קרעפטען געמאַטערט אַרויסצורייסען די פּייפ פון מויל, וועלכע איז איהם אין מאַגען אַריינגעקראָכען. ווען די פּייפ איז אַריין אַרום אַ האַלבען מעטער אינעווייניג, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט:

— אַזוי, איצט זיינען מיר אונטען!

און דער דיענער האָט געעפענט דעם קראַן; באַלד איז דער

בויך פון'ם קראַנקען אויפגעבלאָזען געוואָרען, דען דער מאַגען איז אָנגעפיהלט געוואָרען מיט דאָס וואַסער פון'ם קוואַל.

— איצט הוסט! הוסט! — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר.

אָבער אַנשטאָדט צו הוסטען האָט דער אָרעמער קראַנקער גע־כאָרכעלט מיט'ן האַלז, האָט זיך געקרימט און געקאָרטשעט און ד׳־אויגען זיינען איהם פון קאָפּ אַרויסגעקראָכען. דאָ האָט מען פלוּ־צים דערהערט נעבען דעם שטוהל אויף ד'רערד אַ לייכטען פּליוסקען, דאָס האָט דער מאַגען זיך גענומען אויסלעדיגען אין דעם גלעזער־נעם געפעס און דער דאָקטאָר האָט מיט אינטערעס בעאָבאַכטעט די סימפּטאָמען פון'ם מאַגען קאַטאַר און שפּורען פון שלעכטער פערדייאונג, וועלכע מען האָט דאָרט געזעהן.

— איהר טאָרט מעהר קיינמאָל ניט עסען קיין אַרבעס, און אום גאָטעס ווילען, ריהרט זיך ניט צו צו סאַלאַט. און קיין יאַגדעס אויך ניט. איך האָב עס אייך שוין צעהן מאָל געזאָגט!

הערר ריקוויער האָט אויסגעזעהן מלא רציחה, ער האָט זיך זעהר אויפגערעגט, אָבער ער האָט ניט געקענט רעדען מיט דער פּייפּ אין האַלז, וועלכע האָט איהם דעם מויל פערשטאָפּט. אָבער ווען דער מאַגען שווינקונג איז געווען געענדיגט און דער דאָקטאָר האָט איהם פאָרזיכטיג די פּייפּ פון מויל אַרויסגעצויגען, האָט ער אויסגערופען:

— בין איך שולדיג, ווען איך עס יעדען טאָג אַזעלכע שפּייז־זען וואָס קאָסטען מיר געזונד? איז עס דען ניט אייער זאַך אויפ־צופּאַסען אויף דער מעניו פון אייער האָטעל? איך בין אין אייער נייעם פּלאַץ געקומען, ווייל אין דעם אַלטען פּלאַץ האָט מען מיך שיער ניט פער'סמ'ט מיט דעם פרעסען, אָבער ביי אייך, אין אייער גרויסען מאָנט־אַריאַל ווער איך נאָך ערגער בעהאַנדעלט, אויף מיין עהרען וואָרט.

דער דאָקטאָר האָט איהם געמוזט בערוהיגען און האָט איהם צוגעזאָגט אַכטונג צו געבען אויף די שפּייזען, וואָס מען וועט דער־

לאַנגען די קראַנקע. דאָן האָט ער גענומען פּאָול ברעטיני'ס אַרעם און איהם פון דאַנען אַרויסגעפיהרט.

— און איצט שענקט מיר נאָך אַביסעל אויפמערקזאַמקייט און בעטראַכט אויף וואָס פאַר אַ ראַציאָנאַלע גרונדזאַצען איך האָב אויפגעבויט די בעהאַנדלונג פון מיין הייל־גימנאַסטיק. איהר זייט דאָך בעקאַנט מיט מיין סיסטעם פון אָרגאַנאָמעטרישער אונטערזוכונג, ניט אמת? איך זאָג, אז אַ גרויסער טהייל פון אונזערע קראַנקהייטען קומט דערפון, וואָס איין אָרגאַן ענטוויקעלט זיך זעהר שטאַרק, דערמיט שטערט ער די רוה פון די שכנ'ישע אָרגאַנען און צו גלייכער צייט שטערט ער די האַרמאָניע פון'ם גאַנצען קערפּער. אַזוי, דאָס דערפון קומט אַרויס פערשיעדענע קראַנקהייטען.

די גימנאַסטיק, צוזאַמען מיט דעם געברויך פון די בעדער, איז איינע פון די בעסטע מיטלען, אום ווידערצוקריגען דאָס גלייכגעוויכט!

און ווי אַזוי זאָל מען אויף די מענשען ווירקען, אַז זיי זאָלען מאַכען קערפּערליכע איבונגען?

צו דער איינפאַכסטער בעוועגונג, צום געהן, צום שטעהן, צום רייטען, צו רודערן, צו שווימען, איז נויטיג ניט אַ שטאַרקע פיזישע קראַפט, נור אויך אַ שטאַרקער ווילען. ענערגישע מענשען האָבען אימער ליעב בעוועגונג. ענערגיע איז אַלזאָ אין דער נשמה און ניט אין די מוסקולען. דער קערפּער פאָלגט אַ שטאַרקען ווילען.

איהר מוזט ניט דענקען, מיין ליעבער, אַז מיר קענען די פויגלינגע מאַכען מוטהיג אָדער די שוואַכע ענטשלאָסען; אָבער עטוואָס אַנדערעס קענען מיר יאָ טהאָן: מיר קענען דעם מוטה אונטערדריקען, די ענערגיע אָבשוואַכען, די מאָראַלישע אַנשטרענגונג אויפהויבען און נור די קערפּערליכע בעוועגונג לאָזען. די זעלבינע בעוועגונג וועלען מיר אויסבייטען אויף אַ ריין מעכאַנישער קראַפט, איהר פערשטעהט?

— ניין, ניט קלאָהר.

ווען קומט אריין.

ער האט געעפענט א טהיר, וועלכע האט געפיהרט צו א גרויסען זאל, וואו עס זיינען געשטאנען זעלטענע אינסטרומענטען. פאטעלען מיט הילצערנע פיסלאך, הילצערנע פערד, בעוועגליכע ארעמס, וועלכע האבען זיך אויסגעשטרעקט צו די שטוהלען און וועלכע זיינען געווען צוגעשלאגען צו דער ערד, און די אלע זאכען זיינען געווען פערבונדען מיט א קאמפליצירטע מעכאניק, וועלכע האט זיי אלעמען בעוועגט. דער דאקטאר האט ווייטער גערעדט:

— אלזא, איהר זעהט, דא האט איהר פיער וויכטיגסטע איבונגען. איך וואלט זיי אנגערופען די נאטירליכע איבונגען, נעמליך: דעם גאנג, דאס רייטען, דאס שווימען און דאס רודערן. יעדע פון די דאזיגע בעוועגונגען ענטוויקעלט אנדערע מוסקולען און ווירקט אויף איהר גאנץ בעזונדערען שטייגער.

אט דא האט איהר אלע פיער קינסטליך איינגעפיהרט. מען דארף ווענען גארנישט טראכטען און מען קען רודערן, געהן, שווימען און רייטען אהן דעם, אז דער ווילען זאל האבען וואס עס איז צו טהאן מיט דער בעוועגונג פון די מוסקולען.

אין דעם אויגענבליק איז אריינגעקומען אברי־פאוסטער, בע־גלייט פון דיענער מיט פערקאטשעטע ארבעל, איבער א פאר גע־זונדע, שטארקע, מוסקעלדיגע ארעמס. דער אינזשעניר איז נאך דיקער געווארען. ער איז געגאנגען מיט צושפרייטע פיס, די הענד ווייט פון קערפער, און האט שווער געאטהעמט.

דער דאקטאר האט געזאגט:

— נו, איצט וועט איהר צוזעהן און עס וועט אייך אלעס קלאהרער ווערען.

דאן האט ער זיך געווענדעט צו זיין קראנקען:

— אלזא, הערר אינזשעניר, וואס ווען מיר היינט טהאן? ווילט איהר געהן אדער רייטען?

— איך וואלט וועלען זיצענדיג אביסעל געהן, ווייל דאס מאטערט מיך ווייניגער אויס.

— דאָקטאָר לאַטאַן האָט געענטפערט:

— מיר קענען לאָזען געהן זיצענדיג און שטעהענדיג. דאָס געהן שטעהענדיג איז טאקע אביסעל אַנשטרענגענד, אָבער איצט קוקט זיך צו, ווי מען געהט זיצענדיג.

דער אינזשעניר האָט זיך אוועקגעזעצט אין אַ פאָטעל, האָט אוועקגעלייגט די פיס אויף הילצערנע שטעקענס, וועלכע זיינען געוועזען בעפעסטיגט צו דעם שטוהל. מען האָט איהם צוגעבונדען די פיס פון אויבען ביז אַרונטער אַזוי, דאָס ער האָט ניט געקענט מאַכען קיין פרייע בעוועגונג. דאַן האָט דער מאַן מיט די פער־קאַשערטע אַרבעל גענומען דרעהען עפעס אַזאַ מין ראַד און עס געדרעהט אַזוי שטאַרק, ווי ער האָט נור געקענט. איצט האָט דער שטוהל זיך אַפריהער גענומען וויעגען אהער און אהין, ווי אַ הוידע. דאַן האָבען זיך פּלוצים גענומען בעוועגען די הילצערנע שטעקענס. האָבען זיך אויסגעצויגען, זיך אויסגעקרימט און גענומען געהן מיט משוגענער שנעלקייט.

— ער לויפט — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר.

דאַן האָט ער געגעבען אַ בעפעהל:

— לאַנגזאַמער, לאַנגזאַמער!

דער מאַן האָט געדרעהט לאַנגזאַמער און געצוואונגען דעם דיקען אינזשעניר צו לאַנגזאַמערע בעוועגונגען, וועלכע האָבען איהם דעם גאַנצען קערפּער דורכגעטרייסעלט.

דערנאָך זיינען ערשיענען אַנדערע צוויי קראַנקע,ביידע זעהר דיקע, אויך בעגלייט פון דיענער מיט פערקאַשערטע אַרבעל. מען האָט זיי אויף הילצערנע פערדלאַך אַרויפגעזעצט און זיי, די פערדלאַך, האָבען זיך גלייך גענומען בעוועגען אַרויף און אַראָפּ, הין און צוריק, מיט גרויסען אימפּעט און מורא'דיג דורכגעטריי־סעלט די רייטער.

— גאַלאָפּ! — האָט דער דאָקטאָר אויסגעשריען, און די היל־צערנע פערד האָבען אַזוי הויך גענומען שפּרינגען, דאָס די ביידע

רייטער האָבן אויפגעהויבן אַ געוואַלד און גענומען זיך בעטן מיט שרעק אין'ם קול:

— גענוג, גענוג! איך קען ניט מעהר אויסהאַלטען! איך בעט אייך, זאָל זיין גענוג!

דער דאָקטאָר האָט בעפוילען:

— האַלט!

און דערנאָך האָט ער צוגעלעגט:

— רוהט זיך אָפּ אַ ווײַלע, אין פינף מינוטען ארום הויבען מיר אָן ווידער.

פּאָול ברעטיני, וועלכער איז שיער דערשטיקט געוואָרען פאַר געלעכטער, האָט פּלוצים דערזעהן אַ דאַמען־זאַטעל. ער האָט געפרעגט:

— וואָס איז דאָס?

דער דאָקטאָר האָט געענטפערט:

— פאַר דאַמען. דער אָבענד געהערט די דאַמען. נאָכמיטאָג לאָזט מען ניט אריין אָהער קיין מענער. איצט קוקט אָן, ווי מען שווימט ביי אונז אויף דער טריקענס.

אָבער אַ מאַן איז אריינגעקומען מיט אַ וויזיטען־קאַרטע און דער דאָקטאָר האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן:

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, איך מוז אייך פערלאָזען. דער הערצאָג פון ראַמאַז וויל מיך זעהן.

פּאָול איז געבליבען אַליין און האָט זיך אומגעקוקט. די ביידע רייטער זיינען ווידער געפלויגען אויף די פערדלאַך און אבריפּאָוסטער האָט זיך נאָך אַלץ געיאָגט, און די דריי דיענער האָבען געסאָפּעט, די אָרעמס האָט זיי וועה געטהאָן און זיי זיינען אין גאַנצען געווען ווי צובראָכען, פּונקט ווי זייערע פּאַציענטען.

ווען ברעטיני איז אין דרויסען ארויס, האָט ער דערזעהן דאָקטאָר האָנאָרא, וועלכער האָט מיט זיין פרוי דאָרט געקוקט אויף די פּאָרבערייטונגען צום פעסט, אויף די פאָהנען, וואָס האָבען בעפּוצט דעם גאַנצען באַרג.

— וועט די פּראָצעסיאָן זיך אָנפאַנגען אין דער קירכע? — האָט מאַדאַם האַנאַרא געפרעגט.

ברעטיני האָט געענטפערט:

— יאָ, אין דער קירכע.

— אום דריי?

— אום דריי.

— וועלען די פּראָפעססאָרען דאָרט אויך זיין?

— געוויס, זיי וועלען די פּראָצעסיאָן פיהרען.

דערנאָך האָבען איהם אָפּגעשטעלט דיביידע פּיילס, דאָן מאַנעקו מיט זיין טאָכטער, און אַזוי ווי ער האָט געוואָלט עסען פריהשטיק מיט זיין פריינד גאַנטראַן אין דער קאַסינאָ־קאַפע, איז ער לאַנגזאַם אַהין אוועק. פּאָול, וועלכער איז נעכטען אָנגעקומען, האָט זיין פריינד שוין אַ פיער וואָכען ניט געזעהן און ער האָט געוואָלט איהם דערצעהלען אַלערליי נייעס פון פּאַריז.

ביז האַלב דריי זיינען זיי געזעסען דאָרט און האָבען גע־שמועסט. דערנאָך איז געקומען פּעטרוס מאַרטעל און האָט גע־מעלדעט, אַז אין דער קירכע האָט זיך שוין די צערעמאָניע אָנגע־פאַנגען.

— מיר וועלען געהן נעהמען כריסטיאַנע'ן — האָט גאַנטראַן געזאָגט.

— גוט, — האָט פּאָול געענטפערט.

זיי האָבען זי געטראָפען אויף דער טערראַסע פון דעם נייעם האָטעל. זי האָט געהאַט די איינגעפאַלענע באַקען און דעם מאָד־נעם אויסדרוק פון פרויען, וואָס זיינען אין אומשטענדען. איהר פיגור האָט אויסגעזעהן ווי ביי אַ פרוי אין די הויכע מאָנאַטען.

— איך האָב אייך ערוואַרטעט — האָט זי געזאָגט — ווילליאַם איז שוין אוועק, היינט איז דאָ אַזוי פיעל צו טהאָן.

זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף ברעטיני'ן מיט אויגען פול ליעבע און איהם גענומען אונטער'ן אָרעם. לאַנגזאַם זיינען זיי געגאַנגען, טריט ביי טריט, און זי האָט זיך אָנגערופען:

— אַך, איך בין אַזוי שווער, קוים וואָס איך גייע. איך האָב שטענדיג מורא, איך זאָל ניט פאַלען.

ער האָט ניט געענטפערט און זי פאַרזיכטיג אונטערגעהאַל־טען, דערביי האָט ער אויסגעווייכט איהרע אויגען, וואָס האָבען שטענדיג געקוקט אויף איהם.

נעבען דער קירכע האָבען זיי געטראָפען אַ גרויסע מענגע מענ־שען. אַנדערמאַט האָט זיך אָנגערופען:

— נאַ, ענדליך, איצט פאַנגט זיך אָן. אַלזאָ, די פּראָצעסיאָן געהט אַזוי: אַפריהער די זינגער, דערנאָך דער צלם, דאָס טויף־וואַסער, דער פּריעסטער, דערנאָך כריסטיאַנע מיט פּראָפעססאָר גלאָש, פרייליין לואיזע מיט פּראָפעססאָר רעמוזאַט, פרייליין שאַר־לאָטטע מיט פּראָפעססאָר מאַס־רוסעל, דערנאָך קומט דער פער־וואַלטונגס־ראַטה, די דאָקטוירים און דאַן דאָס פּובליקום. פער־שטאַנען? ווערט איהר וויסען? נו, זאָל מען אָנפאַנגען!

דאָ איז אַרויסגעקומען די גייסטליכקייט פון דער קירכע און זיך געשטעלט אָן די שפּיץ פון דער פּראָצעסיאָן. דאַן אַ קליינער הערר מיט לאַנגע ווייסע האָאַר, וואָס זיינען פערשאַרט געווען הינ־טער די אויערן, אַ געלערענטער ווי פון'ם בוך. ער איז צוגע־גאַנגען צו מאַדאַם אַנדערמאַט און האָט זיך טיעף פערנייגט פאַר איהר; דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט און איז מיט איהר אַוועק מיט אַזאַ וואַזשנער מינע, האַלטענדיג זיך אַזוי, דאָס אַלע זאָלען קענען זעהן דעם אָרדען פון דעם עהרען־לעגיאָן, וואָס איז אויף איהם געהאַנגען. ער האָט אונטערהאַלטען כריסטיאַנע'ן:

— מאַדאַם, אייער וואָרטהער מאַן האָט מיר שוין פון אייך דערצעהלט און איבער אייער צושטאַנד, וועגען וועלכען ער זאָרגט זיך אַזוי. ער האָט מיר אויך מיטגעטהיילט, אַז איהר ווייסט ניט זיכער, ווען איהר דאַרפט מוטער ווערען.

זי איז געוואָרען רויט און האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— יאָ, איך האָב געמיינט, אַז איך בין אין אומשטענדען אַ

לאַנגע צייט פריהער, איידער איך בין עס געוועזן, און מעהר ווייס איך ניט, מעהר ווייס איך ניט.

הינטער זיי האָט זיך אַ שטימע דערהערט:

— די דאָזיגע בעדער האָבען די גרעסטע צוקונפט, זיי האָבען שוין וואונדער געוויזען.

דאָס איז געוועזן פּראָפעססאָר רעמוזאט, וועלכער האָט אַ לואיזע אַריאַל גערעדט. ער איז געוועזן קורץ, מיט געלע האָאַר, מיט אַן אויבער־ראָק, וואָס איז אויף איהם געהאַנגען, דער עכטער געלערענטער, וואָס קימערט זיך ניט וועגען דעם, ווי אַזוי ער איז אָנגעטהאָן.

מאַס־רוססעל, וועלכער האָט שאַרלאָטע׳ן דעם אָרעם געריכט, איז געוועזן אַ שעהנער, גאַנץ גלאַט־ראַזירטער מאַן, מיט אַ שמיי־כעלע און געקליידעט ווי אַ פראַנט. ער איז עהנליך געוועזן צו דאָקטאָר לאַטאַן.

דער פערוואַלטונגס־ראַטה, מיט אַנדערמאַט׳ן אָן דער שפּיץ, איז דערנאָך געגאַנגען און די געוואַלדיג־גרויסע היט פון אַריאַל־פאָטער און אַריאַל־זוהן האָבען זיך שטאַרק געוואָרפען אין די אויגען. הינטער זיי איז געגאַנגען נאָך אַ גאַנצע קאָמפּאַניע מיט הויכע היט, די דאָקטוירים פון ענוואַל, צווישען וועלכע עס האָט נור גע־פעהלט איין דאָקטאָר באַנעפיל. אָנשטאָט איהם זיינען דאָ געגאַנ־גען צוויי נייע דאָקטוירים, דאָקטאָר בלעק, איינער פון די צוויי, אַן אַלטער צוטריקענטער מאַן, האָט פאַר דער קורצער צייט שוין גע־קראָגען אַ נאָמען אין דער גאַנצער געגענד אַלס זעהר אַ גוטער דאָק־טאָר. דערנאָך איז געגאַנגען אַ שעהנער יונג מיט׳ן הוט קאָ־קעטיש אויף אַ זייט קאָפּ, דאָקטאָר מאַרצעללי, אַ איטאַליענער, וועלכער איז געקומען מיט דעם הערצאָג פון ראַמאַס, מאַנכע האָבען געזאָגט, אַז מיט דער הערצאָגין. און הינטער זיי איז געגאַנגען דאָס פּובּליקום, אַ מענגע געסט, וואָס זיינען געקומען אַהער, אום זיך צו קורירען, און איינוואָהנער פון דער געגענד.

די צערעמאָניע פון טויפען די קוואַלען האָט ניט לאַנג גע־

דויערט. דער אבבע ליטרע האָט זי בעשפּריצט איינע נאָכ'ן אנ־דערען מיט טויף־וואסער. דערנאָך זיינען אַלע עהרען־געסט אריין אין דעם גרויסען לעזע־זאַל, וואו טישען זיינען געגרייט געוועז. פּאול האָט זיך אָנגערופען צו גאנטראַן'ען:

— ווי שעהן זיי זיינען געוואָרען, אריאַל'סביידע טעכטער!

— זיי זיינען רייצענד, מיין ליעבער!

— האָט איהר ניט געזעהן דעם הערר פּרעזידענט? — האָט פּעטרוס מארטעל געפרעגט די יונגע לייט.

— יאָ, דאָרט שטעהט ער אין'ם ווינקעל.

דער אַלטער גלאָווים האָט אָנגעמאכט אַ גאַנצען טומעל. ווען די פּראָצעסיאָן איז צו די קוואַלען געגאנגען, איז זי פּערבייגע־גאַנגען דעם אַלטען קריפּעל, וועלכער איז פאר־אַ־יאָהרען אויסגע־היילט געוואָרען. איצט האָט ער אויסגעזעהן נאָך ערגער ווי ווען־עס־איז. ער האָט אָפּגעשטעלט וועמען ער האָט נור געקענט און דערצעהלט אַזאַ מעשה:

— הערט נור, דאָס וואסער היילט טאַקי, דאָס איז אמת, אָבער שפּעטער ווערט מען נאָך קראַנקער, ווי פריהער. איך האָב געהאט פיס זעהר קראנקע,אָבער נור פיס, היינט זיינען ביי מיר די ארעמס אויך געלעהמט, זיי זיינען ביי מיר ווי שטיקער האָלץ נאָך מיין קור.

אנדערמאַט איז געווען פּערצווייפעלט. שוין אַ צייט פריהער האָט ער געפּרובט דעם אַלטען דעם מויל צו פּערשטאָפּען, ער האָט איהם שוין פּערקלאָגט אין געריכט אויך, ווייל ער האָט פּערשפּרייט פּער־ליימדונגען וועגען מאָנט־אריאַל, אָבער דעם אַלטען האָט מען דער־פאר ניט געקענט בעשטראָפען, ווייל צומאכען איהם דעם מויל האָט קיינער קיין רעכט ניט געהאט.

ווען אנדערמאַט האָט דערהערט, אַז דער אַלטער רעדט איצט ווייטער, איז ער פּערציטערט געוואָרען. ער איז ארויסגעלאָפען אום איהם צו פּערמאכען דעם מויל. דער אַלטער איז געזעסען אין מיטען שאָסע און ארום איהם איז געשטאַנען אַ קופּקע מענ־

שען, וועלכע האָבען געליאַרעמט. עטליכע דאַמען זיינען צוגע־גאַנגען:

— וואָס איז דאָס?

מען האָט זיי געענטפערט פון דער קופּקע:

— אַ קראַנקער, וועמען די נייע בעדער האָבען אין גאַנצען אונ־גליקליך געמאַכט.

אַנדערע האָבען דערצעהלט, אַז אַ קינד האָט מען דערשטיקט. מען האָט אויך גערעדט פון אַ עפּילעפּטישען אַנפאַל ביי אַן אַלטער פרוי.

אַנדערמאַט האָט זיך דורכגעשטופּט דורכ'ן עולם, ווי נור ער האָט עס געקענט. דער אַלטער גלאַוויס, וועלכער איז געזעסען אין גראָבען, האָט געקלאָגט אויפ'ן קול, מיט אַ יאָמער דערצעהלט פון זיינע ליידען, בעת ביידע אַריאַלס זיינען געשטאַנען פאַר איהם און איהם פון פּובליקום אָבגעשניטען. זיי זיינען געווען מלא רציחה, האָבען איהם געזידעלט און געסטראַשעט.

— דאָס איז ניט אמת! — האָט אויסגערופען קאַלאָס.

— דער קערל איז אַ פערפלוכטער ליגנער, אַ גנב, וואָס לויפט גאַנצענע נעכט אַרום איבער'ן וואַלד.

אָבער דער אַלטער האָט זיך פון זייערע רייד גאַרנישט גע־מאַכט און מיט אַ דורכדרינגליכער שטימע, וועלכע מען האָט גוט געהערט, ניט קוקענדיג אויף די געשרייען פון ביידע מענער, האָט ער אַלץ גע'טענה'ט:

— מיינע גוטע הערען, זיי האָבען מיך רואינירט, זיי האָבען מיך געטויטעט מיט זייער וואַסער, זיי האָבען מיך געצוואונגען זיך צו באָדען פאַר־אַ־יאָהרען און אַט וואָס זיי האָבען פון מיך גע־מאַכט.

אַנדערמאַט האָט געהייסען זיין שטיל, האָט זיך איינגעבויגען צום קריפּעל און איהם אַריינגעקוקט אין די אויגען:

— ווען איהר זייט נאָך קראַנקער, איז דאָס אייער אייגענע שולד! אָבער ווען איהר וועט מיר פאָלגען, דאַן פערשפּרעך איך

אייך אויסצוהיילען דורך פּופּצעהן, העכסטענס צוואַנציג בעדער. אין אַ שטונדע אַרום, ווען די מענשען וועלען האָבען אַוועקגעגאַנגען, דאַן קומט אין דאָס באַדע־הויז און מיר וועלען די זאַך אין אָרדנונג ברענגען. אָבער ביז דאַן האַלט דאָס מויל!

דער אַלטער האָט פערשטאַנען וואָס מען מיינט, איז אַנשווי־גען געוואָרען און אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט:

— נו, מען קען עס פּרובירען!

אַנדערמאַט האָט גענומען ביידע אריאלס אונטער׳ן אָרעם און זיי שנעל אַוועקגעשלעפּט פון דאַנען, בעת דער אַלטער גלאָווים איז געבליבען ליגען און געבלינצעלט מיט די אויגען אויף דער זון. דער נייגעריגער עולם האָט זיך געשטופּט צו איהם. אַ פּאָר העררן האָבען איהם געפרעגט וועגען זיין קראַנקהייט, אָבער ער האָט מעהר ניט געענטפערט, ווי ער וואָלט ניט פערשטאַנען אָדער ניט גע־הערט. און די דאָזיגע, איצט אוננוציגע, נייגעריגקייט, האָט איהם גענומען דערעסען. ער האָט גענומען פאַלש און קוויטשענדיג זינ־גען עפּעס אַ פאָלקס־ליעד. דער עולם איז ביסלעכווייז פון איהם אַבגעטראָטען, נור אַ פּאָר קינדער זיינען נאָך אַ צייט לאַנג געבלי־בען שטעהן מיט די פינגער אין די נעזלאָך און האָבען איהם אָנ־געקוקט.

כריסטיאַנע איז געוועזען זעהר מיעד; זי האָט זיך אומגע־קעהרט אַהיים, אום זיך אויסצורוהען. פּאָל און גאָנטראַן זיינען אַרומגעגאַנגען שפּאַציערען אין דעם נייעם פּאַרק צווישען די אײַ־בעריגע בעזוכער. פּלוצים האָבען זיי דערזעהן די טרופּפּע אַקטיאָ־רען, וועלכע איז אַוועק פון׳ם אַלטען קאַסינאָ, אום צו זוכען זייער גליק ביי דער נייער אונטערנעהמונג.

פריילין אָדעהין, וועלכע איז געוואָרען זעהר עלעגאַנט, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דעם אָרעם פון איהר מוטער, וועלכע האָט געמאַכט אַן אָנשטעל פון אַ גרויסער דאַמע. הערר פּעטינוויל האָט זיך אַרומגעדרעהט אַרום די דאַמען, נאָך וועלכע עס איז אויך נאָכ־געגאַנגען הערר לאַפּלאַם, פון שטאָדט־טהעאַטער אין באָרדאָ, און

האָט זיך אונטערהאַלטען מיט די מוזיקער, וועלכע זיינען נאָך אַלץ געוועזען די אייגענע: מאַעסטראָ סיינט־לאַנדרי, דער פּיאַניסט הערר יאַוועל, דער פלייטיסט הערר נאַיראַס און דער קאָנטראַבאַס הערר ניקאַרד.

ווען סיינט־לאַנדרי האָט דערזעהן פּאָול'ן און גאָנטראַן'ען, איז ער זיי געלאָפען אַנטקעגען. אין דעם פערגאַנגענעם ווינטער איז אין אַ פּראָווינציעלען טהעאַטער אויפגעפיהרט געוואָרען זיינער אַן איין־אַקטער, וועלכען די צייטונגען האָבען ניט אַרונטערגעריסען, און איצט האָט ער גערעדט פון מאַסענעט און גאָונאָד כמעט פון אויבען אַרונטער.

ער האָט פריינדליך דערלאַנגט ביידען די האַנד און גלייך דערצעהלט פון דער אונטעררעדונג, וואָס ער האָט געהאַט מיט די לייטע פון אָרקעסטער, וועלכען ער האָט דיריזשירט:

— יאַ, מיינע העררען, עס איז אויס מיט דער אַלטער שוהלע. די מעלאָדיע איז שוין אַן עבר'דיגע זאַך. אָבער די מענשען ווילען דאָס ניט איינזעהן. די מוזיק איז די נייע קונסט, די מעלאָדיע איז בלויז אַ מין שטאַמלען. דער אונגעבילדעטער אויער האָט ליעב דאָס ריטאָרנעל, עס געפינט אין דעם אַ קינדערשען פערגעניגען, ווי אַן אינדיאַנער. איך מוז צוגעבען, אַז דאָס נאַאיווע פּובליקום, דאָס פאָלק, וועט אימער ליעב האָבען קליינע ליעדער און געזאַנגען. דאָס איז פאַר זיי אַן אונטערהאַלטונג, פּונקט אַזוי ווי אין די וואַריעטי־טהעאַטערס. איך וואָלט וועלען געברויכען אַ בילד. איהר זאָלט מיך בעסער פערשטעהן. דאָס אויג פון'ם פּויער האָט ליעב שרייענדע פאַרבען און בליסטשעטדיגע בילדער, דאָס אויג פון'ם שטאָדט־מענשען, וועלכער איז ניט קיין קינסטלער, האָט ליעב כלומרשט'דיגע קינסטליכע פיינקייטען, און דאָס אויג פון'ם קינסטלער, פון'ם אמת'ן קינסטלער, ליעבט, בעגרייפט און אונטערשיידעט די קלענסטע פינטעלאַך. דאָס זיינען די מיסטישע אַקאָרדען, וועלכע קיין אַנדער מענש קען ניט כאַפּען.

אין דער ליטעראַטור איז פּונקט דאָס זעלבע. די דיענסט

מיידלאַך האָבען ליעב שונד־ראָמאַנען, די געוועהנליכע לעזער — ראָמאַנען, וועלכע זאָלען זיי אויפרעגען, אָבער די אמת'ע קענער — נור פיינע, קינסטלערישע ביכער, וועלכע זיינען פאַר די אַנדערע אין גאַנצען אונפערשטענדליך. ווען אַ געוועהנליכער מענש רעדט מיט מיר פון מוזיק, וואָלט איך איהם וועלען דער'הרג'ענען, און ווען דאָס פאַסירט אין דער אָפּעראַ, דאַן פרעג איך איהם: — „קענט איהר מיר אפשר זאָגען, איך בעט אייך, אויב די דריטע פיעדעל האָט אין דער אוּווערטורע פון דריטען אקט געשפּיעלט אַ פאַלשען טאָן? — ניין. — דאַן שווייגט, דאָס איז אַ סך בעסער פאַר אייך. אַ מענש, וואָס זיצט אין דער אָפּעראַ און קען ניט הערען דאָס גאַנצע און דערביי יעדען אינסטרומענט בעזונדער, דער האָט ניט קיין אויער און איז ניט קיין מוזיקער.

ער האָט זיך אַ דרעה געטהאַן אויף דעם אָבזאַץ און געזאָגט:

— פאַר דעם קינסטלער ליגט די גאַנצע מוזיק אין איין אַקאָרד און, מיין ליעבער, די דאָזיגע אַקאָרדען מאַכען מיך ווילד און פער־שאַפען מיר אַן אונגלויבליכע פרייד. מיין אויער איז היינט אַזוי געאיבט, אַזוי פיין, אַזוי רייף, דאָס איך האָב זאָגאָר ליעב געוויסע פאַלשע אַקאָרדען. איך טרוים זאָגאָר וועגען זיי. יאָ, מיינע פריינד, געוויסע פאַלשע נאָטען קלינגען וואונדער־שעהן. וואָס פאַר אַ טיעפקייט, וואָס פאַר אַ גליקזעליגקייט עס ליגט אין דעם, ווי דאָס טהוט הנאה, ווי עס קיצעלט די נערווען, ווי עס פרעהט דעם אויער, אַך, ווי עס קיצעלט!

ער האָט זיך גליקזעליג געריבען די הענד און געפּליסטערט:

— ווען איהר וואָלט געקענט הערען מיין נייע אָפּעראַ! מיין נייע אָפּעראַ!

גאַנטראַן האָט געזאָגט:

— האָט איהר דען געשריבען אַן אָפּעראַ?

— יאָ, איך האַלט זי אין ענדיגען.

דאָ האָט זיך דערהערט די שטימע פון פּעטרוס מאַרטעל:

— איהר פערשטעהט דאָך, אַלזאָ אָבגעמאַכט: אַ געלע ראַ־קעטע און דאַן געהט עס!

ער האָט געגעבען בעפעהלען פאַר פייערווערק. מען האָט איהם געהערט ווייט ארום און ער האָט ערקלעהרט זיין פּלאַן און אַנגע־וויזען מיט זיין אויסגעשטרעקטען אַרעם אין אַלע ריכטונגען, ווי ער וואָלט אימיצען געסטראַשעט. ער האָט אַנגעדייטעט אויף די העלע הילצערנע סלופּעס, וועלכע זיינען געשטאַנען אויפ׳ן בארג, אויף דער אנדערער זייט פון׳ם פעלז איבער דעם אָבהאַנג.

— אַט דאָרט וועט עס זיך אַנהויבען. איך האָב דעם מאַן פון די פייערווערק געזאָגט, אַז ער מוז זיין אויף זיין פּלאַץ אום האַלב ניין אַ זייגער. אַזוי שנעל, ווי די פאַרשטעלונג וועט זיך ענדיגען, וועל איך פון דאַנען געבען אַ סיגנאַל מיט אַ געלער ראַקעטע און דאַן וועט ער גלייך אַנצינדען דאָס פייערווערק.

דער מאַרקיז איז צוגעקומען:

— איך וויל טרינקען אַ גלאָז וואַסער — האָט ער געזאָגט.

פּאָול און גאָנטראַן האָבען איהם בעגלייט און זיינען אַלע צוזאַמען אַרונטער פון בארג. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דעם אַנשטאַלט, האָבען זיי דערזעהן דעם אַלטען גלאַוויס, וועלכער איז נור־וואָס אַריינגעגאַנגען אַהין. ביידע אַריאַלס האָבען איהם אונ־טערהאַלטען, אַנדערמאַט און דער דאָקטאָר זיינען געגאַנגען נאָך זיי און יעדעס מאָל, וואָס זיינע פיס האָבען דעם פּאָל אַנגעריהרט, האָט זיך זיין פּנים מורא׳דיג פערקרימט.

— דאָ מוזען מיר בלייבען און זיך צוהערען צו זייער גע־שפּרעך — האָט געזאָגט גאָנטראַן — מיר וועלען האָבען אַביסעל שפּאַס!

מען האָט דעם קריפּעל אַריינגעזעצט אין אַ שטוהל און דאַן האָט אַנדערמאַט גענומען רעדען צו איהם:

— הערט אויס, וואָס איך וועל אייך פאַרשלאָגען, איהר, אַלטער לומפּ. איהר זאָלט גלייך געהיילט ווערען מיט צוויי בע־

דער א טאָג און דאַן, אזוי שנעל ווי איהר קענט געהן, קריגט איהר צוויי הונדערט פראַנק.

דער געלעהמטער האָט גענומען קרעכצען:

— אך מיין גוטער הערר. מיינע פיס זיינען ווי שטיקער אייזען.

אנדערמאַט האָט איהם געהייסען שווייגען און ווייטער גע־רעדט:

— **הערט אוים: און יעדען יאָהר קריגט איהר ווידער צוויי** הונדערט פראַנק ביז צו אייער טויט, איהר הערט, ביז צו אייער טויט, ווען איהר וועט בעווייזען, ווי גוט אונזערע בעדער זיינען.

דער אַלטער איז געוואָרען גאַנץ שטאַר. דער דאָזיגער פאַר־שלאַג האָט צושטערט אַלע זיינע פּלענער און ער האָט געפרעגט ניט גאַנץ זיכער:

— און ווען די בעדער זיינען צוגעמאַכט און מיר ווערט ווידער שלעכט, דאַן איז דאָך ניט מיין שולד, איך בין דאָך ניט פער־אַנטוואָרטליך דערפאַר, וואָס די בעדער זיינען געשלאָסען.

דאָקטאָר לאַטאַן האָט איהם אונטערבראָכען און זיך גע־ווענדעט צו אנדערמאַט'ן:

— זעהר גוט, זעהר גוט, דאַן וועלען מיר איהם יעדעס יאָהר איבער־אַ־נייעס אויסהיילען. דאָס איז זאָגאר נאָך אַ סך בעסער, דען דאָס בעווייזט די נויטינקייט יעדען יאָהר די קור צו געברויכען און אז מען מוז אונבעדינגט אהער צוריקקומען.

— אויסגעצייכענט! איינפערשטאַנען!

— אָבער מיר קומט דערפון קיין גוטעס **ניט ארויס**, מיינע הערען, מיינע פיס זיינען ווי פון אייזען. פון אייזען!

דעם דאָקטאָר איז איינגעפאַלען אַ נייער געדאַנק און **ער האָט** געזאָגט:

— איך וועל איהם נעהמען צו מיר אין דער אַבטהיילונג פון גימנאַסטיק און וועל איהם לאָזען אַ פּאָר מאָל געהן זיצענדיג,

דאָס וועט אַ סך בייברענגען צום ערפאָלג פון די **בעדער. יעדענ־**
פאַלס קען מען עס פּרובירען.

אַנדערמאַט האָט געענטפערט:

— דאָס איז אַן אויסגעצייכענטער געדאַנק. אָבער איצט, אַל־
טער גלאַוויס, טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען און פערגעסט אונזער
אָבמאַך.

דער אַלטער איז אַוועק אָבצענדיג און קרעכצענדיג.

אַזוי ווי עס איז נאַכט געוואָרען, האָבען זיך אַלע פיהרער פון
מאַנט אַריאַל אומגעקעהרט צוריק צום עסען, ווייל די טהעאַטער
פאָרשטעלונג איז געווען בעשטימט אויף האַלב אַכט אַ זייגער. זי
איז אויפגעפיהרט געוואָרען אין'ם זאַל פון קאַסינאָ, וואו עס האָ־
בען געקענט אריינגעהן טויזענד מענשען. די צושויער, וועלכע
האָבען ניט געהאַט קיין נומערירטע פּלעצער, זיינען זיך צוזאַמענגע־
קומען נאָך פאַר זיעבען. אַרום האַלב אַכט איז דער זאַל געווען
פול, און דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען. מען האָט אויפ־
געפיהרט אַ קאָמעדיע אין צוויי אַקטען, דערנאָך די אָפּערא פון
סיינט־לאַנדרי, וועלכע די זינגער פון וויכי, וועלכע מען האָט ספּע־
ציעל פאַר דיעזען אָבענד אַראָבגעבראַכט, האָבען געזאַלט זינגען.

כריסטיאַנע איז געזעסען אין דער ערשטער רייהע צווישען
איהר מאַן און איהר ברודער. זי האָט זעהר געליטען פון דער היץ
און האָט אַלע אויגענבליק אויסגערופען:

— איך קען ניט מעהר! איך קען ניט מעהר!

נאָך דער קאָמעדיע, ווען די אָפּערא האָט זיך נור־וואָס גע־
זאַלט אָנהויבען, איז איהר געוואָרען שלעכט און זי האָט זיך געווענ־
דעט צו איהר מאַן:

— מיין ליעבער ווילליִ, איך מוז אַרויסגעהן, איך וועל דער־
שטיקט!

דער באַנקיר איז געווען אויסער זיך. איהם איז פריהער פאַר
אַלץ געווען וויכטיג אַז דער פעסט זאָל געלינגען און זאָל אָבלויפען
אָהן וועלכע ניט איז שטערונגען און ער האָט געענטפערט:

— שטאַרק זיך נאָך אַ ווײַלע, איך בעט דיך, ווען דו געהסט איצט אַרויס, מוזטו דורכגעהן דעם גאַנצען זאַל און דאָס קען זײַן אַ גרויסע שטערונג.

אָבער גאַנטראַן, וועלכער איז געזעסען הינטער איהר מיט פּאול'ן, האָט אַלעס געהערט און ער האָט זיך געווענדעט צו זײַן שוועסטער:

— ד'יר איז היים?

— יאַ, איך ווער דערשטיקט!

— גוט, אַט וועסטו באַלד זעהן, וואָס פאַר אַ שפּאַס דו וועסט האָבען!

ניט ווײַט פון זיי איז געווען אַ פענסטער. ער האָט זיך דורכגערוקט אַהין, איז אַרויף אויף אַ שטוהל און איז אַרויסגע־שפּרונגען נאָך איידער אימיצער האָט צייט געהאַט עס צו בעמער־קען. דאַן איז ער אַוועק אין דעם לעדיגען קאַפּע, וואו ער האָט בעמערקט, ווי פּעטרוס מאַרטעל האָט בעהאַלטען די סיגנאַל־ראַקעטע. ער האָט זי גענומען, איז אַרײַנגעלאָפען צווישען די בושעס און זי אָנגעצונדען.

דער געלער פייער האָט אַ שאָס געטהאַן צו די וואָלקענס און זיך גלײַך צושאָטען איבער'ן גאַנצען הימעל, ווי אַ פייערדיגער רעגען. כמעט אין דער זעלבער צייט האָט מען דערהערט אַ גע־וואַלדיגען קנאַל אויף דעם אַנטקעגענדיגען בארג און אַ גאַנצער בינטעל ראַקעטען האָבען אַ שאָס געטהאַן אין דער לופטען.

אין זאַל, וואו עס האָט נור־וואָס גענומען שפּיעלען סיינט־לאַנדרי'ס מוזיק, האָט אימיצער אויסגערופען:

— דאָס פייערווערק שיסט!

די צושויער, וועלכע זײַנען געזעסען אַם נאָהענטסטען צו דער טהיר, זײַנען שנעל אויפגעשטאַנען, אום זיך איבערצייגען און זײַנען שטילינקערהייד אַרויס אין דרויסען. די אַנדערע האָבען זיך אומגעדרעהט צו די פענסטער, אָבער זיי האָבען גאָרנישט גע־

קענט זעהן, ווארים זיי זיינען אַרויסגעקומען צו דער לימאַן. מען האָט געפרעגט איינער דעם אנדערען:

— איז עס אמת? איז עס אמת?

צווישען עולם איז געוואָרען אַ מהומה. קיינער האָט ניט גע־וואָלט פערפעהלען צו זעהן דאָס פייערווערק, וועלכעס האָט זיי פערשאַפט גרויס פערגעניגען. אַ שטימע האָט אויסגערופען:

— עס איז אמת, מען שיסט!

אין איין מאָמענט איז דאָס גאַנצע פובליקום אויפגעשפרונגען און זיך אַ וואָרף געטהאָן צו די טהירען. מען האָט זיך געשטויסען, געשטופּט, געשריען אויף די, וואָס האָבען פערשפּאַרט דעם אַרויס־גאַנג און געׅרופען:

— שנעל! שנעל!

און באַלד זיינען אַלע געווען אין פּארק, נור מאַעסטראָ סיינט־לאַנדרי האָט פערצווייפעלט ווייטער געשלאָגען דעם טאַקט פאַר זיין צושטרייטען אָרקעסטער.

און דאָרט, אין דרויסען, האָבען געפּאַלגט איינס נאָכ'ן אַנ־דערען, אונטער מורא'דיגע קנאַלען, ראַקעטען מיט פערשיעדענע פייערען. פּלוצים האָט אַ געוואַלדיגע שטימע אַריבערגעשריען אַהין מיט כעס:

— האַלט, צום טייפעל, האַלט!

און ווען דאַן האָט אויפ'ן באַרג גראַדע אויפגעשטראַהלט אַ גרויסער בענגאַלישער פייער, וועלכער איז געווען רעכטס רויט, לינקס בלוי און האָט בעלייכטעט די געוואַלדיגע גרויסע פעלזען און די בוימער, האָט מען דערזעהן אין איינער פון די מראַמאָרנע וואַ־זען, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער טעררסע, פּעטרוס מאַרטעל, אַ פערצווייפעלטען, מיט אַ הוילער קאָפּ, מיט אויסגעשטרעקטע אַרעמס, שרייענדיג מיט בענומענע קולות.

דאַן האָט זיך דער העלער שיין אויסגעלאָשען און מען האָט מעהר גאָרנישט געזעהן, ווי די אמת'ע שטערען אין הימעל. אָבער

גליַיך האָט ווידער עפּעס אויסגעשאָסען און פּעטרוס מאַרטעל איז אַרונטערגעשפּרונגען אויף דר'ערד און אויסגעשריען:

— אַזאַ שוויַינערייַ! אַזאַ שוויַינערייַ!

ער האָט אויסגערעדט די דאָזיגע ווערטער מיט אַ זעהר טראַגישער מינע און נאָכאַנאַנד פּערצווייפעלט ווידערהאָלט:

— אַזאַ שוויַינערייַ! אַזאַ פּערפלוכטע שוויַינערייַ!

כריסטיאַנע האָט גענומען פּאָול'ס אָרעם, אום אין דרויסען אויף דער פריַיער לופט זיך אַנידערזעצען און גליקזעליג געקוקט אויף די ראַקעטען, וועלכע זיַינען צום הימעל געפלויגען.

איהר ברודער האָט זי פּלוצים אָבגעשטעלט און געזאָגט:

— נו, האָט עס מיר געגליקט? איז דאָס ניט אַן איינפאַל?

— וואָס, דאָס איז דיַין אַרבייט?

— נו, יאָ, געוויס איז דאָס ניט אַן אויסגעצייכענטער וויץ?

זי האָט זיך צולאַכט, עס איז ווירקליך געווען צו קאָמיש.

אָבער אַנדערמאָט איז צוגעקומען אין גאַנצען אויסער זיך. ער האָט ניט פערשטאַנען, ווי אַזוי דאָס אונגליק האָט געקענט פּאַסירען. מען האָט אַרויסגע'גנב'עט די ראַקעטע פון בופעט, כדי צו געבען דעם אָבגערעדטען סיגנאַל. אַזאַ געמיינהייט האָט נור געקענט בעגעהן איִמיצער פון'ם אַלטען באַדע־פּלאַץ, דעם דאָקטאָר באָנע־פּיל'ס אַן אַגענט אודאי. און ער האָט אויסגערופען:

— מען קען פּערצווייפעלט ווערען! איינפאַך פּערצווייפעלט, דאָס פייערווערק קאָסט צוויי טויזענד דריי הונדערט פראַנק און עס איז איינפאַך אַרויסגעוואָרפען! אַרויסגעוואָרפען!

גאָנטראַן האָט בעמערקט:

— ניין, מיין ליעבער, אויף ריכטיג אויסגערעכענט, בע־טרעפט דער פערלוסט העכסטענס אַ פיערטעל, אפשר נור אַ דריי־טעל. אַלזאָ, זיעבען הונדערט פינף און זעכציג פראַנק. דיינע געסט האָבען, אַלזאָ, גענאָסען ראַקעטען פאַר טויזענד פינף הונדערט און דרייסיג פראַנק, דאָס איז דאָך גאַנץ שעהן!

דער צאָרן פון דעם באַנקיר האָט זיך איצט אויסגעגאָסען

אויף זיין שוואָגער. ער האָט איהם בייז אַנגענומען אונטער'ן אָרעם:

— איך האָב מיט דיר איבער עטוואָס ערנסטעס צו רעדען. אזוי ווי איך בין שוין סיי־ווי דאָ, טאָ לאָמיר געהן אין פּאַרק. נור אויף פינף מינוטען. איך גיב דיר איבער צו אונזער פריינד, מיין ליעבע — האָט ער געזאָגט צו כריסטיאַנע'ן — אָבער בלייב ניט צו לאַנג אין דרויסען, דו קענסט זיך נאָך פערקיהלען, גיב אַכטונג אויף זיך.

זי האָט געענטפערט:

— אַך, האָב קיין מורא ניט, מיין פריינד!

און אַנדערמאָט איז אוועק מיט גאָנטראַן'ען. אזוי שנעל ווי זיי זיינען געוועזן אליין, אַביסעל ווייטער פון'ם גרויסען עולם, האָט דער באַנקיר זיך אָבגעשטעלט:

— מיין פריינד, איך מוז אַמאָל מיט דיר רעדען איבער דיינע פינאַנציעלע פערהעלטניסע.

— מיינע פינאַנציעלע פערהעלטניסע?

— יא, ווייסטו כאָטש אליין, ווי דו שטעהסט אין דער וועלט?

— ניין, אָבער דו מוזט עס וויסען גאַנץ גענוי, ווייל דו לייהסט מיר אימער געלד!

— אַלזאָ, גוט, איך וועל עס טאָקע און דערפאַר וויל איך מיט דיר רעדען.

— יא, אָבער איך דענק, אַז עס איז איצט ניט די צייט אין מיטען פון דעם פייערווערק.

— פערקעהרט, די צייט איז זעהר אַ ריכטיגע. איך רעד מיט דיר ניט בעת'ן פייערווערק, נור פאַר אַ באַל.

— פאַר אַ באַל? איך פערשטעה ניט.

— דו וועסט גלייך פערשטעהן. דיין לאַגע איז פאָלגענדע: דו האָסט בלויז חובות און וועסט קיינמאָל ניט האָבען עפּעס אַנ־דערש, אויסער חובות.

גאָנטראַן האָט געענטפערט ערנסט:

— דו זאָגסט עס מיר אביסעלע צו גראָב !

— יאָ, ווייל עס מוז אזוי זיין. אַלזאַ, הער אוים. דו האסט דיין טהייל פערמעגען, וואָס איז געקומען פון דיין מוטער, פער־הוליעט. אָבער דערפון וועלען מיר בעסער ניט רעדען.

— ניין, דערפון וועלען מיר בעסער ניט רעדען.

— דיין פאָטער אָבער בעזיצט דרייסיג טויזענד פראנק רענטע ! אַלזאַ, א קאפיטאַל פון אכט הונדערט טויזענד פראנק; דיין טהייל וועט שפעטער אויסמאַכען פיער הונדערט טויזענד פראנק, מיר אָבער ביזטו שולדיג הונדערט אַכטציג טויזענד פראנק. דאַן ביזטו נאָך אויסער דעם שולדיג געלד פראָצענטניקעס...

גאָנטראַן האָט געזאָגט פון אויבען אראָב:

— זאָג בעסער די אידען !

— גוט, זאָל זיין די אידען, הגם צווישען זיי געפינט זיך איי־נער, וועלכער בענוצט א פריעסטער אַלס פערמיטלער צווישען זיך און דיר. דו ביזט, אַלזאַ, פערשיעדענע לייטע שולדיג כמעט אזוי פיעל, לאָמיר זאָגען הונדערט פופציג טויזענד פראנק, צוזאמען מאכט עס אויס דריי הונדערט דרייסיג טויזענד פראנק, פון וועלכע דו מוזט צאָהלען צינזען, אויסער מיינע געלד, וועלכע דו האלסט אי־בערהויפט ניט פאר קיין חוב.

— דאָס איז אמת ! — האָט געזאָגט גאָנטראַן.

— דאַן בלייבט דיר, אַלזאַ, מעהר גאַרנישט איבער.

— יאָ, ווירקליך גאַרנישט אויסער מיין שוואָגער.

— דיין שוואָגער, וועלכער איז פון דעם שטענדיגען געבען דיר געלד מיעד געווארען.

— אַלזאַ?

— אַלזאַ, מיין ליעבער, דער אָרימסטער פויער איז איינע פון יענע שטיבעלאַך האָט מעהר פון דיר.

— זעהר שעהן ! און וואָס איז ווייטער?

—וואָס איז ווייטער? ווען דיין פאָטער זאָל מאָרגען שטאַר־בען, וואָלט פאר דיר מעהר ניט פערבליבען, ווי צו עסען א טרו־

קענע שטיקעל ברויט, פערשטעהסטו, אַדער אז ניט, ביי מיר אַנ־צונעהמען אַ שטעלע פון אַ קלערק. דאַס וואָלט געווען די איינציגע מעגליכקייט ווי אזוי צו פערדיענען די פענסיאָן, וואָס דו וואָלסט ביי מיר געקראַגען.

גאַנטראַן האָט געזאָגט ערנסט:

— מיין ליעבער, די דאָזיגע געשיכטען הויבען מיר אָן צו דערעסען. איך ווייס דאָס אַלעס פונקט אזוי גוט, ווי דו און איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז די צייט מיר וועגען דעם צו דערמאַנען איז זעהר שלעכט געוועהלט און איבערהויפט מיט... מיט... אזוי וועניג דיפּלאָמאַטיע.

— זיי אזוי גוט און לאָז מיך אויסרעדען. דו קענסט זיך ראַ־טעווען פון דיין ניט פּרעהליכער לאַגע נור דורך אַ גוטען שידוך. אָבער דו ביזט, ניט קוקענדיג אויף דיין נאָמען, וועלכער קלינגט גוט, אַ גאַנץ טרויעריגע פּאַרטיע, ווארים דיין נאָמען איז ניט איינער פון יענע, פאַר וועלכען אַ רייכע יורש'טע, ניט אַפילו אַ מוזט, אַלזאָ, גוט זוכען איידער דו וועסט געפינען אַ רייכע פרוי, אידיש קינד, וואָלט וועלען בעצאָהלען מיט איהר פערמעגען. דו און דאָס איז ניט אזוי לייכט.

— אַלזאָ, זאָג מיר אָהן קונצען וועמען דו מיינסט.

— גוט, איינע פון דעם אַלטען אַריאַל'ס טעכטער. דו קענסט נאָך אויסקלייבען וועלכע דו ווילסט און דערפאַר וואָלט איך ווע־לען מיט דיר רעדען פאַר דעם באַל.

— ערקלעהר דאָס מיר נאָך אַמאָל גאַנץ גענוי.

— זעהר איינפאַך. דו זעהסט, וואָס פאַר אַן ערפאָלג איך האָב געהאַט מיט דעם באַדע־פּלאַץ. נו, אַלזאָ, ווען איך, אַדער בע־סער געזאָגט, מיר, זאָלען האָבען דעם גאַנצען גרונד־אייגענטהום, וועלכען דער ביטערר פויער האָט נאָך געלאָזען פאַר זיך, וואָלט איך דערפון געקענט מאַכען גאָלד. ווען איך טראַכט בלויז פון די ווייַן־גערטנער, וועלכע ציהען זיך פון אונזער אַנשטאַלט ביז צום האָטעל און פון האָטעל ביז צום קאַסינאָ, דאַן וואָלט איך אַליין,

איך, ־אַנדערמאַט, מאָרגען נאָך געגעבען פאַר זיי אַ מיליאָן. און די דאָזיגע ווײַן־בערג, וועלכע ליגען ארום באַרג, וועלען די ביידע מייד־לאַך קריגען אין נדן. דער פאַטער האָט עס מיר נאָך ניט לאַנג, אפשר מיט אַ געוויסער אַבזיכט, געזאָגט. אויב דיר איז עס גע־פעלען, דאַן קענען מיר ביידע מאַכען אַ זעהר גוט געשעפט.

גאַנטראַן האָט געמורמעלט נאָכדענקענדיג:

— עס איז מעגליך, איך וועל וועגען דעם אַ טראַכט טהאָן!

— איבערלייג זיך די זאַך גאַנץ גוט, מיין ליעבער, און פער־געס ניט, אַז איך רייד פון גאַנץ זיכערע זאַכען, דען איך האָב וועגען דעם גאַנץ גענוי נאָכגעדאַכט און איך ווייס אַלע מעגליכע פאַל־גען.

אָבער גאַנטראַן האָט אויפגעהויבען דעם אָרעם און אויסגערו־פען בעגייסטערט, ווי ער וואָלט פּלוצים פערגעסען אַלעס וואָס זיין שוואָגער האָט איהם געזאָגט:

— זעה נור זעה נור, אַט דאָס איז שעהן!

אַ גרויסע מאַסע פייערווערק האָט זיך אָנגעצונדען אין דער פאַרמע פון אַ געוואַלדיג גרויסען פּאַלאַץ, איבער וועלכען עס איז מיט פלאַמענדע בוכשטאַבען געשטאַנען דער נאָמען „מאַנט אַריאַל“. די לבנה, וועלכע האָט אויך אָבגעשיינט רויטליך, איז געשטאַנען גראַדע איבער׳ן פעלז און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז נור וואָס אויפגעגאַנגען, כדי אויך צו צוזעהן דעם דאָזיגען ספּעקטאַקל.

און דאַן, נאָכדעם ווי דער פּאַלאַץ האָט אַ פּאָר מינוטען גע־בליסטשעט אין דער לופטען און איז דערנאָך מיט אַ מורא׳דיגער עקספּלאָזיאָן פערלאָשען געוואָרען, ארויפשיקענדיג צום דונקעלען הימעל ראַקעטען, וועלכע האָבען דאָרט אויבען געפּלאַצט, איז די לבנה, געבליבען גאַנץ אַליין, רוהיג און רונד אויף דעם האָריזאָנט.

דאָס פּובליקום האָט שטאַרק אַפּלאָדירט און געשריען:

— בראַוואָ! בראַוואָ!

אַנדערמאַט האָט פּלוצים געזאָגט:

— איצט לאָמיר עפענען דעם באַל, מיין ליעבער. ווילסטו זיין מיין ווי־זאַ־ווי אין דעם ערשטען קאדריל?

— געוויס, מיין ליעבער שוואַגער!

— וועמען ווילסטו צום טאַנץ איינלאַדען? איך האָב די הערצאָגין דע־ראַמאָס.

גאנטראַן האָט געענטפערט גלייכגילטיג:

— און איך שאַרלאָטטע אריאַל!

זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק

ווען זיי זיינען פערבייגעגאַנגען דעם פּלאַץ, וואו פּאול און כריסטיאַנע זיינען געזעסען, האָבען זיי זיי דאָרט שוין ניט געפונען.

ווילי האָט זיך געטרייסט:

— זי האָט מיך געפאָלגט און איז געגאַנגען צו בעט, זי האָט זיך היינט געפיהלט זעהר מיעד.

און ער איז אוועק צום באַל זאַל, וועלכען די קעלנער האָבען, בעת מען האָט דאָרט געשאָסען דאָס פייערווערק, ווידער אין אָרדנונג געבראַכט.

אָבער כריסטיאַנע איז ניט אוועק אין איהר צימער, ווי איהר מאַן האָט געדענקט. אַזוי שנעל, ווי זי האָט זיך געפונען אַליין מיט פּאול'ן, האָט זי איהם שטיל געזאָגט, בעת זי האָט זיין האַנד געדריקט:

— דו ביזט, אַלזאָ, ווידער דאָ. איך וואַרט שוין פיער וואָכען אויף דיר. יעדען פריה־מאָרגען פרעג איך זיך: וועל איך איהם היינט זעהן? און יעדען אָבענד זאָג איך צו זיך אַליין: אפשר מאָרגען! וואַרום האָסטו אַזוי לאַנג געוואַרט, מיין געליעבטער?

ער האָט געענטפערט עטוואָס פערלעגען:

— איך בין געוועזען פערנומען, געשעפטען...

זי האָט זיך איינגעבויגען צו איהם און געפּליסטערט:

— עס איז ניט געוועזען שעהן פון דיר מיך צו לאָזען אויף אַזוי לאַנג אַליין מיט יענע מענשען און איבערהויפּט אין מיין צושטאַנד.

ער האָט אַ רוק געטהאָן אַביסעל זיין שטוהל:

— זיי פאַרזיכטיג מען קען אונז זעהן די ראַקעטן בעלויכטען די גאַנצע געגענד

איהר איז דאָס אפילו אין׳ם זינען ניט געלעגען און זי האָט געענטפערט:

— איך האָב דיר אזוי ליעב און איך בין אזוי גליקליך! איך בין אזוי גליקליך, וואָס מיר זיינען דאָ צוזאַמען, און גראָדע דאָ, אויף דעם פּלאַץ! פּאול, פיהלסטו עס? אַך, ווי שעהן! און מיר האָבען זיך נאָך ליעב!

דאַן האָט זי געזאָגט מיט אַ שוואַכער שטימע, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ הויך:

— איך האָב אַ משוגענע לוסט דיר צו קושען, איך האָב דיר אזוי לאַנג ניט געזעהן.

און דאַן פּלוצים, מיט דער הינגעבונג און ליידענשאַפט פון אַ פערליעבטער פרוי, פאַר וועלכער עס מוזען פערשווינדען אַלע הינדערניסע, האָט זי אויסגעפּליסטערט:

— הער נור, איך וויל געהן מיט דיר אהין, וואו מיר האָבען זיך פאַר־אַ־יאָהרען געזעגענט. דו געדענקסט יענעם פּלאַץ הינטער לאַ ראָש־פּראַדיר?

ער האָט געענטפערט צושראָקען:

— אָבער דאָס איז דאָך אַ משוגעת, דו טאָרסט מעהר ניט געהן, דו ביזט אַ גאַנצען טאָג אויף די פיס געשטאַנען, דאָס איז משוגעת, איך וועל עס ניט דערלאָזען.

זי האָט זיך אויפגעהויבען און זיך אָנגערופען:

— אזוי וויל איך. ווען דו געהסט ניט מיט מיר, געה איך אליין אהין.

און זי האָט אָנגעוויזען אויף דער לבנה, וואָס האָט געהאַלטען אין אויפגעהן:

— עס איז געווען פונקט אזא אבענד, ווי היינט. דו געדענקסט, ווי דו האָסט מיך געקושט אין דער פינסטער?

ער האָט זי צוריקגעהאַלטען:

— כריסטיאַנע, דאָס איז דאָך אָבער לעכערליך!

נור זי האָט זיך אַ ריס געטהאָן און איז אַוועק מיט שנעלע טריט צו דעם אַבהאַנג צו, וועלכער האָט צו די וויין־גערטנער געפיהרט. ער האָט געקענט איהר פעסטען ווילען, איהר איינגע־שפּאַרטקייט, האָט געוואוסט, אַז איינמאָל האָט זי בעשלאָסען צו געהן, וועט קיינער ניט אימשטאַנד זיין זי צוריקצוהאַלטען, און ער האָט זי גענומען אונטער'ן אָרעם און איז אַוועק מיט איהר.

— ווען מען זאָל אונז דערזעהן, כריסטיאַנע!

— דאָס האָסטו פאַר־אַ־יאָהרען ניט געזאָגט, פּאָול, און אויסער דעם זיינען זיי אַלע ביים פעסט. מיר וועלען זיין צוריק, איידער אימיצער וועט בעמערקען, אַז מיר פעהלען.

זיי האָבען געמוזט געהן אַרויף באַרג איבער דעם שמאָלען וועג. זי האָט שווער געסאָפּעט און זיך אָנגעשפּאַרט מיט אַלע קרעפטען אויף איהם. ביי יעדען שריט האָט זי געזאָגט:

— אַך, ווי גוט, ווי גוט עס איז אַזוי צו ליידען!

ער איז שטעהן געבליבען. ער האָט געוואָלט, זי זאָל געהן צוריק, אָבער זי האָט פון דעם ניט געוואָלט הערען:

— ניין, ניין, איך בין גליקליך, דו פערשטעהסט עס ניט. איך פיהל עס, כ'פיהל, ווי עס בעוועגט זיך אונזער קינד, דיין קינד, וואָס פאַר אַ גליק! גיב מיר דיין האַנד. דו פיהלסט עס?

זי האָט ניט פערשטאַנען, אַז ער האָט געהערט צו דער ראַסע פון ליעבהאָבער און ניט צו דער ראַסע פון פאָטערס. זייט ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זי איז אין אומשטענדען, האָט ער זיך דער־ווייטערט פון איהר. ער האָט געהאַט אַ כלל, אַז אַ פרוי, ווי נור זי ווערט מוטער, פערלירט גלייך איהר גאַנצע ווערטה אַלס גע־ליעבטע.

וואָס איהם האָט אין דער ליעבע אַזוי צוגעצויגען, איז גע־ווען דאָס שטרעבען פון צוויי הערצער צו אַז אונרייכבאַרען אי־דעאַל, דאָס בעהעפטען פון צוויי נשמות, דאָס פאַעטישע און אונ־

קערפּערליכע זיין פּרויען־אידעאַל איז געווען ווענוס, וואָס איהר הייליגער ליעב האָט אימער די ריינע פאָרם פון אונפּרוכטבאַרקייט איינגעהאַלטען.

דער געדאַנק אַז אַ קליין נפש'ל, וואָס האָט איהם דאָס לעבען געהאַט צו פערדאַנקען, בעוועגט זיך אין דעם דאָזיגען לייב, וועלכער איז דורך איהם בעפלעקט און פערהעסליכט געוואָרען, האָט אין איהם כמעט אַן אונאויסשטעהליכען עקעל ערוועקט. די מוטער־שאַפט האָט אַ חיה געמאַכט אויס דער דאָזיגער פרוי. דאָס איז שוין ניט געווען יענעס אויסנאַהמס־וועזען וועלכע ער האָט פערגעטערט, נור די חיה, וואָס האָט איהר ראַסע ווייטער געפלאַנצט. און צו דעם דאָזיגען אָפּשטויסענדען געדאַנק איז צוגעקומען אַ קערפּערליכער ווידערווילען.

זי האָט קיין אהנונג ניט געהאַט פון דעם, ווי אַזוי ער האָט געפיהלט און געטראַכט איצט וועגען איהר. זי, וועמען יעדע בעוועגונג פון דעם קינד אונטער'ן האַרצען, האָט דאָפּעלט זי צו איהם צוגעבונדען צו איהם, דעם דאָזיגען מאַן, וועלכען זי האָט פערגעטערט און וועלכען זי האָט מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר און מעהר ליעב געהאַט, זייט זייער ערשטער אומאַרמונג. ער האָט ביז אין די טיעפסטע טיעפעניש פון איהר האַרצען אריינגעדרונגען. ער האָט אריינגעדרונגען אין די טיעפעניש פון איהר קערפּער, אין וועלכען ער האָט זיין אייגענעם לעבען פערזייהט.

יאָ, זיין לעבען האָט זי דאָס געטראָגען אונטער איהר האַר־צען, איהם אליין, דעם דאָזיגען גוטען, ליעבען, צערטליכען, איינ־ציגען פריינד, וועלכער וועט אין איהר, דורך דאָס מיסטעריום פון דער נאַטור, ווידער געבאָרען ווערען. און זי האָט איהם געליעבט אַזוי, ווייל זי האָט איהם צוויי מאָל בעזעסען, דעם גרויסען און דעם קליינעם, וועלכען זי האָט נאָך ניט געקענט, אָבער וועלכען זי האָט אין זיך געפיהלט און וועלכען זי האָט רעדען געהערט און וועלכען זי האָט געקושט. וואָס זיינע בעוועגונגען האָט זי אונטער איהר הויט געשפּירט.

זיי זיינען אויפ'ן גלייכען וועג אַרויף:

— דאַ, אונטען, האָסטו אויף מיר יענעם אבענד געוואַרט.

און זי האָט צו איהם אויסגעשטעלט די ליפען. ער האָט זי געקושט מיט אַ קאַלטען קוש.

זי האָט צום צווייטען מאָל אויסגעפּליסטערט:

— דו געדענקסט, ווי דו האָסט מיך דאַן געקושט, ווען דו ביזט צו מיר אויף די קניע צוגעקראָכען?...

און אין דער האָפנונג, אַז ער וועט עס ווידער טהאָן, וועט ווידער איהר שאַטען קושען, ווי יענעם אבענד פאַר־אַ־יאָהרען, איז זי אָפּגעטראָטען פון איהם, אוועק פון איהם אביסעל ווייטער. דאָן איז זי געבליבען שטעהן פערסאָפּעט און האָט געוואַרט אין מיטען וועג. און די לבנה, וואָס האָט העל בעלויכטען איהר שאָטען. וועלכער איז געלעגען אויסגעצויגען אויפ'ן וועג, האָט אויך בע־לויכטען איהר שוואַנגערען לייב, און פּאָול איז אונבעוואוּגליך גע־שטאַנען, האָט געקוקט אויף איהר לייב פערצווייפעלט פון דעם, וואָס זי איז אַזוי אונטאַקטיש, וואָס זי שטויסט זיך ניט אָן וועגען דעם, וואָס ער פיהלט, און ער האָט געזאָגט צו איהר מיט אונ־געדולד אין'ם קול:

— הער נור, כריסטיאַנע, דאָס איז קינדיש, לעבערליך!

זי איז צוגעגאַנגען צו איהם אויפגערעגט, מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און האָט זיך געוואָרפען איהם אויפ'ן האַלז:

— אַה, דו ליעבסט מיך ניט מעהר, איך פיהל עס, איך וויים עס!

ער האָט אויף איהר רחמנות געקראָגען, אריינגענומען איהר קאָפּ צווישען זיינע הענד און אַ דריק געטהאָן איהר אויף די אויגען אַ לאַנגען קוש.

דערנאָך זיינען זיי שווייגענדיג אוועק צוריק און ער האָט ניט געוואוסט, וואָס איהר צו זאָגען. און ווען זי האָט זיך אין גאַנג צוגעדריקט צו איהם, מיעד און פערמאַטערט, האָט ער גענומען

געהן שנעלער, אום נישט צו פּיהלען אויף זיינע היפּטען די בעריהרונג פון איהר שוואנגערען קערפּער.

ווען זיי זיינען צום האָטעל נעהענטער צוגעגאנגען, האָבען זיי זיך צושיידט, און זי איז אוועק צו זיך אין דאָס צימער. דאָס אָרקעסטער פון קאסינאָ האָט געשפּיעלט טענץ און פּאול איז אוועק אויפ'ן באַל. מען האָט גראַדע געשפּיעלט אַ וואַלס. אַלע האָבען געטאַנצט: דאָקטאָר לאַטאַן מיט דער יונגער פרוי פּייל, אַנדער־מאַט מיט לואיזע אַריאַל, דער שעהנער דאָקטאָר מאַצעללי מיט דער הערצאָגין פון ראַמאַס און גאָנטראַן מיט שאַרלאָטטע אַריאַל.

ער האָט איהר געשושקעט אויפ'ן אויער צערטליך, מיט פּייער. ער האָט אָנגעהויבען זי צו זוכען און זי האָט צו דעם גע־שמייכעלט און זיך ווי געפרעהט מיט דעם. פּאול האָט דערהערט הינטער זיך:

— נאַ, נאַ, דער יונגער מאַרקיז פלירט צו מיין פּאַציענטקע!

דאָס איז געווען דאָקטאָר האָנאָראַ, וועלכער איז פּאַר דער טהיר געשטאַנען און געשמייכעלט. ער האָט גערעדט ווייטער:

— יאָ, יאָ, שוין אַ האַלב שטונדע, ווי ער איז אזוי פריינדליך צו איהר, אַלע האָבען עס שוין בעמערקט. אָבער ווי עס ווייזט, גע־פעלט עס דער קליינער.

און נאָך אַ קורצען שווייגען האָט ער צוגעלעגט:

— דאָס מיידעל איז אַ וואָהרע פּערעל. גוט, פרעהליך, איינ־פאַך, איבערגעבען, אָפענהערציג, ווירקליך אַ מערקווירדיגע מיי־דעל! איך קען זי דאָך גון קינדרווייז אויף. ביידע אַריאַל'ס מיידלאך זיינען זעהר וואוילע. און דאָך דער פאָטער ליעבט מעהר די על־טערע טאָכטער, ווייל זי איז מעהר געראַטען אין איהם, ווי די איינ־גערע: נישט אזוי אָפענהערציג, שפּאָרזאַמער, קיטרער, איינגע־שפּאַרטער, אָבער דאָך איז זי אויך אַ גאַנץ וואוילע מיידעל און קיין שלעכטעס ווענען איהר קען מען נישט זאָגען, נור צו איהר שוועסטער קומט זי נישט.

דער וואַלס האָט אויפגעהערט. גאָנטראַן איז צוגעגאַנגען צו

זיין פריינד און ווען ער האָט דעם דאָקטאָר דערזעהן, האָט ער געזאָגט:

— דער קאָרפּוס פון די ענוואַלער דאָקטוירים פערגרעסערט זיך. מיר האָבען אַ דאָקטאָר מאַצעללי, וועלכער איז אַ וואונדערפולער טענצער, און אַן אַלטען דאָקטאָר בלעק, אָבער דער, דאַכט זיך, איז מעהר פערטהאַן אין הימעלשע זאַכען. וואָס זאָגט איהר, דאָקטאָר האַנארא?

אָבער דאָקטאָר האַנארא האָט איהם אויף דעם ניט געענטפערט. פון זיינע קאָלעגען האָט ער קיינמאָל ניט גערעדט.

II.

די הויפּט פראַגע אין ענוואַל איז איצט געווען די דאָקטוירים פראַגע. זיי האָבען פּלוצים דאָרט גענומען שפּיעלען די הויפּט ראָלע. פון זיי האָט מען דאָרט איצט גערעדט און זיי האָבען דאָרט איצט גע׳בעל-הבית׳עוועט. פריהער זיינען די בעדער אין ענוואַל געווען אונטער דער אויפזיכט פון דאָקטאָר באַנעפּיל אליין, און דער אונרוהיגער דאָקטאָר לאַטאַן און דער רוהיגער דאָקטאָר האַנארא האָבען, אין פערגלייך מיט איהם, כמעט קיין שום ראָלע דאָרט ניט געשפּיעלט. היינט אָבער איז עס געווען גאַנץ אַנדערש. זייט די גרינדונג פון דעם נייעם קור-אָרט מאַנט אַריאַל, וועלכער האָט אַ גרויסען ערפאָלג געהאַט אַ דאַנק דעם מעכטיגען איינפלוס פון די פּראָפעססאָרען גלאַשע, מאַס-רוססעל און רעמוזאַ, וואָס יעדער פון זיי האָט אריינגעבראַכט אהין אַ צוויי-דריי הונדערט פּאַציענטען, איז דאָקטאָר לאַטאַן דער אינספּעקטאָר פון דעם נייעם קור-אָרט, געוואָרען אַ בעריהמטע פּערזענליכקייט. בעזונדערס האָט איהם געשטיצט פּראָפעססאָר מאַס-רוססעל, וועמעס שילער ער איז געווען און וועמעס מינעס און האַוואַיעס ער האָט זיך בעמיהט נאָכצומאַכען.

פון דאָקטאָר באַנעפיל האָט מען איצט כמעט גאָר ניט גע־רעדט. ער איז זיך געזעסען דעם גאַנצען טאָג אין זיין קאַבי־נעט מיט אַ פּאָר אַלטע פּאַציענטען, וואָס זיינען איהם טריי לע־בליבען, און האָט מיט גאַל געזידעלט דעם נייעם קור־אָרט.

דאָקטאָר האַנאַרא האָט אויך אָנגעהויבען צו פערלירען זיין פּראַקטיק צווישען די דאָרטיגע איינוואָהנער. ער האָט זיך אָבער שטאַרק דאָס ניט גענומען צום האַרצען. קאָרטען און ווייַן האָבען איהם מעהר אינטערעסירט, ווי זיינע פּאַציענטען און זיין מעדי־צין. דאָך גאָר גלייכגילטיג צו זיינע קאָללעגען, וואָס האָבען ביי איהם אוועקגענומען די פּראַקטיק, איז ער ניט פערבליבען. ער האָט זיי פיינד געקראָגען, האָט אָבער וועגען זיי קיין שלעכטעס ניט גערעדט.

דאָקטאָר לאַטאָן וואָלט געבליבען דער גרויסער דאָקטאָר פון מאָנט אָריאַל, ווען ניט דער קליינער דאָקטאָר בלעק.

אין איין שעהנעם אין דער־פריה, איז ער אַהין אָנגעקומען. אַ קליינינקער, מיט אַ גרויסען קאָפּ אַריינגערוקט צווישען די אַקס־לען, מיט גרויסע רונדע אויגען און גרויסע הענד, אין גאַנצען אַ היבשע מיאוס'קייט. דער דאָזיגער דאָקטאָר בלעק, וועלכען האָט אַהין רעקאָמענדירט פּראָפעססאָר רעמוזאַ, האָט גלייך געצווינגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנץ ענוואַל. כמעט יעדען אין דער־פריה איז ער געגאַנגען אין קירכע פאַר אַ פּאָר מינוט און יעדען זונטאַג האָט ער פאַר דעם פּריעסטער געבייכטעט. דער פּריעסטער האָט איהם גלייך רעקאָמענדירט אַ פּאָר פּאַציענטען צוויי אָרימע אַלטע מוידען, וועלכע ער האָט קורירט אומזיסט. פרו־מע פרויען, וואָס זיינען געקומען אַפריהער צום פּריעסטער, איידער זיי זיינען צו אַ דאָקטאָר געגאַנגען, האָט דער פּריעסטער געראַטהען, זיי זאָלען צו דאָקטאָר בלעק געהן.

און איין מאָל איז אין אַנוואַל געקומען די פּרינצעסין פון מאַל־דעבורג, אַן אַלטע דייטשע פּרינצעסין, זעהר אַ פרומע קאַטאָלישע פרוי, און זי האָט אויך גלייך געשיקט נאָך דאָקטאָר בלעק, וועל־

כער איז איהר רעקאָמענדירט געווען פון א רוימישען קאַרדינאַל. פון דעמאָלט אַן איז דאָקטאָר בלעק געוואָרען מאָדע. האָט א קראַנקער געוואָלט ווייזען, אַז ער האָט געשמאַק, א פיין געפיהל, האָט ער קיין אַנדער דאָקטאָר ווי נור איהם, דעם קליינעם און מיאוס'ען דאָקטאָר בלעק, ניט גענוצט. מען האָט גערעדט, אַז ער איז געווען דער איינציגער זשענטלמאַן צווישען די דאָקטוירים, אויף וועמען א פרוי האָט זיך געקענט אין גאַנצען פערלאָזען.

און פון אין דער־פריה ביז ביינאַכט איז דער קליינער מאַן, מיט'ן גרויסען קאָפּ פון א בולדאָג, ארומגעלאָפען פון איין האָטעל אין אַנדערען צו פּאַציענטען. און שטענדיג האָט ער זיך גע־שושקעט אין די קאָרידאָרען מיט די בעלי־הבתים פון די האָטעלס אָדער מיט די קאַמער־מיידלאַך פון זיינע פּאַציענטקעס. האָט ער בעמערקט אויף דער גאַס איינע פון זיינע פּאַציענטקעס, איז ער גלייך צו איהר צוגעגאַנגען מיט זיינע קורצע און פלינקע טריט און צו איהר גענומען רעדען וועגען איהר קראַנקהייט און נייע מיט־לען איהר געראַטהען, און אימער אין א פרומען טאָן פון א פּריעסטער.

די אַלטע פרויען האָבען איהם פּשוט פערגעטערט. ער האָט גערולד געהאַט אויסצוהערען אַלע זייערע מעשיות ביז'ן סוף און זיי קיינמאָל ניט אונטערבראָכען. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלע זייערע בעאָבאַכטונגען, מיט אַלע זייערע פראַגען און וואונשען.

יעדען טאָג האָט ער פערגרעסערט אָדער פערקלענערט די צאָהל פון די גלעזער וואַסער, וואָס זיינע פּאַציענטען האָבען גע־טרונקען.

— נעכטען האָבען מיר געטרונקען צוויי גלעזער און דריי פערטעל — פלעגט ער צו זיינע פּאַציענטען זאָגען — און היינט וועלען מיר טרינקען נור צוויי גלעזער און א האַלב, און מאָרגען — דריי גלעזער. איהר זאָלט עס נור ניט פערגעסען! מאָרגען דריי גלעזער. איך בין זעהר פּינקטליך אין דעם, זעהר פּינקטליך!

און אַלע פּאַציענטען זיינען געווען זעהר זיכער, אַז ער איז טאַקע זעהר פּינקטליך אין דעם.

און אַז ער אַליין זאָל דאָס חלילה ניט פערגעסען, האָט ער דאָס פערשריבען ביי זיך אין אַ נאָטיץ־ביכעל, און אַזוי האָט ער גע־וואוסט, וויפיעל גלעזער וואַסער יעדער פּאַציענט זיינער האָט יעדען טאָג געטרונקען. מיט אַזאַ פּינקטליכקייט האָט ער אויך זיי רע־גולירט די צייט פון די טעגליכע בעדער.

דאָקטאָר לאַטאַן איז איינפאַך אויסער זיך געווען. ער האָט געדריקט די אַקסלען און געמורמעלט: „ער איז אַ שווינדלער! ער איז אַ שווינדלער!"

אויס האַס צו דאָקטאָר בלעק'ן האָט ער זאָגאָר צייטענווייז אויסגעדריקט אַן אונגינסטיגע מיינונג וועגען דאָס מינעראַל וואַסער אַליין:

— ווען מיר ווייסען כמעט ניט, וויפיעל דאָס מינעראַל וואַסער העלפט, היינט ווי אַזוי קען מען יעדען פערשרייבען אַ נייע פּאָר־ציאָן וואַסער, ווי אַזוי קען מען עס רעגולירען. דאָס איז דאָך אונ־מעגליך! פון אַזאַ אויפפיהרונג ליידעט נור די מעדיצין.

דאָקטאָר האָנאָראַ האָט נור געשמייכעלט. ער האָט זיך אַי־מער בעמיהט צו פערגעסען די צאָהל פון די גלעזער, וואָס ער האָט זיינעם אַ פּאַציענט פערשריבען אַזוי גיך, ווי ער איז נור פון דעם פּאַציענט ארויס.

— צוויי גלעזער מעהר אָדער ווייניגער — האָט ער אַמאָל צו גאָנטראָן'ען געזאָגט — זאָל זיך וועגען דעם דער קוואַל קימערען. מיך טשעפּעט עס ניט.

דאָך זיין פרומען קאָלעגע האָט ער אויף שפּאַס גערופען: „דער דאָקטאָר פון די הייליגע בעדער!"

ער האָט דאָקטאָר בלעק'ן אויך ניט פערגונען. ער אַבער איז צו קלוג און צו שטאָלץ געווען דאָס ארויסצואווייזען.

אַמאָל פלעגט ער אויך וועגען יענעם זאָגען: „אַה, ער פער־

שטעהט זיין פּאַציענט דורך און דורך און דאָס איז אַפּט בעסער, ווי צו פערשטעהן מעדיצין״.

אָבער דאָ איז אין איין שעהנעם טאָג אַנגעקומען אין׳ם האָטעל מאָנט אַריאַל אַ פאַרנעהמע שפּאַנישע פאַמיליע, דער הער־צאָג און הערצאָגין פון ראַמאָס, וועלכע האָבען מיטגעבראַכט זייער הויז־דאָקטאָר, אַן איטאַליענעם, דאָקטאָר מאַצעללי, פון מאַילאַנד. ער איז געוועזן אַ הויכער, שלאַנקער, שעהנער יונגער מאַן, אַ יאָהר דרייסיג אַלט, מיט לאַנגע, שעהנע וואָנצעס.

פון דעם ערשטען אבענד אָן האָט ער גלייך געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון יעדען אין׳ם האָטעל. ער האָט שוין יעדען געקענט ביים נאָמען און פאַר יעדען געהאַט אַ פּאָר פריינדליכע ווערטער. יעדע דאַמע האָט ער העפליך בעגריסט, זאָגאַר פאַר די דיענערשאַפט האָט ער אַ פריינדליכען שמייכעל געהאַט.

ער איז געזעסען רעכטס פון דער הערצאָגין, אַ שעהנער דאַמע, מיט אַ דונקעלען פּנים, שוואַרצע אויגען, פּראַכטפולע שוואַרצע האָאַר, און ביי יעדען געריכט האָט ער צו איהר געזאָגט:

— עסט דאָס ניט פיעל!

אָדער:

— ניין, דאָס טאָרט איהר ניט עסען!

אָדער:

— דאָס איז פאַר אייך גוט!

ער האָט איהר אַליין אַנגעגאָסען דעם וויין, אַליין איהר אויס־געמישט מיט וואַסער. ער האָט אויך אַכטונג געגעבען אויף די שפּייז, וואָס מען האָט דעם הערצאָג דערלאַנגט, אָבער מיט קאָנ־טיגער גלייכגילטיגקייט. איבעריגענס האָט זיך דער הערצאָג ווע־ניג געקימערט וועגען דעם, וואָס זיין דאָקטאָר האָט איהם געהייסען טהאָן. ער האָט געפרעסען, ווי אַ הונגעריגע חיה, אַלסדינג, וואָס מען האָט איהם דערלאַנגט און ביי יעדען מאָהלצייט האָט ער אויסגעטרונקען צוויי פלעשער וויין אָהן וואַסער און דערנאָך זיך געזעצט אין דרויסען אויף אַ שטוהל פאַר דער טהיר פון׳ם האָטעל,

האט געקרעכצט פאר שמערצען און זיך געקלאגט, וואס זיין מאַ־
גען פערדייעט ניט.

נאך דעם ערשטען מאהלצייט איז מאצעללי, וועלכער האט
די גאנצע געזעלשאפט שוין געהאט אפגעשאצט און אפגעוואויגען,
צוגעגאנגען צו גאנטראן'ען, וועלכער איז געזעסען אויף דער טער־
ראסע פון קאסינא, מיט א סיגאר אין'ם מויל, און האט זיך איהם
פארגעשטעלט. אין א שטונדע שפעטער זיינען זיי שוין געווען
גאנץ אינטים.

אויף מארגען אין דער־פריה האט ער זיך פארגעשטעלט
כריסטיאנע'ן, וועלכער ער איז גלייך געפעלען געווארען, און אין
דעם זעלביגען טאג האט ער זיי צונויפגעפיהרט מיט דער הער־
צאגין, וועלכע האט די איינזאמקייט ניט ליעב געהאט.
נעדריקט:

די הערצאגין האט פאר כריסטיאנע'ן וועגען איהם זיך אויס־
— ער איז א פראכטפולער מענש. ער ווייסט אלסדינג און
קען אלסדינג. איהם אליין פערדאנק איך מיין טאליע.
— אייער טאליע?

— יא, איך האב שוין אנגעהויבען דיק צו ווערען און דורך
זיין בעהאנדלונג האט ער מיך גערעטעט.

ער אליין האט אין מעדיצין ניט געגלויבט, נור אין מאס־
סאזש און קערפערליכע בעוועגונגען.

— בעוועגט דעם קערפער — פלעגט ער זאגען — לאזט אר־
בייטען די מוסקולען, אלע ארגאנען, בעזונדערס דעם מאגען, ווייל
דער מאגען איז דער דאמפף־קעסעל פון דער גאנצער מאשינע, און
איהר וועט זיין געזונד און פרעהליך. און ער האט געענדיגט מיט
א שמייכעל:

— איך קוריר נור מיט מאססאזש.

דערביי האט ער געוויזען זיינע ווייסע הענד.

און די הערצאגין האט צוגעלעגט:

— ווירקליך, ער מאססאזשירט וואונדערפול!

דער דאַזיגער שעהנער דאַקטאַר איז אין אַ קורצער צייט גע־וואָרען דער ליעבלינג פון אַלע דאַמען. ווען ער איז דורך די אַלעען פון׳ם פאַרק געגאַנגען, האָט מען נור געהערט „הערר דאַקטאַר" רופען פון אַלע שטוהלען, וואו די שעהנע דאַמען זיינען געזעסען. די יונגע דאַמען, וועלכע האָבען געטרונקען דאָס וואַסער פון דעם כריסטיאַנע־קוואַל. ווען ער האָט זיך דאָן אָפּגעשטעלט מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען, האָט מען איהם אָפּגעשלעפּט אויף אַ זייטיגער אַלעע און מען האָט מיט איהם פערפיהרט אַ שמועס אפּריהער וועגען אַלגעמיינע זאַכען, דערנאָך, מיט אַ קאָקעטישער מינע, וועגען געזונד און דערביי זיך געקליגעלט ביי איהם ארויסצורייסען אַ ראַטה, וואָס צו טהאָן, ווי אזוי זיך צו פיהרען, וואָס צו עסען און טרינקען.

דען דעם דאַזיגען דאַקטאַר האָט קיינער ניט געקענט האָבען. מען האָט איהם ניט געקענט רופען פאַר קיין געלד. ער האָט גע־הערט דער הערצאָגין, נור דער הערצאָגין. און אזוי ווי מען האָט נאָך דערצעהלט, אַז די הערצאָגין איז צו איהם אייפערזיכ־טיג, האָבען זיך די דאַמען צווישען זיך שטענדיג געוועט וועגען דעם, צי די אָדער יענע וועט ביי איהם ארויסרייסען אַ ראַטה, צי ניט.

ער האָט יעדער דאַמע אַ ראַטה געגעבען, און דערנאָך האָט זיך צווישען די דאַזיגע אַלע דאַמען אַנגעפאַנגען אַ שפּיעל פון גע־היימע מינעס און סודות:

— אָה, מיין ליעבע, ער האָט מיר אזוינע פראַגען געשטעלט, אזוינע...

— אָפּענע?...

— אַלץ הייסט אָפענע!... איך האָב איינפאַך ניט געוואוסט, וואָס איהם צו ענטפערן... ער האָט געוואָלט וויסען זאַכען... אזוינע זאַכען...

— מיר אויך... ער האָט מיך וועגען מיין מאַן געפרעגט...

— איך אויך... און אַלע איינצעלהייטען האָט ער געוואָלט וויסען... איך מיין אָבער, אַז ער מוז דאָס וויסען...

— געוויס, געוויס. פון אַזוינע קלייניגקייטען הענגט אָפּ דער געזונד. איך וועל איהם מאַכען אַ פּרעזענט, אַ שפּיעלקע פאַר'ן האַלז־טוך. ער האָט מיר פערשפּראָכען היינטיגען ווינטער צו געבען מאַסמאַוש.

— מיר אויך. איך וועל איהם שענקען אַ רינג.

און מען האָט אויסגעטראַכט איבעררעשונגען, איהם צו גע־פעלען, פּרעזענטען — איהם צו ריהרען, קאָמפּלימענטען — איהם צו געווינען.

ער איז געוואָרען דער העלד פון'ם טאָג, דער הויפּט־שטאַלץ פון אַלע געשפּרעכען. ערשט פּלוצים האָט מען גענומען רעדען, אַז גאָנטראַן געהט חתונה האָבען מיט שאַרלאָטע אַריאַל און דאַן האָט מען פערגעסען אָן דעם שעהנעם דאָקטאָר.

זייט ער האָט געעפענט מיט איהר דעם קאַסינאָ־באַלל, האָט גאָנטראַן פון איהר ניט אויפגעהערט צו טראַכטען. זיי האָבען זיך געזעהן כמעט יעדען טאָג. וואָרים דאָס מיידעל האָט זעהר ליעב געהאַט כריסטיאַנע'ן און איז צו איהר יעדען טאָג געקומען אויף בעזוך. איצט איז גאָנטראַן פון זיין שוועסטער ניט אָפּגעטראָטען, האָט אַראַנזשירט אויספאָהרונגען, פערשיעדענע שפּיעלערייען פאַר דעם אָבענד און אַרויסגעוויזען טויזענד קליינע אויפמערקזאַמקיי־טען שאַרלאָטע'ן, וואָס וועקען צווישען צוויי הערצער דעם ליעבע־קנופּ. כריסטיאַנע און פּאָול האָבען עס בעמערקט און זיינען אי־בעררעשט געוועזען פון דעם. דאָס האָט אויך בעמערקט שאַרלאָטע'ס שוועסטער לואיזע. און איין מאָל, ווען זי איז געקומען אַהיים מיט שאַרלאָטען, האָט זי אויסגעזעהן זעהר נערוועז און צוטראָגען. דאַן האָט זי זיך אָנגערופען:

— שאַרלאָטע, הערר גאָנטראַן בענעהמט זיך געגען דיר ניט ריכטיג...

— ניט ריכטיג? וואָרום?

— אַה, דו ווייסט גאַנץ גוט, וואָס איך מיין. עס וועט ניט לאַנג געדויערען און דו וועסט זיין קאָמפּראָמעטירט. אויב דו אליין קענסט אויף זיך ניט אַכטונג געבען, מוז איך דאָס טהאָן.

שאַרלאָטע איז צומישט געוואָרען, האָט זיך פערשעהמט און ארויסגעשטאַמעלט:

— איך פערזיכער דיר, אַז איך האָב גאָר נישט בעמערקט.

די שוועסטער אָבער האָט געזאָגט מיט אַ ערנסטער מינע:

— ווען ער וויל דיר הייראַטען, זאָל ער דאָס זאָגען פּאַפּאַ'ן און ער וועט איהם ענטפערען: יאַ, אָדער ניין; אָבער ווען דאָס איז נור אַ שפּאַס, מוז עס גלייך אויפהערען.

און דאָ האָט שאַרלאָטע פּלוצים, ניט וויסענדיג אַליין פאַר־וואָס, זיך צו־וויינט. זי איז בעפאַלען איהר שוועסטער מיט אַ ציטערענדיגער שטימע, פּאַרוואָס זי מישט זיך אין איהרע זאַכען. דערביי האָט זי ניט קלאָהר געפיהלט, אַז איהר שוועסטער איז צו איהר אייפערזיכטיג.

און זיי האָבען זיך צושיידט אָהן אַ גוטע נאַכט און ווען שאַרלאָטע איז אין'ם בעט געלעגען, האָט זי געוויינט און געטראַכט פון אַזוינע זאַכען, פון וועלכע זי האָט פריהער גאָר קיין אהנונג ניט געהאַט. ביסלעכווייז זיינען איהרע טרעהרען פערטריקענט גע־וואָרען און זי האָט נור געטראַכט, געטראַכט.

דאָס איז טאַקי אמת, אַז גאַנטראַן בענעהמט זיך צו איהר גאַנץ אַנדערש, ווי אַמאָל. פריהער האָט זי עס אויך בעמערקט, אָבער ניט פערשטאַנען, אָבער איצט האָט זי עס פערשטאַנען. ער זאָגט איהר קאָמפּלימענטען ביי יעדער געלעגענהייט, ער האָט איהר איין מאָל די האַנד געקושט. וואָס וויל ער? זי געפעלט איהם, אָבער ווי ווייט? וויל ער זי הייראַטען?

און דאָ האָט זיך איהר פּלוצים אויסגעוויזען, אַזוי ווי זי וואָלט אין דער לופט, אין דער טרוימערישער נאַכט, געהערט אַ שטימע, וואָס האָט גערופען: גרעפין ראַוועגעל.

זי איז אַזוי אויפגערעגט געוואָרען, דאָס זי האָט זיך אויפ'ן

בעט געזעצט און מיט איהרע נאַקעטע פיס איהרע פאַנטאַפעל אונטער'ן שטוהל אויפגעזוכט, איז צום פענסטער צוגעגאַנגען, האָט עס געעפענט, ניט וויסענדיג אַליין וואָס זי טהוט. זי האָט גע־הערט, ווי אין'ם צימער אונטער איהר רעדט מען, און איהר ברו־דער'ס שטימע האָט זיך קלאָהר דערהערט:

— וואַרט, דער פאַפּאַ וועט שוין זעהן. קיין בייזעס איז דאָ ניטאָ, דער פאַפּאַ וועט שוין זעהן.

זי האָט אַ טראַכט געטהאָן: ווען קען דאָרט זיין? מיט וועמען רעדט ער דאָרט און וועגען וואָס?

דאָ האָט זי דערהערט איהר שוועסטער'ס קול. אַלזאָ, זי שלאָפט אויך ניט. פאַרוואָס?

אָבער באַלד איז ווידער שטיל געוואָרען און שאַרלאָטע האָט ווידער געטרוימט פון זאַכען, וואָס האָבען איהר האַרץ בעוועגט. זי האָט ניט געקענט איינשלאָפען.

האָט ער זי געליעבט? ניין, נאָך ניט. אָבער אַזוי ווי זי איז איהם געפעלען, איז מעגליך געווען, ער זאָל זי ליעבען. און ווען ער זאָל זי זעהר ליעב האָבען, משוגע ליעב, ווי מען ליעבט אין דער הויכער געזעלשאַפט, דאַן וועט ער אָהן צווייפעל מיט איהר הייר־ראַטען.

שטאַמענדיג פון אַ פּראָסטער פאַמיליע, האָט זי, הגם זי האָט זיך ערצויגען אין אַ גרויסאַרטיגען אינסטיטוט אין קלערמאָנט, דאָך איינגעהאַלטען אין זיך די פּויערשע בעשיידענהייט און אונ־טערוואַרפיגקייט. זי האָט געדענקט אפשר אמאָל צו הייראַטען אַ נאָטאַריוס, אַן אַדוואָקאַט אָדער אַ דאָקטאָר, אָבער צו ווערען אַ בעוואוסטע דאַמע פון דער גרויסער וועלט און צו טראָגען אַ טיטול, דאָס איז איהר קיינמאָל אפילו אויף די געדאַנקען ניט אַרויף. נור ווען ניט ווען, לעזענדיג אַ ליעבעס ראָמאַן, האָט אַ פערפיהרערי־שער טרוים זיך אין איהר פאַנטאַזיע אויסגעוועבט, וועלכער איז אָבער גלייך פערשוואונדען, ווי עס פערשווינדען געוועהנליך אַלע לופט־שלעסער.

און איצט איז דער דאָזיגער אומגעגליכער, אונגערוואַרטע־טער טרוים דורך די ווערטער פון איהר שוועסטער געוואָרען אַ ווירקליכקייט און דאָס דאָזיגע ווירקליכע גליק האָט זיך צו איהר אַלץ מעהר דערנעהענטערט, ווי אַ שיף אונטער זעגלען, ווען דער ווינד טרייבט.

איהרע ליפּען האָבען ביי יעדען אָטהעם־צוג געמורמעלט:

— ראוועגעל !

און פאַר איהרע פערשלאָפענע אויגען האָבען אין דער פינ־סטערער נאַכט זיך געגומען מאָהלען ליכטיגע בילדער. זי האָט געזעהן שעהנע, בעלויכטענע זאַאַלען, שעהנע דאַמען, וועלכע האָ־בען געשמייכעלט צו איהר, שעהנע קאַרעטען, וועלכע האָבען פאַר דעם שלאָס געוואַרט, דיענער אין ליווּרעען, וועלכע האָבען זיך פאַר איהר געבויגט, ווען זי איז פאַרבייגעפאָהרען... איהר איז הייס געוואָרען אין בעט, איהר הארץ האָט געקלאַפּט. זי האָט זיך נאָך אַמאָל אויפגעהויבען צו טרינקען אַ גלאָז וואַסער און איז אַ ווײַלע געבליבען שטעהן מיט באָרוויסע פיס אויף דעם קאַלטען פאָל פון צימער. ביסלעכווייז האָט זי זיך אַביסעל בערוהיגט און צום סוף איז זי איינגעשלאָפען.

אָבער ווי נור עס איז טאָג געוואָרען, האָט זי זיך אויפגע־כאַפּט, אַזוי שטאַרק האָט די אויפרעגונג פון דאָס הארץ אויף איהר גאַנצען קערפּער געווירקט. זי האָט זיך פערשעהמט פאַר איהר קליין צימערעל מיט די דאָרפישע געקאַלכטע ווענד, פאַר די אָרימע פאָרהאַנגען און די ביידע שטרויענע שטוהלען, וועלכע זיינען אימער געשטאַנען רעכטס און לינקס פון דער קאָמאָדע. זי האָט זיך גע־פיהלט, ווי אַ פויערן־מיידעל צווישען די דאָזיגע אָרימע פויערשע מעבעל, וועלכע האָבען אָנגעוויזען פון וואַנען זי שטאַמט ארויס. זי האָט זיך געפיהלט צו קליין אַנטקעגען דעם דאָזיגען שעהנעם, שפּאַטישען יונגען מאַן, וועמעס לאַכענדיג פּנים האָט נאָכאַנאַנד פאַר איהרע אויגען אויפגעטויכט, איז פערלאָשען געוואָרען און זיך

ווידער בעוויזען און ביסלעכווייז זי בעהערשט און זיך צו איהר אין הארצען אריינגע'גנב'עט.

זי איז אויפגעשפרונגען פון בעט און צוגעלאפען נעהמען איהר שפיעגעל, איהר קליין טואלעט שפיעגעל, ווי א טעלער די גרויס. דאן האט זי זיך צוריק אוועקגעלייגט מיט דעם שפיעגעל אין די הענד. זי האט בעטראכט איהר פנים פון צווישען די צו־לאזענע האאר אויף די ווייסע קישענס. פון צייט צו צייט האט זי אוועקגעלייגט דאס קליין שטיקעל גלאז אויף דער דעקע און נאכ־געטראכט, ווי שווער עס איז אזא שידוך צו טהאן, ווען דער אונ־טערשיעד צווישען זיי איז אזא גרויסער. און אויפ'ן הארצען איז איהר דאן געווארען אזוי שווער, אזוי טרויעריג און אין האלז האט איהר גענומען שטיקען. אבער דאן האט זי זיך ווידער בעטראכט. געשמייכעלט צו זיך אליין אין שפיעגעלע און אזוי ווי זי האט דארט געזעהן א שעהן פנים, זיינען אלע שוועריגקייטען פערשוואונ־דען געווארען.

ווען זי איז ארונטערגעגאנגען צום פריהשטיק, האט איהר שוועסטער אויסגעזעהן אין כעס און געפרעגט:

— וואס ווילסטו היינט טהאן?

שרלאטע האט געענטפערט אהן צעגערן:

— מיר פאהרען דאך היינט מיט פרוי אנדערמאט נאך ראיאט.

לואיזע האט זיך אבגערופען:

— דו קענסט אליין פאהרען, אבער נאכדעם וואס איך האב דיר געזאגט, וואלט געווען בעסער...

די קליינע האט איהר איבערגעהאקט די רייד:

— איך פרעג ביי דיר קיין עצה נים, קימער זיך וועגען דיינע אייגענע זאכען.

און זיי האבען מעהר גארנישט גערעדט.

דער אלטער אריאל און קאלאם זיינען געקומען און זיך גע־זעצט צום טיש:

דער אלטער האט גלייך געפרעגט:

— מיידלאַך, וואָס גענהט איהר היינט טהאָן?

שאַרלאָטע האָט ניט געוואָרט אויף איהר שוועסטער און גע־ענטפערט:

— איך פאָהר נאָך ראַיאַט מיט פרוי אַנדערמאַט.

ביידע מענער האָבען זיך אָנגעקוקט מיט אַ צופריעדענער מינע און דער פאָטער האָט כיטרע אַ שמייכעל געטהאָן, ווי ער פלעגט טהאָן, ווען ער האָט געמאַכט גוטע געשעפטען.

— דאָס איז גוט! דאָס איז גוט!

זי איז געוועזן מעהר ערשטוינט איבער דער דאָזיגער געהיימער צושטימונג, וועלכע האָט זיך געזעהן אין זייער גאַנצער האַל־טונג, ווי איבער דעם אָפענעם כעס פון לואיזען, און זי האָט זיך געפרעגט אביסעל צומישט: „איז עס מעגליך, אַז זיי האָבען ווע־גען דעם גערעדט?"

אַזוי שנעל, ווי זיי האָבען אָבגעגעסען, איז זי אַוועק אין איהר צימער, האָט אָנגעטהאָן דעם הוט, גענומען אַ שירעם, אַרויפגע־וואָרפען אויף זיך אַ לייכטען מאַנטעל און איז אַוועק צום האָטעל, וואָרים האַלב נאָך צוויי האָבען זיי געזאָלט אַוועקפאָהרען.

כריסטיאַנע האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס לואיזע איז ניט געקומען. שאַרלאָטע האָט דערפיהלט, ווי זי ווערט רויט און גע־ענטפערט:

— זי איז אביסעל מיעד, איך גלויב זי האָט קאָפּ שמערצען.

איצט איז מען אַריין אין דעם גרויסען וואָגען, וואו מען האָט געקענט זיצען זאַלבע זעקס. דער מאַרקיז און זיין טאָכטער זיי־נען געזעסען פון פאָרענט און די ביידע אַריאַלס און די יונגע לייט אויף די איבעריגע פּלעצער.

זיי זיינען דורכגעפאָהרען דורך טורנעיל, דאַן באַרג אַראָפּ ביז צו אַ שעהנער גאַס מיט ניס און קאַשטאַנען־בוימער פון ביידע זייטען.

שאַרלאָטע האָט אַ פּאָר מאָל בעמערקט, אַז גאַנטראַן האָט זיך צו איהר צוגעדריקט, אָבער אַזוי פאָרזיכטיג, אַז מען האָט עס קוים

געקענט בעמערקען. אזוי ווי ער איז געזעסען רעכטס פון איהר, האט ער גערעדט גאנץ נאהענט נעבען איהר באק אזוי, דאס זי האט זיין הויך אויף איהרע ליפען געפיהלט און זי האט ניט גע־וואגט זיך א קעהר צו טהאן, מורא האבענדיג פאר זיין בליק, וועל־כער וואלט זי צוטומעלט.

ער האט איהר געזאגט אלערליי העפליבקייטען, גלייכגיל־טיגע ווערטלאך, קאמפלימענטען.

כריסטיאנע האט מעהר ניט גערעדט. זי האט זיך געפיהלט שווער און קראנק אין איהר צושטאנד. פאול האט געשיינט צו זיין טרויעריג און פערטראכט. נור דער מארקיז האט זיך אונטער־האלטען פרעהליך, זארגלאז און צופריעדען, מיט דער געוויסער ליעבעסווירדיגקייט פון אן אלטען עגאאיסטישען ערעל־מאן.

אין פארק פון ראיאט זיינען זיי פון וואגען ארויס, אום צו הערען די מוזיק; גאנטראן האט דערלאנגט שארלאטע'ן זיין ארעם און איז מיט איהר ארומגעגאנגען. די בארע־געסט זיינען געזע־סען אויף שטוהלען ארום דער מוזיק און זיך צוגעהערט, ווי דער קאפעלמייסטער דיריזשירט.

די דאמען האבען געוויזען זייערע טואלעטען, די פיס אויס־געצויגען ביז צו די נעקסטע שטוהלען אין זייערע קליינע זומער־שיכלאך האבען זיי אויסגעזעהן רייצענד. שארלאטע און גאנט־ראן האבען זיך ארומגעדרעהט אהין און אהער צווישען די געסט און געזוכט קאמישע פנים'ער פון וועלכע אבצולאכען. ער האט אלע ווייל געהערט הינטער זיך שטימען, וועלכע האבען אויס־גערופען:

— ווי שעהן זי איז!

ער האט זיך געפיהלט געשמייכעלט און זיך געפרעגט, צו מען נעהמט זי אן פאר זיין שוועסטער, זיין פרוי אדער זיין געליעבטע.

כריסטיאנע, זיצענדיג צווישען איהר פאטער און פאול'ן, האט זיי א פאר מאל געזעהן פארבייגעהענדיג און זיי ביידע האבען

איהר אויסגעוויזען זעהר יונג. זי האָט זיי גערופען, אָבער זיי האָ־בען גאָרניט געהערט און זיינען זיך ווייטער געגאַנגען צווישען גערדיכטען עולם און האָבען זיך זעהר גוט אַמוזירט.

זי האָט געזאָגט שטיל צו פּאול ברעטיני:

— ער וועט זי נאָך קאָמפּראָמעטירען, איך מוז היינט ביי־נאַכט מיט איהם רעדען.

פּאול האָט געענטפערט:

— איך האָב וועגען דעם שוין אויך געטראַכט, איהר זייט גע־רעכט.

דאַן איז מען אוועק עסען אין אַ רעסטאָראַן אין קלערמאָנט־פּערלאַנד, ווייל אין ראָיאַט איז דאָס עסען ניט געווען גוט, אַזוי האָט בעהויפּטעט דער מאַרקיז, אויף וועלכען מען האָט זיך אין דעם הינזיכט געקענט פערלאַזען. און ווען עס איז נאַכט געוואָרען, האָט מען זיך אומגעקעהרט אַהיים. שאַרלאָטע איז געוואָרען זעהר ערנסט. גאָנטראַן האָט איהר שטאַרק געדריקט די האַנד, בעת ער האָט איהר דערלאַנגט די האַנד־שוה, נאָכדעם ווי זי איז אויפגע־שטאַנען. דאָס יונגע מיידעל איז געוואָרען אונרוהיג. וואָס האָט ער מיט דעם געמיינט? איז דאָס געווען אַ שטומע ערקלעהרונג, אַ טעות, אַ פרעכהייט? וואָס זאָל זי טהאָן, ווי האַלטען זיך? רעדען מיט איהם? אָבער וואָס זאָל זי איהם זאָגען? מען דאַרף אַ סך טאַקט דערצו. אָבער ווען זי זאָל גאָרנישט טהאָן און גאָר־נישט זאָגען, דאַן וועט עס הייסען, אַז זי גיט איהם איהר צושטי־מונג צו פלירטען מיט איהר.

זי האָט וועגען דעם לאַנג געטראַכט און האָט זיך געמאַכט פאָרווירפע, פאַרוואָס זי איז געווען אַזוי לוסטיג אין ראָיאַט און אפשר אויך צו פאַמיליאַר מיט איהם. איצט האָט זי איינגעזעהן, אַז איהר שוועסטער איז געווען גערעכט, אַז זי האָט זיך טאַקע אַבי־סעל קאָמפּראָמעטירט.

דער וואָגען איז ווייטער געפאָהרען. פּאול און גאָנטראַן האָ־בען שווייגענדיג גערויכערט, דער מאַרקיז איז געשלאָפען, כריי־

סטיאַנע האָט געקוקט אויף די שטערען און שאַרלאָטע האָט קוים איינגעהאַלטען די טרערען, דען זי האָט אויסגעטרונקען דריי גלעזער שאַמפּאַניער.

ווען זיי זיינען אַהיים געקומען, האָט כריסטיאַנע געזאָגט צו איהר פאָטער:

— פּאַפּאַ, עס איז שוין שפּעט, זיי אַזוי גוט און פיהר אַב דאָס מיידעל אַהיים.

דער מאַרקיז האָט איהר גענומען אונטער'ן אָרעם און איז מיט איהר אַוועק.

פּאָול האָט גענומען גאָנטראַן'ס אָרעם און האָט איהם אַריינגעשושקעט אין אויער:

— קום אַהער אויף פינף מינוטען, דיין שוועסטער און איך האָבען מיט דיר עפּעס צו רעדען.

און זיי זיינען אַוועק אין דעם קליינעם סאַלאָן, וועלכער האָט פערבונדען די צימערען פון אַנדערמאַט און זיין פרוי. אַזוי שנעל ווי זיי האָבען זיך אַנידערגעזעצט, האָט כריסטיאַנע געזאָגט:

— הער אויס, הערר ברעטיני און איך מוזען דיר האַלטען אַ מאָראַל פּרעדיג.

— אַ מאָראַל פּרעדיג, מיר? וואָס איז דען געשעהן? איך לעב דאָך דאָ ווי אַ הייליגער, קיין שום נסיון איז אויף מיין וועג נישטאָ.

— מאַך ניט קיין שפּאַס. דו האָסט געטהאָן עטוואָס זעהר נאַרישעס און זעהר געפעהרליכעס, אָליין ניט דענקענדיג וועגען דעם. דו קאָמפּראָמעטירסט דאָס מיידעל!

— וועמען, שאַרלאָטען?

— יאָ, שאַרלאָטע'ן. דו קאָמפּראָמעטירסט זי. די גאַנצע וועלט רעדט וועגען דעם, און נאָך ערשט ניט לאַנג צוריק, אין ראַיאַט, זיינט איהר אויך געווען זעהר ליכטזיניג. ניט אמת, ברעטיני?

פּאָול האָט געענטפערט:

— נעווים, גנעדיגע פרוי, איך בין מיט אייך גאַנץ איינפער־שטאַנען.

גאַנטראַן האָט אומגעדרעהט זיין שטוהל, זיך געזעצט אויף איהם רייטענדיג, גענומען אַ ציגאַר, איהם אָנגעצונדען און זיך צולאַכט:

— אַלזאָ, איך קאָמפּראָמעטיר שאַרלאָטע אריאל?

ער האָט געוואַרט אַ פּאָר מאָמענטען כדי צו זעהן דעם איינ־דרוק פון זיין ענטפער. דאַן האָט ער ערקלעהרט:

— אָבער ווער זאָגט אייך, אַז איך וויל ניט מיט איהר חתונה האָבען?

כריסטיאַנע איז אַזש אויפגעשפּרונגען פאַר ערשטוינונג:

— מיט איהר חתונה האָבען, דו? ביזטו משוגע געוואָרען?

— פאַרוואָס עפּעס?

— אָט דאָס... אָט דאָס פויערן מיידעל!

— נאַ־נאַ־נאַ! פאַראורטהיילע! פון וואַנען קומען זיי צו דיר, אפשר פון דיין מאַן?

אַזוי ווי זי האָט אויף דער דאָזיגער אונהעפליכער אַנצוהער־רעניש ניט געענטפערט, האָט ער ווייטער גערעדט, שטעלענדיג אַליין די פראַגען און זיי פאַרענטפערענדיג:

— איז זי שעהן? יאָ. איז זי גוט ערצויגען? יאָ. און זי איז פיעל נאַאיווער, נעטער, איינפאַכער, אָפענער, ווי די מיידלאַך פון דער הויכער געזעלשאַפט. זי איז פונקט אַזוי גוט ערצויגען, ווי די אַנדערע, דען זי רעדט ענגליש און אויווערנאַטיש, דאָס זיינען צוויי פרעמדע שפּראַכען. זי וועט זיין אַזוי רייך, ווי וועלכע ניט יורש'טע פון פאַבורג סענט־זשערמיין. איי וואָס זי איז די טאָכטער פון אַ פויער, איז זי דערפאַר געזינדער און וועט זיין אימשטאַנד מיר צו שענקען שעהנע קינדער. נו, אַלזאָ...

אַזוי ווי ער האָט נאָך אַלץ אויסגעזעהן צו לאַכען און צו שפּאַ־סען, האָט כריסטיאַנע געפרעגט צעגערענד:

— מיינסטו דאָס ערנסט?

— געוויס, דאָס מיידעל איז רייצענד שעהן, זי האָט אַ גוט האַרץ, אַ שעהן פּנים, איז אימער גוט אויפגעלעגט, האָט רויטע באַקען, פייערדיגע אויגען, שעהנע, געדיכטע האָאר און אַ לאַנד־אייגענטהימער פאַר אַ פאָטער, וועלכער וועט אַמאָל זיין רייך, ווי קרח, אַ דאַנק דיין געעהרטען מאַן, מיין ליעבע שוועסטער. נור וואָס אויגענטליך קענסטו מעהר פערלאַנגען? אַ פּויערן מיידעל! איז דען די טאָכטער פון אַ פּויער ניט ווערטה מעהר, ווי אַלע טעכטער פון די פאַרהולטעוועטע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע בעצאָה־לען אזוי טהייער פאַר די טיטולען פון די אַדעליגע? און אפילו פון די טעכטער פון די הויך־טיטולירטער האַלב־וועלט, וועלכע זיינען געוואָרען אַריסטאָקראַטען אַ דאַנק דעם קייזערדייך? און אַלע יענע טעכטער מיט צוויי פאָטערס, וועלכע מען טרעפט אזוי אָפט אין דער געזעלשאַפט? אויב איך זאָל מיט דער מיידעל הייראַטען, וועט דאָס זיין דער ערשטער פערנינפטיגער שפּיצעל, וועל־כען איך האָב ווען אין מיין לעבען אָבגעטהאָן.

קריסטיאַנע האָט זיך אָנגערופען פּלוצים אין גאַנצען איבער־ציינגט און דערפרעהט:

— דו ביזט גערעכט, עס איז טאַקע גאַנץ ריכטיג, גאַנץ ריכ־טיג. דו ווילסט, אַלזאָ, מיט איהר הייראַטען, מיין קליינער גאַנ־טראַן?

ער האָט זי בערוהיגט:

— ניט אַזוי שנעל, ניט אַזוי שנעל. לאָז מיר אביסעל נאָכ־דענקען, איך קאָנסטאַנטיר בלויז דעם פאַקט, אַז ווען איך זאָל זי הייראַטען, וואָלט איך דאָן אָבגעטהאָן דעם קליגסטען שפּיצעל אין מיין לעבען. דאָס בעדייט אָבער נאָך ניט, אַז איך געה שוין מיט איהר חתונה האָבען. איך דענק וועגען דעם, איך בעשעפטיג זיך דערמיט און איך פאַרברענג מיט איהר אביסעל, כדי צו זעהן, אויב זי געפעלט מיר ווירקליך. קורץ, פאַרלויפיג קען איך דיר נאָך ניט זאָגען ניט ניין און ניט יאָ, אָבער מיין ענטפער שטעהט נעהענ־טער דעם יאָ, ווי דעם ניין.

כריסטיאַנע האָט זיך געווענדעט צו פּאָול'ן:

— וואָס דענקסט איהר דערפון, העדר ברעטיני?

זי האָט איהם מאַנכעס מאָל גערופען העדר ברעטיני און מאַנכעס מאָל איינפאַך ברעטיני.

און ער, אויף וועמען זאַכען, אין וועלכע ער האָט געזעהן אַ געוויסע גרויסקייט, האָבען געמאַכט אַן איינדרוק, האָט געענטפערט:

— איך גלויב, ער האָט רעכט. ווען זי געפעלט איהם, זאָל ער מיט איהר הייראַטען.

אָבער דער מאַרקיז און אַנדערמאַט זיינען אַהיים געקומען און מען האָט גענומען רעדען פון אַנדערע זאַכען.ביידע יונגע לייט זיינען אַוועק צום קאַסינאָ זעהן, אויב אַ שפּיעל זאָל איז שוין אָפען.

פון דעם דאָזיגען טאָג אָן זיינען כריסטיאַנע און פּאָול ניט געווען דאַנעגען, ווען גאָנטראַן האָט געפלירט מיט שאַרלאָטע'ן. מען האָט איצט אָפטער איינגעלאַדען דאָס יונגע מיידעל, זי פערהאַלטען צום עסען און זי בעהאַנדעלט, ווי זי וואָלט געהערט צו דער פאַמיליע. זי האָט דאָס אַלעס געזעהן, האָט עס פערשטאַנען און איז ביי זיך אין האַרצען געווען גליקליך. איהר קליין קעפּעלע האָט געבויט לופט־שלעסער איינעם נאָכ'ן אַנדערען.

גאָנטראַן האָט איהר נאָך גאָרנישט געזאָגט, אָבער זיין בענעהמונג, אַלע זיינע ווערטער, דער טאָן מיט וועלכען ער האָט צו איהר גערעדט, זיין ערנסטע האַלטונג, דער ווייכער בליק, מיט וועלכען ער האָט געקוקט אויף איהר, האָט איהר טעגליך געשיינט צו ווידערהאַלען: איך האָב דיר אויסגעקליבען, דו וועסט זיין מיין פרוי.

און דער טאָן פון נאָהענטער פריינדשאַפט, פון געהיימער איבערגעבענהייט, פון צניעות'דיגער צוריקהאַלטונג, וועלכען זי האָט איצט מיט איהם אָנגענומען, האָט געשיינט צו ענטפערען: איך וויים עס און ווען דו וועסט מיך קומען פרעגען, וועל איך זאָגען יאָ.

אין דער פאַמיליע פון דער יונגער מיידעל האָט מען דערווייל

געמונקעלט. לואיזע האָט מיט איהר גערעדט בלויז, אום איהר צו געבען בעליידיגענדע אַנצוהערענישען, און האָט איהר נאָכ־אַנאַנד געקרויגט מיט שטעך־ווערטלאַך און בייסענדע שפּיעלקעס. דערפאר האָבען אריאל און זיין זוהן געשיינט צו זיין גאַנץ צו־פריעדען. און דאָך האָט זי זיך נאָך ווי געפרעגט, אויב זי ליעבט דעם דאָזיגען שעהנעם יונגען מאַן, וועמעס פרוי זי וויל ווערען. ער איז איהר געפעלען, זי האָט נאָכאַנאַנד פון איהם געטראַכט, ער האָט איהר אויסגעוויזען שעהן, גייסטרייך, עלעגאַנט, איבער־הויפּט האָט זי געטראַכט, וואָס זי וועט טהאָן, ווען זי וועט זיין פערהייראַט.

אין ענוואל האָט מען פערגעסען אַז דער פערביסענער אייז־פערזוכט פון די דאָקטוירים און די בעזיצער פון די באָדע־פּלע־צער. דער קלאַנג, אַז די הערצאָגין דע־ראַמאַס איז ניט גלייכגיל־טיג צו איהר דאָקטאָר, האָט איצט אויך קיינעם ניט פיעל אינטערע־סירט און נאָך וועניגער האָט מען זיך פערנומען מיט די אַנדערע קליינע פּאַסירונגען. מען האָט זיך נור געאינטערעסירט און בלויז גערעדט פון דעם איין וואונדער: גראַף גאַנטראַן דע־ראַוועגעל וועט הייראַטען מיט דער קליינער אריאל.

דאַן האָט גאַנטראַן געדענקט, אַז דער אויגענבליק איז געקו־מען. איין מאָל אין דער־פריה האָט ער גענומען אַנדערמאַט'ן אונ־טער'ן אָרעם, בעת זיי זיינען געגאַנגען פון פריהשטיק, און האָט צו איהם געזאָגט:

— ליעבער פריינד, דער אייזען איז הייס, איצט שמיעד איהם. די זאַך שטעהט אַזוי: די קליינע וואַרט אויף אַ פּאָרשלאַג, אַהן דעם, אַז איך זאָל איהר האָבען געזאָגט אַ וואָרט וועגען ליעבע, אָבער זי וועט ניט זאָגען ניין, דאָס קענסטו זיכער זיין. איצט מוז מען דעם פאָטער אריינגעהמען אין די הענד אריין. וואָס עס וועט דיענען מיין צוועק, אַזוי גוט ווי דיינעם.

אַנדערמאַט האָט געענטפערט:

— זיי גאַנץ רוהיג, איך וועל די זאַך נעהמען אויף זיך, איך

וועל איהם נאָך היינט פרעגען, אָהן דעם, אז איך זאָל דיר אריינ־מישען, אָדער דיך צו עפּעס פערפּליכטען. ווען די זאַך וועט קלאָהר ווערען, דאן וועל איך דיר עס זאָגען.

— גוט.

דאן, נאָך א ווײַלע שטילשווייגען, האָט גאנטראן ווייטער גערעדט:

— הער אויס, היינט איז אפשר מיין לעצטער טאָג אַלס פרייער בחור, דערפאר וויל איך זיך אביסעל דורכפאָהרען נאָך ראיאָט, וואו איך האָב אָנומעלט בעגעגענט א פּאָר פריינד. היינט ביי נאכט, ווען איך וועל זיך צוריקקעהרען, קום איך אין דיין צימער הערען, הערען וואָס עס הערט זיך.

ער האָט געהייסען זאטלען זיין פערד און איז אוועקגעריטען איבער די בערג. דאן האָט ער א ווײַלע גאַלאָפּירט, אום צו שפּירען ווי דער שטאַרקער ווינד קיצעלט די פרישע הויט פון זיינע באקען און שפּילט זיך מיט זיינע וואָנצעס.

דער אבענד אין ראָיאָט איז געווען זעהר א פרעהליכער. ער האָט געטראָפען א פּאָר פריינדע מיט זייערע געליעבטע, עס האָט געפאָלגט א לאַנגער סאפּער און ער איז אהיים געקומען זעהר שפּעט. אַלע זיינען שוין געשלאָפען אין מאָנט אריאל, ווען גאנטראן האָט אָנגעקלאָפּט אין אנדערמאט'ס טהיר. צוערשט האָט קיינער ניט געענטפערט, אָבער דאָס קלאפּען איז שטאַרקער געוואָרען, האָט א פערשלאָפענע שטימע אויסגעברומט פון אינעווייניג:

— ווער איז דאָרט?

— איך, גאנטראן.

— וואַרט, איך עפען אויף!

אנדערמאט האָט זיך בעוויזען אין א נאכט־העמד מיט א אויפ־געבלאָזענעם פּנים, צושויבערטער באָרד און מיט א טוך אויפ'ן קאָפּ. דאן איז ער ווידער אריין אין בעט, האָט זיך אוועקגעזעצט און בעת זיינע הענד האָבען גערוהט אויף דער דעקע, האָט ער גע־זאָגט:

— אַלזאָ, מיין ליעבער, די געשיכטע געהט ניט. די זאַך איז ניט אזוי לייכט. איך האָב דעם אַלטען פוקס אויסגעפאָרשט, ניט דערמאָנענדיג דיין נאָמען. איך האָב נור גערעדט פון איינעם פון מיינע פריינד, מיט אַ לייכטער אַנצוהערעניש אויף פּאָול ברעטיני, וועלכער האָט אַן אויג אויף איינע פון זיינע טעכטער. דאַן האָב איך איהם געפרעגט, וואָס זי קריגט אַלס נדן. ער האָט מיר געענטפערט מיט דער געגען־פראַגע, וואָס פערמאָגט דער יונגער מאַן? און איך האָב איהם געזאָגט: דריי הונדערט טויזענד פראַנק און דערצו נאָך אַ ירושה.

— אָבער איך האָב דאָך גאָרנישט — האָט אויסגעברומט גאָנטראַן.

— דאָס וועל איך דיר לייהען, מיין ליעבער. ווען מיר זאָלען ביידע דעם דאָזיגען געשעפט אויספיהרען, וועל איך שוין צו דיר ניט דערלייגען.

— גאָנטראַן האָט געשמייכעלט:

— אויסגעצייכענט! דאַן האָב איך די פרוי און דו דאָס געלד! אָבער אַנדערמאָאט איז געוואָרען אונגעדולדיג:

— ווען איך זאָרג זיך וועגען דיינע אַנגעלעגענהייטען און דו בעליידיגסט מיך דערפאַר, דאַן איז אַלעס אויס!

גאָנטראַן האָט זיך ענטשולדיגט:

— זיי ניט בייז אויף מיר, איך בעט דיר, איך ווייס, אַז דו ביזט אַ גוטער יונג און אין געשעפטען אויסגעצייכענט. ווען איך זאָל געוועזען זיין דיין קוטשער, וואָלט איך דיך אפשר ניט געבעטען אויף טרינק־געלד, אָבער ווען איך זאָל זיין אַ מיליאָנער, וואָלט איך דיר מיין גאַנץ פערמעגען אַנגעטרויט.

וויליאם האָט געענטפערט בערוהיגט:

— דערפון וועלען מיר רעדען שפּעטער, דערווייל לאָמיר פאַרטיג ווערען מיט דער גרויסער פראַגע. דער אַלטער איז צו קלוג. מיט מיין גאַנצער שלויקייט האָב איך מיט איהם גאָרנישט געקענט מאַכען און ער האָט מיר געענטפערט, אַז עס האַנדעלט זיך דאָרום,

ווער פון די מיידלאַך עס געפעלט דעם יונגען מאַן. אויב דאָס איז לואיזע, די עלטערע, דאַן קריגט זי דאָס און דאָס, און דאַן האָט ער מיר אַלע גרונד־שטיקער אויסגערעכענט, וועלכע געפינען זיך אַרום אונזער אַנשטאַלט צווישען די בעדער און דעם האָטעל און דעם קאַסינאָ. קורץ, אַלע אָהן וועלכע מיר קענען זיך ניט בעגעהן, אַלע, וועלכע האָבען פאַר מיר אַ אונשאַצבאַרען ווערטה. דערפאַר גיט ער דער אינגערער די אַנדער זייט פון באַרג, וועלכע וועט שפּעטער אפשר אויך ווערטה זיין אַ סך, אַבער פאַר מיר איז עס גאָרנישט. איך האָב אַנגעווענדעט אַלע מעגליכע מיטלען, אַז ער זאָל די דאָזיגע פאַרטהיילונג אומבייטען, אַבער ער איז געווען איינגעשפּאַרט ווי אַן אַלטער עזעל און ער וועט זיין ענטשלום ניט ענדערען. איצט טהו אַ טראַכט, וואָס דענקסטו צו טהאָן?

— יאָ, וואָס דענקסטו דען? האָט ער מיך אין זינען געהאַט ביי דער דאָזיגער פאַרטהיילונג?

— איך צווייפעל גאָרנישט אין דעם. דער כיטרער פויער האָט זיך געטראַכט, אַזוי ווי איהם געפעלט די יונגע, טאָ לאָמיר בעהאַלטען דאָס געלד. ער האָט געהאַפּט, אַז ער וועט דיר געבען זיין טאָכטער און וועט זיך איבערלאָזען די טהייערע גרונד־שטיקער. און דאַן איז ער אפשר דער עלטערער געטרייער, האָט זי מעהר ליעב, ווער ווייס, זי איז מעהר ענהליך צו איהם, איז כיטרער, געשיקטער, פּראַקטישער. איך דענק, דאָס מיידעל האָט מאַרך אין קאָפּ און איך, אויף דיין פּלאַץ, וואָלט אין צווייטען לאַנגער אַריבער.

אַבער גאַנטראַן האָט אויסגעזעהן שטאַרק ניעדערגעשלאָגען:

— טייפעל, טייפעל! און שאַרלאָטע'ס גרונד־שטיקער? זיי קענסטו אַלזאָ גאָרנישט געברויכען?

אַנדערמאַט האָט אויסגערופען:

— ניין, ניין, טויזענד מאָל ניין, איך מוז האָבען די, וואָס געפינען זיך צווישען מיין באַדע־פּלאַץ, מיין האָטעל און מיין קאַ־

סינאַ. דאָס איז דאָך גאַנץ איינפאַך, פאַר די אַנדערע גיב איך גיט קיין צובראָכענעם העלער.

גאַנטראַן האָט ווידערהאָלט אַלץ די זעלבע ווערטער:

— טייפעל, טייפעל, דאָס איז אַ מיאוסע געשיכטע! וואָס ראַטהסטו מיר צו טהאָן?

— יאַ, ראַטהען קען איך דיר גאָרנישט, איך דענק דאָס בעסטע איז, אַז דו זאָלסט זיך גוט איבערלייגען איידער דו וועסט זיך ענטשליסען פאַר איינער פון די צוויי שוועסטער.

— יאַ, יאַ, דאָס איז דאָס בעסטע, איך וועל איבער נאַכט נאָכדענקען און מאָרגען וועלען מיר זעהן.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, אָבער אַנדערמאַט האָט איהם אָבגעהאַלטען:

— וואַרט אַ ווייַלינקע, מיין ליעבער, איך האָב נאָך מיט דיר עפּעס צו רעדען. איך מאַך זיך מאַנכעס מאָל, ווי איך פערשטעהע ניט דיינע אַנצוהערענישען, וועלכע דו גיסט מיר אַזוי אָפט, אָבער איך פערשטעהע זיי גאַנץ גוט און זיי זיינען מיר דערעסען.

דו וואַרפסט מיר אויף, אַז איך בין אַ איד, דאָס הייסט, אַז איך מאַך געלד, אַז איך בין גייציג, איך ספּעקוליר. אַלזאָ, מיין ליעבער, איך בעשעפטיג זיך דערמיט, די געלד צו לייהען אָדער צו שענקען, וועלכע איך פערדין ניט גאָר לייכט, אָבער דערפון וועלען מיר ניט רעדען. אָבער איין זאַך וויל איך ניט דולדען: איך בין ניט גייציג. אַ בעווייז האָסטו, אַז איך שענק דיין שוועסטער פּרעזענטען פון צוואַנציג טויזענד פראַנק, אַז דיין פאָטער האָט בלויז געדאַרפט זאָגען, דאָס ער וואָלט וועלען האָבען אַ זאַמלונג פון טהעאַדאָר רוססאָ און איך האָב עס איהם גלייך געקויפט פאַר צעהן טויזענד פראַנק, און דיר האָב איך געשענקט דעם שעהנעם פערד, מיט וועלכען דו ביזט נור וואָס געקומען פון ראַיאָט. אין וואָס, אַלזאָ, זעהסטו מיין גייציגקייט? נור דערפאַר, ווייל איך לאָז זיך ניט בעגנב'ענען? אַזוי זיינען מיר, אידען, און מיר זיינען גערעכט. איך וויל עס דיר זאָגען איין מאָל פאַר אַלע מאָל.

מען קוקט אויף אונז ווי אויף גייציגע מענשען בלויז דערפאַר, ווייל מיר ווייסען דעם ווערטה פון זאכען. פאַר אייך איז אַ פּיאַנאָ אַ פּיאַנאָ, אַ שטוהל אַ שטוהל, אַ פּאָר הויזען אַ פּאָר הויזען. פאַר אונז איז עס אויך אַזוי, אָבער אין דער זעלבער צייט האָבען זיי אויך אַ געוויסען האַנדעלס ווערטה, וועלכען אַ פּראַקטישער מענש דערקענט גלייך, ניט אויס גייציגקייט, נור אום דעם בעטרוג ניט צו אונטערשטיצען.

וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען די פרוי אין טאַבאַק קראַמעל וואָלט פאַר אַ מאַרקע פון דריי סו אָדער פאַר אַ קעסטער שוועבע־לאַך ביי דיר פערלאַנגט פיער סו. דו וואָלסט גלייך גערופען די פּאָליציי, צוליעב דעם איין איינציגען סו וואָלסטו זיך אַזוי אויפ־גערעגט, און דאָס נור דערפאַר, ווייל צופעליג ווייסטו דעם פּרייז פון דיביידע זאַכען.

איך אָבער ווייס דעם ווערטה פון אַלע זאַכען, וואָס זיינען צום פערקויפען און דער כעס, וואָס פאַלט אויף דיר אַן, ווען דו דאַרפסט בעצאָהלען צעהן סאַנטימס פאַר אַ מאַרקע, פיהל איך, ווען מען פערלאַנגט ביי מיר צוואַנציג פראַנק פאַר אַ רעגען־שי־רעם, וואָס קאָסט בלויז פופצעהן. דו פערשטעהסט, איך פּראָ־טעסטיר נאָכאַנאַנד געגען גנבה, וועלכע איז אַ גאַנץ פּראָסטע זאַך ביי די סוחרים, די דיענער, די קוטשערס, איך פּראָטעסטיר געגען דער אונעהרליכקייט אין האַנדעל, וואָס ווערט בעטריבען פון דיין ראַסע, וועלכע פעראַכטעט אַזוי אונזער נאַציאָן. איך גיב טרינק־געלד, נאָך דעם נאָך, וואָס מען האָט פאַר מיר געטהאָן, און איך וואַרף ניט אַרויס, אַזוי ווי איהר, הויפענס מיט געלד גלאַט אין דער וועלט אַריין. פערשטעהסטו שוין?

גאַנטראַן האָט זיך אויפגעהויבען. ער האָט געשמייכעלט מיט יענעם פיינעם איראָנישען שמייכעל, וועלכער איז איהם גוט גע־שטאַנען:

— יאָ, מיין ליעבער, איך פערשטעה גאַנץ גענוי, און דו ביזט גאַנץ גערעכט. דערפאַר טאַקע האָט מיין זיידע, דער אַלטער מאַר־

קיז ראַווענעל, מיין אָרימען פאָטער גאַרנישט איבערגעלאָזען, אַלץ צוליעב דער שלעכטער געוואָהנהייט קיינמאָל ניט צו צעהלען דאָס געלד, וואָס קויפּליים האָבען איהם אַרויסגעגעבען, ווען ער האָט ביי זיי עפּעס געקויפט. ער האָט עס געהאַלטען פאַר אונווירדיג פאַר אַן עהרען־מאַן צו נעהמען ביי זיי רעשטע און האָט שטענדיג געצאָהלט אַ גלייכע סומע און מיט איין גאָלד־שטיק.

אַ צופריעדענער האָט איהם גאַנטראַן פערלאָזען.

III.

אויף מאָרגען, ווען מען האָט נור וואָס געוואָלט געהן צום טיש אין דעם פּריוואַטען צימער, וואו אַנדערמאַט און ראַווענעלס האָבען געגעסען, האָט זיך די טהיר געעפענט און גאַנטראַן האָט אויסגערופען:

— ביידע פריילינס אַריאַל!

זיי זיינען צומישט אַריינגעקומען, בעת ער האָט זיי לאַכענ־דיג אַריינגעשטופּט און דערביי ערקלעהרט:

— איך האָב זיי ביידען געטראָפען אין גאַס. איבעריגענס זיינען אַלע געווען אויף מיר אויפגעבראַכט, ווייל איך האָב זיי מיט געוואַלד אַריינגעשלעפּט, אָבער איך מוז זיך דורכרעדען מיט פריי־לין לואיזע און פאַר אַלעמען אין די אויגען האָב איך דאָס ניט גע־קענט טהאָן.

ער האָט ביי זיי צוגענומען די היט, די רעגען־שירעמס, האָט זיי געבעטען זיצען, אַרומגענומען זיין שוועסטער, געדריקט זיין פאָטער, זיין שוואָגער און פּאָול'ן די הענד און דאַן זיך אַ קעהר גע־טהאָן צו לואיזע'ן:

— און איצט, גנעדיגע פריילין, ווילט איהר אַזוי גוט זיין און מיר זאָגען, וואָס איהר האָט געגען אונז אין דער לעצטער צייט?

זי האט געשיינט צו זיין צוטומעלט, צושראקען, ווי א פויגעל אין א שטייג:

— אך, גארנישט, הערר גראף, גארנישט, וואס פאלט אייך איין?

— אבער איך בעט אייך, גנעדיגעם פריילין, איהר קומט ניט מעהר צו אונז, איהר פאהרט ניט מיט אונז אין נח'ס קאסטען (אזוי האט ער גערופען דעם גרויסען וואגען). איהר מאכט א בייז פנים, ווען איך באגעגען אייך און ווען איך רעד מיט אייך.

— עס דאכט זיך אייך בלויז, איך פערזיכער אייך...

— איך פערזיכער אייך אויך. אויף יעדען פאל וואלט איך ניט וועלען, עס זאל אזוי וויטער געהן, דערפאר לאמיר איצט מאכען שלום. און ווייסט איהר, איך בין אן עקשן, איך וועל שוין דערצו מאכען א סוף און וועל אייך צווינגען צו זיין פריינדליך צו מיר, ווי אייער שוועסטער, וועלכע איז די פריינדליכקייט אליין.

מען האט געמעלדעט, אז דאס עסען איז סערווירט און זיי זיינען אריין אין עס־צימער. גאנטראן האט גענומען לואיזע'ן אונטערען אדעם. ער איז געווען שטארק אויפמערקזאם צו איהר און צו איהר שוועסטער און האט מיט וואונדערבארען טאקט פערטהיילט זיינע קאמפלימענטען. ער האט געזאגט צו דער עלטערער:

— גנעדיגע פריילין, איך וויל אייך געווינען און אלס עהרליכער פיינד זאג איך עס אייך אפריהער, איך וויל זאגאר פלירטען מיט אייך. אה, איהר ווערט רויט דאס איז א גוטער צייכען. איהר וועט זעהן אז איך קען זיין זעהר ליעב, ווען איך וויל נור. ניט אמת, פריילין שארלאטע?

און זיי זיינען אויף אן אמת ביידע פעררויטיגט געווארען. לואיזע האט ארויסגעשטאמעלט אויף איהר ערנסטען שטייגער:

— אך, איהר מאכט זיך נאריש!

אבער ער האט געענטפערט:

— עט, איהר וועט נאך גאנץ אנדערע זאכען הערען, שפעטער

אין דער גרויסער וועלט. ווען איהר וועט זיין פערהייראַט, דאַן ערשט וועט מען אייך מאַכען קאָמפּלימענטען!

כריסטיאַנע׳ן און פּאול׳ן איז זעהר געפעלען, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט לואיזע אַריאַל. דער מאַרקיז האָט געשמייכעלט, הער־רענדיג דאָס דאָזיגע קינדערשע פּלוידער, און אַנדערמאַט האָט ביי זיך געטראַכט: ער איז גאָרנים קיין נאַרישער יונג! אָבער גאָנטראַן, וועלכער איז געווען אויפגערעגט פון דער ראָלע, וועלכע ער האָט געמוזט שפּיעלען, הגם זיין געפיהל האָט איהם געצווינגען צו שאַרלאָטע׳ן, האָט געברומט צווישען די צייהן, בעת ער האָט צו לואיזע׳ן געשמייכעלט:

— דיין אַלטער פאָטער האָט מיר געוואָלט פיהרען אין חדר אַריין, אָבער מיר וועלען זעהן, אויב איך וועל דיך ניט קריגען מיט זיין בייטעל אין איינעם.

ער האָט געקוקט דאָ אויף איינער און דאָ אויף דער אַנדע־רער און זיי פערגליכען. די איינגערע איז איהם בעסער געפעלען, זי איז געוועזען לעבעדיגער מיט איהר עטוואָס פעררייסען נעזעל, מיט איהרע לעבעדיגע אויגען, איהר שמאָלען שטערן און די שעהנע אַביסעלע צו גרויסע צייהן, אין דעם אַביסעלע צו גרויסען מויל. אָבער די אַנדערע איז אויך געווען שעהן, ניט אַזוי לעבעדיג, מיט ווענינגער גייסט, אָבער ווען מען וועט אויף אַ באַל מעלדען: פרוי גרעפין ראַווענעל, דאַן וועט מען פאַר איהר ניט האָבען זיך וואָס צו שעהמען, דען זי וועט טראָגען דעם נאָמען מיט עהרע, נאָך אפשר בעסער, ווי די איינגערע, וועלכע האָט געהאַט צו טהאָן מיט דער אַרי־סטאָקראַטישער וועלט.

אָבער ווי דאָרט זאָל ניט זיין, ער איז געווען אויפגעבראַכט, שטאַרק אויפגעבראַכט אויף ביידע, אי אויפ׳ן פאָטער און אי אויפ׳ן ברודער און ער האָט זיך געגעבען אַ וואָרט, שפּעטער, ווען ער וועט זיין אויפ׳ן פערד, זיך מיט זיי אָבצורעכענען.

ווען מען איז אַריין צוריק אין סאַלאָן, האָט ער געלאָזען לואיזע׳ן איהם אויסלייגען אין קאַרטען, וואָס זי האָט זעהר גוט

פערשטאַנען. געגען זייער ווילען זיינען זיי צוגעצווינגען געוואָרען. גערייצט פון דאָס אונבעקאַנטע, דאָס אונוואהרשיינליכע, פון דעם דאָזיגען אונווידערשטעהליכען גלויבען אין דאָס וואונדערבאַרע, וועלכע מאַטערט די מענשען און פערפיהרט מאַנכעס מאָל די שטאַרקסטע גייסטער.

פּאול און כריסטיאַנע האָבען געפּלוידערט ביים אָפענעם פענ־סטער. פון אַ געוויסער צייט אָן איז זי געוועזען זעהר, אונגליקליך. זי האָט געפיהלט, אַז ער ליעבט זי ניט מעהר אַזוי שטאַרק, און די געגענזייטיגע אונצופריעדענהייט, די טרויעריגקייט איז טעגליך גע־וואַקסען דורך זייער ביידען'ס שולד. צום ערשטען מאָל האָט זי דאָס אָנקומענדע אונגליק דערפיהלט אין אַבענד פון'ם פעסט, ווען זי איז מיט פּאול'ן אין גאַס געגאַנגען. און ווען זי האָט איינגע־זעהן, אַז ער קוקט ניט מעהר אויף איהר מיט די זעלבע צערטליכע בליקען, רעדט ניט מיט דעם זעלבען ליעבענדען אויסדרוק און שטימע, אַז ער קימערט זיך ניט אַזוי ליידענשאַפטליך וועגען איהר, ווי פריהער, איז זי געוואָרען זעהר טרויעריג. זי האָט ניט געקענט געפינען דעם גרונד פון זיין פערענדערונג, און דאָך איז עס שוין פון לאַנג געוועזען אַזוי, זייט יענעם טאָג, ווען זי האָט אַ גליקליכע צו איהם אויסגערופען:

— הער נור, איך דענק, איך ביןווירקליך אין אַנדערע אומ־שטענדען!

דאַן האָט ער גלייך דערפיהלט עפּעס אַן אונאַנגענעהמען גע־פיהל. און איצט האָט זי יעדען מאָל, ווען זיי האָבען זיך גע־טראָפען, מיט איהם גערעדט וועגען איהר צושטאַנד, וועלכע האָט זי גליקליך געמאַכט. און דאָס דאָזיגע בעשעפטיגען זיך מיט עט־וואָס, וואָס האָט אין זיינע אויגען אויסגעזעהן העסליך, שמוציג, האָט אויסגעלאָשען זיין פערוואונדערונג פאַר זיין אידעאַל. שפּע־טער, ווען זי איז געוואָרען פערענדערט, אויסגעצווינגען, מיט איינ־געפאַלענע באַקען, האָט ער געדענקט, אַז זי האָט איהם געמעגט פער־שפּאָרען דעם דאָזיגען אָנבליק און האָט געדאַרפט אוועקפאָהרען

אויף עטליכע מאנאטען, אום זיך שפעטער נאך שעהנער און פרייער צו בעווייזען. נאך זיין מיינונג נאך האט זי, אלס קלוגע פרוי, איהם געדארפט אין גאנצען מאכען פערגעסען אן דעם אונאנגענעהמען צווישענפאל, אדער אפשר האט זי צו דעם רייץ פון דער געליעבטער נאך געקענט צוגעווינען דעם איינגעהאלטענעם רייץ פון דער יונגער מוטער, וועלכע ווייזט איהר קינד בלויז פון דערווייטען, אין שפיצען און ראזאווע בענדער איינגעהילט.

איבריגענס האט זי געהאט א גוטע געלעגענהייט צו צייגען דעם טאקט, וועלכען ער האט פון איהר ערווארטעט, מיט דעם, וואס זי זאל פערברייינגען דעם זומער אין מאנט אריאל און איהם לאזען רוהיג פערבלייבען אין פאריז, כדי ער זאל זי ניט זעהן אזא פערענדערטע, אזא אויסגעמוטשעטע. ער האט אלץ געהאפט, אז זי וועט עס פיהלען. אבער אזוי שנעל, ווי זי איז אהער געקומען, האט זי איהם פערווארפען מיט פערצוויינפעלטע בריעף, אין וועלכע זי האט איהם צו זיך גערופען, און אויס שוואכקייט און אויס מיטלייד איז ער צו איהר געקומען. איצט האט זי איהם פערשאטען מיט איהר צערטליכקייט און ער האט געפיהלט אן אונגעהויערען פערלאנג זי צו פערלאזען, זי ניט מעהר צו זעהן איהר אונפאסענדע ליעבעס-ליעד, וועלכע האט איהם ארויפגעווארפען אן אורמעט, ניט מעהר צו הערען. ער האט איהר געוואלט זאגען אלעס, וואס ער האט אויפ'ן הארצען געטראגען, ווי אונזיניג, ווי נאריש זי האלט זיך; אבער ער האט עס ניט געקאנט טהאן און ער האט אויך ניט געוואגט אוועקצופאהרען, אבער ער האט זיך ניט געקענט איינהאלטען פון ארויסצואווייזען איהר זיין אונגעדולד אין ביטערע און בעליידיגענדע ווערטער.

זי האט דערפון נאך מעהר געליטען, ווייל וואס א טאג האט זי געפיהלט אלץ קראנקער און שווערער און האט געמוזט דורכמאכען אלע אונאנגענעהמליכקייטען פון די פרויען אין אזא צושטאנד, ווען עס ווילט זיך, מעהר ווי ווען עס איז, צו זיין געליעבט, געלאסטשעט, געטרייסט. זי האט איהם געליעבט מיט איהר

גאַנצען הארצען, מיט איהר גאַנצער נשמה. זי האָט זיך מעהר ניט געהאַלטען פאַר זיין געליעבטע, נור פאַר זיין פרוי, זיין בעגלייטע־ רין, זיין טרייע, איבערגעבענע שקלאַפין. פאַר איהר האָט עס זיך ניט געהאַנדעלט וועגען העפליכקייטען אָדער קאָקעטעריי, זי האָט איהם מעהר ניט געזוכט צו געפעלען, ווייל זי האָט דאָך צו איהם אין גאַנצען געהערט, זי איז דאָך מיט איהם פערבונדען געוועזן מיט אַזאַ שטאַרקע, אַזאַ זיסע קייט... דאָס קינד.

אַזוי שנעל, ווי זיי זיינען געשטאַנען אַליין ביים פענסטער, האָט זי אָנגעהויבען מיט איהר טרויעריגער שטימע:

— פּאול, מיין ליעבער פּאול, זאָג, ליעבסטו מיך נאָך שטאַרק?

— יאַ, געוויס. אָבער דו הערסט עס ניט אויף ביי מיר צו פרעגען, דאָס ווערט לאַנגוויילִיג.

— פאַרגיב מיר, אָבער איך קען עס מעהר ניט גלויבען און איך מוז עס אימער און אימער פון דיר הערען, דו מוזט עס מיר נאָכאַנאַנד זאָגען דאָס דאָזיגע טהייערע וואָרט. און אַזוי ווי דו זאָגסט עס מיר ניט אַזוי אָפט, ווי פריהער, מוז איך דיר פרעגען, בעטען און בעטלען.

— גו יאַ, איך ליעב דיך, אָבער איך בעט דיר, לאָמיר איצט רעדען פון עטוואָס אַנדערעס.

— אַך, ווי דו ביזט הארט!

— ניין, איך בין ניט הארט, נור דו ווייסט ניט, דו פער־ שטעהסט ניט... דו פערשטעהסט ניט, אַז...

— יאַ, יאַ, איך פערשטעה, אַז דו ליעבסט מיך ניט מעהר. אַך, ווען דו זאָלסט וויסען, ווי איך לייד!

— מיין גאָט, כריסטיאַנע, איך בעשווער דיר, מאַך מיך ניט נערוועז. ווען דו זאָלסט נור וויסען, ווי קינדעריש דו פיהרסט זיך אויף.

— אַך, ווען דו זאָלסט מיך ליעבען, וואָלסטו ניט אַזוי גע־ רעדט!

— אָבער צום טײַפעל, ווען איך זאָל דיר ניט ליעבען, וואָלט איך דאָך ניט געקומען אהער!

— הער אויס, דו געהערסט מיר יעצט, דו געהערסט מיר און איך דיר. צווישען אונז איז דאָס דאָזיגע אונצוררייסבאַרע באַנד פון אַ נײַעם לעבען, אָבער זאָג מיר צו, אַז ווען דו וועסט מיך אויפהערען צו ליעבען, וועסטו עס מיר גלײַך זאָגען.

— יאָ, איך זאָג עס דיר צו.

— שווערסטו עס מיר?

— איך שווער עס דיר.

— און מיר וועלען טראָץ דעם בלײַבען פרײַנד?

— יאָ, מיר וועלען בלײַבען פרײַנד.

— אַלזאָ, אין דעם טאָג, ווען דו וועסט מיך מעהר ניט ליע־בען, וועסטו קומען און מיר זאָגען: מײַן קליינע כריסטיאַנע, איך האָב דיך ליעב, אָבער ניט אַזוי ווי פריהער. לאָמיר זײַן גוטע פרײַנד, בלויז גוטע פרײַנד.

— גוט, אײַנפערשטאַנען, איך פערשפרעך עס דיר.

— דו שווערסט עס מיר?

— איך שווער.

— אַך, און דאָך וועל איך אַ סך לײַדען! גאָט, ווי דו האָסט מיך געליעבט לעצטען יאָהר!

דאָ האָט אַ שטימע הינטער זיי אַ געשריי געטהאָן:

— די הערצאָגין פון ראַמאַס אַלדאַוואַראַ.

זי איז געקומען אַלס גוטע שכנה. כריסטיאַנע האָט אויפ־גענומען יעדען אָבענד די פערנעהמסטע געסט פון׳ם קוראָרט אין איהרע צימערען. דאָקטאָר מאַצעללי האָט געפאָלגט נאָך דער שפּאַנישער שעהנער מיט אַ מינע פון איבערגעבענהייט. ביידע פרויען האָבען זיך געדריקט די הענד און גענומען פּלוידערען.

אַנדערמאָט האָט אַ רוף געטהאָן פּאָול׳ן:

— מײַן ליעבער פרײַנד, קומט אהער, פרײַלין אַריאַל לײַגט

גרויסאַרטיג קאַרטען, זי האָט מיר געזאָגט גאַנץ ערשטווינליכע זאַכען.

ער האָט איהם גענומען אונטערען אָרעם און צוגעלייגט:

— וואָס זייט איהר פאַר אַ מאָדנער מענש! אין פּאַריז זעהען מיר איך כמעט ניט אָן, אפשר איין מאָל אַ מאָנאַט, טראָץ אַלע איינלאַדונגען פון מיין פרוי. אָהער זייט איהר ערשט נאָך פופצעהן בריעף געקומען און צייט איהר זייט אָנגעקומען אהער, זעהט איהר אויס, ווי איהר וואָלט יעדען טאָג פערלאָרען אַ מיליאָן. אַזאַ פּנים מאַכט איהר. האָט מיט אייך אפשר פּאַסירט עטוואָס אונ־אַנגענעהמעס, אפשר דריקט אייך עטוואָס? אפשר קען איך אייך אין עפּעס העלפען, זאָגט עס מיר.

— ניין, ניין, מיין ליעבער, מיט מיר האָט גאָרניט פּאַסירט. איך קום איז פּאַריז ניט אָפטער, ווייל אין פּאַריז... איהר פערשטעהט...

— יאָ, יאָ, איך פערשטעה, אָבער דאָ וועניגסטענס מוזט איהר זיין גוט אויפגעלייגט. איך וועל אַראַנזשירען צוויי־דריי פעסטען, וועלכע וועלען, דאַכט זיך, זיין זעהר שעהנע.

מען האָט געמעלדעט מאַדאַם באַרר און פּראָפעסאָר קלאַשע. ער איז אַריין מיט זיין טאָכטער, אַ יונגע, רויט־האָאָריגע, לעבע־דיגע אַלמנה, און כמעט אין דער זעלבער צייט האָט אַ דיענער געמעלדעט דעם פּראָפעסאָר מאַס־רוססעל. זיין פרוי האָט איהם בעגלייט, אַ בלייכע, אַ פולע, מיט גלאַטע צו די שלייפען צוגע־קלעפּטע האָאָר.

פּראָפעסאָר רעמוזאַ איז מיט אַ טאָג צוריק אוועקגעפאָהרען, נאָכדעם ווי ער האָט זיין ווילאַ אָבגעקויפט, ווי מען האָט עס נאָך פריהער ערוואַרטעט, אויף זעהר גוטע בעדינגונגען. ביידע אַנ־דערע דאָקטוירים האָבען זעהר געוואָלט וויסען, וואָס און וויפיעל יענער האָט בעצאָהלט, אָבער אַנדערמאַט האָט נור געענטפערט:

— מיר האָבען די זאַך געמאַכט אַזוי גוט, ווי מעגליך, פאַר אַלע טהיילען, און ווען איהר ווילט אויך קויפען אַ ווילאַ, ווע־

לען מיר שוין דורכקומען. ווען איהר וועט עס האָבען בעשלאָסען. דאן זאָגט עס מיר און מיר וועלען וועגען דעם רעדען.

דאָקטאָר לאָטאן איז אויך געקומען, דאן דאָקטאָר האנאַרא אָהן זיין פרוי, וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט געציינט. דער זאָל האָט זיך אָנגעפילט מיט מענשען און עס איז געוואָרען טומעלדיג. גאָנטראן איז מעהר ניט אָבגעטראָטען פון לואיזע אָריאָל. ער האָט גערעדט צו איהר נאָהענט איבער איהר שולטער און מאַנכעס מאָל האָט ער געזאָגט אַ פערביינעהער, וועלכער איז זיי צופעליג אין וועג געקומען:

— איך זוך איינצונעהמען אַ פיינדליכע פעסטונג!

מאַצעללי האָט זיך געזעצט נעבען דער טאָכטער פון פּראָפעסאָר קלאָשע. צייט אַ פּאָר טעג איז ער איהר נאָכאַנאַנד נאָכגעגאַנגען, און זי האָט זיין פערפאָלגונג אָנגענומען מיט אַ מין הער־אויספאָדערונג.

די הערצאָגין האָט ניט אַראָבגענומען פון זיי די אויגען. זי האָט אויסגעזעהן אויפגערעגט, און פּלוצים האָט זי זיך אויפגעהויבען, איז דורכגעגאַנגען דעם סאַלאָן און אונטערבראָכען דאָס געשפּרעך פון איהר דאָקטאָר מיט דער שעהנער רויט־האָאָריגער:

— הערט מאַצעללי, לאָמיר געהן אהיים, איך פיהל זיך ניט אַם בעסטען.

אַזוי שנעל, ווי זיי זיינען געווען אין דרויסען, איז כריסטיאַנע צוגעקומען צו פּאָול'ן און געזאָגט:

— אָרימע פרוי, זי מוז זעהר פיעל ליידען!

ער האָט געפרעגט צומישט:

— ווער דען?

— די הערצאָגין. האָט איהר ניט בעמערקט, ווי אייפער־זיכטיג זי איז?

ער האָט געענטפערט האַרט:

— נו, אויב איהר ווילט זיך איצט אויפרעגען איבער יעדער זאַך, וועט איהר נאָך האָבען אַ סך צו וויינען.

זי האָט זיך אַבגעקעהרט פון איהם. עס האָט זיך איהר טאַקע אויף אַן אמת געוואָלט וויינען, אַזוי האַרט האָט ער זיך איהר אויס־געוויזען, און זי האָט זיך געזעצט נעבען שאַרלאָטע אַריאַל, וועלכע איז איצט געבליבען גאַנץ אַליין. זי האָט זיך אַבגערופען צו דער יונגער מיידעל, וועלכע האָט ניט פערשטאַנען דעם זין פון איהרע ווערטער:

— עס זיינען דאָ טעג, ווען מען וואָלט אָם שנעלסטען וועלען זיין טויט!

אַנדערמאַט, אַרומגערינגעלט פון די דאָקטוירים, האָט דער־צעהלט דעם אונגעוועהנליכען פאַל פון דעם אַלטען גלאָוויס, וועמעס פיס האָבען זיך גאַנץ גוט בעוועגט. ער האָט געשיינט צו זיין אַזוי איבערצייגט פון דער זאַך, אַז קיינער האָט ניט געקענט צווייפלען אין זיין אמת'ן גלויבען. נאַכדעם, ווי ער איז דערגאַנגען אַלע שמד־שטיק פון דעם אַלטען פויער און דעם געלעהמטען און האָט בעגריפען, אַז לעצטען יאָהר האָט ער זיך געלאָזען נאַרען מעהר ניט, ווי נור צוליעב דעם וואונש, טאַקע אויף אַן אמת צו גלויבען אין די וואונדער פון די קוואַלען, און נאַכדעם, ווי ער האָט איינגעזעהן, אַז ער קען ניט פּטור ווערען פון דעם געפעהרליכען אַלטען, סיידען ער וועט איהם צאָהלען, האָט ער פון איהם געמאַכט אַ רעקלאַמע און עס איבעראַל און שטענדיג אַרומגעטראָגען מיט זיך.

מאַצעללי האָט זיך צוריקגעקעהרט. ער איז איצט געווען פריי, ער האָט זיין פּאַציענטקע געבראַכט צו איהר אין צימער.

גאָנטראַן האָט איהם אָנגענומען פאַר אַן אָרעם:

— זאָגט מיר אַקאָרשט, שעהנער דאָקטאָר, גיט מיר עפּעס אַ גוטע עצה, וועלכע פון דיביידע אַריאַלס געפעלט אייך בעסער?

דער שעהנער דאָקטאָר האָט איהם אַריינגעשושקעט אין אויער אַריין:

— אָהן אַ רינג אויפ'ן פינגער די אינגערע, מיט אַ רינג — די עלטערע!

גאַנטראַן האָט זיך צולאַכט:

— מיר האָבעןביידע פּונקט די זעלבע מיינונג, דאָס פרעהט מיך.

דאַן איז ער אַוועק צו זיין שוועסטער, וועלכע האָט נאָך אַלץ גערעדט מיט שאַרלאָטע׳ן:

— דו ווייסט נאָך מסתמא ניט, אַז איך האָב נור וואָס אָב־גערעדט, אַז מיר זאָלען דאָנערשטאָג פאָהרען נאָך פּוה דע לאַ גוזשער? דאָס איז דער שעהנסטער פעלז פון אַלע ארומיגע בערג. אַלע זיינען איינפערשטאַנען, איז עס אַלזאָ אָבגעמאַכט?

כריסטיאַנע האָט געענטפערט גלייכגילטיג:

— איך טהו אַלץ, וואָס איהר ווילט.

דער פּראָפעסאָר קלאָשע, בעגלייט פון זיין טאָכטער, האָט זיך נור וואָס געזעגענט מיט די געסט, און מאַצעללי, וועלכער האָט זיך געאיילט זיי צו בעגלייטען אהיים, האָט פערלאָזען דעם זאַל הינטער דער יונגער אלמנה.

אין אַ פּאָר מינוטען ארום האָבען זיך אַלע גענומען צוגעהן. כריסטיאַנע איז עלף אַזייגער געגאַנגען שלאָפען, דער מאַרקיז, פּאָול און גאַנטראַן האָבען ביידע אַריאַלס בעגלייט.. גאַנטראַן און לואיזע זיינען געגאַנגען אין פאָראויס און פּאָול אַ פּאָר טריט הינ־טער זיי, האָט געפיהלט ,ווי שאַרלאָטע׳ס האַנד ציטערט אין זיין אָרעם.

מען האָט זיך צושיידט און אויסגערופען:

— אַלזאָ, דאָנערשטאָג, עלף אַ זייגער, פריהשטיקען מיר אין האָטעל!

ווען זיי האָבען זיך אומגעקעהרט, האָבען זיי אָנגעטראָפען אַנדערמאַט׳ן. נעבען אריינגאַנג אין גאָרטען, האָט איהם אָבגעשטעלט פּראָפעסאָר מאַס־רוססעל און צו איהם געזאָגט:

— אַלזאָ, אויב איהר ווילט, וועל איך מאָרגען אין דער־פריה קומען צו אייך, אום איבער דעם פערקויף פון דער ווילאַ צו רעדען.

אַנדערמאַט האָט זיך אַנגעשלאָסען אַן די ביידע יונגע לייט.

אום מיט זיי אהיים צו גען, און האָט אַריינגעשושקעט זיין שוואָ־
גער איז אויער:

— דיר קומט די העכסטע אכטונג, דו האסט עס געמאכט
אויסגעצייכענט!

זייט די לעצטע צוויי יאָהר איז גאַנטראַן נאַכאַנאַנד געווען גע־
דריקט אין געלד און דאָס האָט איהם זיין גאַנץ לעבען פערגיפטעט.
אַזוי לאַנג, ווי ער האָט געהאַט צו פערשווענדען זיין מוטער'ס פער־
מעגען, האָט ער מיט דער גלייכגילטיגקייט, וועלכע ער האָט גע־
ירש'ענט פון זיין פאָטער, געלעבט זאָרגלאָז צווישען די יונגע,
רייכע, פוסטע, פעדדאָרבענע יונגע לייט, וועלכע ווערען יעדען איז
דער־פריה דערמאָנט אין די צייטונגען, וועלכע געהערען צו דער
גוטער געזעלשאַפט, אָבער געפינען זיך דאָרט זעהר זעלטען, און
וועלכע פערקעהרען אַזוי פיעל און אַזוי לאַנג מיט געפאַלענע פרויען,
אַז זיי ווערען אינערליך און אויסערליך עהנליך צו זיי.

עס איז געווען אונגעפעהר אַ טוץ יונגע חברה, וואָס האָבען
געהאַלטען צוזאַמען; יעדע נאַכט האָט מען זיי געקענט טרעפען
אין דעם זעלבען רעסטאָראַן, אויף דעם בולוואַר, צווישען צוויי און
דריי אַ זייגער פאַרטאָג. זיי זיינען געווען זעהר עלעגאַנט געקליי־
דעט, האָבען שטענדיג געטראָגען פראַקס און ווייסע וועסטען,
זייערע קנעפּ אין די העמדער זיינען ווערטה געווען צו צוואַנציג
לואידאָר אַ שטיק און יעדען מאָנאַט האָבען זיי ביי דעם ערשטען
בעסטען יובעליר געקויפט אַנדערע. זיי האָבען נור געלעבט פאַר
זייער פערגעניגען און אום צו פערפיהרען פרויען, נור מיט דער
בעדערפעניש צו מאַכען רעדען פון זיך און האָבען אויף אַלע מעג־
ליכע אופנים געזוכט געלד פאַר דעם דאָזיגען לעבען זייערען.

אַזוי ווי זיי האָבען פון קיין אַנדער זאַך ניט געוואוסט, ווי
נור פון דעם נייעסטען סקאַנדאַל, פון דועלען, פערד און פער־
שיעדענע מעשות פון דער האַלב־וועלט, איז זייער האָריזאָנט גע־
ווען ווי מיט הויכע מויערען פערשטעלט. זיי האָבען אַלע אויף
דעם מאַרק פון ליעבע געהאַט אינטערעסאַנטע פרויען, האָבען זיי

איבערגעגעבען פון האנד צו האנד, אַבגעטראַטען זיי איינער דעם אנדערען אויסגעליהען זיי איינער דעם אנדערען און גערעדט צווישען זיך פון זייער רייץ, ווי מען רעדט פון די מעלות פון פערד.

זיי האָבען אויך פאַרקעהרט אין דער טומעלדיגער אַריסטאָ־קראַטישער וועלט, וועלכע לאָזט אויך פון זיך הערען, און וועמעס פרויען האָבען כמעט אַלע ליעבהאָבער. די מענער זעהען גאָר נישט אָדער ווילען ניט זעהן אויס גלייכגילטיגקייט, אויס נאַרישקייט אָדער אויס בעקוועמליכקייט. און אויך אויף די דאָזיגע פרויען האָבען זיי געקוקט מיט די זעלבע אויגען, ווי אויף די אַנדערע און געמאַכט נור אַ גאַנץ קליינעם אונטערשיעד אין זייער געבורט און סאָציאַלע שטעלונג.

זייערע מאָראַלישע בעגריפען זיינען אין גאַנצען אַבגעטעמפּט געוואָרען, ווייל זיי האָבען שטענדיג געדאַרפט געלד און, אום עס צו קריגען, האָבען זיי געמוזט אַנווענדען אַלע כיטראָסטען, אַלע שמד־שטיק, אַלע פאַלשקייטען מיט זייערע פּראָצענטניקעס, מיט די שניידער, די ליפעראַנטען. דערביי האָבען זיי די מיידלאַך שטאַרק אויסגעזויגען און זיי האָבען געוואוסט, אַז די גאַנצע וועלט נעהמט זיי אויף זיכער, אַלע רייסען פון זיי, די דיענער, די סוחרים, די רעסטאָראַטאָרס. אום צו קריגען עטליכע לואידאָרס, האָבען זיי זיך אריינגעלאָזען אין אַלע מעגליכע צווייפעלהאַפטע ספּעקולאַ־ציעס אויף דער בירזשע. זייער איינציגער בעגריף פון עהרע איז געווען אַרויסצורופען אויף אַ דועל יעדען איינציגען, וועלכער האָט געוואַגט צו זאָגען, אַז זיי טהוען געוויסע פערדעכטיגע זאַכען, וועלכע זיי האָבען ווירקליך געטהאָן.

אַלע, אָדער כמעט אַלע, וועלכע האָבען אַ פּאָר יאָהר געפיהרט דאָס דאָזיגע לעבען, האָבען געמוזט ענדיגען מיט אַ רייכער הייראַטה, מיט אַ סקאַנדאַל אָדער מיט זעלבסט־מאָרד. איינינגע האָבען געהאָפט, אַז געוויסע מיטגליעדער פון זייער פאַמיליע וועט זיי פערשאַפען אַ רייכע כלה, אַנדערע האָבען אַליין געזוכט אָבער אַזוי קונציג, אַז קיינער האָט עס ניט געקענט בעמערקען. זיי האָ־

בען געהאַט ליסטען פון אַלע רייכע יורש׳טעס, ווי מען האָט בע־שרייבונגען פון הויזען וואָס זיינען צו פערקויפען. פריהער פאַר אַלעם האָבען זיי געזוכט פרויען פון נאָרד אָדער זיד־אַמעריקאַ, אויף וועמען זיי האָבען געמאַכט אַ גוטען איינדרוק מיט זייער שיק און זייער נאָמען אַלס לעבע־מענער, מיט דעם קלאַנג פון זייערע ערפאָלגען און זייער פערזענליכער עלעגאַנץ. אָבער דאָס דאָזיגע גטיעג נאָך רייכע יורש׳טעס האָט אַמאָל געקענט דויערען גאַנץ לאַנג, האָט געפאָדערט אַ געוויסע פאַרבערייטונג, אַנשטרענגונג, בעזוכען, ליעבעסווירדיגקייטען און אַ סך אויסדויער, אויף וואָס גאַנטראַן, מיט זיין פלעגמאַטישער נאַטור, איז איבערהויפּט ניט פעהיג געוועזען.

זייט אַ לאַנגע צייט, זייענדיג אַלץ מעהר און מעהר געענגט אין געלד, האָט ער זיך יעדען טאָג געזאָגט: איך מוז עפּעס אויפ־טהאָן! אָבער ער האָט גאָרנישט אויפגעטהאָן און האָט גאָרנישט געפונען. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָנגעווענדעט אַלע מעגליכע מיטלען זיך צו פערשאַפען די קלענסטע סומע, ווי אַ מענש, וועלכער האָט שוין ניט וואָס אָנצואווערען. און דאָ, צום סוף, האָט איהם אַנדערמאָט פּלוצים אריינגעגעבען אַ געדאַנק צו הייראַטען די קליינע אַריאַל.

צוערשט האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז דאָס מיידעל שטעהט צו־ווייט אונטער איהם, אַז מיט אַזאַ קען מען ניט הייראַטען. אָבער נאָכדעם, ווי ער האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט, האָט ער זיין מיינונג אומגעביטען און זיך גלייך ענטשלאָסען צו ווערען מיט שאַר־לאָטע׳ן זעהר פריינדליך אויף אַזאַ אַרט, אַז עס זאָל איהם ניט קאָמפּראָמעטירען און זאָל איהם אויף יעדען פאַל מעגליך זיין זיך צוריקצוציהען, ווען נויטיג.

אַזוי ווי ער האָט זיין שוואָגער גענוי געקענט, האָט ער גע־וואוסט, אַז יענער האָט פריהער וועגען דעם גאַנץ גוט אַרומגע־טראַכט, האָט אַלעם פריהער איבערגעוואויגען און איבערגע־מאָסטען, און ווען ער רעדט, דאַן האַנדעלט עס זיך בעווים וועגען

זעהר אַ גרויסע סומע, וועלכע מען קען אויף קיין אנדער אופן ניט קריגען.

אויסער דעם איז איהם איבערהויפּט ניט געווען שווער זיך צו אונטערהאַלטען מיט דער יונגער מיידעל, דען די אינגערע איז איהם זעהר געפעלען, און ער האָט נאָך פריהער עטליכע מאָל געזאָגט, אַז איהם וואָלט אנגענעהם געווען זיך מיט איהר שפּעטער צו טרעפען. און אזוי האָט ער זיך ענטשלאָסען פאר שאַרלאָטע אריאַל און האָט זי אין אַ קורצער צייט אזוי דעם קאָפּ פערדרעהט, אַז ער האָט זי שוין געהאַט ווי ביי זיך אין קעשענע. אָבער אזוי ווי דער פאָטער האָט דער אנדערער טאָכטער געוואָלט געבען אין נדן דאָס, וואָס אנדערמאַט האָט געברויכט, האָט גאַנטראַן געמוזט, אָדער זיך אָבזאָגען פון דעם שידוך, אָדער זיך צושאַרען צו דער עלטערער.

ער איז אין אָנהויב געווען זעהר אונצופריעדען און האָט געטראַכט צו לאָזען לויפען זיין שוואָגער מיט אַלע זיינע גליקען. ער וועט בעסער בלייבען אַן אַלטער בחור ביז עס וועט זיך מאַכען אַן אַנדער געלעגענהייט. אָבער זיינע קעשענעס זיינען געווען אזוי צולעכערט, אַז ער האָט געמוזט בעטען ביי פּאָל'ן עטליכע פראַנק, אום צו געהן אין קאַסינאָ, און דאָס איז געווען ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס יענער האָט איהם ארויסגעהאָלפען.

ער האָט זיך בעטראַכט, אַז אַן אַנדער פרוי דאַרף ער ערשט זוכען, זי געפינען, זי געווינען, פיליייכט וועט איהם נאָך אויסקומען צו קעמפּפען מיט אַ גאַנצער פיינדליכער פאַמיליע, בעת דאָ דאַרף ער זיך ניט ריהרען פון אָרט און אין אַ פּאָר טעג קען ער געווינען די עלטערע מיט אַבּיסעלע אויפמערקזאַמקייט, מיט אַ פּאָר העפליכקייטען, פּונקט אזוי ווי ער האָט געוואונען די אינגערע. דאַן וועט ער אין זיין שוואָגער האָבען אַ באַנקיר, וועמען ער וועט קענען מאַכען פעראַנטוואָרטליך פאַר אַלסדינג, וועמען ער וועט שטענדיג מאַכען פּאָרווירפע, און וועמעס באַנק וועט אימער שטעהן אָפען פאַר איהם.

זיין פרוי וועט ער ברענגען אין פאריז און וועט זי דארט פארשטעלען אלס די טאכטער פון אנדערמאט׳ס שותף. איבעריי-גענס טראגט זי אויך דעם נאמען פון דעם באדע-פלאץ, וואוהין ער וועט זי קיינמאל מעהר ניט ברענגען צוריק, אויס דעם איינפאכען גרונד, וואס טייכען פליסען קיינמאל ניט צוריק צו זייערע קוואלען. זי האט אויסגעזעהן גוט, האט זיך געהאלטען אנשטענ-דיג און האט איצט שוין געמאכט א גאנץ פיינעם איינדרוק. מיט דער צייט קען זי נאך ווערן א כיטרע פארנעהמע דאמע. זי איז געוועזן קלוג גענוג אום זיך צו האלטען ווי געהעריג איז, האט געקענט שפיעלען די ראלע פון א דאמע און וואלט זיין נאמען ניט פער-שעהמט. דאן וואלט מען זאגען: „דער קערל האט א שעהנע פרוי, אבער ער שיינט זיך ניט פיעל צו קימערען וועגען איהר“.

און ער וועט זיך טאקע אויף אן אמת ניט פיעל קימערען וועגען איהר, ווארים אזוי שנעל ווי ער וועט האבען געלד אין קע-שענע, וועט ער ווידער נעהמען פיהרען זיין בחור׳שען לעבען.

ער האט זיך אלזא גענומען צו לואיזע אריאל און אין דער אייפערזוכט, וואס האט געברענט אין דעם הארצען פון דער יונגער מיידעל, האט ער געפונען א שטיצע און אן ארויסהעלפער פאר זיינע צוועקען. דער בייזער געפיהל צו איהר שוועסטער האט ער-וועקט אין איהר די נאך שלאפעדיגע קאקעטעריי און דעם אונ-בעשטימטען וואונש אוועקצונעהמען פון איהר דעם געליעבטען, וועלכע אלע האבען גערופען „הערר גראף“. זי האט וועגען דעם ניט געטראכט, ניט געמאכט וועלכע עס איז פלענער און איז נור געוועזן ערשטוינט, זעהענדיג, ווי ליעבענסווירדיג ער איז צו איהר. זי האט געפיהלט אין זיין האלטונג, אין זיין בליק, אין זיין יעדע מינע, אז ער איז גארניט געוועזן פערליעבט אין שארלאטע׳ן, און, ניט טראכטענדיג וואס ווייטער וועט זיין, האט זי זיך געפיהלט זעהר גליקליך, ווען זי איז צו בעט געגאנגען.

דעם קומענדען דאנערשטאג האט מען לאנג געצעגערט, איי-דער מען האט זיך ענטשלאסען צו פאהרען נאך פוה דע לא נוזשער.

דער הימעל איז געווען שטאַרק פּערוואָלקענט און מען האָט מורא געהאַט פאַר רעגן, אָבער גאַנטראַן האָט אַזוי פיל געבעטן, ביז ער האָט אַלע איבעריקע איבערגערעדט. דער פריהשטיק איז געווען לאַנגווייליק, ווייל לואיזע און פּאָול האָבן מיט אַ טאָג צוריק זיך צוקריגט אַהן אַ בעזונדערע אורזאַכע. אַנדערמאָהל אָבער האָט מורא געהאַט, אַז פון גאַנטראַן'ס שידוך וועט גאָר־נישט ניט ווערן, ווייל דער אַלטער אַריאַל האָט נאָך היינט אין דער־פריה וועגן איהם גערעדט אויף ניט גאָר קיין ליעבענסווירדיגען אופן. גאַנטראַן האָט עס געוואוסט, ער איז געווען אויפגעבראַכט און האָט אונבעדינגט געוואָלט מאַכען אַ סוף. שאַרלאָטע, וועלכע האָט פאָראויס געפיהלט דעם טריאומף פון איהר שוועסטער, הגם זי האָט ניט געקענט פערשטעהן וואָס דאָ טהוט זיך, האָט ניט אַנדערש געוואָלט בלייבען אין דאָרף, און עס האָט געקאָסט אַ סך מיה, ביז זי האָט איינגעוויליגט מיטצופאָהרען.

דער גרויסער וואָגען האָט אַלזאָ ווידער אויפגענומען די גע־וועהנליכע פּאַסאַזשירען און מען האָט זיך אוועקגעלאָזען אין וועג, וואָס ליגט איבער וואַלוויק.

לואיזע אַריאַל איז פּלוצים רעדעוודיג געוואָרען. זי האָט ערקלעהרט, ווי די וואַלוויקער שטיינער, וועלכע זיינען ניט מעהר ווי לאַווע, האָבען געדיענט אַלס בוי־מאַטעריאַל פאַר אַלע קירכען און אַלע הייזער פון דער גאַנצער געגענד. זי האָט אָנגעוויזען די פּלעצער, וואו מען קריגט די שטיינער.

מען איז געפאָהרען לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, אויף דער לאַנ־גער, ברייטער גאַס. שעהנע, גרינע וועלדער זיינען געלעגען רעכטס און לינקס פון וועג. קיינער האָט מעהר ניט גערעדט.

כריסטיאַנע האָט געטראַכט פון טאַצענאַט, עס איז געווען דער זעלבער וואָגען, די זעלבע מענשען זיינען אין איהם געזעסען, אָבער ניט מעהר די זעלבע הערצער. אַלעס האָט אויסגעזעהן ווי אַמאָל, און דאָך, און דאָך... וואָס אויגענטליך איז געשעהן?... כמעט גאָרנישט... אַביסעלע מעהר ליעבע ביי איהר, אַביסעלע וועניגער

ביי איהם, ווייטער גאַרנישט... דער אונטערשיעד צווישען דעם הייסען וואונש פון איין זייט און דעם פערלאַשענעם פון דער אנ־דערער. כמעט גאַרנישט... קיינער זעהט נישט די וואונד, וואָס די גלייכגילטיגקייט מאַכט דער ליעבע... און אַן אנדער בליק זעהט זיך אין די זעלבע אויגען, די זעלבע אויגען, וועלכע קוקען איצט פון גאָר אַן אנדער פּנים ארויס... וואָס איז אַ בליק? כמעט גאַרנישט!

דער קוטשער האָט זיך אָבגעשטעלט און געזאָגט:

— אָט דאָ רעכטס געפינט זיך דער וועג דורך דעם וואַלד. איהר דאַרפט נאָר פאָלגען נאָך איהם און איהר וועט קומען אַהין.

אַלע זיינען ארויס פון וואָגען אויסער דעם מאַרקיז, וועלכער האָט געפיהלט זעהר הייס. לואיזע און גאַנטראַן זיינען אוועק פאָר־אויס, שאַרלאָטע איז געבליבען הינטער זיי מיט פּאָול'ן און כריי־סטיאַנע'ן, וועלכע האָט זיך קוים געקענט האַלטען אויף די פיס. דער וועג דורכ'ן וואַלד האָט זיי אויסגעוויזען לאַנג, אָבער באַלד זיינען זיי צוגעקומען צו דעם ראַנד פון דעם אמאָליגען פעלז.

לואיזע און גאַנטראַן זיינען געבליבען שטעהן פון אויבען.ביידע הויכע און שלאַנקע. זיי זיינען דאָרט געשטאַנען ווי אין די וואָלקענס. ווען זיי האָבען זיי אָנגעיאָגט און פּאָול האָט דערזעהן די וואונדערשעהנע אויסזיכט, איז ער שטאַרק בעגייסטערט געוואָ־רען. ארום זיי, הינטער זיי, רעכטס און לינקס, זיינען זיי געווען ארומגערינגעלט מיט פעלזען פון פערשיעדענע פאָרמען, מיט אָב־געשניטענע שפּיצען, שמאָלע, ברייטע, מיט זייער אייגענטהימליכען כאַראַקטער פון פערלאָשענע וואולקאַנען.

גאַנטראַן האָט אויסגערופען:

— איך קלעטער ארונטער, איך מוז זעהן, ווי עס זעהט אויס אונטען. קומט, מיינע דאַמען, לאָמיר זעהן, ווער עס וועט שנעלער ארונטערלויפען פון פעלז.

און ער האָט גענומען לואיזע'ן אונטער'ן ארעם און זי אוועק־געשלעפּט מיט זיך. שאַרלאָטע איז אוועק נאָך זיי און איז גע־לאָפען פון הינטען. פּלוצים איז זי שטעהן געבליבען. זי האָט גע־

זעהן, ווי זיי איילען זיך אלץ ווייטער און ווייטער אוןביידע גע־ארעמט שפּרינגען זיי פון פעלז צו פעלז. זי האט זיך אומגעקעהרט און איז ווידער ארויף צוריק צו כריסטיאנע און פּאול, וועלכע זיי־נען געזעסען ביים ראנד פון בארג אין גראז. ווען זי איז ווידער געווען נעבען זיי, האט זי זיך ארונטערגעלאזען אויף די קניע, בעהאלטען איהר פּנים אין'ם קלייד פון דער יונגער פרוי און גע־נומען שלוכצען.

כריסטיאנע, וועלכע האט זי פערשטאנען און וועלכע האט זייט דער לעצטער צייט געפיהלט די ליידען פון אנדערע מענ־שען, ווי אייגענע וואונדען, האט ארויפגעלייגט איהר האנד אויף דער מיידעל'ס האלז און, געריהרט פון איהרע טרעהרען, האט זי געפליסטערט:

— ארימעס קינד! ארימעס קינד!

דאס מיידער האט נאך אלץ געוויינט, ערניעדעריגט און בע־ליידיגט, האט זי איהר פּנים בעהאלטען און מיט ביידע הענד ניט ווילענדיג דאס גראז געצופּט.

פּאול האט זיך אויפגעהויבען און זיך געמאכט, ווי ער זעהט ניט דעם שמערץ פון דער פערצווייפעלטער מיידעל, און דער קו־מער פון דעם דאזיגען אונשולדיגען קינד האט איהם פּלוצים אנ־געפילט מיט כעס געגען גאנטראן'ען. ער, אויף וועמען כריסטיאנע'ס גייסטיגע ליידען האבען ניט געמאכט קיין ברעקעל איינדרוק, איז געווען געריהרט ביז אין דער טיעפסטער טיעפעניש פון זיין נשמה דורך דיעזער ערשטער ענטוישונג פון א יונגער, אונשולדיגער מיי־דעל. ער האט זיך אומגעקעהרט און געקניעט נעבען איהר, אום אויך מיט איהר צו רעדען:

— איך בעט אייך, בערוהיגט זיך, זיי וועלען דאך גלייך צו־ריקקומען, בערוהיגט אייך. מען דארף אייך ניט זעהן וויינענדיג.

דער געדאנק, אז די שוועסטער קען זי זעהן מיט טרעהרען אין די אויגען, האט זי דערשראקען און זי האט זיך אויפגעהויבען. דאס שלוכצען איז איהר אין האלז פערשטיקט געווארען און זי האט

עס צוריקגעהאַלטען, אַרונטערגעשלונגען און אין איהר צו־וועהטאָגטען האַרצען בעהאַלטען. מיט אַ דערשטיקטער שטימע האָט זי אויסגעשטאַמעלט:

— יאַ, יאַ... עס איז אויס! עס איז גאָרנישט... ניט אמת, מען דערקענט אויף מיר ניט... עס איז גאָרנישט!

כריסטיאַנע האָט איהר אַבגעווישט די באַקען מיט איהר טאַ־שען־טיכעל. דאַן האָט זי זיך אַליין אַבגעווישט די אויגען און געזאָגט צו פּאולין:

— געהט זעהט, וואו זיי זיינען, מען זעהט זיי גאָרניט מעהר. זיי זיינען אודאי אונטען צווישען די שטיינער. איך וועל דאַ בלייּ־בען מיט דער קליינער און וועל זי טרייסטען.

ברעטיני האָט זיך אויפגעהויבען און געזאָגט מיט אַ ציטער־רענדער שטימע:

— גוט, איך וועל געהן, איך וועל זיי צוריקברענגען און אייּ־ער ברודער וועט מיר נאָך היינט מוזען ערקלעהרען זיין אונגלויבליכען בענעהמען זיך מיט דער אַרימער מיידעל.

און ער איז אוועק מיט שנעלע טריט.

גאָנטראַן האָט מיט אַלע זיינע קרעפטען געשלעפּט לואיזע'ן מיט זיך איבער דעם משופּע'דיגען אַבהאַנג אַרונטער, האָט גע־זוכט זי צו האַלטען, צו שטיצען, צו פערמאַטערן, צו צוטומלען און זי צו דערשרעקען. זי האָט געשטאַמעלט לויפענדיג, קוים אָב־כאַפּענדיג דעם אָטהעם:

— אַך, ניט אַזוי שנעל, איך פאַל, איהר זייט פערריקט, איך פאַל!

זיך אָנקלאַפּענדיג אָן שטיינער און פעלזען זיינען זיי, פער־סאָפּעטע, אָהן אָטהעם, צוגעקומען צו אַ גרויסען פעלז, וועלכער האָט אינוועניג געהאַט אַ לאָך, ווי אַ מין הייל מיט אַן אַרויסגאַנג פון ביידע זייטען.

— לאָמיר אַהער אַריינקריכען — האָט געזאָגט גאָנטראַן און

געגומען שטופּען דאָס יונגע מיידעל פאַר זיך און אַזוי שנעל, ווי זיי זיינען אין יענעם הייל געשטאַנען, האָט ער אויסגערופען:

— איצט, גנעדיגעס פרייליין, איז געקומען דער אויגענבליק, אַז איך זאָל אייך מאַכען אַן ערקלעהרונג.

זי האָט ברייט אויפגעריסען די אויגען:

— אַן ערקלעהרונג, מיר?

— יאָ, נור פיער ווערטער: איהר זייט מיר געפעלען!

— דאָס דאַרפט איהר זאָגען מיין שוועסטער!

— איהר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך האָב אייער שוועסטער גאָרנישט געזאָגט.

— נו, נו!

— איהר וואָלט ניט געווען קיין פרוי, ווען איהר זאָלט ניט האָבען בעמערקט, אַז איך בין געווען אויפמערקזאַם צו אייער שוועסטער, אום צו זעהן וואָס פאַר אַ פּנים איהר וועט מאַכען און ווי איהר וועט זיך מיט מיר האַלטען. איהר זייט געוואָרען שטאַרק אויפגעבראַכט און דאָס האָט מיך זעהר געפרעהט, און איצט האָב איך פּרובירט אייך גאַנץ איינפאַך קלאָהר צו מאַכען, וואָס איך דענק פון אייך.

קיינמאָל האָט מען נאָך מיט איהר אַזוי ניט גערעדט. זי איז געוואָרען צוטומעלט און דאָך האָט זי זיך געפיהלט זעהר גליקליך. דאָס הארץ האָט ביי איהר געקוואָלען פאַר פרייד און שטאָלץ. ער האָט ווייטער גערעדט:

— איהר זעהט אַליין, אַז איך בין צו אייער קליינער שוועסטער געווען זעהר ניט גוט, איך קען זיך ניט העלפען, זי האָט עס פערשטאַנען. איהר זעהט דאָך, זי איז געבליבען אויבען, זי האָט ניט געוואָלט מיטגעהן מיט אונז, זי האָט גאַנץ גענוי פערשטאַנען, אַז זי איז דאָ איבעריג.

דאַן האָט ער גענומען לואיזע'ס הענד און געקושט איהרע שפּיץ פינגער, בעת ער האָט געפליסטערט:

— איהר זייט אַזוי שעהן, אַזוי רייצענד!

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער שטיינערנער וואַנד. זי האָט געהערט ווי איהר האַרץ קלאַפּט שטאַרק פאַר אויפרעגונג. זי האָט גאָרנישט געזאָגט, אָבער איהר געדאַנק, דער איינציגער געדאַנק, וועלכער האָט זיך בעוועגט אין איהר צוטראָגענעם מוח, איז געווען פון טריאומף: זי האָט בעזיעגט איהר שוועסטער!

דאָ האָט זיך אַ שאָטען בעוויזען ביים אריינגאַנג פון הייל. פּאול ברעטיני האָט אויף זיי געקוקט. גאַנטראַן האָט מיט אַ גאַנץ נאַטירליכער בעוועגונג אראָבגעלאָזען די האַנד, וועלכע ער האָט געהאַלטען ביי זיינע ליפּען און געזאָגט:

— אַך, דו ביזט עס, ביזטו אליין דאָ?

— יאַ, מען האָט זיך געוואונדערט, וואָס איהר זייט פערשוואונדען געוואָרען.

— מיר קומען גלייך צוריק, מיין ליעבער, מיר האָבען געוואָלט בעטראַכטען דעם פּלאַץ. איז דאָס ניט אַ מערקווירדיגער פּלאַץ דאָ?

לואיזע איז רויט געוואָרען ביז צו די שלייפען. זי איז די ערשטע ארויס פון הייל און גענומען לאַנגזאַם געהן אַרויף אויף דעם אָבהאַנג, בעגלייט פון דיביידע יונגע לייט, וועלכע האָבען שטיל געגרעדט הינטער איהר.

כריסטיאַנע און שאַרלאָטע האָבען זיי געזעהן קומענדיג און זיי ערוואַרט האַנד אין האַנד. מען האָט זיך אומגעקעהרט צוריק צום וואָגען, וואו דער מאַרקיז איז איבערגעבליבען און די געזעלשאַפט איז אַוועקגעפאָהרען צוריק אין ענוואַל.

פּלוצים איז דער עקיפּאַזש געבליבען שטעהן אין מיטען פון אַ טאַנען וואַלד און דער קוטשער האָט גענומען פּאַכען. אַן אַלטער טויטער עזעל האָט פערשפּאַרט דעם וועג. אַלע האָבען איהם געוואָלט זעהן און זיינען פון וואָגען אַרויס. ער איז געלעגען אויף דעם שוואַרצען שטויב פון דער גאַס, אַזאַ אויסגעדאַרטער, אַז די ביינער האָבען איהם פון דער הויט אַרויסגעשטאַרצט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וואָלטען איהם דורכגעבויערט, ווען ער וואָלט ניט קראַפּירט.

אונטער דער אַבגעשונדענער פעל האָבען זיך אַבגעצייכענט אין גאַנצען די ריפּען, דער קאָפּ האָט אויסגעזעהן זעהר גרויס. אַן אויסגעצעהרטער האָאריגער קאָפּ מיט געשלאָסענע אויגען, וועלכער איז רוהיג געלעגען אויף זיין געלעגער פון צובראָכענע שטיינער, אַזוי רוהיג, אַזוי שטיל, אַז ער האָט אויסגעזעהן כמעט גליקליך און עפּעס אַזוי ווי איבערראַשט, וואָס מען לאָזט איהם רוהען. די גרויסע אויערען זיינען אַראָבגעהאַנגען, ווי אַ פּאָר שמאַטעס. צוויי פרישע וואונדען אין די קניע האָבען אַנגעוויזען, אַז ער איז אָפט געפאַלען, נאָך היינט, איידער ער האָט זיך אַני־דערגעלייגט צום לעצטען מאָל און אַן אַנדער וואונד אויף דער זייט האָט אַנגעצייכענט דעם פּלאַץ, וואו זיין בעל־הבית האָט איהם זייט יאָהרען געשלאָגען מיט אַ שטעקען, כדי איהם צו צווינגען שנעלער צו לויפען.

דער קוטשער האָט אַנגענומען דעם עזעל פאַר די הינטערשטע פיס און איהם אוועקגעשלעפּט צום גראָבען און די חיה איז גע־בליבען ליגען אַן אויסגעצויגענע, עפּעס אַזוי ווי עס וואָלט וועלען צום לעצטען מאָל זיך בעקלאָגען אויף דעם שווערען לעבען. אַזוי שנעל, ווי עס איז געלעגען אויפ'ן גראָז, האָט דער קוטשער אויס־גערופען:

— אַזאַ ניעדערטרעכטיגע באַנדע, לאָזען דעם עזעל ליגען אין מיטען גאַס!

קיינער פון די אַנדערע האָט ניט געזאָגט קיין וואָרט, מען איז צוריק אין וואַגען אריין. כריסטיאַנע איז געוואָרען טרויעריג, גאַנץ אויסער זיך. זי האָט געזעהן פאַר איהרע אויגען דאָס גאַנצע לעבען פון דער חיה, וואָס איז געפאַלען אין וועג. דעם קליינעם לוסטיגען עזעל מיט דעם גרויסען קאָפּ, פון וועלכען עס האָבען קאָמיש און גוטמוטהיג ארויסגעקוקט אַ פּאָר גרויסע אויגען און ווי אַ פרייער, אַ פרעהליכער לויפט ער ארום צווישען די פיס פון זיין מוטער. דאַן האָט זי געטראַכט, ווי מען האָט איהם צום ערשטען מאָל איינגעשפּאַנט און ער האָט געמוזט שלעפּען מאַסע,

וועגען די ערשטע שמיץ און דאן די אונאויפהערליכע שווערע גאַנגען אויף די ענדלאָזע וועגען. און וועגען די קלעפּ האָט זי גע־טראַכט, די פיעלע קלעפּ, פון זיינע צו שווערע לאַסטען, פון דער ברענענדיגער זון און דערצו, אלס נאַהרונג, נור אַ קליין ביסעל שטרוי, אביסעל הוי און פאר די אויגען, רעכטס און לינקס אויפ'ן וועג, גרינע, שמעקעדיגע פעלדער.

כריסטיאַנע האָט צום ערשטען מאָל בעגריפען דעם עלענד פון אַ פערשקלאַפטער בעשעפעניש און אויף אַ מאָמענט האָט זיך דער טויט איהר אויסגעוויזען אלס אַן ערלייזונג.

פּלוצים זיינען זיי פאַרביי געפאָהרען פאַרביי אַ קליין וועגעלע, וועלכען אַ כמעט נאַקעטער מאַן, אַ פרוי אין שמאַטעס, און אַ הונד האָבען געשלעפּט. זיי זיינען געווען מיעד, אַז זיי האָבען קוים גע־שלעפּט די פיס. מען האָט געזעהן ווי זיי שוויצען און סאַפּען. דער הונד, מאַגער, אויסגעהונגערט, מיט אַן ארויסגעשטעלטער צונג, האָט זיך געשלעפּט מיט אַלע קרעפטען צווישען די רעדער. אין וועגעלע איז געלעגען אַ הויפען צוזאַמענגעלייגטע האַלץ, וואָס האָט געשיינט עפּעס צו פערשטעלען, אויף דערויף זיינען געווען שמאַטעס און אויף דאַרויף אַ קינד. נור אַ קאָפּ האָט מען ארויסגעזעהן פון צווישען די גרויע לאַכעס, אַ מין שמוציגע רונדע זאַך מיט צוויי אויגען, אַ נאָז און אַ מויל.

דאָס איז געווען אַ פאַמיליע, אַ מענשליכע פאַמיליע. דער עזעל איז געפאַלען אַ פערמאַטערטער, און דער מאַן, וועלכער האָט קיין רחמנות ניט געהאַט אויף זיין טויטען העלפער, האָט איהם אפילו ניט אבגעשאַרט אַן אַ זייט, נור האָט איהם געלאָזט ליגען אין רעכטען מיטען וועג אונטער די פיס פון די פערד און וואָגענס וואָס זיינען דאַ פאַרבייגעפאָהרען. דאן האָט ער זיך מיט זיין פרוי אין די לייצעס איינגעשפּאַנט און געשלעפּט דעם וועגעל, וו־ ביז אהער האָט דער טויטער עזעל געשלעפּט.

זיי האָבען זיך געשלעפּט ווייטער. וואוהין, צו־וואָס? האָ־בען זיי כאָטש געהאַט איין פּפעניג אין קעשענע? דעם דאָזיגען

וועגעל... וועלען זיי איהם דען אייביג אליין שלעפען און ניט קענען זיך קויפען קיין נייעם עזעל? און פון וואנען וועלען זיי לעבען? זיי וועלען וואהרשיינליך קראַפּירען אויפ'ן וועג, ווי דער עזעל. זיינען געווען פערהייראט, אַט די דאַזיגע שלעפער, אַדער האַבען געלעבט גלאַט אַזוי? און זייער קינד וועט מסתמא אַמאָל לעבען אזוי ווי זיי, דאָס דאַזיגע קליינע, נאָך ניט געפאַרמירטע, בעשעפעניש, וואָס איז דאָרט אונטער די שמוציגע שמאַטעס פער־שטעקט געווען.

כריסטיאַנע האַט וועגען דעם אַלעמען געטראַכט און אין איהר צושראָקענער נשמה האַט זי נאָכאַנאַנד געזעהן פאַר זיך דעם עלענד פון די דאַזיגע אַרימע לייט.

גאַנטראַן האַט פּלוצים געזאָגט:

— איך וויים ניט פאַרוואַס, אָבער מיר איז איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז עס וואָלט געווען גוט, מיר זאָלען היינט אָבענד אַלע פערברענגען אין קאַפע אַנגלאַיס. איך וואָלט זעהר וועלען ווידער זעהן דעם בולוואַר.

אָבער דער מאַרקיז האָט אויסגעברומט:

— אַך, צו־וואָס, דאָ איז זעהר שעהן, דער נייער האָטעל איז אַ סך שעהנער פון דעם פריהערדיגען.

זיי זיינען פאַרבייגעפאָהרען דורך טאורנעיל און, ווען כרי־סטיאַנע האָט דערקענט די קאַשטאַנען־בוימער, האָט איהר האַרץ גענומען צוקען פון עראינערונגען. זי האָט אַנגעקוקט פּאָל'ן, וועל־כער האָט געהאַלטען זיינע אויגען געשלאָסען און ניט בעמערקט איהר בעטענדיגען קוק.

באַלד נאָכדעם האָבען זיי פאַר דעם וואָגען דערזעהן צוויי פעלד־אַרבייטער, וועלכע זיינען אַהיים געגאַנגען פון דער אַרבייט מיט זייערע געצייג אויף די פּלייצעס. זיי זיינען געגאַנגען מיט מיעדע, לאַנגע טריט פון פּויערים. בײדע שוועסטער אַריאַלס זיי־נען רויט געוואָרען ביז צו די שלייפען. עס איז געווען זייער פאָ־טער און זייער ברודער, וועלכע זיינען צוריקגעקומען פון די וויין־

בערג, וואו זיי האָבען דעם גאַנצען טאָג מיט שווייס אויפ'ן פּנים די ערד בעאַרבייט, זייער ערד, וועלכע האָט זיי רייך געמאַכט, וואו־הין זיי זיינען יעדען טאָג געגאַנגען אַרבייטען פון פריה ביז נאַכט. בעת די שעהנע שוואַרצע רעק האָבען זיך זאַרגזאַם צוזאַמענ־געלייגט, געפונען אין דער קאַמאָדע און די הויכע צילינדער־העט אין שאַפע. ביידע פּויערים האָבען פריינדליך געשמייכעלט, בעת אַלע אין עקיפּאַזש האָבען זיי בעגריסט.

אזוי שנעל, ווי דער וואָגען איז אָנגעקומען און גאַנטראַן איז אַרויס אום צו געהן אין קאַסינאָ, האָט איהם פּאָל בעגלייט און ער האָט זיך צו איהם גלייך אָבגערופען:

— הער אויס, מיין אַלטער, איך מוז דיר עפּעס זאָגען. דו טהוסט אַן אונרעכט. איך האָב דיין שוועסטער פערשפּראָכען מיט דיר וועגען דעם צו רעדען.

— וועגען וואָס?

— וועגען דעם, ווי דו פיהרסט זיך אויף זייט אַ געוויסער צייט.

גאַנטראַן האָט געמאַכט אַ פערוואונדערט פּנים:

— איך פיהר זיך אויף ניט גוט? געגען וועמען?

— אַנטקעגען דער קליינער. עס איז ניט שעהן פון דיר, וואָס דו האָסט זי אַזוי פּלוצים פערלאָזען.

— דענקסטו אַזוי?

— יאָ, איך דענק אַזוי און איך האָב אַ רעכט אַזוי צו דענקען.

— אַזוי? דו ביזט אָבער געוואָרען אַזוי צאַרט־פיהלענד אין בעצוג אויף פערלאָזען אַ פרוי.

— הער אויס, מיין ליעבער, עס האַנדעלט זיך דאָ ניט וועגען אַ גאַסען־מיידעל, נור וועגען אַן אַנשטענדיגער מיידעל.

— דאָס ווייס איך זעהר גוט, אָבער איך האָב מיט איהר ניט געהאַט צו טהאָן און דאָס איז אַ גרויסער אונטערשיעד.

זיי זיינען געגאַנגען ווייטער זייט ביי זייט. גאַנטראַן'ס האַל־טען זיך האָט פּאָל'ן אַרויסגעבראַכט פון זיך און ער האָט געזאָגט:

— ווען איך זאל ניט זיין דיין פריינד, וואלט איך איצט גע־וואָרען מיט דיר זעהר גראָב.

— און איך וואלט עס דיר פערבאָטען.

— אָבער זיי דאָך אַ מענש! מיר טהוט לייד פאר דער מיידעל. זי האָט פריהער זעהר געוויינט.

— דאָס איז זעהר שמייכעלהאפט פאר מיר.

— איך בעט דיך, מאַך ניט קיין נארישע וויצען. וואָס ווער דערפון ווערען?

— ווערען? גאָרנישט!

— אָבער הער אויס, דו ביזט מיט איהר געווען אזוי נאָהענט, אַז דו האָסט זי קאָמפּראָמעטירט. דו האָסט ערשט ניט לאַנג צו־ריק געזאָגט דיין שוועסטער און מיר, אַז דו וועסט מיט איהר התונה האָבען.

גאנטראַן איז געבליבען שטעהן און געזאָגט אין אַ טאָן, אין וועלכען עס האָט געקלונגען אַ אָנצוהערעניש:

— מיין שוועסטער און דו וועט טהאָן בעסער, ווען איהר וועט זיך ניט קימערען וועגען די ליעבעס־געשיכטען פון אנדערע. איך האָב דיר געזאָגט, אַז דאָס מיידעל געפעלט מיר זעהר אוֹן, ווען איך זאָל מיט איהר הייראַטען, וואלט איך זעהר קלוג געהאנדעלט, אָבער ווייטער גאָרנישט! איצט אָבער געפעלט מיר די אנדערע בעסער, איך האָב אומגעביטען מיין מיינונג, דאָס פּאסירט דאָך יעדען טאָג!

דאַן האָט ער איהם אָנגעקוקט גלייך אין פּנים אריין:

— וואָס טהוסטו, ווען דו ליעבסט אַ פרוי ניט מעהר? ביזטו צו איהר דאַן זעהר צערטליך?

פאול ברעטיני איז געוואָרען ערשטוינט. ער האָט געזוכט דעם טיעפערען זין פון די ווערטער, איז געוואָרען אויפגערעגט און געענטפערט נערוועז:

— איך מוז דיר נאָך אַמאָל זאָגען, עס האנדעלט זיך דאָ ניט וועגען אַ גאַסען־מיידעל, אויך ניט וועגען אַ פערהייראַטע פרוי,

נור וועגען אַ יונגער מיידעל, וועלכע דו האָסט קאָמפּראָמעטירט דורך דיין האַלטונג. דאָס טהוט ניט קיין אַנשטענדיגער מענש!

גאַנטראַן איז בלייך געוואָרען און האָט איהם אונטערבראָכען מיט אַ שאַרפען טאָן:

— שווייג! דו האָסט שוין צופיעל גערעדט און איך האָב שוין צופיעל פון דיר אויסגעהערט. איך קען דיר פון מיין זייט זאָגען, אַז ווען דו וואָלסט ניט געווען מיין פריינד, וואָלט איך דיר בעוויזען, אַז איך מיין ניט קיין שפּאַס. נאָך איין וואָרט און עס איז אויס צווישען אונז, אויף אייביג אויס.

דאַן האָט ער געזאָגט לאַנגזאַם, וועגענדיג יעדעס וואָרט און שליידערענדיג זיי איהם אין פּנים אריין:

— איך בין דיר קיין ערקלעהרונג ניט שולדיג, איך האָב גע־קענט פון דיר אַן ערקלעהרונג פאָדערען. אַן אַנשטענדיגער מענש האַנדעלט ניט אַזוי. אָבער...

ער האָט פּלוצים געענדערט דעם טאָן און געזאָגט מיט אַ שמייכעל:

— ווייסטו גאָר, ווען דו האָסט אַזוי פיעל מיטלייד מיט דער קליינער שאַרלאָטע׳ן, האָב חתונה מיט איהר. דאָס וואָלט געווען די בעסטע לייזונג אין דער שווערער לאַגע. זי איז שעהן און רייך און דו דאַרפסט דאָך אַמאָל חתונה האָבען. עס וואָלט געווען זעהר שעהן, ווען מיר זאָלען ביידע אין איין טאָג חתונה האָבען, דען איך וועל הייראַטען די עלטערע, איך זאָג עס דיר אַלס סוד, איך בעט דיר, צווישען אונז זאָל עס דערוויילע בלייבען. און פערגעס ניט, איך בעט דיר, אַז וואָס אַנבעלאַנגט עהרליכקייט, האָסטו וועניגער ווי ווער ניט איז אַ רעכט צו רעדען פון דעם. און איצט געה דו זיך דיין וועג און איך וועל זיך געהן מיין וועג. גוטע נאַכט!

און ער איז מיט שנעלע טריט אוועק צום דאָרף צו.

פּאול ברעטיני איז אַן אויפגערעגטער אוועק צו האָטעל מאַנט אַריאַל. ער האָט זיך בעמיהט אַריינצוטראַכטען אין יעדען וואָרט,

וואס ער האט געהערט, צו דערמאנען זיך אן יעדע איינצעלהייט און האט זיך געוואונדערט איבער די געהיימע שמאכפולע ווינקעלאך אין די זעעלען פון מאנכע מענשען.

ווען כריסטיאנע האט איהם געפרעגט:

— וואס האט גאנטראן געענטפערט?

האט ער ארויסגעשטאמעלט:

— די עלטערע געפעלט איהם איצט בעסער, איך גלויב, ער וויל זי זאגאר הייראטען. אויף מיינע רייד האט ער געענטפערט און דעם מויל מיר צוגעמאכט מיט אנצוהערענישען וועגען אונזערע פערהעלטניסען.

כריסטיאנע האט זיך ארונטערגעלאזט אויף א שטוהל און ארויסגעפליסטערט מיט שרעק:

— מיין גאט! מיין גאט!...

דא אבער איז גאנטראן אריינגעקומען, ווארים מען האט געקלונגען צום עסען. ער האט זי פרעהליך א קוש געטהאן אויפ'ן שטערן און געפרעגט:

— נו, שוועסטערל, ווי פיהלסטו עפעס? ביזטו ניט מיעד?

דאן האט ער געדריקט פאול'ן די האנד און זיך געווענדעט צו אנדערמאט'ן, וועלכער איז אריינגעקומען נאך איהם:

— זאג מיר נור, דו בעסטער פון אלע שוואגערס און פריינד, וואס איז ווערטה א טויטער עזעל, וואס ליגט אויף דער גאס?

IV.

אנדערמאט און דאקטאר לאטאן זיינען געגאנגען פאר דער קאסינא שפאציערען. זיי זיינען געגאנגען אויף דער טערראסע וועלכע איז געווען בעציערט מיט קינסטליכע מארמאר־וואזען.

— ער גריסט מיר אפילו ניט — האט דערצעהלט דער דאקטאר, רעדענדיג פון באנעפיל'ן. — ער זיצט דארט אין זיין קאנורע,

ווי אַ בייזער הונד, און וואָלט אונז אַלעמען אויף שטיקער צוריסען. איך דענק, ווען ער וואָלט געקענט, וואָלט ער אונזערע קוואַלען פער־גיפטעט.

אנדערמאַט האָט זיין האַנד אויפ׳ן רוקען פערלעגט, און דער הוט, אַ קליינער, שטייפער, גרויער הוט, איז ביי איהם אויפ׳ן נאַקען פעררוקט געוועזען אַזוי, דאָס מען האָט זיין פּליך בעמערקט. ער האָט זיך פערטראַכט און דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופען:

— אין דריי מאָנאַטען אַרום וועט זיין געזעלשאַפט אין גאַנ־צען פאַלען. דערווייל רעדט זיי באַנעפּיל איין, אַז איך וועל נאָכ־געבען. אָבער ער האָט אַ טעות.

דאָקטאָר לאַטאָן האָט געענטפערט:

— איהר ווייסט דאָך מסתמא, אַז זיי האָבען נעכטען צוגע־שלאָסען זייער קאַסינאָ, ווייל קיינער געהט ניט אַהין.

— יאָ, איך ווייס דאָס. אָבער מיר האָבען אויך ניט געננו בעזוכער. די געסט זיצען אין די האָטעלס און לאַנגווייליגען זיך דאָרט. ליעבער פריינד, מען מוז די געסט אונטערהאַלטען, צו־שטרייען, אויב מיר ווילען ערפאָלג האָבען. די געסט פון אונזער האָטעל מאַנט אַריאַל קומען יעדען אָבענד, ווייל זיי וואָהנען נאָ־הענט, אָבער די אַנדערע, וואָס וואָהנען ווייט, קומען ניט. עס איז איינפאַך אַ וועג־פראַגע, וועלכע מוז געלייזט ווערען. די וועגען, וואָס פיהרען אַהער, זיינען שלעכט, שטייניג, האַרט, שווער. ווע־לען מיר האָבען שעהנע בעקוועמע וועגען, וועט מען צו אונז קומען. אַלזאָ, מיר דאַרפען האָבען שעהנע וועגען און אום דאָס צו האָבען, מוז איך קריגען דאָס לאַנד פון דעם אַלטען איינגעשפּאַרטען עזעל, פון דעם אַלטען אַריאַל מיין איך. אָבער נור געדולד.

דאָקטאָר לאַטאָן האָט זיך אָנגערופען:

— די לעצטע פּאָר טעג האָב איך געטראַכט וועגען עפּעס, אַז וואָס מיר האָבען אין גאַנצען פערגעסען — וועגען דאָס וועטער.

— וועגען דאָס וועטער?

— יאָ. עס איז אונבעדינגט נויטיג, אַז די פּאַריזער צייטונגען זאָלען יעדען טאָג שרייבען וועגען דאָס וועטער אין אונזער געגענד. דאָס קלימאַט פון אונזער קוראָרט מוז אימער זיין בעסער און רעגעלמעסיגער, ווי אין אנדערע פּלעצער, וואָס קאָנקורירען אונז. דערפאַר מוזען מיר זיך פערזאָרגען מיט עטליכע צייטלען אין די גרעסטע צייטונגען און מיר וועלען פערעפענטליכען ווי דאָס וועטער איז ביי אונז. יעדען אבענד וועל איך טעלעגראפיש מעלדען אין די צייטונגען וועגען דעם, און איך וועל שוין זעהן, אַז אם ענדע פון׳ם יאָהר זאָל דאָס וועטער ביי אונז זיין דורכשניטליך פיעל בעסער, ווי ערגעץ וואו אנדערש. אין אונזער געגענד מוז אימער ווארים און שעהן זיין, אַז דעם פּאַריזער זאָל אָנגעהמען א חשק צו אונז צו קומען.

אנדערמאַט האָט אויסגעשריען:

— צום טייפעל, איהר זייט גערעכט, מיר איז עס גאָר ניט איינגעפאַלען! אָבער איך וועל נאָך היינט דאָס זעהן צו פערזאָרגען.

זיי זיינען פערבייגעגאַנגען פּאול׳ן און גאנטראַן׳ען, וועלכע זיינען נור וואָס געקומען צו טרינקען קאַפע נאָך דעם פריהשטיק. אנדערע געסט זיינען געקומען, ס׳רוב העררען, ווייל די מייסטע דאַמען האָבען נאָכ׳ן פריהשטיק גערוהט אין זייערע צימערען.

פּעטרוס מאַרטעל האָט אכטונג געגעבען אויף די קעלנער און געליאַרעמט:

— איין קימעל! איין קאָניאַק!

מיט דער זעלביגער טיעפער, געוואַלדיגער שטימע, וועלכע האָט אַ שטונדע שפּעטער ביי דער פּראָבע געליאַרעמט.

אנדערמאַט האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט רעדען מיט די יונגע לייט, דערנאָך איז ער ווייטער אוועק מיט׳ן דאָקטאָר.

גאנטראַן האָט פערלעגט אַ פוס איבער אַ פוס, אָנגעשפּאַרט זיך אויף זיין שטוהל, דער געניק אויפ׳ן ווענטעל, האָט געהאַלטען

א סיגאר אין'ם מויל, געקוקט אויפ'ן הימעל און זיך געפיהלט אזוי גוט. פּלוצים האָט ער זיך אָנגערופען:

— ווילסט דערנאָך מיט מיר כאפּען א שפּאציער? מיר וועלען געהן נאָך סאנסוסי. די שוועסטער וועלען אויך געהן מיט אונז.

פּאול האָט זיך געקווינקעלט, דאן אָבער האָט ער געענטפערט:

— יאָ, פון מיינטוועגען.

דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— וואָס הערט זיך עפּעס ביי דיר?

גאנטראן האָט געענטפערט:

— עס געהט ביי מיר ווי געשמירט. איצט בין איך זיכער, אז זי איז מיינע.

גאנטראן האָט איצט זיין פריינד פאר זיין פערטרויטען געמאכט און יעדען טאָג האָט ער איהם דערצעהלט וועגען די פאָרשריטע, וואָס ער האָט געמאכט. ער האָט איהם זאָגאר דערצעהלט וועגען די ראנדע־וואוס, וואָס ער האָט מיט לואיזע'ן געהאט.

נאָך דעם שפּאציער־ארויספאָהר קיין פּו דע לא רושע איז כריסטיאנע מעהר ניט ארויסגעפאָהרען. דאן האָט גאנטראן ניט געקענט מעהר אזוי אָפט טרעפען דאָס מיידעל. די הילף, וואָס זיין שוועסטער האָט איהם אונבעוואוסט געגעבען, איז פּלוצים פערשוואונדען, און ער האָט גענומען זוכען אימיצען אן אנדערען, וואָס זאָל זיין שוועסטער'ס שטעלע קענען פערטרעטען. דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער פרוי פון דאָקטאָר האנארא.

עס איז איהם איינגעפאלען, אז זי איז די ריכטיגע פּערזאָן. איהר מאן איז געווען נאָהענט בעפריינדעט מיט אַריאַל'ן, דער הויז־דאָקטאָר ביי איהם געווען. אויף זיינע הענד זיינען אריאל'ס קינדער געבאָרען געוואָרען, האָט געגעסען יעדען זונטאג ביי די אריאלס און איז צו זיי געקומען יעדען נאָכמיטאָג. זיין פרוי, א דיקע, פון מיטעלע יאָהרען, א דאמע מיט פּרעטענזיעס, איז לייכט געווען צו געווינען מיט א קאָמפּלימענט און פאר איהם, דעם מאר־

קיז'ס זוהן און דעם שוואגער פון דעם אייגענטהימער פון די נייע בעדער, וועט זי זיכער צופריעדען זיין אלעם צו טהאן.

און איינמאל איז ער געקומען מיט איהר מאן צו איהר אהיים, האט זיך געזעצט, געשמועסט א ווײלע, געזאגט איהר א פאר שעהנע קאמפלימענטען און דערנאך, ווען די דיענסט האט געמעלדעט, אז דער טיש איז געגרייט, האט ער זיך אויפגעהויבען און געזאגט:

— אה, עס שמעקט ביי אייך אזוי גוט, ביי אייך, קאנטיג, איז דאס עסען געשמאקער, ווי אין'ם האטעל.

מאדאם האנארא האט זיך אזש געפרעגעלט פאר אייטעלקייט און ארויסגעשטאמעלט:

— אה, גאט, ווען איך וואלט געוואגט, הערר גראף, ווען איך וואלט געוואגט...

— וואס, מאדאם?

— נו, אייך איינצולאדען מיט אונז צו עסען אונזער איינפאכען מאהלצייט...

גאנטראן האט זיך א רוף געטהאן:

— מיט פערגעניגען, מאדאם!

דער דאקטאר האט אונרוהיג ארויסגעמורמעלט:

— אבער אונזער עסען וועט אייך ניט געפעלען, גאנץ געוועהנליכער עסען, רינד־פלייש, הוהן...

גאנטראן האט זיך צולאכט:

— אבער גראד דאס האב איך ליעב.

און ער האט ביי זיי געגעסען און אפגעשאטען מאדאם האנארא מיט קאמפלימענטען פאר איהר געקעכץ, איהר הויז, איהר ליעבענסווירדיגקייט און פריינדליכקייט, און זי איז פון איהם בעגייסטערט געווען.

ער האט זיי ווידער בעזוכט און נאך אמאל ביי זיי געגעסען און ווידער קאמפלימענטען געזאגט דער מאדאם האנארא, און אזוי איז ער געווארען א שטענדיגער אריינגעהער אין דעם דאזיגען הויז.

וואוהין אריאל'ס טעכטער, נאָהענטע שכנים און פריינד, פלעגען אַלע ווײַלע קומען.

אזוי איז ער געזעסען שטונדען לאַנג מיט די דריי פרויען. האָט זיך פערהאַלטען מעשה זשענטלמען, בעזונדערס צו די צוויי שוועסטער, און מיט יעדען טאָג איז קלאָהרער געוואָרען, אַז ער וויל מעהר לואיזע'ן. ביידע שוועסטער זיינען אייפערזיכטיג געווען צו איהם. האָט ער זיך בענומען ליעבענסווירדיג געגען שאַר־לאָטע'ן, איז די עלטערע אייפערזיכטיג געוואָרען און האָט געהאַסט איהר אינגערע שוועסטער; האָט ער זיין ליעבענסווירדיגקייט אַרויסגעוויזען דער עלטערער שוועסטער, איז שאַרלאָטע אייפער־זיכטיג געוואָרען און פעראַכטעט לואיזע'ן.

לואיזע האָט מיט איהם געגומען קאָקעטירען. שאַרלאָטע'ן האָט עס טיעף געקרענקט, אָבער זי איז צו שטאָלץ געווען דאָס אַרויס־צואווייזען און האָט זיך געמאַכט, אַז זי בעמערקט גאָר ניט, ווי לואיזע קאָקעטירט מיט איהם.

גאַנטראַן איז שטאָלץ געווען אויף זיין טאַקטיק און האָט דער־צעהלט וועגען דעם פּאָול'ן. פּאָול האָט זיך עס אויסגעוויזען זעהר קאָמיש און ער האָט געלאַכט. איבריגענס, זייט יענער שאַרפער אונטעררעדונג מיט גאַנטראַן'ען, האָט ער בעשלאָסען ניט צו קי־מערען זיך מעהר וועגען גאַנטראַן'ס אנגעלעגענהייטען, און מאַנ־כעס מאָל האָט ער זיך געפרעגט אונרוהיג: „ווייסט ער וועגען כריסטיאַנע'ן און מיר?"

ער האָט גוט געקענט גאַנטראַן'ען און געוואוסט, אַז ער, גאַנטראַן, קען וויסען וועגען זיינע פערהעלטניסע מיט כריסטיאַנען און דאָס זאָל איהם ניט אַרען. אָבער ווארום האָט ער פריהער איהם ניט געגעבען צו פערשטעהן, אַז ער ווייסט פון עפּעס?

און אין אמת'ן איז גאַנטראַן געווען איינער פון יענע, וואָס האַלטען, אַז יעדע פרוי פון דער געזעלשאַפט מוז איינעם אָדער עטליכע ליעבהאָבער האָבען; איינער פון יענע, פאַר וועמען די פאַמיליע איז נור אַ סאָרט פערזיכערונגס־אַנשטאַלט פאַר געהיימער.

פערבאָטענער ליעבע, איינער פון יענע, פאר וועמען די מאָראַל איז נור א נויטיגער שלייער צו פערשלייערן די אנגענעהמע זינד. און ווען ער האָט צוגערעדט זיין שוועסטער זי זאָל אנדערמאָט'ן הייראטען, האָט ער דאן אַ הינטער געדאנק געהאט, אז די גאנצע פאַמיליע זאָל ביי דעם דאָזיגען אידען ציהען געלד, פיעל זי וועט נור קענען. און פיליכט, ווען זיין שוועסטער זאָל טריי בלייבען איהר מאן, וואָלט ער זי פעראכטעט.

דאָס אלעס האָט פאול געטראכט און ער איז געוואָרען ווענ־ניגער אָפענהערציג מיט זיין פריינד. איצט, ווען יאַנטראן האָט איהם דערצעהלט, צוליעב וואָס ער געהט אזוי אָפט צו מאַדאַם האנארא, האָט ער געלאכט. שפּעטער האָט ער אויך אָנגעהויבען צו געהן מיט גאנטראן'ען אהין. ער האָט פערגעניגען געהאט צו פערברענגען מיט שארלאָטע'ן.

די פרוי פון דעם דאָקטאָר האָט איהר ראָלע געשפּיעלט מיט דעם גרעסטען פערגעניגען, אָנגעבאָטען זיי טהיי פּינק אַ זייגער, ווי די דאַמען אין פאריז, מיט קליינע קיכעלאַך, וואָס זי האָט אליין געבאַקט. ווען פאול איז צום ערשטען מאָל צו איהר אין הויז געקומען, האָט זי איהם אויפגענומען ווי אַ אלטען פריינד, געבעטען איהם זיצען, אליין צוגענומען ביי איהם דעם הוט, וועלכען זי האָט אויפ'ן קאמין נעבען זייגער אוועקגעלייגט. דערנאָך האָט זי זיך די גרעסטע מיה געגעבען די גוטע ווירטהין צו שפּיעלען.

גאנטראן האָט זיך געוויצעלט, געלאכט און אויסגעזעהן זעהר פרעהליך. שפּעטער אַ ווייל איז ער מיט לואיזע'ן צום פענסטער צוגעגאנגען, שארלאָטע האָט זיי אויפגערעגט נאָכגעקוקט. מאַדאַם האנארא, וועלכע האָט זיך מיט פאול'ן אונטערהאלטען, האָט זיך צו איהם אָנגערופען מיט אַ מוטערליכען טאָן:

— די ליעבע קינדער קומען אהער, אום אַ ווייל צו פּלוידערען. קיין זינד איז דאָך דאָס ניט, ניט אזוי, הערר ברעטיני?

— אָה, געוויס, געוויס, מאַדאַם האנארא.

און שפּעטער, ווען ער איז ווידער געקומען, האָט זי איהם

שוין פריינדשאפטליך גערופען „הערר פאול“ און איהם בעהאנ־דעלט ווי א מיטשולדיגען.

און איינמאל האט גאנטראן זיך אנגערופען צו מאדאם האַ־נארא:

— ווארום געהט איהר ניט אמאל ארוים מיט די מיידלאך שפאציערען נאך סאנסוסי, צום ביישפיעל?

זי האט געענטפערט:

— אבער, הערר גראף, מיר ווען זעהר גערן געהן; מיר וועלען געהן.

— מארגען?

— מארגען.

— א זייגער דריי?

— גוט, הערר גראף.

— מאדאם, איהר זייט זעהר ליעבענסווירדיג! — האט ער געזאגט.

און דערנאך האט ער זיך געווענדעט צו פאול'ן:

— הער נור, דו פערשטעהסט דאך, אז אין'ם הויז קען איך ניט ווערען מיט דער עלטערער אינטימער, ווען די אינגערע איז דערביי; אבער ווען מיר וועלען זיין אין'ם וואלד, וועל איך מיט דער עלטערער אוועקגעהן פאראוים און איהר מיט שארלאטע'ן וועלען בלייבען אביסעל פון הינטען. ווענסטו געהן?

— יא, מיט פערגעניגען.

— געדענק, אזוי בלייבט עס.

אויף מארגען זיינען זיי ביידע לאנגזאם אוועק איבער'ן שאסע. ווען זיי זיינען דורכגעגאנגען לא ראש־פראדיר, האבען זיי זיך פערקעהרט לינקס און זיינען אוועק צווישען בוימער אין א טהאל ארונטער. ווען זיי זיינען אריבער א קליינעם שטראם, האבען זיי זיך געזעצט נעבען וואלד ווארטען.

באלד זיינען געקומען די דריי פרויען, לואיזע פאראוים, מא־

דאָס האַנאַרא הינטען. אי די, אי יענע, האָבען זיך דערפרעהט מיט דער בעגעגעניש. גאַנטראַן האָט אויסגעשריען:

— ווי אַזוי עפּעס איז אייך איינגעפאַלען אַזא גוטער געדאַנק אַהער צו קומען?

מאַדאַם האַנאַרא האָט געענטפערט:

— דאָס איז מיר איינגעפאַלען.

און זיי אַלע צוזאַמען זיינען אַוועק ווייטער. לואיזע און גאַנטראַן זיינען געגאַנגען פאָראויס און אַזוי שנעל, דאָס מען האָט זיי באַלד ניט געזעהן. די דיקע דאַמע האָט געסאָפּעט און אַרויס־געברומט:

— יאָ, יאָ, די יונגע לייט קענען לויפען, איך קען זיי ניט נאָכהאַלטען.

שאַרלאָטע האָט זיך אָנגערופען:

— איהר וואַרט דאָ, איך וועל געהן זיי רופען.

אָבער דעם דאָקטאָר׳ס פרוי האָט זי צוריקגעהאַלטען:

— מיין ליעבע, שטער זיי ניט, זיי ווילען זיך אונטערהאַלטען, עס איז ניט שעהן צו שטערען. זיי וועלען שוין אַליין געפינען דעם וועג צוריק.

און זי האָט זיך געזעצט אויפ׳ן גראָז אין׳ם שאָטען פון אַ טענען־בוים און זיך געפאָכט מיט אַ טיכעל. שאַרלאָטע האָט געוואָרפען אַ טרויעריגען בליק פאַר זיך, אַ בעטענדיגען, אַ פערצווייפעלטען. פּאָול האָט איהר בליק געכאַפּט און ער האָט זיך אָנגערופען:

— ווייסט איהר גאָר וואָס, פרויילין, מיר וועלען מאַדאַם האַנאַרא דאָ איבערלאָזען רוהען און געהן נאָך אייער שוועסטער, ווילט איהר?

זי האָט געענטפערט:

— גוט, קומט!

מאַדאַם האַנאַרא האָט נור בעמערקט:

— גערט, קינדער, איך וועל דאָ וואַרטען, אָבער קומט באַלד צוריק.

און זיי זיינען אוועק. אפריהער זיינען זיי געגאַנגען שנעל, ווארים זיי האָבען געמיינט, אַז זיי וועלען זיי קענען אָניאָגען. זיי האָבען יענע אָבער ניט געזעהן. דאַן זיינען זיי שטעהן געבליבען, האָבען געקוקט אויף אַלע זייטען, לואיזע און גאַנטראַן זיינען אפנים אין דעם וואַלד אוועק. שאַרלאָטע האָט זיי גערופען מיט אַ ציטערענדיגען קול, אָבער קיינער האָט זיך ניט אָבגערופען. זי האָט ארויסגעקרעכצט:

— מיין גאָט, וואו זיינען זיי?

פּאול האָט ווידער דערפיהלט יענעם טיעפען מיטלייד, יענע שמערצליכע ווייכקייט, וואָס ער האָט אמאָל ביים קראַטער פון רוזשע געפיהלט. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל דער פערצווייפעלטער מיידעל זאָגען, איהם האָט זיך פּלוצים פערגלוסט זי פאָטערליך צו זיין ברוסט צו דריקען, זי צו קושען און טרייסטען. אָבער ווי אזוי? וואָס זאָגט מען איהר?

זי האָט זיך געקעהרט אויף אַלע זייטען מיט פערצווייפעלטע בליקען און געשטאַמעלט:

— איך גלויב, אַז זיי זיינען אהער אוועק! ניין, אהין! איהר הערט גאָרנישט?

— ניין, פרוילין, איך הער גאָר נישט. די בעסטע זאַך וועט זיין, ווען מיר וועלען אויף זיי וואַרטען דאָ.

— אַך, ניין, מיר מוזען זיי געפינען!

אַ ווייל האָט ער געשוויגען, דאַן האָט ער זיך אָנגערופען גאַנץ שטיל:

— טהוט עס אייך דען אזוי וועה?

זיינע טרעהרען געשטאַנען, וואָס האָבען איהר בליק פערשלייערט.

זי האָט איהם פערצווייפעלט אָנגעקוקט. אין איהרע אויגען ווי אַ לייכטער וואָלקען. זי האָט געוואָלט רעדען און ניט געקענט, זי האָט עס ניט געוואגט, און דאָך האָט זי געפיהלט אַזאַ ברענענ־

דיגע בעדערפענים אויסצורייִדען פאר וועמען עס איז איהר אָנגע־וועהטאָגטע הארץ. ער האָט געפרעגט:

— איהר ליעבט איהם אפנים זעהר שטארק? אָבער גלויבט מיר, ער איז אייער ליעבע ניט ווערטה.

איצט האָט זי לענגער ניט געקענט זיך צוריקהאַלטען, האָט פערדעקט דעם פּנים מיטביידע הענד, אום איהרע טרעהרען צו פערבאָרגען, און זי האָט ארויסגעקרעכצט:

— ניין, ניין, איך ליעב איהם ניט, איך ליעב איהם ניט. ער איז צו שלעכט געווען! ער האָט מיך צום נאר געמאכט! דאָס איז צו העסליך, צו פּייג! אָבער דאָך טהוט מיר וועה, זעהר וועה, ווייל עס איז זעהר שווער, זעהר שווער אריבערצוטראָגען אזא בעליידיגונג! און נאָך מעהר טהוט מיר וועה מיין שוועסטער. זי ליעבט מיך אויך ניט און זי איז נאָך פיעל ערגער פון איהם. איך האָב דאָך נור געהאט זיי, מעהר קיינעם ניט, און פארוואָס? איך פיהל, אז זי ליעבט מיך ניט מעהר, אז זי האסט מיך! און וואָס האָב איך איהר אזוינס געטהאָן?

ער האָט נאָ־ געזעהן איהרע אויערען און איהר צארטען יונגען האַלז, וועלכער איז ארויסגעטראָטען פון דעם קראַגען פון איהר קלייד, און זיין הארץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט יענער צערטליכקייט און איבערגעבענהייט, ווי יעדעס מאָל, ווען אַ פרוי האָט ביי איהם ליעבע ערוועקט. און זיין שנעל בעגייסטערטע זעעלע האָט זיך אָנגעצונדען פון דעם אונשולדיגען, פערווירענדען נאאיווען שמערץ. ער האָט אויסגעשטרעקט צו איהר די האנד און זי ארומגענומען פון הינטען ביים שולטער, אום זי צו בערו־היגען.

און דאָ האָט ער דערפיהלט דאָס שנעלע קלאַפּען פון איהר הארצען, ווי מען פיהלט דאָס קליינע הארץ פון אַ געפאנגענע־ פויגעל.

און דאָס דאָזיגע נאָכאַנאַנדיגע שנעלע קלאַפּען האָט זיך אי־בערגעבען דורך זיין ארם צו זיין אייגענעם הארצען, וואָס האָט

גענומען קלאַפּען נאָך שנעלער. ער האָט געפּיהלט דאָס דאַזיגע שנעלע קלאַפּען, וואָס איז פון איהר אַרויסגעקומען און אין זיין האַרצען איבערגעגאַנגען, אין זיינע מוסקולען און נערווען, און געמאַכט פון זייערביידענס הערצער איין קראַנק האַרץ, וואָס איז פון דעם זעלביגען שמערץ אויפגערעגט געווען.

אָבער פּלוצים האָט זי אַרונטערגענומען די האַנד פון איהר רויטען, נאָך אַלץ שעהנעם פּנים, שנעל זיך אָפּגעווישט די טרעהרען און געזאָגט:

— אַך, איך האָב עס אייך ניט געדאַרפט זאָגען, איך בין משוגע. קומט צוריק צו מאַדאַם האַנאַרא. איך בעט אייך, פערגעסט וואָס איך האָב אייך געזאָגט. פערשפּרעכט עס מיר.

— גוט, איך פערשפּרעך עס אייך.

זי האָט איהם דערלאַנגט די האַנד:

— איך גלויב אייך. איך האָף, אַז איהר וועט אייער פערשפּרעכען האַלטען.

זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט. ער האָט זי אויפגעהויבען, אום איבער׳ן שטראָם זי אַריבערצוטראָגען, פּונקט אַזוי, ווי ער האָט פאַר־אַ־יאָהרען כריסטיאַנע׳ן אַריבערגעטראָגען. כריסטיאַנע! ווי אָפט ער איז מיט איהר דאָ אויף דעם זעלביגען וועג געגאַנגען, ווען ער האָט זי געליעבט. ער האָט זיך אָן דעם דערמאָנט און זיך געוואונדערט, ווי קורץ יענע ליעבע איז געווען!

שאַרלאָטע האָט איהם אַ ציה געטהאָן ביים אָרם און אַרויסגעפּליסטערט:

— מאַדאַם האַנאַרא איז איינגעשלאָפען, מיר וועלען זיך גאַנץ שטיל אַנידערזעצען.

מאַדאַם האַנאַרא האָט ווירקליך געשלאָפען. זי איז אונטער אַ בוים געלעגען. איהר פּנים איז מיט אַ טיכעל צוגעדעקט געווען און איהרע הענד האָבען אויפ׳ן בויך גערוהט. זיי האָבען זיך געזעצט ניט ווייט פון איהר און האָבען ניט גערעדט, מחמת זיי האָבען ניט געוואָלט זי וועקען.

אַרום איז געווען טיף שטיל. דער וואַלד האָט געשוויגען. מען האָט נור געהערט דאָס ווייטע רוישען פון דעם וואַסער איבער די שטיינער און דאָס זשומען פון פליעגען.

וואו זיינען אהינגעקומען לואיזע און גאַנטראַן? וואָס טהוען זיי דאָרט?

פלוצים האָט מען פון ווייטען דערהערט זייערע טריט; זיי זיינען געגאַנגען צוריק. מאַדאַם האַנאַרא האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך פערוואונדערט, ווען זי האָט דערזעהן פּאול'ן און שאַרלאָטע'ן, ווייל זי האָט גאַר ניט געהערט, ווי זיי זיינען געקומען.

— און וואו זיינען יענע? — האָט זי געפרעגט.

— אָט קומען זיי — האָט פּאול געענטפערט.

מען האָט געהערט גאַנטראַן'ס געלעכטער און דאָס דאָזיגע געלעכטער איז געפאַלען ווי שווערער בליי אויף שאַרלאָטע'ס האַרץ. זי האָט אַליין ניט געוואוסט וואָרום. דאָ האָבען זיך יענע בעוויזען. גאַנטראַן איז געלאָפען און געשלעפּט לואיזע'ן, וועלכע איז גאַנץ רויט געווען, ביים אָרם, און איידער זיי זיינען צוגעקומען נאָהענט, האָט גאַנטראַן אויסגעשריען, אַזוי געאיילט האָט ער זיך זיין געשיכטע צו דערצעהלען:

— טרעפט, וועמען מיר האָבען איבערראַשט? ! דאָקטאָר מאַצעללי, מיט דער טאָכטער פון דעם בעריהמטען פּראָפעסאָר גלאַשע, די יונגע אַלמנה מיט'ן רויטען קאָפּ. איך זאָג אייך, האָבען מיר זיי איבערראַשט... אָבער קען דער קערל קושען! אהאָ!

מאַדאַם האַנאַרא האָט געמאַכט אַן אַנשטעל, ווי איהר וואָלט אונאַנגענעהם געווען די דאָזיגע אויסגעלאַסענע פרעהליכקייט, און זי האָט זיך אָנגערופען:

— אָבער, הערר גראַף, ווי שעהמט איהר זיך ניט אין דער אַנוועזענהייט פון די יונגע דאַמען...

גאַנטראַן האָט זיך פערנויגט:

— מאַדאַם, איהר זייט גאַנץ גערעכט. איך האָב גאַר פערגעסען מיין פליכט.

דאָן האָבען זיך דיביידע יונגע לייט געזעגענט מיט די דאַמען און זיינען אוועק דורכ'ן וואַלד.

— נו, וואָס הערט זיך? — האָט פּאָול געפרעגט.

— איך האָב איהר אַלעס ערקלעהרט. איך האָב איהר געזאָגט, אַז איך וועל זיין דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט ווען זי וועט מיין פרוי זיין.

— און וואָס האָט זי געזאָגט?

— זי האָט מיר געענטפערט: איך זאָל דאָס זאָגען איהר פאָטער.

— הייסט עס, אַז ביי דיר געהט אויף א לאַד.

— יאָ, איך וועל אַנדערמאָט'ן שיקען צו איהם. און ווען דער אַלטער פויער וועט זיך איינשפּאַרען, אַז ער וויל ניט, וועל איך איינפאַך דאָס מיידעל קאָמפּראָמעטירען.

ווען זיי זיינען צוגעגאַנגען צו דעם קאַסינאָ, האָבען זיי דאָרט אויף דער טערראַסע געטראָפען אַנדערמאַט'ן מיט דאָקטאָר לאַטאָן. גאַנטראָן האָט אָפּגערופען זיין שוואָגער אָן אַ זייט און איהם גלייך איבערגעגעבען די גאַנצע געשיכטע.

פּאָול איז אוועק אין ריאָם. ער האָט געמוזט אַליין זיין. אַזוי אויפגערעגט איז ער געווען מיט קערפּער און זעעלע, ווי יעדעס מאָל ביי דער בעגעגענונג מיט אַ פרוי, וועלכע ער האָט אָנגעהויבען צו ליעבען. שוין זייט אַ היבשע צייט האָט ער זיך געפיהלט גאַנץ אונבעוואוסט אונטער דעם פרישען שטאַרקען רייץ פון דער דאָזיגער פערלאָזענער מיידעל. זי האָט איהם אויסגעוויזען אַזוי רייצענד, אַזוי איינפאַך, אַזוי עהרליך, אַזוי נאַאיוו, דאָס ער איז צוערשט פון מיטלייד פערכאַפּט געוואָרען, פון יענעם צערטליכען מיטלייד, וואָס יעדער פרויען-שמערץ ערוועקט אין אונז.

איצט, ווען ער האָט זי געזעהן אָפּטער, האָט יענע צערטליכקייט אין איהם געוואַקסען. בעזונדערס האָט ער עס היינט געפיהלט, זייט דער סצענע דאָרט אויפ'ן שפּאַציער. ער איז געגאַנגען און האָט געטראַכט פון איהר, דערמאָנט זיך אָן איהר

בליק, אַז דעם טאָן פון איהר שטימע, אַז איהר שמייכעל, אַז איהר גאַנצעם וועזען און זאָגאַר אַז די פאַרב פון איהר קלייד. ער האָט זיך געזאָגט: מיר דאַכט זיך, איך בין משוגע, דאָס איז צו נאַריש, איך קען זיך צו גוט, איך האָב געדאַרפט בעסער צוריקפאָהרען קיין פאַריז. צום טייפעל, זי איז דאָך אַ יונגע מיידעל, מיט איהר וועל איך דאָך ניט וואַגען אָנצוהויבען אַ פערהעלטניס!

דאַן האָט ער גענומען טראַכטען פון איהר, ווי ער האָט מיט אַ יאָהר צוריק פון כריסטיאַנע'ן געטראַכט, אַז זי איז גאָר ניט עהנליך צו אַלע יענע פרויען, וואָס ער האָט ביז אהער געקענט, אַז זי איז אַנדערש ערצויגען געוואָרען, אָהן קאָקעטעריי און גע־מאַכטע, אומנאַטירליכע מאַנירען. זי איז ניט נור געווען אַ נייעס ריינעס וועזען, נור האָט אויך אָפּגעשטאַמט פון אַ געזונדער ראַסע, אַן עכטע מיידעל פון דאָרף.

און ער האָט זיך דערמאָנט אַז די פערשיעדענע פּאָעטישע געשטאַלטען פון די ראָמאַנען, און די העלדינען פון וואַלטער סקאָטט, פון דיקענס, פון זשאָרזש זאַנד, וואָס האָבען נאָך מעהר צובּרענט זיין פאַנטאַזיע.

גאָנטראַן האָט זיך אַמאָל וועגען איהם אויסגעדריקט: „פּאָול איז אַ ווילד פערדעל, וואָס יאָגט זיך אימער מיט עפּעס אַ פער־ליעבטהייט אין'ם זאָטעל, און ווען ער האָט איינע פון'ם זאָטעל אַרונטערגעוואָרפען, זיצט באַלד דאָרט אַן אַנדערע“.

ברעטיני האָט פּלוצים בעמערקט, אַז עס איז נאַכט גע־וואָרען, און ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אַהיים. ווען ער איז פערבייגעגאַנגען די נייע בעדער־געביידע, האָט ער דאָרט דערזעהן אַנדערמאַט'ן און די ביידע אַריאָלס. פון זייערע בעוועגונגען האָט ער געזעהן, אַז צווישען זיי געהט אַן דאָרט אַ היציגער געשפּרעך.

שפּעטער איז אַנדערמאַט אַריינגעקומען אין דעם סאַלאָן וואו די גאַנצע פאַמיליע איז פערקליבען געווען, און געזאָגט צום מאַרקיז:

— ליעבער פּאַפּאַ, איך מעלד דיר, אַז דיין זוהן גאָנטראַן

וועט אין זעקס אָדער אכט וואָכען ארום הייראטען פריילין לואיזע אריאל, וועלכע איז זעהר רייך.

דער מארקיז האָט זיך דערשראָקען:

— וואָס רעדסטו? וואָס, גאַנטראַן?

— איך זאָג, אז ער וועט מיט דיין צושטימונג אין זעקס אָדער אכט וואָכען ארום הייראטען פריילין לואיזע אריאל, וועלכע איז זעהר רייך.

דאָ האָט דער מארקיז געזאָגט גאַנץ איינפאַך:

— אויב ער וויל, בין איך צופריעדען.

און דאַן האָט דער באַנקיר דערצעהלט, ווי אַזוי ער האָט אונטערהאַנדעלט מיט דעם פויער. אַזוי שנעל, ווי ער האָט גע־הערט, אַז זיין שוואָגער און דאָס יונגע מיידעל ווילען הייראטען, האָט ער ביי זיך בעשלאָסען גלייך צום פויער געהן און זעהן, ער זאָל צושטימען צום שידוך.

ער קומט צולויפען צו איהם. דער פויער זיצט איבער אַ פערפלעקטען בויגען פּאַפּיער און רעכענט עפּעס מיט זיין זוהן, דעם גיבור. זעצט ער זיך אַוועק און מאַכט:

— איך וואָלט וועלען טרינקען אַ גלעזעל פון אייער גוטען וויין.

דער זוהן האָט אריינגעבראַכט צוויי גלעזער וויין. דאַן האָט אַנדערמאָט געפרעגט, אויב לואיזע איז אין דער היים און געבעטען, מען זאָל זי אריינרופען. ווען זי איז אריין, האָט ער זיך אויפ־געהויבען, אַ נויג געטהאָן זיך און געזאָגט:

— פריילין, איך בין צו אייך געקומען מיט זעהר אַ דעליקאַטע מיסיאָן. מיין שוואָגער, גראַף ראַאול אליווער גאַנטראַן דע ראַ־וועגעל, האָט זיך אין אייך פערליעבט, וואָס דאָס איז קיין וואונדער ניט, און האָט מיך געבעטען, איך זאָל אייך פרעגען אין דער גע־גענוואַרט פון אייער פאַמיליע, אויב איהר ווילט זיין זיין פרוי

לואיזע איז איבערראַשט געוואָרען און צוטומעלט געקוקט אויף איהר פאָטער, און דער אַלטער אריאל האָט אויסגעגלאָצט

זיינע אויגען צושראָקען אויף זיין זוהן, זיין שטענדיגען ראטה־געבער; דער גיבור יאקאָוו האָט נור רוהיג געקוקט אויף אנדער־מאט'ן, וועלכער האָט גערעדט ווייטער:

— פריילין, איהר פערשטעהט דאָך, אַז די דאָזיגע מיסיאָן האָב איך אויף זיך גענומען מיט דעם פערשפּרעכען צו ברענגען מיין שוואָגער באַלד אַן ענטפער. ווען איהר זאָגט איהם אָפּ, פאַהרט ער מאָרגען אַוועק און וועט מעהר קיינמאָל אַהער ניט קומען. אויסער דעם ווייס איך, אַז איהר קענט איהם גענוג, אום צו קענען מיר זאָגען: איך וויל, אָדער איך וויל ניט.

זי האָט אַרונטערגעלאָזען דעם קאָפּ, איז רויט געוואָרען און האָט אַרויסגעשטאַמעלט גאַנץ ענטשלאָסען:

— איך וויל!

דאָן איז זי מיט אַזאַ אימפּעט אַרויסגעלאָפען פון'ם צימער, דאָס זי האָט זיך אָן דער טהיר אָנגעשטויסען.

אנדערמאט האָט זיך ווידער געזעצט, גענומען אַ גלאָז וויין און געזאָגט:

— איצט וועלען מיר רעדען וועגען דער געשעפטליכער זייט.

און ניט געבענדיג זיי די מעגליכקייט צו בעדענקען זיך, האָט ער אָנגעהויבען צו רעדען וועגען נדן, שטיצענדיג זיך אויף דער ערקלעהרונג, וואָס דער פּויער האָט איהם געגעבען מיט דריי וואָכען צוריק. ער האָט אָנגעגעבען, אַז גאָנטראָן האָט אַ פערמעגען פון דריי הונדערט טויזענד פראַנק, אויסער דעם גרויסען פערמעגען וואָס ער וועט אַמאָל ירש'ענען, און געענדיגט מיט דעם, אַז אויב אַזאַ מאָן, ווי גראַף ראַווענעל, וויל הייראַטען אַ טאָכטער פון אַריאַל, דאַרף איהר פאַמיליע אַזאַ עהרע אָנערקענען און געבען גענוג נדן.

דער פּויער, הגם ער האָט זיך געפיהלט שטאַרק געשמייכעלט, האָט געפּרובט זיך דינגען. די אונטערהאַנדלונג האָט געדויערט לאַנג, ביז אַנדערמאַט האָט ערקלעהרט:

— מיר פערלאַנגען ניט קיין באַרעם געלד, קיינע פּאַפּיערען, נור יענע שטיקער לאַנד, וואָס איהר האָט מיר אַנומעלט געזאָגט.

אַז איהר וועט לואיזע'ן אַלס נדן געבען און נאָך אַ פּאָר שטיקער לאַנד, וואָס איך וועל אייך אָנרופען.

ווען פּאַטער און זוהן האָבען דערהערט, אַז זיי וועלען זיך ניט דאַרפען אַרויסקומען מיט מזומנים, מיט יענעם אָבגעשפּאָרטען געלד, וואָס איז פראַנק צו פראַנק, סו צו סו אָנגעזאַמעלט געוואָרען, יענעם גוטען געלד, וויים אָדער געל, אָבגענוצט פון פינגער, פון בייטעל, פון די קעשענעס, די טישען אין די קאַפּע־הייזער, די שופליאַדען פון די אַלטע שראַנקען, יענעם געלד, וואָס מען האָט מיט אַזוי פיעל מיה, אַרבייט און זאָרגען ערוואָרבען, וואָס איז דעם הארצען, דעם אויג, די פינגער פון דעם פּויער אַזוי טהייער און ליעב, פיעל ליעבער נאָך ווי די קוה, דער וויין־גאָרטען, דאָס הויז, דאָס פעלד, יענעם געלד, מיט וועלכען עס איז אַמאָל שווערער זיך צו צושיידען ווי מיט'ן לעבען אַליין, — קורץ, ווען זיי האָבען דאָס דערהערט, האָבען זיי זיך גלייך בערוהיגט און זיינען געגייגט געוואָרען נאָכצוגעבען און אין'ם הארצען האָבען זיי פערבאָרגען אַ געהיימע פרייד.

דאָך האָבען זיי נאָך לאַנג מיט איהם אונטערהאַנדעלט, געפּרובט ביי איהם אַרונטערדינגען שטיקער לאַנד. דער פּלאַן פון מאַנט אַריאַל איז פאַר זיי אויפ'ן טיש געלעגען און אויף איהם האָבען זיי בעצייכענט די שטיקער לאַנד, וואָס לואיזע האָט געזאָלט קריגען.

אַ גאַנצע שטונדע נאָך האָט אַנדערמאַט געמוזט מיט זיי זיך דינגען, ביז ער האָט ביי זיי אַרויסגעריסען נאָך צוויי פעלדער. און אַז עס זאָל שפּעטער ניט זיין קיין מיספערשטענדנים, זיינען זיי דערנאָך אַלע אוועק צו די שטיקער לאַנד מיט'ן פּלאַן אין דער האַנד און יעדעס איינציגע שטיק האָט מען בעקוקט און אויפ'ן פּלאַן נאָך אַמאָל אונטערצייכענט. אָבער אַנדערמאַט האָט מיט דעם אַליין זיך נאָך ניט צופריעדענגעשטעלט. ער האָט זיך געוואָלט פערזיכערען, אַז די אַריאָלס זאָלען שפּעטער ניט פערלייקענען אַ פּאָר שטיקער לאַנד. דאָ איז איהם אַ געדאַנק איינגעפאַלען, פון

װעלכען ער האָט אין׳ם הארצען געלאַכט, אָבער װעלכער האָט זיך איהם אויסגעװיזען אויסגעצייכענט.

— אויב איהר װילט, װעלען מיר דאָס אַלעס אויף פאַפּיער פערשרייבען, אום מיר זאָלען עס שפּעטער ניט פערגעסען.

און װען זיי זיינען פערבייגעגאַנגען אַ טאַבאַק־קראָם, האָט אַנדערמאָט דאָרט געקויפט צוויי בויגען געשטעמפּעלטע פּאַפּיער, װאָרים ער האָט גוט געוואוסט, אַז װען די אַלע שטיקער לאַנד װע־לען אויסגערעכענט װערען אויף געשטעמפּעלטען פּאַפּיער, װעלען די פּויערים ניט װאַגען עפּעס איינצוװענדען, דען אין זייערע אויגען האָט דאָס געשטעמפּעלטע פּאַפּיער פּערטראַטען דאָס שרעקליכע גע־זעץ, װעלכען דער זשאַנדאַרם האָט בעשיצט, דער זשאַנדאַרם און די טורמע.

ער האָט אַלזאָ אַנגעשריבען אויפ׳ן געשטעמפּעלטען פּאַפּיער דעם פאָלגענדען אָפּמאַך:

„אויפ׳ן גרונד פון אַ הייראַט־פערשפּרעכונג צװישען גראַף גאַנטראַן דע ראַװענעל און פריילין לואיזע אריאַל, גיט הערר אריאַל, אַלס נדן זיין טאָכטער, די פאָלגענדע שטיקער לאַנד:...“

און איינס נאָכ׳ן אַנדערען זיינען אויף דעם דאָזיגען פּאַפּיער אויסגערעכענט געװען די אַלע שטיקער לאַנד נאָך דער רייהע נאָך. דאַן האָט ער אַנגעשריבען דעם דאַטום און ער האָט אונטערגע־שריבען און נאָך איהם דער אַלטער אריאַל, װעלכער האָט פון זיין זייט פערלאַנגט, אַז דעם חתן׳ס פערמעגען זאָל אויך אויף דעם געשטעמפּעלטען פּאַפּיער אַנגעגעבען װערען, און דערנאָך איז ער אַװעק מיט׳ן פּאַפּיער אין דער קעשענע צום האָטעל.

אַלע האָבען געלאַכט פון דער געשיכטע און גאַנטראַן נאָך מעהר פון אַלעמען.

דערנאָך האָט דער מאַרקיז זיך אַנגערופען מיט גרויסער װירדע צו זיין זוהן:

— היינט אבענד וועלען מיר ביידע אהין אריבערגעהן, און איך וועל נאָך אמאָל דעם שידוך פאָרלעגען. אזוי פיליכט וועט זיין ריכטיגער.

V.

גאנטראן איז געווען א ליעבענסווירדיגער חתן. מיט דער הילף פון זיין שוואָגער׳ס געלד האָט ער אלערליי פּרעזענטען זיין כלה געשענקט און האָט זיך כמעט יעדען טאָג מיט איהר געטראָפען ביי איהר אין׳ם הויז, צו ביי מאַדאם האנארא.

פאול האָט איהם איצט אויך אָפט בעגלייט, אום זיך צו טרעפען מיט שארלאָטע׳ן, און נאָך יעדן מאָל זעהן זי, האָט ער זיך א וואָרט געגעבען ניט צו טרעפען זיך מעהר מיט איהר. זי האָט זיך העלדיש פערהאַלטען צו דעם, וואָס איהר שוועסטער געהט הייראַטען גאנטראן׳ען און האָט רוהיג פון דעם גערעדט, ניט ארויסווייזענדיג קיין סימן פון שמערץ. אבער איהר כאַראקטער האָט זיך עטוואָס געענדערט. זי איז געוואָרען וועניגער אָפענהערציג. ברעטיני האָט גערעדט מיט איהר, וועהרענד גאנטראן האָט ערגעץ אין א ווינקעל פערבראַכט מיט זיין כלה.

און אין ברעטיני׳ס האַרצען האָט זיך די דאָזיגע נייע ליעבע אַלץ מעהר און מעהר צופלאַמט. ער האָט עס געפיהלט און זיך דערפאר געשראָקען. ער האָט זיך געזאָגט: אויב אזוי, מוז איך זיך אָפּטראָגען פון דאַנען.

פון איהר איז ער געגאַנגען צו כריסטיאַנע׳ן, וועלכע איז איצט פון אין דער־פריה ביז ביינאַכט אויף דער זאָפע געלעגען.

גלייך ווי ער איז צו איהר אריין, איז ער געוואָרען נערוועז, אויפגערעגט און איז גרייט געווען זיך צו קריעגען מיט איהר, ווי עס פּאַסירט אָפט מיט צוויי מענשען, וואָס הויבען אַן צו דער־

ווייטערען זיך איינער פון דעם אנדערען. אַלסדינג, וואָס זי האָט איצט געזאָגט, וואָס זי האָט איצט געטראַכט; האָט איהם געער־גערט. איהר פערליטענער אויסזעהן, איהר צוקריפּעלטע פיגור, איהרע בעטענדיגע בליקען, האָבען געוועקט בייזע ווערטער אין זייז הארצען און נור אויס אנשטענדיגקייט האָט ער זיי אויף זיינע ליפּען ניט ארויפגעבראַכט. און אין איהר געגענווארט האָט ער אימער געטראַכט וועגען דער יונגער מיידעל, וועלכע ער האָט ערשט פערלאָזען.

ווען כריסטיאַנע, וועלכער האָט וועה געטהאָן, וואָס זי זעהט איהם אזוי ווייניג, האָט איהם מיט פראַגען פערוואָרפען, וואָס האָט ער אַ גאַנצען טאָג געטהאָן, ווענען האָט ער געזעהן, מיט וועמען גערעדט, האָט ער אויסגעטראַכט אַלערליי געשיכטען, צו וועלכע זי האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, אום צו דערגעהן, צו איז ער ניט פערליעבט אין אַן אנדערע פרוי.

זי האָט געפיהלט, אַז זי איז ניט אומשטאַנד איינצוהאַלטען איהם נעבען זיך, זי האָט געפיהלט, אַז זי קען צו איהם ניט רעדען וועגען ליעבע. זי האָט געפיהלט איהר קערפּערליכע אונמעגליכקייט איהם צו געפעלען, איהם אָפּצוגעבען זיך, איהם דורך ליעבע ווידער צו געווינען, און אזוי ווי דורך צערטליכקייט האָט זי איהם ניט גע־קענט צו זיך צובינדען, האָט זי געלעבט אין שטענדיגער מורא, וואָס — ווען, האָט זי ניט געוואוסט. זי האָט נור געפיהלט אַן אונבעשטימטע געפאַהר, אַז עפּעס אַ גרויסע געפאַהר שוועבט אי־בער איהר. זי איז געווען אייפערזיכטיג סתם אין דער וועלט אריין. אייפערזיכטיג צו אַלע פרויען, וואָס זיינען איהרע פענסטער פער־בייגעגאַנגען, צו אַלע פרויען, וואָס האָבען אויסגעזעהן ניט מיאוס. ניט פרעגענדיג זיך גאָר, צי האָט ברעטיגני מיט זיי אַמאָל אַ וואָרט אויסגערעדט. זי האָט איהם אָפּט געפרעגט:

— האָט איהר געזעהן זעהר אַ שעהנע דאַמע, ברונעט, הויך, איך האָב זי פריהער בעמערקט. זי איז, קאַנטיג, דאָ ניט לאַנג?

ווען ער האָט דאן געענטפערט:

„ניין, איך קען זי ניט“, האָט זי פאַרדעכטיגט, אַז ער זאָגט אַ ליגען, איז בלייך געוואָרען און האָט געזאָגט:

— אָבער איהר האָט זי דאָך געמוזט זעהן! זי האָט זיך מיר אויסגעוויזען זעהר שעהן!

ער האָט זי אָנגעקוקט פערוואונדערט:

— אָבער איך שווער אייך, אַז איך האָב זי ניט געזעהן, איך וועל פּרובען, פיליכט וועל איך זי קענען טרעפען.

זי איז געווען אויך איבערצייגט, אַז ער האָט געהאַט ערגעץ דאָ, אין דער געגענד, אַ געהיימע ליעבע, אַ פערהעלטניס פון פּאַריז, אפשר איז די שוישפּיעלערין אהער געקומען. און זי האָט נאָכגעפרעגט ביי דער גאַנצער וועלט, ביי איהר פאַטער, איהר ברודער, איהר מאַן, וועגען אַלע שעהנע פרויען, פון וועלכע מען האָט אין ענגוואַל געוואוסט. ווען זי וואָלט וועניגסטענס געקענט געהן, וואָלט זי איהם נאָכגעגאַנגען, זי וואָלט זיכער אויסגעפונען מיט וועמען ער האָט פערהעלטניסע, און דער געדאַנק, אַז זי טאָר זיך ניט איצט בעוועגען, האָט זי פערצווייפעלט געמאַכט.

ווען זי האָט מיט פּאָול'ן גערעדט, האָט זיך אין דעם טאָן פון איהר שטימע איהר שמערץ געהערט און דאָס האָט איהם אויפגערעגט און נערוועז געמאַכט, און שטאַרק איז איהם דאַן אונאַנגענעהם געווען די דאָזיגע טויטע ליעבע. איבער איין טהעמאַ האָט ער נאָך מיט איהר געקענט רוהיג רעדען, איבער גאָנטראַן'ס צוקונפטיגע חתונה. דאָס האָט איהם אַ געלעגענהייט געגעבען שאַרלאָטע'ס נאָמען אויסצורעדען און וועגען דאָס יונגע מיידעל צו טראַכטען, און בעזונדערס האָט ער געפיהלט אַ זעלטענעם גענוס צו הערען דעם דאָזיגען נאָמען פון כריסטיאַנע'ס מויל אַליין, צו הערען, ווי זי לויבט דאָס דאָזיגע מיידעל, ווי זי ריהמט שאַרלאָטע'ס מעלות און ווי זי בעדויערט, וואָס איהר ברודער האָט דאָס יונגע מיידעל אָפּגענאַרט און ווי זי האָט איהר געוואונשען, אַז עפּעס אַ טיכטיגער, בראַווער מאַן זאָל זיך אין איהר פערליעבען און זי הייראַטען.

ער האט געזאגט:

— יא, גאנטראן איז א נארישקייט בעגאנגען, דאס מיידעל איז דאך אזוי רייצענד!

כריסטיאנע האט דאן מיט בעגייסטערונג אויסגעשריען, ניט האבענדיג קיין שום פערדאכט:

— זי איז א וואהרע פערל, א מערקווירדיגע מיידעל!

קיינמאל איז איהר אויפ'ן זינען ניט ארויף, אז א מאן ווי פאול וועט זיך אין אזא מיידעל פערליעבען און וועט מיט איהר אמאל נאך חתונה האבען.

און כריסטיאנע'ס לויבען זי האט פאר איהם א בעזונדערען ווערטה געהאט און האט נאך מעהר צופלאמט זיין ליעבע צו שארלאטע'ן.

און איינמאל, ווען ער איז געקומען מיט גאנטראן'ען צו מאַ־דאם האנארא, האט ער דארט געטראפען דאקטאר מאצעללי. ער איז דארט געזעסען ווי ביי זיך אין דער־היים. ער האט בעגעגענט ביידע פריינד, געדריקט זיי די הענד און געשמייכעלט צו זיי מיט זיין איטאליענישען שמייכעל, וואס איז געוועזן אזוי הארציג.

גאנטראן, וועלכער האט זיך נאהענט בעפריינדעט מיט איהם, ווייל ער איז געוועזן מיט זיינע געדאנקען און געפיהלען אזוי עהנ־ליך צו איהם, האט זיך אנגערופען מיט א געלעכטער:

— וואס מאכט עפעס אייער שעהנהייט פון וואלד אין סאנ־טוסי?

דער איטאליענער האט א שמייכעל געטהאן:

— אך, צווישען אונז האט זיך אלעס אפגעקיהלט, עס איז איינע פון יענע פרויען, וואס פערשפרעכען פיעל און ניט מעהר.

און מען האט אנגעהויבען צו שוואצען. דער שעהנער דאק־טאר האט מיט די מיידלאך געפלירט, בעזונדערס מיט שארלאטע'ן. ווען ער האט צו פרויען גערעדט, האט זיין שטימע אויסגעדריקט בעוואונדערונג און אין גאנצען ער, האט זיך געדאכט, האט גע־פליסטערט: „איך ליעב אייך!“

דערבײַ האָט ער געהאַט מאַנירען, ווי אַן אַקטריסע, בעוועגונגען ווי אַ טענצערין, בויגיגע זשעסטען ווי אַ פּאַקוסניק, אַ גאַנצע סיסטעם פון נאַטירליכע און געמאַכטע קונצען, מיט וועלכע ער האָט זיך אימער בענוצט.

די פרויען האָט ער איינפאַך בעצויבערט.

ווען פאול האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט גאַנטראַן'ען אין האָטעל, האָט ער אויסגעשריען מיט פעראַכטונג:

— ווי קומט עפּעס דער שאַרלאַטאַן אַהין?

גאַנטראַן האָט פאַרזיכטיג געענטפערט:

— ווער קען וויסען, וואָס אַזוינע אַוואַנטוריסטען זיינען אויסען, ווען זיי קומען אין אַ הויז? אַזוינע מענשען, ווי ער, קריכען אומעדום. אפשר האָבען איהם דערעסען זיין וואַנדער־לעבען און דער הערצאָגין'ס קאַפּריזען. ער איז גיכער איהר קאַמערדיענער, ווי דאָקטאָר. ער זוכט עפּעס. פּראָפעסאָר גלאַשעט'ס טאָכטער וואָלט פאַר איהם געווען אַ היבשע מציאה, האָט ער אָבער, ווי עס שיינט, ביי איהר קיין מזל ניט געהאַט. שאַרלאָטע איז פאַר איהם אויך אַן אוצר, פּרובט ער, שמעקט ער ארום זיך, זוכט ער דאָרט צו פיהלען דעם באָדען. ער וואָלט אויך וועלען פערנעהמען דעם אידיאַט לאַטאָן'ס שטעלע אין מאָנט אַריאַל, און ער וואָלט דאָן ווירקליך דאָ געהאַט זעהר אַ גוטע פּראַקטיק יעדען זומער... יאָ, איך רעכען, אַז דאָס איז ער אויסען. זיכער!

אַ דומפּפער צאָרן, אַן אייפערזיכטיגע פיינדשאַפט האָט ערוואַכט אין פאול'ס הארצען. אַ קול האָט זיך דערהערט:

— העי! העי!

דאָס איז געווען מאַצעללי, וועלכער איז זיי פערבייגעגאַנגען. ברעטיני האָט זיך געווענדעט צו איהם מיט פיינדליכע איראָניע:

— וואוהין לויפט איהר אַזוי שנעל, דאָקטאָר? איהר זעהט אויס, ווי איהר וואָלט זיך נאָכ'ן גליק געיאָגט!

דער דאָקטאָר האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, נור אומגעדרעהט זיך צו זיי מיט אַ שמייכעל, פערדרוקט ביידע הענד אין די קעשענעס

מיט אַ גראַציעזער בעוועגונג, האָט זיי אויסגעקעהרט, געוויזען, אַז זיי זיינען געוועזן לעדיג און געענטפערט:

— דערוויילע האָב איך נאָך דאָס גליק ניט דעריאַגט.

האָט זיך מיט עלעגאַנץ אַ קעהר געטהאָן און איז פערשוואונדען, ווי איינער, וואָס איז זעהר פערנומען.

פון איצט אָן האָבען זיי איהם אָנגעהויבען צו טרעפען אָפטער ביי דאָקטאָר האַנאַראַ אין'ם הויז, וואו ער האָט די אויפמערקזאַמקייט פון די פרויען אויף זיך געצויגען דורך זיין בעזונדערער ליעבענסווירדיגקייט, מיט וועלכער ער האָט אַזוי אויסגענומען ביי דער הערצאָגין. ער האָט שטענדיג געהאָלפען די פרויען אויף זיין בעזונדערען פיינעם אַרט. ער האָט אַלעס גוט געקענט, אַי קאָמפּלימענטען זאָגען, אַי מאַקאַראָנעס קאָכען.

ער איז געוועזן אַן אויסגעצייכענטער קוך און מיט אַ בלויען קיכען־שירץ און מיט אַ פּאַפּיערענעם מיצעל אויפ'ן קאָפּ האָט ער געקאָכט און נעאַפּאָליטאַנישע ליעדער דערביי געזונגען. און אַזוי ליעבענסווירדיג איז דאָס אַלעס ביי איהם ארויסגעקומען, דאָס ער האָט די הערצער פון די פרויען געפאַנגען, אפילו דאָס דיענסט־מיידעל האָט זיך אויך וועגען איהם אויסגעדריקט:

— ער איז אַן אמת'ער כריסטוס!

זיינע פּלענער זיינען באַלד קלאָהר געוואָרען, און פּאָול האָט ניט געצווייפעלט מעהר, אַז ער זוכט שאַרלאָטע'ס האַרץ צו געווינען.

עס האָט אויסגעוויזען, אַז ער האָט ביי איהר ערפאָלג. ער האָט אַזוי צו איהר געשמייכעלט, דאָס דער פּנים ביי דער יונגער מיידעל האָט געלויכטען, ווען זי האָט אויף איהם געקוקט.

דאַן האָט פּאָול, ניט אָפּגעבענדיג זיך קיין רעכנונג אין זיין בענעהמען זיך, גענומען זיין ליעבע איהר ארויסווייזען. אַזוי שנעל, ווי ער האָט דעם דאָקטאָר דערזעהן נעבען איהר, האָט ער געזוכט איהר אויפמערקזאַמקייט צו ציהען אויף זיך און זיין גאַנצער בע־

נעהמען זיך צו איהר האָט דאָן קלאָהר געזאָגט : איך ליעב אייך זעהר !

מאַצעללי איז איבערראַשט געווען פון דעם דאָזיגען אונער־וואַרטעטען געגנער און האָט אַנגעווענדעט זיין גאַנצע קונסט, זיין גאַנצען צויבער צו געווינען שאַרלאָטע'ן.

אַזוי האָבען זיי ביידע איצט געקעמפפט יעדען טאָג, ביידע פיליכט אָהן אַ קלאָהרען, בעשטימטען ציעל, פאַר איין מיידעל, ווי צוויי הינד פאַר אַ שטיק פלייש.

שאַרלאָטע איז איצט ווידער אַזוי פרעהליך געווען ווי אַמאָל, אָבער זי איז פערביסענער געוואָרען, און איהר שמייכעל, און איהר בליק האָבען ניט געלויכטען מיט דער פריהערדיגער אָפענהער־ציגקייט. עס האָט געשיינט, אַז גאַנטראַן'ס האַנדלונג געגען איהר האָט איהר די אויגען געעפענט, אויף אַלערליי מעגליכע ענטוישונ־גען פאַרבערייטעט, זי פערשטענדיגער געמאַכט. זי האָט מיט קלוגען טאַקט בעהאַנדעלט ביידע פערליעבטע, געזאָגט וואָס מען האָט געדאַרפט איינעם, און ניט אָפגעשטויסען דעם אַנדערען. זי האָט זיי ביידען גלייך בעהאַנדעלט, איינעם ניט בעסער און ניט ער־גער פון דעם אַנדערען, האָט זיך פאַר פאָול'ן לוסטיג געמאַכט איבער דעם איטאַליענעם און פאַר דעם איטאַליענעם — איבער פאָול'ן.

און דאָס אַלעס האָט זי געמאַכט אַזוי איינפאַך און נאַטירליך, ווי אַ נאַאיווע מיידעל, ניט ווי אַ קאָקעטקע, מיט יענעם חן פון יונגע מיידלאַך, וואָס בעצויבערט אַזוי.

אָבער פלוצים האָט אויסגעוויזען, אַז מאַצעללי איז געווען דער זיעגער. עס האָט געשיינט, אַז ער איז מיט איהר אינטימער געוואָרען, אַז ער האָט איהר ליעבע געוואונען. ווען ער האָט מיט איהר גערעדט, האָט ער שטיל געשפיעלט מיט איהר זונען־שירם, מיט אַ שטיינגע פון איהר קלייד, און דאָס האָט אַזוי אויפגערעגט פאָול'ן, דאָס ער האָט געפיהלט, ווי אַ וואָרף צו טהאָן זיך מיט די פויסטען אויף דעם איטאַליענער.

און איין מאָל, ביי דעם אַלטען אריאַל איז'ם הויז, ווען ער

האָט גערעדט מיט גאַנטראַן'ען און לואיזע'ן און דערביי די אויגען ניט אַרונטערגענומען פון מאַצעללי'ן, וועלכער האָט דאָרט שטי־לערהייט שאַרלאָטע'ן געשיכטען דערצעהלט. האָט ער פּלוצים בע־מערקט, ווי דאָס מיידעל איז רויט און צומישט געוואָרען און ביי איהם איז קיין צווייפעל ניט געווען, אַז זיין געגנער ערקלעהרט זיך איהר אין ליעבע.

ער האָט דערפיהלט, אַז עס איז איהם שווער זיך צו בע־הערשען און ער האָט זיך געווענדעט צו גאַנטראַן'ען:

— איך בעט דיך, קום מיט מיר אַרויס אויף אַ פּאָר מינוטען!

גאַנטראַן האָט זיך ענטשולדיגט פאַר זיין כלה און איז אַרויס מיט זיין פריינד. אין דרויסען האָט פּאָול אויסגעשריען:

— הער, אונטער קיינע אומשטענדען טאָר מען ניט דערלאָזען, אַז דער פערפלוכטער איטאַליענער זאָל שאַרלאָטע'ן דעם קאָפּ פער־דרעהען.

— וואָס קען איך טהאָן דערצו?

— דו מוזט איהר ערקלעהרען, אַז ער איז אַ שווינדלער, אַן אַוואַנטוריסט...

— וואָס גערט עס מיר אָן?

— אָבער זי וועט דאָך אַמאָל זיין דיין שוועגערין?

— יאָ, אָבער איך זעה ניט איין, אַז מאַצעללי מיינט עפּעס. ער איז מיט אַלע פרויען ליעבענסווירדיג, און ער האָט קיינמאָל ניט געזאָגט און ניט געטהאָן עפּעס אַזוינס, פאַרוואָס מען זאָל איהם דאַרפען טאַדלען.

— אויב דו ווילסט עס ניט טהאָן, וועל איך עס אַליין טהאָן. כאָטש מיך דאַרף עס וועניגער אַרען, ווי דיר.

— דו ביזט פערליעבט אין איהר?

— אַך, ניין. אָבער איך פערשטעה, וואָס דער לומפּ וויל.

— הער נור, דו קימערסט זיך וועגען זאַכען... קורץ, ווען דו ביזט ניט פערליעבט אין שאַרלאָטע'ן...

— ניין, איך ליעב זי ניט, אָבער איך האָס אַזוינע שווינדלער.

— נו, וואָס ווילסטו טהאָן?

— אנפּאַטשען דעם שורקע!

— דאַן וועט זי זיכער זיך אין איהם פערליעבען. איהר וועט זיך שלאָגען, און צי ער וועט דיך פערוואונדען און צי דו איהם, אין איהרע אויגען וועט ער בלייבען דער העלד!

— וואָס דען טהוט מען?

— איך אויף דיין אָרט וואָלט מיט שאַרלאָטע'ן אַלס גוטער פריינד גערעדט, זי האָט פערטרויען צו דיר. אין עטליכע ווערטער וואָלט איך איהר צו פערשטעהן געגעבען, וואָס פאַר אַן אויסוואורף ער איז. איך וואָלט איהר דערצעהלט, ערשטענס, וועגען זיינע פער־העלטניסע מיט דער הערצאָגין, צווייטענס, ווי ער איז נאָכגעלאָפען פּראָפעסאָר גלאַשעט'ס טאָכטער און, דריטענס, וואָלט איך איהר געפרעגט, פאַרוואָס איז זי ביי איהם נומער דריי און ניט נומער איינס.

— אבער וואָרום זאָלסטו עס ניט טהאָן? דו ווערסט דאָך איהר שוואָגער?

— ווייל... ווייל... דו פערשטעהסט דאָך, אַז נאָכדעם, וואָס צווישען מיר און איהר איז פאָרגעקומען... דו פערשטעהסט דאָך. קען איך דאָך ניט...

— דאָס איז אמת, איך וועל מיט איהר אַליין רעדען.

— דו ווילסט גלייך? וועל איך זעהן, אַז דו זאָלסט קענען מיט איהר רעדען.

— יאָ, יאָ, גלייך, גלייך...

— גוט, דאַן געה איצט אַוועק און קום צוריק אין אַ צעהן מי־נוטען אַרום, איך וועל ערגעץ אַוועקשלעפּען לואיזע'ן און מאַ־צעללי'ן און אַז דו וועסט קומען, וועסטו שאַרלאָטע'ן טרעפען אַליין.

פּאָול איז אַוועק צו ענוואַל און האָט אַרומגעטראַכט, ווי ער זאָל דעם שווערען געשפּרעך אָנהויבען.

און, ווירקליך, ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט, האָט ער געטראָפען שאַרלאָטע'ן אין דעם געקאַלכטען צימער פון איהר פאַטער'ס הויז אליין. ער האָט זיך געזעצט און געזאָגט:

— פריילין, איך האָב גאַנטראַן'ען געבעטען, ער זאָל מיר פער־שאַפען אַ מעגליכקייט צו רעדען מיט אייך אונטער פיער אויגען.

זי האָט איהם אַנגעקוקט מיט פערוואונדערטע אויגען:

— וועגען וואָס?

— איך וויל מיט אייך רעדען אַלס גוטער פריינד אייערער...

און ער האָט גענומען רעדען וועגען זיינע ערפאַהרונגען און וועגען דעם, ווי ווענינ זי קען די וועלט און די מענשען, האָט איהר פערשטעהן געגעבען, ווי פאָרזיכטיג זי דאַרף זיין מיט מאַנכע מענ־שען, וואָס זיינען דורכגעטריבענע אוואַנטוריסטען, וועלכע זוכען צו פערדרעהען די קעפּ נאַאיווע מיידלאַך.

זי איז עטוואָס בלייך געוואָרען און האָט זיך צוגעהערט ערנסט און אויפמערקזאַם.

דאַן האָט זי געזאָגט:

— איך פערשטעה און פערשטעה אייך ניט. איהר רעדט פון אַ בעשטימטער פערזאָן, פון וועמען?

— איך רעד פון דאָקטאָר מאַצעללי.

זי האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגען. אַ ווײַלע האָט זי גע־שוויגען, דאַן האָט זי געזאָגט מיט אַ ציטערענדער שטימע:

— איהר זייט אָפען מיט מיר, וועל איך מיט אייך אויך זיין אָפען. זייט... זייט... דער פערלאָבונג פון מיין שוועסטער, בין איך עטוואָס... עטוואָס אַנדערש געוואָרען, ניט אַזוי נאַריש, ווי פריהער, און דאָס, וואָס איהר האָט מיר איצט געזאָגט, האָב איך אליין פערשטאַנען. אָבער מיך האָט אַמוזירט צו זעהן, ווי אַזוי ער שפּיעלט דעם „פערליעבטען“.

זי האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבען און אין איהר שמייכעל, אין איהר בליק, אין דעם פייכטען בלישצען פון איהרע צייהן, וואָס האָבען זיך צווישען איהרע ליפּען בעוויזען, איז אַזוי פיעל ליעבענס־

ווירדיגקייט געלעגנע, אזא פרעהליכע שטיפעריי, דאס פאול האט פלוצים דערפיהלט יענעם אנפאל פון משוגענער ליידענשאפט צו איהר, וואס האט איהם אין גאנצען געמאכט ציטערען. און זיין הארץ האט געקלאפט, ער האט געפיהלט, אז מאצעללי איז ניט דער זיעגער, נור ער, און ער האט געפרעגט:

— אלזא, איהר ליעבט איהם ניט?

— ועמען, מאצעללי?

— יא.

זי האט איהם אנגעקוקט מיט אזוינע טרויעריגע אויגען, דאס ער האט זיך דערפיהלט טיעף גערוהרט, און ער האט ארויסגעשטאמעלט מיט א בעטענדיגער שטימע:

— איהר ליעבט קיינעם ניט?

זי האט ארונטערגעלאזט די אויגען און שטיל געענטפערט:

— איך ווייס ניט, איך ליעב יענע, וועלכע האבען מיך ליעב.

און פלוצים האט ער א כאפ געטהאן איהרע הענד און זיי בעדעקט מיט ברענענדיגע קושען אין איינעם פון יענע מינוטען פון ליידענשאפט, ווען מען פערלירט דעם פערשטאנד, ווען די ווערטער, וואס די ליפען רעדען ארויס, קומען מעהר פון די ציטערענדיגע נערוועז, ווי פון דעם פערשטאנד, און ער האט געשטאמעלט:

— אבער איך ליעב אייך, שארלאטע, איך!

זי האט שנעל ארויסגעריסען איינע פון איהרע הענד, פערשטעלט איהם דעם מויל און ארויסגעפליסטערט:

— אה, שווייגט, שווייגט. עס וועט מיך זעהר וועה טהאן, ווען דאס וועט אויך זיין א ליגען!

ער האט זיך אויפגעהויבען, א כאפ געטהאן זי אין זיינע ארעמס און זי ליידענשאפטליך געקושט.

עס האט זיך דערהערט א גערויש. זיי זיינען אפגעשפרונגען איינער פון'ם אנדערען. דער אלטער אריאל איז געשטאנען פאר זיי און האט געקוקט צוטומעלט. דערנאך האט ער אויסגעשריען:

— דער טייפעל זאָל מיך נעהמען, דער טייפעל זאָל מיך נעהמען, אַזאַ שאַרלאַטאַן!

שאַרלאָטע איז אַרויסגעלאָפען, און דיביידע מענער זיינען געבליבען שטעהן איינער געגען אַנדערען. דערנאָך האָט פאָול אַרויסגערעדט:

— איך גיב צו, הערר אַריאַל, אַז איך האָב זיך בענומען, ווי... ווי אַ...

אָבער דער אַלטער האָט איהם ניט געוואָלט הערען. מיט צורנויפגעדריקטע פויסטען האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהם און געשריען:

— דער טייפעל זאָל מיך נעהמען, אַזאַ שאַרלאַטאַן!

און דערנאָך, ווען זיי זיינען אַזוי נאָהענט געשטאַנען איינער געגען אַנדערען, דאָס זיי האָבען זיך כמעט מיט די נעזער אָנגעשלאָגען, האָט דער אַלטער אַריאַל מיט זיינע שטאַרקע פויערשע הענד איהם ביים קראַגען אָנגעכאַפּט. אָבער פאָול, וועלכער איז אויך געוועזען זעהר שטאַרק, פיזיש גוט ענטוויקעלט דורך די אַלערליי ספּאָרטס, מיט וועלכע ער האָט זיך בעשעפטיגט, האָט זיך אַ ריס געטהאָן פון איהם און אַזאַ שטויס געטהאָן איהם פון זיך, דאָס דער אַלטער אַריאַל האָט זיך ווי צו דער וואַנד צוגעקלעפּט.

הערר אַריאַל, פון שלאָגען זיך וועט גאָר נישט אַרויסקומען — האָט פאָול זיך אָנגערופען — אמת, איך האָב אייער טאָכטער געקושט, אָבער עס איז דאָס ערשטע מאָל, און איך שווער אייך, אַז איך וויל זי הייראַטען.

דער אַלטער האָט צורייצט אַרויסגעשטאַמעלט:

— איהר וועט וואַרטען אַ ווײַלע, בעטריגער! איהר לויפט נאָך די טאָכטער, ווייל איהר ווילט דעם פאָטער'ס געלד. איהר וועט עס ניט קריגען, בעטריגער וואָס איהר זייט!

און אין פערצווייפעלטע לאַנגע ווערטער האָט ער, סאָפּענדיג, אויסגעגאָסען אַלסדינג, וואָס ער האָט אויף'ן האַרצען געהאַט. ער האָט ניט געקענט פערגעסען דעם נדן, וואָס ער האָט זינ עלטערער

טאָכטער פערשפּראָכען, די וויין־גערטנער און די שטיקער לאַנד, וואָס ער וועט דאַרפען אַ פּרעמדען מאַן אָפּגעבען. ער האָט גע־האַלטען, אַז אַנדערמאַט האָט עס ביי איהם אויסגענאַרט און איצט האָט ער אויסגעגאָסען זיין גאַנצע גאַל אויף די שווינדלער, איבער וועלכע ער האָט זיין שלאָף פערלאָרען. ער האָט געמאַכט אַן איינ־דורק, ווי ער וואָלט זיך געקלאָגט, אַז אַנדערמאַט און זיין פאַ־מיליע און זיינע פריינד האָבען איהם בערויבט, אָפּגענומען ביי איהם זיינע שטיקער לאַנד, זיינע קוואַלען, זיין טאָכטער, און די דאָזיגע פאָרווירפען האָט ער פאָול'ן אין פּנים געשליידערט און איהם בעשולדיגט, אַז ער איז אויך אַ שווינדלער, אַז ער וויל זיין טאָכטער הייראַטען, מחמת ער וויל זיינע פעלדער ביי איהם אוועק־רייבען.

פאָול, וועלכער האָט די גרויסע פערלאָרען, האָט גענומען אויף איהם שרייען:

— עס איז אַ גאָט־פערדאַמט שווינערייי! איך בין רייכער פון אייך, איך קען אייך נאָך געלד געבען, איהר פערשטעהט?

דער אַלטער האָט זיינע אויערען ניט געוואָלט גלויבען און ער איז אַנשווייגען געוואָרען. דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבען זיינע בעשולדיגונגען מיט אַ מעהר רוהיגער שטימע.

אָבער פאָול האָט איהם ווייטער ניט געלאָזט רעדען און איהם ערקלעהרט, אַז ער וועט שאַרלאָטע'ן הייראַטען אין גאַנצען אָהן געלד.

דער אַלטער אַריאַל האָט געשאָקעלט דעם קאָפּ. ער האָט ניט געוואָלט גלויבען, אַז פאָול, וועלכער איז אין זיינע אויגען געווען אַן אָרימאַן, מיינט עס ערנסט. דאַן האָט ברעטיני במעט מיט פערצווייפלונג אויסגעשריען:

— אָבער, אַלטער אָקס וואָס איהר זייט, איך האָב דאָך מעהר ווי הונדערט און צוואַנציג טויזענד פראַנק יעהרליכען איינקונפט, איהר פערשטעהט, אַן איינקונפט פון דריי מיליאָן!

דאָ האָט דער אַלטער פּלוצים געפרעגט:

— וועט איהר דאס אויף פאפיער אויפשרייבען?

— גוט, איך וועל דאס אויף פאפיער אויפשרייבען.

— און איהר וועט אייער נאמען אויך אונטערשרייבען?

— איך וועל מיין נאמען אונטערשרייבען.

— אויף געשטעמפעלטען פאפיער?

— זאל זיין אויף געשטעמפעלטען פאפיער.

דא איז דער אלטער צוגעגאנגען צו זיין שראנק, געעפענט און ארויסגענומען צוויי בויגען געשטעמעלטען פאפיער, אויפגעזוכט דעם אפמאך וואס ער האט מיט א פאר טעג צוריק מיט אנדערמאט'ן געשלאסען, און אויפגעשריבען א מין משונח'דיגען אפמאך וועגען חתונה מיט שארלאטע'ן, אין וועלכען עס זיינען דערמאנט געווארען די דריי מיליאנען, פאר וועלכע ברעטיני האט גאראנטירט און פאול האט זיך געמוזט אונטער דעם אונטערשרייבען.

וואן פאול האט דעם פויער פערלאזען, האט זיך איהם אויסגעוויזען, ווי די ערד וואלט זיך אונטער זיינע פיס געוויעגט. גאר אונגעריכטערהייט איז ער א חתן געווארען דורך א נארישען צופאל. און ער האט געמורמעלט:

— אזא משוגעת.

דאן האט ער א טראכט געטהאן:

— אבער קיין בעסערע פרוי וואלט איך אויף דער גאנצער וועלט ניט געפונען!

און טיעף אין'ם הארצען האט ער זיך געפיהלט גליקליך פון דעם דאזיגען צופאל.

VI.

יענער טאג האט זיך אנגעפאנגען זעהר טרויעריג פאר אנדערמאט'ן. ווען ער איז קור־הויז געקומען, האט ער זיך דערוואוסט, אז אברי־פאוסטער איז אין דער נאכט געשטארבען פון

אפאפלעקסיע. פאר אנדערמאט'ן איז דאס געווען זעהר א שלעכטע בשורה. אויסער דעם, וואס דער אינזשעניר מיט זיין קענטניס און ליעבע פאר דעם קור־ארט, וועלכען ער האט בעטראכט ווי זיין קינד, איז געווען זעהר א נויטיגער מענש, איז עס געווען ניט אנגענעהם, וואס א קראנקער, אנשטאט געזונד צו ווערען פון די בעדער, איז אין מיטען סעזאן אויף אזא אופן געשטארבען און דוקא אין א מאמענט, ווען די בעדער האבען אנגעהויבען א נאמען צו קריגען.

דער באנקיר איז געווען זעהר אויפגערעגט, איז ארייגעלאפען אין דאס צימער פון דאקטאר לאטאן, האט איהם דארט ניט גע־טראפען און איז צוריק פון דארט ארויסגעלאפען. ער האט גע־וואלט, אז דאקטאר לאטאן זאל אנגעבען פאר דער וועלט אן אנ־דער אורזאך פון דעם אינזשעניר'ס טויט, מען זאל מאכען גלויבען דעם עולם, אז אברי־פאוסטער איז געשטארבען פון עפעס אן אונ־גליקליכען צופאל. מיט אונגעדולד האט ער אויפ'ן דאקטאר גע־ווארט.

פלוצים איז דאקטאר לאטאן ערשיענען, בלייך און צוטראגען. ער האט זיך גלייך געווענדעט צום באנקיר:

— האט איהר שוין געהערט וועגען דעם אונגליק?

— אז אברי־פאוסטער איז געשטארבען? געוויס.

— ניין, ניין, ניט דאס מיין איך. דאקטאר מאצעללי איז אנטלאפען מיט פראפעסאר גלאשעט'ס טאכטער.

אנדערמאט האט זיך א צאפעל געטהאן:

— וואס רעדט איהר?

— יא, הערר פרעזידענט, עס איז א שרעקליכער אונגליק פאר אונז.

ער האט זיך געזעצט, אפגעווישט דעם שוויס פון'ם שטערן און דערצעהלט, ווי אזוי דאס איז געשעהן, לויט פעטרוס מארטעל'ס מיטהיילונג, וועלכער האט די אלע איינצעלהייטען זיך דערוואוסט פון דעם פראפעסאר'ס דיענער.

מאצעללי איז די גאנצע צייט איהר נאכגעלאפען. זי, די שעהנע

רויט־האָאַריגע אַלמנה, איז געווען אַ גרויסע קאָקעטקע. איהר ער־שטער מאַן איז געשטאָרבען פון שווינדזוכט, וואָס ער האָט גע־קראָגען, ווי מען זאָגט, פון איהר צו גרויסער ליעבע. פּראָפעסאָר גלאַשעט, וועלכער האָט זיך דערוואוסט, וואָס פאַר אַ פויגעל דאָק־טאָר מאַצעללי איז, האָט, נאַטירליך, ניט געוואָלט האָבען אַזאַ אַוואַנטוריסט פאַר אַן איידים. און איין מאָל, ווען ער האָט איהם געטראָפען צו די פיס פון זיין טאָכטער, האָט ער איהם פון'ם הויז אַרויסגעטריבען. מאַצעללי האָט זיך אָבער צוריקגעקעהרט ניט דורך דער טהיר, נור דורך'ן פענסטער, דאָס הייסט, ער האָט זי בע־זוכט פער'גנב'עטערהייט, ביז זי איז מיט איהם אַנטלאָפען.

דאָקטאָר לאַטאַן האָט זיך אויפגעהויבען און זיך אָנגעשפּאַרט אַן דעם קאַמין, ווערענד אַנדערמאַט האָט אויפגערעגט געשפּרייזט איבער'ן צימער הין און צוריק.

דער דאָקטאָר האָט אויסגעשריען:

— בעדענקט נאָר: אַ דאָקטאָר, אַ דאָקטאָר זאָל אַזאַ זאַך טהאָן! אַזאַ כאַראַקטערלאָזיגקייט!

אַנדערמאַט איז געווען פערצווייפעלט. דער דאָזיגער סקאַנ־דאַל — האָט ער געטראַכט — איז אַ צוגאָב צו דעם אינזשעניר'ס טויט. אומעדום וועט מען רעדען פון דעם, מען וועט פון דעם שרייבען אין די פּאַריזער צייטונגען. פּראָפעסאָר גלאַשעט וועט פאַר שאַנדע דעם פּלאַץ פערלאָזען, און דאָס איז אַ גרויסער שאַד. די הערצאָגין און דער הערצאָג וועלען איצט אויך פון דאַנען אַוועק־פאָהרען, און דאָס איז נאָך אַ גרעסערער פערלוסט. יאָ, דאָקטאָר לאַטאַן איז גערעכט, עס איז אַ גרויסער אונגליק! אָבער ווען מען זאָל געשיקט אַרבייטען, וועט מען פיללייכט קענען מאַכען, אַז דער דאָזיגער סקאַנדאַל זאָל זיין נאָך אַ גרויסע רעקלאַמע פאַר דעם פּלאַץ. אַ פערליעבט פּאָרל איז אַנטלאָפען. מיט אַ האַלב דור־צענד קלוג־אָנגעשריבענע נאָטיצען אין די פיעל־געלעזענע צייט־טונגען, וועט מען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם עולם אויף מאַנט אַריאַל ציהען.

דא האט זיך דער באנקיר געווענדעט צו דאקטאר לאטאן:

— געהט גלייך אין ספלענדיד האטעל און שטעלט אוים אזא מויטען־שיין פאר אברי־פאוסטער, דאס עס זאל קיינעם ניט איינ־פאלען, אז ער איז פון אפאפלעקסיע געשטארבען.

דאקטאר לאטאן האט זיין הוט גענומען און פלוצים געזאגט:

— יא, איך האב נאך א נייעס געהערט: אייער פריינד פאול ברעטיני איז א חתן געווארען פאר שארלאטע אריאל.

אנדערמאט האט זיך א כאפ געטהאן:

— וואס? ווער האט עס אייך דערצעהלט?

— פעטרוס מארטעל, דער אלטער אריאל האט עס איהם דערצעהלט.

אנדערמאט האט ארויסגעמורמעלט:

— עס איז גאנץ מעגליך, די לעצטע צייט איז ער פון איהר ניט אפגעטראטען. זעהט איהר, דאס האלט געווען פאר אונז זעהר גוט. דאן וואלט מאנט אריאל אין גאנצען צו אונז בעלאנגט, אין גאנצען. איך מוז דאס גלייך אויסגעפינען!

און ער איז ארוים מיט'ן דאקטאר. ער האט פאול'ן געוואלט זעהן און געמיינט, אז ער וועט איהם אין'ם האטעל טרעפען.

ווען ער איז אין האטעל געקומען, האט מען איהם געזאגט, אז זיין פרוי האט זיך עטליכע מאל וועגען איהם נאכגעפרעגט. ער איז אוועק צו איהר און זי געטראפען אין'ם בעט. זי האט גערעדט מיט איהר פאטער און ברודער, וועלכער האט שנעל און צוטראגען די צייטונג דורכגעקוקט. זי האט געפיהלט שלעכט, זעהר שלעכט, און איז געווען אונרוהיג. זי האט עפעס מורא געהאט און ניט גע־וואוסט פארוואס. זי האט געוואלט נאך דאקטאר בלעק שיקען, ווייל צו דאקטאר לאטאן האט זי איהר גאנצען צוטרויען פערלארען צוליעב די שטענדיגע וויצען, וואס מען האט איבער איהם גע־מאכט.

אלערליי מורא'דיגע געדאנקען האבען זי געמוטשעט פון אין דער־פריה ביז ביינאכט, ווי יעדער פרוי, איידער זי דארף געלעגען

ווערען. זיים נעכטען האָט זי זיך איינגערעדט צוליעב אַ חלום, אַז דאָס קינד ביי איהר ליגט ניט אויף'ן ריכטיגען אָרט און אַהן אַן אָפּעראַציאָן וועט זי עס ניט געבאָרען. און אין איהרע געדאַנ־קען האָט זי דורכגעלעבט די דאָזיגע אָפּעראַציאָן, וואָס מען האָט איהר געמאַכט. זי האָט זיך געזעהן ליגען אויפ'ן רוקען מיט אַן אויפגעשניטענעם לייב, אין אַ פערבלוטיגטען בעט, ווערהענד מען האָט עפּעס רויטעס פון דאָרט ארויסגענומען, וואָס האָט זיך ניט בעוועגט, וואָס האָט ניט געשריען, וואָס איז געווען טויט. און יעדע ווײלע האָט זי די אויגען צוגעמאַכט, אום דאָס דאָזיגע שרעקליכע בילד ווידער פאַר זיך צו זעהן, אום ווידער די מורא'דיגע יסורים דורכצולעבען.

דאַן האָט זי זיך איינגערעדט, אַז נור דאָקטאָר בלעק וועט איהר די וואהרהייט זאָגען און זי האָט פערלאַנגט, מען זאָל גלייך נאָך איהם שיקען, גלייך, גלייך !...

אַנדערמאַט, וועלכער איז זעהר צוטראָגען געווען, האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל ענטפערען.

— אָבער, קינד — האָט ער זיך אָנגערופען — דאָס איז דאָך אונמעגליך פאַר מיר, פערגעס ניט מיינע בעציהונגען צו דאָקטאָר לאַטאַן, דאָס איז דאָך אונמעגליך. ווייסטו וואָס, איך האָב אַ געדאַנק, איך וועל גאָר פּראָפעסאָר מאָס־רוססעל רופען, ער איז הונדערט מאָל אַ גרעסערער דאָקטאָר, ווי דאָקטאָר בלעק, ער וועט קומען, ער וועט מיר ניט אָפּזאָגען.

אָבער זי האָט זיך איינגעשפּאַרט, זי וויל נור דאָקטאָר בלעק, זי מוז איהם זעהן, נור איהם, איהם, ניט קיין אַנדערען.

דאַן האָט אַנדערמאַט געוואָלט, זי זאָל טראַכטען וועגען עפּעס אַנדערש און האָט זיך אָנגערופען:

— האָסטו געהערט, אַז דער אינטריגאַנט, דאָקטאָר מאַצעללי, איז די נאַכט אַנטלאָפען מיט פּראָפעסאָר גלאַשעט'ס טאָכטער? זיי זיינען אַנטלאָפען, ווייסט זיי דער טייפעל, וואוהין!

זי האט זיך אויף די קישען אויפגעהויבען מיט א צוקרימטען פנים פאר וועהטאג און ארויסגעשטאמעלט:

— אך, די ארימע הערצאגין, די ארימע פרוי, איך האב מיטלייד מיט איהר!

זייט א געוויסער צייט האט זי מיט איהר הארצען, מיט איהר ליידענשאפטליכען אויסגעמוטשעטען הארצען, געפיהלט, וואס דאס מיינט פאר א פרוי, ווען דער געליעבטער פערלאזט זי. זי האט דאס אייגענע געליטען וואס די הערצאגין, די זעלביגע טרעהרען פערגאסען, וואס יענע.

אבער זי האט באלד ווידער אנגעהויבען:

— וויליאם, דו מוזט מיר דאקטאר בלעק רופען, איך פיהל, אז איך וועל שטארבען, אויב ער וועט ניט קומען.

אנדערמאט האט איהר האנד גענומען און זי צערטליך א קוש געטהאן:

— קינד, קינד, איך בעט דיר, זיי דאך פערנינפטיג.

ער האט דערזעהן טרעהרען אין איהרע אויגען און זיך געווענדעט צום מארקיז:

— ליעבער פאפא, דו טהו דאס, איך קען ניט. בלעק קומט דא יעדען טאג, א זייגער איינס צו דער פרינצעסין דע מאלדענבורג, היט איהם אפ און רוף איהם צו דיין טאכטער. נאך א שטונדע קענסטו דאך ווארטען, כריסטיאנע, ניט אמת?

זי האט איינגעוויליגט צו ווארטען נאך א שטונדע, אבער צום פריהשטיק אויפשטעהן האט זי זיך אפגעזאגט. זיינען די הערדען אוועק אין עס־צימער אהן איהר.

פאול איז שוין דארט געווען. ווען אנדערמאט האט איהם דערזעהן, האט ער זיך אנגערופען:

— הערט נור, וואס מען האט מיר ערשט דערצעהלט, איהר ווילט הייראטען שארלאטע אריאל, איז דאס אמת?

דער יונגער מאן האט האלב שטיל געענטפערט. דערביי האט ער אן אונרוהיגען בליק געווארפען אויף דער צוגעשלאסענער טהיר.

— יאָ.

און אזוי ווי קיינער האָט נאָך דערפון ניט געוואוסט, זיינען אַלע דריי מענער געבליבען פאר איהם שטעהן מיט אָפענע מיילער. אנדערמאַט האָט געפרעגט:

— אָבער וואָס איז אייך פּלוצים איינגעפאַלען צו הייראַטען ביי אייער גרויסען פערמעגען? איהר, וועלכער קען האָבען פיעל פּרויען, זאָל זיך פערדרעהען מיט איינער? און נאָך מיט אַזאַ פאַמיליע, ווי אריאַלס, מיט פּויערים. זעהט איהר, ווען גאָנטראַן טהוט עס, איז אַן אַנדער זאַך, ער האָט ניט קיין דרייער ביי דער נשמה.

פּאָול האָט זיך צולאַכט:

— מיין פאָטער איז אויך ניט געוועזען קיין זעהר גרויסער אַריסטאָקראַט, זיין געלד האָט ער פערדיענט פון האַנדלען מיט מעהל, ער איז געווען, אַלזאָ, אַ מילנער. ווען איהר וואָלט איהם געקענט, וואָלט אייך דער שידוך מיט אַריאַל׳ן אַנגעשטאַנען. אָבער וואָס זאָגט איהר צו שאַרלאָטע׳ן?

אנדערמאַט האָט איהם געענטפערט:

— אָה, זי איז רייצענד, אַ מיידעל אַ פּערל, און ווייסט איהר, זי וועט זיין אַזוי רייך, ווי איהר, אויב ניט רייכער, דאָס פערשפּרעך איך אייך, איך פערשפּרעך דאָס אייך.

גאָנטראַן האָט ארויסגעברומט:

— דאָס, וואָס דו ביזט פערלאָבט, איז נאָך ניט אַזוי געפעהרליך, קענסט נאָך חרטה האָבען. אָבער זאָג נור, ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט?

פּאָול האָט זיי דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, נאָר אַביסעלע אַנדערש. ער האָט גערעדט פון זיין ליעבע און פון זיינע צווייפלען און פון זיין פּלוצים׳דיגען בעשלוס צו הייראַטען זי, ווען זי ליעבט איהם נור. ער האָט דערצעהלט ווי דער אַלטער אַריאַל איז פּלוצים אריינגעקומען, ווי ער איז איהם בעפאַלען, ווי יענער האָט ניט געגלויבט, ווען ער, פּאָול, האָט איהם געזאָגט, אַז ער איז

רייך און ווי ער האט פון׳ם שראנק דאס געשטעמפעלטע פאפיער ארויסגענומען.

אנדערמאט איז שיער צופלאצט געווארען פאר געלעכטער און האט געשריען:

— מיט׳ן געשטעמפעלטען פאפיער האט ער עס מיר נאכ־געמאכט!

מיט אמאל איז פאול צומישט געווארען און האט ארויסגע־שטאמעלט:

— אבער אייער פרוי דערצעהלט עס ניט; איך וועל איהר אליין עס דערצעהלען.

גאנטראן האט אנגעקוקט זיין פריינד מיט א מאדנעם שמייכעל, וועלכער האט געשיינט צו רעדען: „אזוי וועט עס זיך ענ־דיגען, אהן ליארעם און געפילדער".

ער האט פארגעשלאגען:

— ווען דו ווילסט, פאול, וועלען מיר נאך פריהשטיק געהן צו איהר און דו וועסט עס איהר דערצעהלען.

זייערע אויגען האבען זיך צונויפגעטראפען, און פאול האט געענטפערט גלייכגילטיג:

— יא, געוויס, זעהן גערן...

א בעדיענטער פון׳ם האטעל איז ערשיענען און האט געמעל־דעט, אז דאקטאר בלעק איז נור־וואס צו דער פרינצעסין געקומען. און גלייך איז דער מארקיז אוועק איהם זעהן. ער האט דעם דאק־טאר ערקלעהרט די לאגע, די פערלעגענהייט, אין וועלכער ער און זיין איידים האבען זיך געפונען אין בעצוג צו דאקטאר לאטאן, האט איהם איבערגעגעבען דעם וואונש פון זיין טאכטער, און דאקטאר בלעק האט איינגעוויליגט צו געהן מיט איהם צו איהר.

ווי נור דער קליינער דאקטאר מיט׳ן גרויסען קאפ איז צו כריסטיאנע׳ן אין צימער אריינגעקומען, האט זי זיך אנגערופען:

— פאפא, זיי אזוי גוט, לאז אונז אליין.

און דער מארקיז איז גלייך פון איהר צימער ארויס.

דאַן האָט זי דעם דאָקטאָר דערצעהלט וועגען איהר אונרוה, איהר מורא און איהרע חלומות מיט אַ שטילער, ווייכער שטימע, ווי זי וואָלט פאַר איהם וידוי געזאָגט. און דאָקטאָר בלעק האָט זי אויסגעהערט, ווי אַ פריעסטער. דערביי האָט ער מאַנכעס מאָל אַנגעשטעלט אויף איהר זיינע גרויסע, רונדע אויגען און מיט׳ן קאָפּ צו איהר געמאַכט, אַזוי ווי ער וואָלט געמיינט צו זאָגען: „איך וויים, איך וויים, און ווען איהר ווילט, מאַך איך אייך געזונד״.

ווען זי איז פאַרטיג געוואָרען, האָט ער פון זיין זייט זי אָנ־געפאַנגען אויסצופרעגען וועגען איהר לעבען, איהרע געוואָהנהיי־טען און וועגען די בעהאַנדלונגען פון איהר דאָקטאָר. מאַנכעס מאָל האָט ער געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט איינפערשטאַנדען געווען מיט איהר דאָקטאָר און מאַנכעס מאָל האָט ער אונצופריעדען געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט געגען איהר דאָקטאָר פּראָטעסטירט.

ווען זי האָט פאַר איהם אויסגעדריקט איהר מורא, טאָמער ליגט דאָס קינד ניט אויפ׳ן ריכטיגען אָרט, האָט ער מיט די שע־מעוודיגקייט פון אַ פריעסטער זי בעטאַפּט דורך דער דעקע און דאַן האָט ער ערקלעהרט:

— ניין, זעהר גוט!

זי האָט געפיהלט, ווי איהם אויפ׳ן האַלז זיך אַ וואָרף צו טהאָן. אָך, וואָס פאַר אַ גרויסער דאָקטאָר ער איז!

ער האָט גענומען אַ שטיק פּאַפּיער פון׳ם טיש און אָנגע־שריבען אַ רעצעפּט. זעהר לאַנג האָט ער איהם געשריבען. דער־נאָך איז ער צוגעגאַנגען צו איהר בעט און האָט אָנגעהויבען מיט אַ גאַנץ אַנדער טאָן צו פּלוידערען. ער האָט געהאַט אַ טיעפע, גרויסע שטימע, און גערעדט וועגען אַלעס אין דער וועלט, בעזונ־דערס וועגען דעם שידוך צווישען גאַנטראַן און לואיזע אַריאַל. דאַן האָט ער געזאָגט מיט אַ זיסליכען שמייכעל:

— און האָט איהר געהערט, אַז ברעטיני געהט חתונה האָ־בען מיט שאַרלאָטע אריאל? דער אַלטער אריאל האָט עס דער־צעהלט.

זי האָט שיער ניט גע'חלש'ט. אונטער די שפּיצען פון די פינגער איז איהר קאַלט געוואָרען, אין דער ברוסט, אין די פיס, עס איז איהר מורא'דיג געוואָרען און זי האָט געשטאַמעלט:

— וואָס, דער אַלטער אריאל האָט עס דערצעהלט?

— יאָ, יאָ, מיט צעהן מינוטען צוריק האָט ער עס מיר דער־צעהלט. ברעטיני איז קאָנטיג זעהר רייך און דאָס מיידעל האָט ער געליעבט שוין זייט אַ היבשע צייט. איבעריגענס, האָט מאַדאַם האַנאַרא דיביידע שידוכים אויסגעפיהרט. אין איהר הויז האָבען זיך די יונגע לייט מיט די מיידלאַך געטראָפען.

כריסטיאַנע האָט די אויגען צוגעמאַכט. זי איז אין חלשות געפאַלען.

דער דאָקטאָר האָט גערופען דאָס קאַמער־מיידעל, דאַן זיינען אריינגעלאָפען דער מארקיז, גאַנטראַן און אַנדערמאַט, וועלכע האָבען עסיג געבראַכט, פּאַרפיומען און צוואַנציג אַנדערע אוג ניצליכע זאַכען.

פּלוצים האָט די יונגע פרוי זיך אַ ריהר געטהאָן, די אויגען געעפענט, אויפגעהויבען איהרע ביידע אָרעמס און אַרויסגעלאָזען אַ הערצרייסענדען געשריי. זי האָט געפּרובט רעדען און געשטאַ־מעלט:

— אַך, טהוט דאָס וועה! טהוט דאָס וועה! מיין גאָט, טהוט דאָס וועה! עס צורייסט מיך! אַה, מיין גאָט, מיין גאָט!

און זי האָט ווידער אָנגעהויבען צו שרייען. די ערשטע ווע־הען זיינען אָנגעקומען. אַנדערמאַט איז אוועקגעלאָפען צו דאָק־טאָר לאַטאַן. ער האָט איהם געטראָפען און אויסגעשריען:

— קומט שנעל, מיט מיין פרוי האָט עפּעס אַן אונגליק פּאַ־סירט, שנעל!

דאַ איז איהם איינגעפאלען אַ ביטרער געדאַנק. ער האָט איהם דערצעהלט, אַז דאָקטאָר בלעק איז גראָד דאַן געווען אין׳ם האָטעל, ווען זי האָט די ערשטע וועהען בעקומען און דער מאַר־קיז האָט איהם אריינגערופען. דאָקטאָר בלעק האָט איהם אויך גע־זאָגט דעם זעלבינען ליגען: ער איז געווען ביי דער פרינצעסין, ווען מען האָט איהם געמעלדעט, אַז מאַדאַם אַנדערמאַט פיהלט זעהר שלעכט, איז ער נאַטירליך גלייך צו איהר אריינגעלאָפען.

אַנדערמאַט איז געווען פערצווייפעלט, האָט זיך ניט גע־וואָלט פערלאָזען אויף די ביידע דאָקטוירים און איז אַוועקגעלאָפען צו פּראָפעסאָר מאַסס־רוססעל און האָט איהם איינגעבעטען צו געהן.

ווען דער פּראָפעסאָר איז אריינגעקומען, האָבען ביידע דאָק־טוירים איהם מיט דרך־ארץ בעגעגענט. דערביי האָבען ביידע כמעט אין איין צייט צו איהם גערעדט:

— הערר קאָלעגע, די זאַך איז אַזוי... הערר קאָלעגע, דענקט איהר ניט אויך אַז... זאָל מען פיליירט, הערר קאָלעגע...?

אַנדערמאַט האָט שיער דעם פערשטאַנד ניט פערלאָרען פון זיין פרוי׳ס קרעכצען, האָט געמוטשעט דעם פּראָפעסאָר מיט אַלערליי פראַגען און איהם גערופען: פיעל געשעצטער הערר געהיימראַט.

כריסטיאַנע, וועלכע איז געלעגען כמעט נאַקעט פאַר די מענער, האָט מעהר גאָר נישט געזעהן, מעהר גאָר נישט געוואוסט, מעהר גאָר נישט געטראַכט. זי האָט מורא׳דיג געליטען. אַלע גע־דאַנקען זיינען פון איהר קאָפּ ווי אָפּגעווישט געוואָרען. עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, ווי מען וואָלט אַ לאַנגע זעג אין איהר לייב אריינגעלאָזט, אין איהר רוקען, אין די זייטען, וועלכע האָט איהר די ביינער, די מוסקולען לאַנגזאַם געריסען.

ווען די וועהען האָבען אויף אַ ווייַלע אָפּגעלאָזען און זי איז ווידער צו זיך געקומען, האָט אַ געדאַנק אין איהר נשמה זיך אויפ־געכאַפּט, וואָס איז געווען נאָך שמערצליכער, שרעקליכער, ווי די

קערפּערליכע ווערען: ער האָט געליעבט אַן אַנדער פרוי, און וועט זי הייראַטען!

און אום דעם דאָזיגען געדאַנק, וואָס האָט זי משוגע געמאַכט, צו פערטרייבען, האָט זי מיט געוואַלד געזוכט אַרויסצורופען די קערפּערליכע ווערטאָגען, האָט זיך געוואָרפען און געדרעהט אויפ'ן געלעגער.

פּופּצעהן שטונדען לאַנג האָט זי זיך אַזוי געמוטשעט, פון ווערטאָגען און פערצווייפלונג אַזוי געליטען, דאָס זי האָט שטאַרבען געוואָלט, דאָס זי האָט זיך דעם טויט געוואונשען. אָבער נאָך אַ וועה, וואָס האָט לענגער געדויערט און וואָס איז העפטיגער געווען, ווי די אַנדערע, האָט זיך איהר אויסגעוויזען, ווי אַלעס וואָלט פון איהר לייב אַרויסגעפאַלען. עס האָט זיך געענדיגט. די שמערצען האָבען זיך איינגעשטילט און זי האָט אַ גרויסע ערלייכטערונג דערפיהלט, אַזוי ווי אַלע איהרע ווערטאָגען וואָלטען איינגעשלאָפען.

מען האָט גערעדט מיט איהר, זי האָט געענטפערט מיט זעהר אַ שטילער, מיעדער שטימע. פּלוצים האָט זיך אַנדערמאַט צוגעבויגט צו איהר און געזאָגט:

— זי לעבט, עס איז אַ טאָכטער!

כריסטיאַנע האָט נור אַרויסגעפליסטערט:

— אַה, מיין גאָט!

זי האָט אַלזאָ אַ קינד געהאַט, אַ קינד, וואָס וועט זיך האָדעווען און אויסוואַקסען, אַ קינד פון פּאָול! און זי האָט ווידער געפיהלט, ווי צו שרייען, אַזוי געשטיקט האָט דאָס נייע אונגליק איהר האַרץ. זי האָט אַ טאָכטער געבאָרען, זי האָט גאָרנישט געוואָלט געבאָרען, זי האָט עס ניט געוואָלט זעהן, זי וועט זיך קיינמאָל צו דעם ניט צוריהרען.

מען האָט עס איין אַ פריש בעטעלע געלעגט, פערזאָרגט און מיט ליעבע געקושט. ווער? איהר פאָטער און איהר מאַן, וואָהרשיינליך, זי האָט קלאָהר ניט געוואוסט. אָבער ער, וואו איז ער

געוועז, וואו? ווי גליקליך וואָלט זי אין דער דאָזיגער מינוט גע־וועז, ווען ער וואָלט זי געליעבט, כאָטש אַביסעלע געליעבט.

די צייט איז געלאָפען, אַ שטונדע נאָך אַ שטונדע איז גע־פלויגען און זי איז ניט אימשטאַנד געוועז צו אונטערשיידען צווי־שען טאָג און נאכט, דען אַלע איהרע געדאנקען זיינען פערגליווערט געוועז אין איין פערצווייפעלטען געדאנק, וועלכער האָט איהר דעם מוח געצוונדען: ער ליעבט אַן אַנדערע!

פלוצים האָט זי זיך געזאָגט: און פיליכט איז דאָס ניט אמת? ווי איז עס מעגליך, אַז איך זאָל ניט הערען, אַז ער איז שאַרלאָטע'ס חתן געוואָרען?

און זי האָט זיך אליין געענטפערט:

— פאָול האָט זיך שווין בעמיהט, אַז איך זאָל דערפון ניט וויסען.

זי האָט זיך אומגעקוקט אין'ם צימער צו זעהן, ווער דאָרט איז געוועז. אַז אונבעקאַנטע פרוי האָט געוואַכט נעבען איהר, אַ פויער־טע. ביי איהר האָט זי ניט געוואַגט צו פרעגען. ביי וועמען האָט זי איבערהויפט געקענט פרעגען?

פלוצים האָט זיך די טהיר געעפענט און איהר מאַן איז אריינ־געקומען אויף די שפיץ־פינגער און, ווען ער האָט דערזעהן איהרע אָפענע אויגען, איז ער צו איהר צוגעגאַנגען:

— ווי פיהלסטו זיך?

— בעסער, איך דאנק דיר!

— זייט געסטערן זיינען מיר אַלע געוועזן אונרוהיג וועגען דיר, אָבער איצט איז די געפאַהר פאַרביי. איך האָב אונזער פריינ־דין, מאַדאַם איקאַרדאַ, טעלעגראַפירט זי זאָל קומען. איז זי אָבער ביי איהר פּלימעניק, וועלכער האָט שאַרלאָך־פיעבער געקראַנגען. און דו מוזט דאָך האָבען אימיצען נעבען זיך, מיט וועמען דו זאָלסט אַ וואָרט קענען אויסרעדען, האָט מאַדאַם האַנאַראַ פאַרגעשלאָגען צו זיצען נעבען דיר און איך האָב איהר פאַרשלאָג אָנגענומען.

כריסטיאַנע האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אַז דעם, וואָס דאָק־טאָר בלעק האָט איהר דערצעהלט, אַז מאַדאַם האַנאַרא האָט דעם שידוך צווישען פּאָול'ן און שאַרלאָטע'ן אויסגעפיהרט. און אַ שרעק האָט זי אָנגעכאַפּט, און זי האָט ארויסגעקרעכצט:

— אָה, ניין, ניין, איך וויל זי ניט, איך וויל זי ניט!

אנדערמאַט האָט ניט געקענט פערשטעהן, וואָרום זי זאָל ניט וועלען מאַדאַם האַנאַרא און זי גענומען צוריידען:

— אמת, איך גיב צו, אַז זי איז אַ גאַנץ געוועהנליכע פרוי. אָבער דיין ברודער האַלט זי פאַר אַ פריינד און זי איז איהם ניצ־ליך געווען און, אויסער דעם, זאָגט מען, אַז זי איז געווען אַן אקור־שערין און פערשטעהט ווי ארומצוגעהן ארום אַ קינד־בעטעריז. ווען זי וועט דיר זיין אונאַנגענעהם, וועל איך זי מאָרגען אוועקשיקען. פּרובען מעגען מיר דאָך.

זי האָט נאָכגעדאַכט. דאָס בעדערפניס צו וויסען, אַלסדינג צו וויסען, ארויסצוקריגען ביי דער דאָזיגער פרוי דעם אמת. דעם גאַנצען אמת וועגען פּאָול'ן, דעם אמת וואָס וועט איהר הארץ צורייסען, האָט אין איהר אַזוי שטאַרק אויפגעוואַכט, דאָס זי האָט ארויסגעפּליסטערט:

— אַלזאָ, גוט, רוף זי, זאָל זי קומען אָבער גלייך, גלייך, געה!

און צו דעם דאָזיגען אונווידערשטעהליכען וואונש, אַלסדינג צו דערגעהן, האָט זיך נאָך בעהעפטעט דאָס זאָנדערבאַרע בעדער־פניס מעהר צו ליידען, אַ קראַנקהאַפטער וואונש ווי פון אַ מאַרטי־רעריז, וועלכע פערלאַנגט געפייניגט צו ווערען. און זי האָט ארויס־געשטאַמעלט:

— שיק זי אהער!

אָבער דאָ האָט זי פּלוצים דערפיהלט, אַז זי איז ניט אימ־שטאַנד צו וואַרטען ביז יענע וועט קומען אום צו פרעגען וועגען פּאָול'ס פערראַטה, און זי האָט זיך געווענדעט צו איהר מאַן מיט אַ קול, שוואַך ווי אַ הויך:

— איז דאָס אמת, אַז העררר ברעטיני האָט זיך פערלאָבט?

ער האָט געענטפערט גאַנץ רוהיג:

— יאָ, זיכער. מען האָט עס דאָך דיר שוין דערצעהלט פרי־הער, איידער דו ביזט געלעגען געוואָרען.

— מיט שאַרלאָטע'ן?

אָבער דאָ איז אַנדערמאָט נערוועז געוואָרען. עס האָט איהם פערדראָסען, וואָס כריסטיאַנע האָט צוערשט זיך ניט נאָכגעפרעגט אויף דאָס קינד, וואָס האָט קוים געלעבט, און ער האָט עס איהר פאָרגעוואָרפען:

— אָבער הער נור, דו האָסט דאָך נאָך גאָר ניט געפרעגט, וואָס מאַכט אונזער קליינע?

זי האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן, אַזוי ווי מען וואָלט איהר אַ פרישע וואונד אויפגעריסען, אָבער זי האָט זיך געמוזט בעהערשען און איין הארצען די יסורים דערשטיקען.

— ברענג זי אַהער! — האָט זי געזאָגט.

ער איז פערשוואונדען הינטער'ן פאָרהאַנג און איז באַלד ווי־דער ערשיענען מיט אַ פּנים, וואָס האָט געלויכטען פאַר שטאָלץ און גליק, און מיט אַ פּעקעלע אין די הענד. ער האָט עס אוועקגעלייגט אויפ'ן קישען נעבען כריסטיאַנע'ס קאָפּ, וועלכע האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג, און געזאָגט:

— קוק זי אָן, ווי ליעב, ווי ליעב זי איז!

זי האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן קינד.

ער האָט מיט צוויי פינגער פאָנאַנדערגענומען די לייכטע שפּיצען, וואָס זיינען געלעגען ארום אַ קליין, רויט פּנים'ל מיט צו־געמאַכטע אויגען און אַ זוויגענדיגען מויל. און זי האָט געטראַכט, איבערבויגענדיג זיך איבער דאָס דאָזיגע ערשט־געבאָרענעם לעבען: „דאָס איז איצט מיין טאָכטער... פּאַול'ס טאָכטער... דאָס האָט מיר אַזוינע שמערצען פערשאַפט... דאָס... איז מיין טאָכטער!“

אָבער פּלוצים איז איהר ווידערווילען נעגען דאָס קינד פער־שוואונדען, נעגען דאָס קינד, וואָס זיין געבורט האָט אַזוי מורא־דיג איהר לייב און איהר הארץ צוריסען. זי האָט גענומען קוקען

אויף דאָס עופּה'לע מיט שמערצליכע נייגעריגקייט, מיט טיפֿע ער־שטוינען, מיט דעם ערשטוינען פֿון אַ חיה, וואָס האָט איהר ער־שטען קינד ארויסגעוואָרפֿען.

אנדערמאָל האָט געמיינט, אַז זי וועט עס קושען און עס האָט איהם ווידער פֿערדראָסען, פאַרוואָס זי האָט עס ניט געקושט. איהר גלייכגילטיגקייט האָט איהם איינפאַך בעליידיגט. ער האָט זיך אנגערופֿען:

— דו ווילסט עס גאָר ניט קושען?

נאַנץ שטיל האָט זי זיך צוגעבויגט צו דעם קליינעם שטערן. אָבער וואָס מעהר איהרע ליפּען האָבען זיך דערנעהענטערט, אַלץ מעהר האָט זי זיך געפֿיהלט צוגעצויגען צום קינד און ווען זי האָט בעריהרט דעם קליינעם שטערן, וואָס איז געווען אביסעלע פייכט, אביסעלע ווארים, די ווארימקייט פֿון איהר אייגענעם לעבען, האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז זי קען גאָר ניט אָפּרייסען איהרע ליפּען פֿון דעם דאָזיגען קליינעם קערפּערעל און אַז זי וועט קיינמאָל, קיינמאָל זיך פֿון איהם ניט קענען אָפּרייסען.

עטוואָס האָט איהר באַק בעריהרט. עס איז געווען די באָרד פֿון איהר מאַן, וועלכער האָט זיך איינגעבויגט זי אַ קוש צו טהאָן און נאָכדעם, ווי ער האָט זי ארומגענומען מיט דאַנקבאַרער ליעבע האָט ער אויך זיין טאָכטער געוואָלט קושען און מיט אויסגע־שטעלטע ליפּען האָט ער זי פֿאַרזיכטיג אַ פּאָר מאָל אַ קוש געטהאָן אויף דעם נאָסען שפּיץ־ נעזעלע.

די דאָזיגע ליעבע האָט כריסטיאַנע'ן וועה געטהאָן. זי האָט געקוקט אויף זיי ביידען, אויף איהר טאָכטער און אויף איהם.

ער האָט געוואָלט דאָס קינד צוריק אין די וויעג אוועקטראָגען.

— ניין — האָט זי געזאָגט — לאָז עס ליגען נאָך אַ ווײַלע איך וויל עס נאָך אַ ווײַלע מיט מיין באַק פֿיהלען. רעד ניט, שטעה רוהיג, לאָז מיך!

זי האָט פֿעררוקט איינעם פֿון איהרע אָרמס אונטער די וויג־דעלאַך, אין וועלכע דאָס קערפּערעל איז פֿערבאָרגען געווען. האָט

צוגערוקט איהר שטערן גאַנץ נאָהענט צום קליינעם פּנים׳ל, פערמאַכט די אויגען און איז געבליבען ליגען אַהן בעוועגונג און האָט וועגען גאָר נישט געטראַכט.

אָבער איהר מאַן האָט זי שטיל ביים אַקסעל בעריהרט:

— אָבער, קינד, דו רעגסט זיך אויף, דו ווייסט דאָך, אַז דו טאָרסט זיך ניט אויפרעגען.

דאַן האָט ער איהר טאָכטער אוועקגענומען און כריסטיאַנע האָט איהר נאָכגעקוקט, ביז איהר מאַן איז הינטער׳ן פאָרהאַנג פערשוואונדען. ער האָט זיך צוריקגעקעהרט:

— אַלזאָ, אָפּגעמאַכט, מאָרגען אין דער־פריה שיק איך דיר מאַדאַם האַנאַרא.

זי האָט געענטפערט מיט אַ פעסטער שטימע:

— יאָ, מיין פריינד, דו קענסט זי מיר שיקען.

און זי האָט זיך אויסגעצויגען אין׳ם בעט, מיעד, ווי צושלאָגען, אפשר ניט אַזוי אונגליקליך, ווי פריהער.

ביינאַכט זיינען איהר פאָטער און ברודער געקומען זי געוואָהר ווערען און האָבען איהר דערצעהלט פערשיעדענע נייעס פון דער געגענד, אַז פּראָפעסאָר גלאַשעט איז אוועקגעפאָהרען זוכען זיין טאָכטער און אַז עם קאָכט איצט מיט דער הערצאָגין, אַז זי ווייזט זיך גאָר ניט. מען רעכענט, אַז זי איז שטילערהייד אָפּגעפאָהרען און נאָך אַזוינע נייעסען.

גאָנטראַן האָט זיך דערביי געוויצעלט:

— די בעדער זיינען די איינציגע פעען־לענדער, וואָס עקזיסטירען נאָך אויף דער ערד. אין צוויי מאָנאַטען צייט קומט דאָרט מעהר פאָר, ווי אין דער גאַנצער איבעריגער צייט אויף דער גאַנצער וועלט. די קוואַלען, ווירקליך, אָנשטאָט מינעראַל קוואַלען האָט מען צויבער־קוואַלען געדאַרפט רופען. די פרויען פערלירען דאָרט דעם פערשטאַנד, די מענער, ווי אַנדערמאָל, געפינען דאָרט געלד. און ווי אבערי־פּאָוסטער — דעם טויט, און אַנדערע ווידער געפינען

דאָרט כּלות, ווי איך און פּאול. דו ווייסט דאָך, וואהרשיינליך, אַז פּאול איז אַ חתן געוואָרען?

זי האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— יאָ, וויליאַם האָט עס מיר פריהער דערצעהלט.

גאַנטראַן האָט גערעדט ווייטער:

— עס איז גוט אַזוי, זעהר גוט. זי איז אַ פּויערען־מיידעל... אָבער עס איז דאָך בעסער, ווי צו הייראַטען אַ טאָכטער פון אַן אוואַנ־טוריסט, צי גאָר אַ פרוי, וואָס איז אַליין אַן אוואַנטוריסטין. איך קען פּאול'ן, ער וואָלט יעדע פרוי געהייראַט, ווען זי זאָל זיך אַ וואָכען זעקס וועהרען געגען איהם. און אום צו וועהרען זיך גע־גען איהם, מוז מען זיין אָדער זעהר דורכגעטריבען, אָניט זעהר אונ־שולדיג. האָט איהם אָפּגעגליקט, ער האָט געטראָפען אויף אַן אונ־שולדיגע, ער האָט נאָך גליק.

כריסטיאַנע האָט זיך צוגעהערט, און יעדעס וואָרט האָט איהר דאָס האַרץ צוריסען. עס האָט איהר אַזוי וועה געטהאָן, אַזוי וועה געטהאָן. זי האָט פערמאַכט די אויגען און אַרויסגערעדט:

— איך בין זעהר מיעד און איך וואָלט וועלען רוהען.

זיי האָבען זי געקושט און זיינען אַוועקגעגאַנגען. זי האָט ניט געקענט איינשלאָפען. פּיינליכע געדאַנקען האָבען זי געוועקט. דער געדאַנק, אַז ער ליעבט זי ניט מעהר, איז איהר געווען אַזוי אונ־ערטרעגליך, דאָס ווען די קראַנקען־וועכטערין וואָלט אין'ם צימער ניט געווען, וואָלט זי זיך אויפגעהויבען און פון'ם פענסטער זיך אַרויסגעוואָרפען. אַ דינער שטראַהל פון דער לבנה האָט זיך דורך אַ שפּאַלט פון די פאָרהאַנגען דורכגעבראָכען און געוואָרפען אויפ'ן פּאַרקעט אַ קליינעם העלען פלעק. זי האָט געקוקט אויף איהם און מיט אַמאָל האָבען זיך אַלע איהרע עראינערונגען אויפגעכאַפּט: דער טייך, דער וואַלד, דאָס ערשטע „איך ליעב דיך", אַזוי שטיל און דאָך אַזוי פערווירענד. דאַן טורנעל און איהר גאַנצע ליעבע אין יענעם אָבענד אויף דעם דונקעלען וועג און אויף דער שאָססע פון לאַ ראַש־פּראַדיע.

פלוצים האָט זי דערזעהן פאַר זיך דעם ווייסען שליאַך אין אַ ליכטיגען אבענד, און איהם, פאול'ן, וועלכער האָט אַ פרוי געד האַלטען ארומגענומען און זי געקושט. זי האָט זי דערקענט: דאָס איז געווען שאַרלאָטע. ער האָט זי געדריקט צו זיך, געשמייכעלט צו איהר, ווי נור ער אליין האָט שמייכלען געקענט, און געפליסטערט צו איהר זיסע ווערטער, ווי נור ער אליין האָט זיי געקענט זאָגען. דאַן האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן פאַר איהר אויף די קניע און געקושט די ערד אונטער איהרע פיס, ווי ער האָט די ערד אונטער כריסטיאַנע'ס פיס געקושט.

זי האָט זיך אומגעדרעהט, איינגעגראָבען דעם פּנים אין די קישען און אָנגעהויבען צו שלוכצען. זי האָט הויך אַ געשריי געטהאָן, אַזוי אונ'ברחמנות'דיג האָט די פערצווייפלונג איהר נשמה געמאַטערט. יעדעס קלאַפּ פון איהר האַרצען, וואָס האָט אין איהר ברוסט געשלאָגען און וועלכען זי האָט ביז אין די שלייפען געפיהלט, האָט איהר נאָכאַנאַנד געקלונגען ווי דאָס איינציגע כסדר איבערגע'חזר'טע וואָרט: „פאול!... פאול!.. פאול!..."

זי האָט זיך פערשטאָפּט די אויערען מיט די הענד, אום ניט צו הערען מעהר. זי האָט פערשטעקט דעם קאָפּ אונטער דער דעקע, אָבער דער דאָזיגער נאָמען האָט אין איהר ברוסט געקלונגען מיט יעדען קלאַפּ פון איהר האַרצען גאָר אָהן אויפהער.

די וועכטערין האָט זיך אויפגעכאַפּט און געפרעגט:

— איהר פיהלט ניט גוט, מאַדאַם?

כריסטיאַנע האָט זיך אומגעדרעהט מיט טרעהרען בעגאָסען, און ארויסגעפליסטערט:

— ניין, איך האָב געשלאָפען און מיר האָט זיך עפּעס גע־חלום'ט, און איך האָב זיך אין'ם חלום דערשראָקען!

דאַן האָט זי געבעטען, מען זאָל צוויי ליכט אָנצינדען, כדי זי זאָל דעם לבנה־שיין מעהר ניט זעהן, און ערשט פאַרטאָג איז זי איינגעשלאָפען. זי האָט אַ פּאָר שטונדען געשלאָפען, דערנאָך

איז אַנדערמאַט געקומען און האָט געבראַכט מיט זיך מאַדאַם האַנאַרא.

די דיקע דאַמע, וועלכע האָט זיך געהאַלטען זעהר פאַמיליאַר, האָט זיך נעבען איהר אויפ'ן בעט געזעצט, גענומען די הענד פון דער קינד־בעטערין און זי אויסגעפרעגט ווי אַ דאָקטאָר. דאַן האָט זי ערקלעהרט, צופריעדען מיט די ענטפערס:

— נאַ, אַ דאַנק גאָט, עס געהט זעהר גוט.

דערנאָך האָט זי אַרונטערגענומען איהר הוט, איהר שייל, אויסגעטהאָן איהרע האַנד־שוה און זיך געווענדעט צו דער קראַנקען־וועכטערין:

— איהר קענט געהן, איך וועל קלינגען, ווען איך וועל אייך דאַרפען.

כריסטיאַנע, וועלכע האָט איהר ווידערווילען צו מאַדאַם האַנאַרא דערשטיקט, האָט זיך אַנגערופען צו איהר מאַן:

— גיב מיר אויף אַ ווײַלע מיין טאָכטער.

אַנדערמאַט האָט געבראַכט דאָס קינד, האָט עס צערטליך געקושט ווי נעכטען און עס אוועקגעלעגט אויפ'ן קישען נעבען כריסטיאַנע'ס קאָפּ, אויך אַזוי ווי נעכטען, און די יונגע מאַמע האָט מיט איהר באַק געפיהלט דורך די ווינדעלאַך די וואַרימקייט פון דעם קליינעם קערפּערל און איז מיט אַמאָל רוהיג געוואָרען.

פּלוצים האָט דאָס קינד אַנגעהויבען צו שרייען. עס האָט געוויינט מיט אַ קוויטשענדיגען, דורכדרינגענדען קול.

— זי וויל עסען — האָט אַנדערמאַט זיך אַנגערופען.

ער האָט אַנגעקלונגען, און די אַם איז אַריינגעקומען, אַ דיקע, רויטע פרוי, מיט אַ מויל, ווי ביי אַ מענשען־פרעסער, מיט גרויסע, בליסטשענדע צייהן, דאָס כריסטיאַנע'ן האָט אַ שרעק אַנגעכאַפּט. זי האָט אַרויסגעצויגען פון איהר אָפענעם בוזים אַ געוויכטיגע ברוסט, ווייך און שווער פון מילך, ווי די אייטער פון אַ קוה, און ווען כריסטיאַנע האָט דערזעהן, ווי איהר טאָכטער זויגט דאָס,

האָט זי חשק געהאַט אַרויסצורייסען דאָס קינד פון דער פרוי'ס הענד, האַלב אויס אייפערזוכט און האַלב אויס עקעל.

מאַדאַם האַנאַרא האָט דער אַם איצט עצות געגעבען, ווי זי זאָל זיך מיט'ן קינד בעגעהן. די אַם איז מיט'ן קינד פון'ם צימער אַרויס. באַלד איז אַנדערמאַט אויך אַוועק, די ביידע פרויען זיינען אַליין געבליבען.

קריסטיאַנע האָט ניט געוואוסט, ווי זי זאָל אָנפאַנגען צו רעדען וועגען דעם, מיט וואָס איהר מוח און האַרץ זיינען פול געווען. זי האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט זי זיין אויפגערעגט, טאָמער וועט זי זיך פערלירען, טאָמער וועט זי זיך פאַנאַנדערוויינען און זיך אַרויסגעבען. אָבער מאַדאַם האַנאַרא האָט אָנגעהויבען אַליין צו שמועסען, איידער קריסטיאַנע האָט איהר גאָר וואָס געפרעגט. נאָכדעם, ווי זי האָט איבערגעגעבען די אַלע נייעסען פון דער געגענד, האָט זי אויך אָנגענומען רעדען וועגען אַריאַל'ס פאַמיליע

— זיי זיינען זעהר וואוילע מענשען, זעהר וואוילע. ווען איהר וואָלט די מוטער געקענט, געווען אַזאַ עהרליכע פרוי. די מיידלאַך האָבען זיך אין איהר איינגעגעבען.

קריסטיאַנע האָט זי איבערגעשלאָגען:

— וועלכע פון זיי געפעלט אייך בעסער, לואיזע אָדער שאַר־לאָטע?

— מיר, מאַדאַם, געפעלט לואיזע בעסער, וועלכע אייער ברודער וועט הייראַטען. זי איז קליגער, אָבער מיין מאַן געפעלט די אַנדערע בעסער. איהר ווייסט, די מענער האָבען אַ גאַנץ אַנדערען געשמאַק, ווי מיר, פרויען.

זי איז אַנשוויגען געוואָרען. קריסטיאַנע, וועלכע האָט מעהר קיין מוטה ניט געהאַט, האָט נור אַרויסגעשטאַמעלט:

— מיין ברודער האָט זיך מיט זיין כלה אָפט ביי אייך גע־טראָפען?

— געוויס, מאַדאַם, יעדען טאָג. דאָס האָב איך זיי צוגע־האָלפען. איך האָב זיי געלאָזט ביי מיר זיך טרעפען, פערברענגען.

איך האָב שוין געוואוסט, אז עפּעס וועט פון דעם אַרויסקומען. און בעזונדערס האָב איך פערגעניגען געהאַט, ווען איך האָב בע־מערקט, ווי הערר ברעטיני שרכנ'ט זיך צו דער קלענערער.

דאָ האָט כריסטיאַנע געפרעגט מיט אַ קול, וואָס מען האָט קוים־קוים געהערט:

— ליעבט ער זי זעהר?

— אַה, מאַדאַם, און נאָך ווי! אַלץ הייסט ליעבען! איהר האָט געדאַרפט זעהן זיינע אויגען, ווען ער קוקט אויף איהר, אזוי ווי ער וואָלט דעם זינען פערלאָרען! עס איז זעהר שעהן, ווען איינער ליעבט אזוי.

דאָ האָט כריסטיאַנע זי אָנגעהויבען אויסצופרעגען, ווי אזוי זיי האָבען פערבראַכט, פון וואָס זיי האָבען גערעדט, וואָס זיי האָבען געטהאָן, וואו זיי האָבען געשפּאַצירט, און אויב ער האָט מיט איהר אויך געשפּאַצירט אין דעם קליינעם וועלדעל פון סאַנסוסי, וואו ער האָט אזוי אָפט צו איהר, כריסטיאַנע'ן, פון זיין ליעבע גערעדט.

זי האָט געשטעלט אזוינע אונערוואַרטעטע פראַגען, דאָס די דיקע פרוי איז איבערראַשט געווען, האָט געפרעגט וועגען אזוינע קליינינגקייטען, וועלכע וואָלטען קיינעם אויפ'ן זינען גאָר ניט אַרויף. זי האָט געוואָלט וויסען, אויב ער האָט דאָס אַלעס פאַר דער אַנדערער אויך געטהאָן, וואָס פאַר איהר, אויב ער האָט די אַלע צאַרטע, רייצענדע קליינינגקייטען אויך אויף שאַרלאָטע'ן אָנגע־ווענדעט, אום איהר צו געפעלען; אויב ער האָט מיט דער זעל־ביגער ליידענשאַפט, דעם זעלביגען פייער, מיט וועלכען ער האָט איהר האַרץ געפאַנגען, אויך שאַרלאָטע'ס האַרץ געפאַנגען.

מאַדאַם האָנאָרא האָט איהר געענטפערט אויף די דאָזיגע פראַגען, פיעל זי האָט געוואוסט, און יעדעם וואָרט, און יעדער שטריך פון פּאָול'ן, וואָס האָט איהר דערמאָנט אָן איהר פּאָול פון פאַר־אַ־יאָהרען, האָט זי אויפגעטרייסעלט און אַרויסגעריסען ביי איהר אַ פערשטיקטען קרעכץ: אַך! אַך!...

די דיקע מאַדאַם האַנאַרא האָט זיך געוואונדערט, וואָס זי איז אַזוי אויפגערעגט. דאָך האָט זי איהר ווייטער דערצעהלט נאָך מיט מעהר זיבערקייט אין'ם קול:

— קורץ, מאַדאַם, — האָט זי געענדיגט, — אַזוי משוגע פערליעבט, ווי ער איז אין איהר, האָב איך נאָך ניט געזעהן!

— האָט ער איהר פערזען אויך דעקלאַמירט?

— געוויס, מאַדאַם, און אַזוינע שעהנע!

זיי זיינען אַנשוויגען געוואָרען. פון'ם צווייטען צימער האָט זיך דערהערט אַ איין־טאָניגער, ווייכער געזאַנג פון דער אַם, וועלכע האָט דאָס קינד איינגעשלעפערט.

פון'ם קאָרידאָר האָבען זיך טריט דערהערט. פּראָפעסאָר מאַס־רוססעל און לאַטאַן זיינען אַריינגעקומען. זיי האָבען געטראָפען כריסטיאַנע'ן עטוואָס אויפגערעגט און אין ערגערען צושטאַנד, ווי נעכטען.

ווי נור זיי זיינען אוועק, האָט אַנדערמאַט די טהיר געעפענט און געזאָגט:

— דאָקטאָר בלעק וויל דיר זעהן, קען ער?

זי האָט זיך אויפגעהויבען אין איהר בעט און אויסגעשריען:

— ניין, ניין, איך וויל ניט! איך וויל ניט!

אַנדערמאַט איז פערוואונדערט צוגעגאַנגען צו איהר נעהענטער:

— יאָ, אָבער הער אויס, דו מוזט דאָך, דו מוזט, מען האָט דאָך איהם...

זי האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט דעם פערשטאַנד פערלאָרען, געקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען און געשריען מיט אַזאַ שאַרפער שטימע און אַזוי הויך, דאָס מען האָט זי אין'ם קאָרידאָר געהערט:

— ניין, ניין, ער זאָל ניט וואגען, ער זאָל ניט אַריינקומען! דו הערסט, קיינמאָל ניט!

און דערנאָך, ניט וויסענדיג אַליין וואָס זי רעדט, האָט זי

מיט אַן אָרעם אָנגעוויזען אויף מאַדאַם האָנאַרא, וועלכע איז אין מיטען צימער געשטאַנען, און געשריען ווייטער:

— און זי אויך! טרייב זי אַרויס! איך וויל זי ניט זעהן! אַרויס! אַרויס!

דאַ איז ער צוגעגאַנגען צו זיין פרוי, האָט זי אין זיינע אָרעמס אַריינגענומען און זי אַ קוש געטהאָן:

— קינד, בערוהיג זיך, וואָס רעדסטו? בערוהיג זיך!

זי האָט ניט געקענט מעהר רעדען. איבער איהרע באַקען האָבען זיך טרעהרען געקייקעלט:

— אַלע זאָלען אַרויס, אַלע זאָלען אַרויס! נור דו אַליין בלייב מיט מיר, נור דו אַליין!

ער איז צוגעלאָפען צום דאָקטאָר'ס פרוי און האָט זי פאַרזיכטיג אַרויסגעשטופּט פון דער טהיר:

— לאָזט אונז אַ ווײַלע אַליין, איך בעט אייך, דאָס איז מילך־פיעבער, איך וועל זי בערוהיגען, איך וועל אייך באַלד זעהן.

ווען ער האָט זיך צום בעט צוריקגעקעהרט, האָט זיך כריסטיאַנע ווידער צוריקגעלעגט און געוויינט אַזוי רחמנות'דיג. און צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען האָט ער אַליין אויך אָנגעהויבען צו וויינען.

און ווירקליך האָט דאָס מילך־פיעבער אויסגעבראָכען. נאָך אַ פּאָר שטונדען פון גרויסער אויפרעגונג האָט די קינד־בעטערין פּלוצים אָנגעהויבען צו רעדען. דער מאַרקיז און גאָנטראָן, וועלכע זיינען ביי איהר אין'ם צימער געזעסען און האָבען אין קאָרטען שטיל געשפּיעלט, האָבען זיך אויפגעהויבען און זיינען צום בעט צוגעגאַנגען, ווייל זיי האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זי האָט זיי גערופען.

זי האָט זיי ניט געזעהן, אָדער זי האָט זיי ניט דערקענט. גאַנץ בלייך איז זי געלעגען אויף איהר ווייסען קישען, מיט די בלאָנדע האָאָר איבער איהרע אַקסלען צושאָטען. זי האָט געקוקט מיט איהרע בלויע, טרויעריגע אויגען, ווי אין די אונבעקאַנטע,

געהיימניספולע פאַנטאַסטישע וועלט, אין וועלכע די משוגעים לעבען. איהרע הענד זיינען אויף דער דעקע געלעגען און האָבען זיך נאַכאַנאַנד בעוועגט. צוערשט האָט זיך אויסגעוויזען, ווי זי וואָלט מיט אימיצען גערעדט, ווי זי וואָלט אימיצען געזעהן און איהם עפּעס דערצעהלט, אָבער דאָס, וואָס זי האָט גערעדט, האָט קיין צוזאַמענהאַנג ניט געהאַט, איז אונפערשטענדליך געווען.

זי האָט מורא געהאַט אַרונטערצושפּרינגען פון׳ם פעלז, ווייל ער איז צו הויך געווען. דערנאָך האָט זי דערקענט דעם מאַן. וועלכער האָט צו איהר די אָרעמס אויסגעשטרעקט. דאַן האָט זי גערעדט פון פּאַרפיום און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי זוכט ווערטער:

— עס איז אַזוי געשמאַק... דאָס פער׳שיכור׳ט, ווי ווייַן... דער וויין בעטויבט די געדאַנקען, אָבער דער דופט פער׳שיכור׳ט די טרוימען... מיט דעם דופט אָטהעמט מען אַריין דעם עסענץ פון זיך אַליין, דעם עסענץ פון לעבען, פון דער גאַנצער וועלט... מען קען די בלומען שמעקען, די בוימער, דאָס גראָז אויף די לאַנקעס... מען אונטערשיידעט אַלסדינג, אפילו די נשמה, וואָס שלאָפט אין אַלטער מעבעל, אין אַלטע פאָרהאַנגען, אין אַלטע ציַ־מערען...

דאַן האָט זיך איהר פּנים צונויפגעקאָרטשעט, אַזוי ווי זי וואָלט מיעד געוואָרען. זי האָט לאַנגזאַם געקלעטערט באַרג אַרויף און געזאָגט צו אימיצען: „אָה, טראָג מיך נאָך אַביסעלע, איך בעט דיר. איך וועל דאָ פאַר מיעדקייט פאַלען, איך קען ניט מעהר געהן, טראָג מיך, ווי דו האָסט מיך דאָרט אויפ׳ן באַרג געטראָגען. דו געדענקסט ווען דו האָסט מיך געליעבט?“

דאַן האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ געשריי, פון איהרע אויגען האָט שרעק אַרויסגעקוקט. זי האָט דערזעהן פאַר זיך אַ דער׳הרג׳עטע חיה און געבעטען, מען זאָל זי אוועקנעהמען פון איהרע אויגען. אָבער פאַרזיכטיג, מען זאָל איהר, דער דער׳הרג׳עטער חיה, חלילה ניט וועה טאָהן.

דער מאַרקיז האָט זיך שטיל אָנגערופען צו זיין איידים:

— זי האָט זיך אפּנים דערמאָנט אָן דעם עזעל, וואָס מיר האָבען געטראָפען ליגען אויף׳ן וועג אמאָל ווען מיר האָבען זיך פון א פּאַרטיע צוריקגעקעהרט.

דערנאָך האָט זי גענומען ריידען מיט דער טויטער חיה, דער־צעהלט איהר אַז זי איז אויך געווען זעהר אונגליקליך, זעהר און זעהר אונגליקליך, ווייל מען האָט זי פערלאָזען.

דאַן פּלוצים האָט זי זיך געוויינערט עפּעס צו טאָהן, וואָס מען האָט פערלאַנגט פון איהר, און זי האָט אויסגעשריען: „ניין, ניין, איך וויל ניט... ניין... ניט... דו... דו—דו— פערלאַנגסט, איך זאָל דעם דאָזיגען וואָגען שלעפּען...?!“

און דאַ האָט זי גענומען סאָפּען, אַזוי ווי זי וואָלט אויף אַן אמת׳ן א וואָגען געשלעפּט; האָט זיך צוויאַמערט, ווידער ארויס־געלאָזט א געשריי און געקלעטערט אַלץ העכער און העכער דעם שווערען בארג ארויף, שלעפּענדיג מסתמא מיט די לעצטע כוחות דעם עזעל׳ס וואָגען. און דערביי האָט עמיצער זי אפּנים אהן רחמנות געשלאָגען, ווייל זי האָט זיך אַלץ געבעטען „אַה, שלאָג מיך ניט אַזוי, עס טהוט וועה; אוך וויל שלאָפען, איך וועל טאָהן וואָס דו ווילסט, נור שלאָג מיך ניט אַזוי!“

דאַן האָט זי זיך אביסעל בערוהיגט און אונרוהיג געדרעמעלט ביז פאַרטאָג, דערנאָך אָבער האָט זי איינגעשלאָפען.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אַזייגער צוויי בייטאָג, האָט זי נאָך געהאַט פיבער, אָבער זי איז שוין געקומען צו זיך, הגם איהרע געדאַנקען זיינען נאָך געווען האַלב צומישט און עס איז איהר שווער געווען צו געפינען די ווערטער וואָס זי האָט געדאַרפט. נאָך א טאָג איז פאַריבער און זי איז אין גאַנצען געקומען צו זיך.

אָבער זי האָט זיך געפיהלט פערענדערט, אקוראַט ווי דער דאָזיגער קריזיס וואָלט איהר זעלע געענדערט. זי האָט ווייניגער געליטען און מעהר געטראַכט. די אונרוהיגע פּאַסירונגען וואָס האָבען ערשט געטראָפען האָבען זיך איהר אויסגעוויזען ווי פּאַסי־

רונגען פון דער ווייטער פערגאַנגענהייט, און זי האָט זיך אין זיי אריינגעטראַכט מיט אזא געדאַנקען־קלאָרהייט, וואָס אזא האָט איהר גייסט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט. די דאָזיגע קלאָרע געדאַנ־קען, וואָס מאַנכע מענשען קריגען אין געוויסע מאָמענטען פון שווערע ליידען, האָבען איהר געוויזען דאָס לעבען, די מענשען, די זאַכען, די גאַנצע וועלט אין אזא ליכט, ווי זי האָט זיי נאָך קיינמאָל ניט געזעהן.

זי האָט זיך איצט געפיהלט נאָך מעהר פערלאָזען אויף דער וועלט ווי אין יענעם אָבענד, בעת זי האָט זיך אַ פערצווייפעלטע צוריקגעקעהרט פון טאַצענאַט. זי האָט בעגריפען, אַז אַלע מענ־שען געהן דעם שיקזאַל אנטקעגען זייט ביי זייט, און קיין זאַך און גאָרניט קען אמאָל צוויי מענשען אויף אמת פעראייניגען. דורך דעם פערראַט פון דעם, וועמען זי האָט איהר גאַנץ פערטרויען געשענקט, האָט זי געפיהלט, אַז אַלע אַנדערע מענשען וועלען איצט פאַר איהר קיין אַנדערע בעדייטונג קיינמאָל ניט האָבען, ווי נור אַלס גלייכגילטיגע מיטרייזענדע אויף דער דאָזיגער לאַנגער אָדער קורצער לעבענס־רייזע, וועלכע וועט זיין טרויעריג אָדער פרעהליך, ווי דער מאָרגענדיגער טאָג, וועלכען קיינער קען ניט פון פריהער.

זי האָט פערשטאַנען, אַז אפילו אין די אָרמס פון דעם דאָזיגען מאַן, מיט וועמען זי האָט געמיינט, אַז זי איז איין ליב, איין נשמה, זיינען זיי אויך געווען צוויי בעזונדערע ליבער, צוויי בע־זונדערע נשמות, וועלכע האָבען זיך בלויז אָביסעלע דערנעהענטערט, אַז בלויז דער אונדורכגליכער חומר, אין וועלכען די געהיימניספולע נאַטור האָט דעם מענשען אפגעזונדערט און פערשלאָסען, האָט זיך בעריהרט. זי האָט געזעהן קלאָהר, אַז קיינער וועט קיינמאָל ניט קענען דורכברעכען די דאָזיגע אונזיכטבאַרע שראַנקען, וואָס האַל־טען די לעבענדיגע נפשות אין׳ם לעבען אפגעטיילט איינעם פון׳ם אַנדערען, ווי די שטערען אויף׳ן הימעל.

עס איז איהר קלאָהר געוואָרען די אומזיסטע בעמיהונגען זייט די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען, די אונערמיעדליכע אַנשטרענגונגען

פון מענשען, דעם קערקער דורכצוברעכען, אין וועלכען זייערע נשמות זיינען אויף אייביג איינגעשלאָסען געווען, אויף אייביגער איינזאַמקייט. די דאָזיגע אַלע בעמיהונגען, די דאָזיגע אַלע אָנ־שטרענגונגען, דער דאָזיגער קאַמפּף מיט די אַרמס, מיט ליפּען, מיט די אויגען, מיט׳ן מויל, דער דאָזיגער ליעבעס־קאַמפּף, דאָס קושען, דאָס צאַפּלען זיך, דאָס פערלירען די כוחות, — דאָס אַלעס פיהרט נור דערצו, אום אַנאַנדער׳ן אויביג־פערלאָזענעם אויף דער וועלט צו ברענגען.

דאָ האָט זיך איהר פערגלוסט איהר טאָכטער צו זעהן. זי האָט געבעטען, מען זאָל איהר זי ברענגען, און ווען מען האָט דאָס עופ׳הלע געבראַכט, האָט זי געבעטען מען זאָל עס פון די ווינדעלאַך אַרויסנעהמען, ווייל זי האָט ביז אַהער נור דאָס קליין פּנים׳ל גע־קענט.

די אַם האָט עס פון די ווינדעלאַך אַרויסגעוויקעלט און כרים־טיאַנע האָט דערזעהן דעם נאַקעטען נייגעבאָרענעם מענשען מיט די צאַפּעלדיגע בעוועגונגען פון לעבען.

די מאַמע האָט עס בעריהרט מיט אַ ציטערענדיגע האַנד, געוואָלט דאָן דעם לייב קושען, די קליינע פיסעלאַך און הענטעלאַך, און געקוקט אויף דעם מיט מאָדנע פערטראַכטע אויגען.

צוויי מענשען האָבען זיך געטראָפען, האָבען זיך משוגע ליעב געהאַט און פון זייערע אומאַרמונגען האָט דאָס אַרויסגעשפּראָצט. דאָס זיינען געווען ער און זי, פעראייניגט דורך דעם דאָזיגען קליין נפש׳ל, ער און זי, וועלכע ווילען אין דער דאָזיגער לעבעדיגער זאַך ווייטער לעבען ; אַביסעלע פון איהם און אַביסעלע פון איהר, מיט נאָך עטוואָס אונבעקאַנטעס דערצו, וואָס איז געווען גאַנץ אַנדערש ווי זיי ביידע. אין דעם דאָזיגען נפש׳ל וועלען זיי ווייטער לעבען, אין דעם פאָרם פון זיין לייב, אין דעם אַרט פון זיין גייסט, אין זיינע געזיכטס־ציגען, אין זיינע בעוועגונגען, אין זיינע אויגען, זיינע ליידענשאַפטען, זאָגאַר אין דעם טאָן פון זיין שטימע און אין דעם אַרט פון זיין גאַנג, און דאָך וועט עס אַנאַנדער מענש זיין.

זיי אבער, וואס האבען דאס דאזיגע שטיק לעבען ארויסגע־בראכט, זיי זיינען איצט געווען צושיידט אויף אויביג, קיינמאל וועלען זיך שוין זייערע בליקען ווידער טרעפען אין יענע מאמענטען פון ליבע, וואס שאפען דאס מענשליכע געשלעכט.

און זי האט צוגעדריקט דאס קינד צו איהר הארצען און ארויסגעפליסטערט:

— אדיע! אדיע!

איהם האט זי מיט דעם דאזיגען אדיע געמיינט, איהם, פון וועמען זי וועט איצט איהרע לײדען פערבארגען, איהרע לײדען, וועלכע זי וועט נאך לאנג, לאנג אין איהר הארצען טראגען, אפשר איהר גאנץ לעבען לאנג.

דא האט אנדערמאט אויסגערופען דורך די האלב־אפענע טהיר:

— העי, העי, וואס טהוסטו דארט, מיין טאכטער?

ער איז צוגעלאפען צום בעט, גענומען דאס עופה'לע אויף די הענד, וואס האבען זיך שוין צוגעוואהנט עס צו האלטען, אויפ־געהייבען עס איבער זיין קאפ און אויסגעשריען:

— גוט מארגען, פריילין אנדערמאט! גוט מארגען, פריילין אנדערמאט!

כריסטיאנע האט א טראכט געטהאן: „דאס איז אלזא מיין מאן!“ און מיט פערוואונדערטע אויגען האט זי איהם בעטראכט, אזוי ווי זי וואלט איהם צום ערשטען מאהל געזעהען. דאס איז געווען דער מאן, מיט וועלכען זי איז דורך'ן געזעץ פעראייניגט געווען, וועמען זי האט געהערט, דער מאן, וועלכער נאך די מענש־ליכע, רעליגיעזע און סאציאלע אנזיכטען איז געווען א טהייל פון איהר, מעהר נאך, דער הערר פון איהרע טעג און נעכט, פון איהר הארצען און קערפער. זי האט שיער ניט א שמייכעל געטאהן, אזוי מאדנע האט זיך דאס איהר אויסגעוויזען אין דעם דאזיגען אויגענבליק, ווייל צווישען איהר און איהם וועט קיינמאל יענער

צוזאמענבונד עקזיסטירען, וועלכער פּלאצט אזוי שנעל און וועלכער ווייזט זיך אויס דאָך אזוי אויביג שטארק און אזוי געטליך הערליך.

זי האָט זאגאר קיין געוויסענביסע ניט געפיהלט, וואס זי האָט איהם בעטראגען. זי האָט זיך געוואונדערט איבער דעם, געפרעגט זיך פארוואס דאס איז אזוי? פארוואס מוטשעט איהר ניט דער געוויסען? קענטיג זיי זיינען געווען צו פערשיידען, צו פערשיידען אלס מענשען און אלס קינדער פון צוויי בעזאָנדערע, גאנץ פערשי־דענע ראסען. ער האט זי ניט פערשטאנען און זי איהם ניט, און דאָך איז ער געווען זעהר גוט צו איהר, טריי איבערגעגעבען.

מען האָט ווידער איינגעוויקעלט דאָס קינד אין די ווינדעלאָך. וויללִיאם האָט זיך געזעצט און געזאָגט:

— הער, מיין קינד, איך האָב נאר מורא מיט דיר צו ריידען וועגען אויפנעהמען עמיצען זייט דו האָסט זיך אזוי אויפגעפיהרט מיט דאקטאר בלעק'ן. און דאָך וועסטו מיר טהאָן א גרויסען געפעל, ווען דו וועסט אויפנעהמען דאָקטאָר באנעפיל'ן.

דאָ האָט זי זיך צום ערשטען מאָל צולאכט מיט א בלייכען געלעכטער, און געפרעגט·

— דאָקטאָר באנעפיל? וואָס הער איך! האָט איהר זיך דען איבערגעבעטען?

— געוויס. הער, איך וועל דיר דערצעהלען א סוד. איך האָב ערשט אָבגעקויפט די אַלטע בעדער. איצט געהערט מיר אלס־דינג. ווי געפעלט דיר אַזאַ ערפאָלג? דער אלטער באנעפיל האט זיך געריכט אויף דעם יעדען טאָג און יעדען טאָג איז ער געקומען צו מיר און זיך אויף דיר נאָכגעפרעגט. אויף זיין ליעבענסווירדיג־קייט האָב איך אויך מיט ליעבענסווירדיגקייט געענטפערט און היינט זיינען מיר די בעסטע פריינד.

— זאָל ער קומען — האט כריסטיאנע געענטפערט — איך וועל איהם גערן אויפנעהמען.

— גוט, איך דאנק דיר דערפאר, מאָרגען אין דער־פרית וועל איך איהם אהער ברענגען. איך דארף דיר ניט זאָגען, אז פּאול

גריסט דיר אויך הערצליך און האָט זיך זעהר נאָכגעפרעגט אויף די קליינע, ער וואָלט זי אַמאָל זעהר וועלען זעהן.

זי האָט זיך געפּיהלט זעהר פערלעגען און געזאָגט:

— גיב איהם איבער מיין דאַנק.

אַנדערמאַט האָט ווייטער גערעדט:

— ער האָט מיך געפרעגט, אויב מען האָט דיר דערצעהלט וועגען זיין פערלאָבונג. איך האָב איהם געזאָגט יאָ, האָט ער גע־יואָלט וויסען, וואָס דו דענקסט פון דעם.

זי האָט צונויפגענומען אַלע קרעפטען און אַרויסגעפּליסטערט:

— זאָג איהם, אַז דער שידוך איז מיר געפעלען.

— ווידער — האָט אַנדערמאַט ווייטער גערעדט — פרעגט ער זיך אַלץ נאָך, ווי וועט אונזער טאָכטער הייסען. איך האָב איהם געזאָגט, אַז מיר וועלען איהר אַ נאָמען געבען אָדער מאַר־גאַרעטע, אָדער זענאַוועוואַ.

— איך האָב בעשלאָסען איהר אַן אַנדער נאָמען צו געבען — האָט זי געזאָגט — איך וויל זי אָנרופען אַרלעטטע.

פריהער, אין די ערשטע טעג פון איהר שוואַנגערשאַפט, האָט זי מיט פּאָול'ן וועגען דעם נאָמען גערעדט, וועלכען זי זאָל געבען אַ זוהן אָדער אַ טאָכטער, און ביי זיי איז געבליבען, אַז אַ טאָכטער זאָל מען אַ נאָמען געבען מאַרגאַרעטע אָדער זענאַוועוואַ. איצט האָט זי פון די דאָזיגע נעמען ניט געוואָלט מעהר וויסען.

וויליאַם האָט אונטערגעכאַפּט:

— אַרלעטטע, אַרלעטטע, דאָס קלינגט זעהר שעהן! דו ביזט גערעכט. נאַטירליך, ליעבער וואָלט מיר געווען, ווען איך וואָלט איהר אַ נאָמען געגעבען נאָך דיר, כריסטיאַנע, דער נאָמען איז מיר אַזוי ליעב, כריסטיאַנע!

זי האָט אַ זיפץ געטהאָן:

— אָך, דער נאָמען פון דעם געקרייציגטען בעדייטעט נור ליידען, פיעל ליידען.

ער איז רויט געוואָרען. פון דעם האָט ער גאָר ניט געטראַכט, און האָט זיך אויפגעהויבען:

— אָבער ווי דו ווילסט, מיין קינד, אַרלעטטע איז אויך אַ שעהנער נאָמען.

ווען ער איז אוועקגעגאַנגען, האָט זי אַ רוף געטהאָן די אַם און איהר געזאָגט, אַז פון איצט אָן זאָל די וויעג שטעהן נעבען איהר בעט. און ווען מען האָט דאָס קליין, ציכטיג וויעגעלע אריינ־געטראָגען, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ קליין שיפעלע מיט ווייסע פאָרהאַנגען, ווי אַ זעגעל, און עס נעבען בעט אוועקגעשטעלט, האָט כריסטיאַנע איהר האַנד צו דאָס שלאָפענדיגס קינד אויסגעשטרעקט און שטיל געזאָגט:

— שלאָף, מיין קינד, דו וועסט דאָך אימיצען געפינען, ווער עס וועט דיר ליעב האָבען אזוי ווי איך.

און אין רוהיגער מעלאַנכאָליע האָט זי פערבראַכט די נעקסטע טעג, האָט פיעל נאָכגעדאַכט און געזוכט זיך צו ערמונטערען, אום אין אייניגע וואָכען שפּעטער דאָס לעבען ווידער אויפצונעהמען. די גאַנצע צייט איז זי איצט בעשעפטיגט געווען דערמיט, וואָס זי האָט אין די אויגען פון איהר טאָכטער אריינגעקוקט און אין זיי געזוכט דעם ערשטען אויסדרוקספּולען בליק. אָבער זי האָט נור געזעהן צוויי בלויע עפענונגען, וועלכע האָבען זיך נאָכאַנאַנד געקעהרט צו דעם העלען שיין פון'ם פענסטער. און עס איז איהר געוואָרען זעהר טרויעריג אויפ'ן הארצען ביי דעם געדאַנק, אַז די דאָזיגע אויגען, וואָס האָבען נאָך איצט געשלאָפען, וועלען אַמאָל אויף די וועלט קוקען, ווי זי אליין האָט געקוקט, דורך די אילוזיאָן פון אַ שעהנעם טרוים, וואָס מאַכט דאָס פרויען־הארץ אזוי גליק־ליך און פרעהליך. זי וועט אויך אַמאָל אַלסדינג ליעבען, וואָס זי האָט געליעבט, שעהנע, העלע טעג, בלומען, וואַלד און אויך די מענשען. זי וועט אויך עפּעס אַ מאַן געפעלען און איהם ליעבען, און אין איהרע אויגען וועט זי אויך דאָס בילד פון דעם געליעבטען טראָגען, מיט'ן הארצען איהם זעהן, ווען ער וועט זיין ווייט פון

איהר, און מיט איהר גאנצער נשמה ברענען, ווען ער וועט זיין נאָהענט נעבען איהר, און דערנאָך, און דערנאָך... וועט זי זיך אויסלערנען צו וויינען. טרעהרען, ביטערע טרעהרען וועלען איבער די דאָזיגע קליינע באַקען רינען און די מורא'דיגע יסורים פון דער בעטראָגענער ליעבע וועלען מיט אנגסט און פערצווייפלונג זיך אָפּשפּיעגלען אין די דאָזיגע לעערע אויגען. וואָס וועלען דעמאלט בלוי זיין.

און זי האָט געקושט, ווי משוגע, איהר טאַכטער און גערעדט צו איהר:

— קליינע טאָכטערל, ליעב נור מיך!

אין איין שעהנעם טאָג האָט פּראָפעסאָר מאָס־רוססעל, וועל־כער האָט איהר בעזוכט יעדען אין דער־פריה, ערקלעהרט:

— מאַדאַם, איהר קענט שוין דאָס בעט פערלאַזען.

ווען דער פּראָפעסאָר איז אוועקגעגאנגען, האָט אנדערמאַט זיך אָנגערופען צו זיין פרוי:

— א שאָד, וואָס דו ביזט נאָך ניט אין גאנצען געזונד, וואָ־רים היינט ווילען מיר ווייזען אין די בעדער די ווירקונג פון אונ־זער מאַטעמאַטישער גימנאַסטיק. דאָקטאָר לאַטאָן האָט אַן אמת'ן וואונדער בעוויזען מיט זיין אויטאָמאַטישער גימנאַסטיק. שטעל זיך נור פאָר, ער האָט דעם אלטען גלאָווים דורך גימנאַסטיק אין גאנצען אויסגעקורירט און היינט קען ער געהן פונקט ווי מיר אלע.

זי האָט געפרעגט, אום איהם פערגעניגען אָנצוטהאָן:

— דו ווילסט עס ווייזען פאַר אלעמען?

— יאָ און ניין, מיר ווילען דאָס ווייזען פאַר עטליכע דאָק־טוירים און א פּאָר פריינד.

— ווען וועט עס זיין?

— א זייגער דריי.

— וועט הערר ברעטיני אויך דאָרט זיין?

— געוויס, געוויס, ער האָט מיר פערשפּראָכען צו זיין, דער

גאנצער פערוואלטונגס־ראטה וועט דארט זיין, עס איז זעהר אינ־טערעסאנט.

פלוצים האט זי געזאגט:

— איך וועל באלד אויפשטעהן. בעט הערר ברעטיני, ער זאל מיך בעזוכען. די צייט, וואס איהר וועט זיין דארט פערנומען אין די בעדער, זאל ער פערברענגען מיט מיר.

— געוויס, מיין קינד.

— פערגעס עס ניט.

— ניין, ניין, זיי זיכער.

און ער איז אוועק זוכען צושויער.

אזוי ווי ער איז אמאל אפגענארט געווען פון אריאל'ן ביי דער ערשטער בעהאנדלונג פון דעם געלעהמטען, אזוי האט ער איצט פון זיין זייט געגארט די אנדערע און געלאזט שפיעלען א קאמעדיע דעם אלטען גלאווים'ן. און אפט האט ער גערעדט וועגען די וואונדער פון דער אויטאמאטישער גימנאסטיק מיט אזא פייער און איבערציינונג, דאס עס איז שווער געווען צו וויסען, צי ער אליין גלויבט אין דעם אדער ניט.

א זייגער דריי האבען זיך פאר דער טהיר פון די בעדער פער־זאמעלט אלע פערזאנען, וואס זיינען איינגעלאדען געווען. מען האט געווארט אויף דעם אלטען גלאווים. ער איז געקומען, אויף זיינעביידע קוליעס געשטיצט, נאך אלץ נאכשלעפענדיג הינטער זיך די פיס. ער האט העפליך געגריסט אלעמען, ווען ער איז פערביינעגאנגען. די אריאלס זיינען אנגעקומען, פאטער און זוהן, און די ביידע יונגע מיידלאך, פון זייערע חתנים, פאול און גאנטראן, בעגלייט.

אין דעם גרויסען זאל, וואו די דרעה־אפאראטען זיינען גע־שטאנען, האבען געווארט דאקטאר לאטאן מיט אנדערמאט'ן און דאקטאר האנארא. ווען דאקטאר לאטאן האט דערזעהן דעם אל־טען גלאווים, האט ער מיט א שמייכעל געפרעגט:

— ווי געהט עס, אלטער?

— מען שלעפּט זיך, מען שלעפּט זיך ביסלעכווייז ! — האָט דער אַלטער חברה־מאַן געענטפערט.

פּעטרוס מאַרטעל און סענט־לאַנדרי זיינען אויך געקומען. זיי האָבען אויך געוואָלט זעהן. דער ערשטער האָט געגלויבט, דער צווייטער האָט געצווייפעלט. הינטער זיי האָט מען מיט שטויגען בעמערקט דאָקטאָר באַנעפּיל'ן, וועלכער האָט זיינע קאָנקורענטען בעגריסט און אַנדערמאַט'ן די האַנד געדריקט. דער לעצטער איז גע־קומען דאָקטאָר בלעק.

— נו, מיינע הערדען און דאַמען — האָט דאָקטאָר לאַטאָן געזאָגט און דערביי זיך פאַרנויגט פאַר לואיזע'ן און שאַרלאָטע'ן — איהר וועט באַלד זעהן עטוואָס אונגלויבליכעס. איך וויל אייך צוערשט אויפמערקזאַם מאַכען, אַז איצט קען דער קראַנקער נור אביסעלע געהן, גאַנץ וועניג. גלאַוויס, קענט איהר אַהן קוליעס געהן ?

— ניין, ניין, מיין גוטער הערר !

— ווען מיר אַנפאַנגען.

דעם אַלטען האָט מען אויף אַ שטוהל אוועקגעזעצט און די פיס צו די בעוועגליכע פיסלאַך פון'ם זיץ פעסט צוגעבונדען און דערנאָך, ווען דער דאָקטאָר האָט בעפוילען : „לאַנגזאַם אַנפאַנ־גען", האָט דער מאַן מיט די הויך־פערקאַשערטע אַרבעל דאָס ראַד גענומען דרעהען. מען האָט געזעהן, ווי דאָס רעכטע פוס פון דעם אַלטען וואַגאַבונד האָט זיך אויפגעהויבען, אויסגעצויגען און איז ווידער לאַנג געוואָרען, און ווי דאָס לינקע קניע האָט זיך דערנאָך אויסגעצויגען, און דער אַלטער גלאַוויס האָט פּלוצים אַנגעפאַנגען צו לאַכען, דרעהענדיג דעם קאָפּ און די לאַנגע ווייסע באָרד אין דער ריכטונג, אין וועלכע זיינע פיס האָבען זיך בעוועגט.

די פיער דאָקטוירים און אַנדערמאַט האָבען זיך צו איהם צו־געבויגט און די אויגען פון איהם ניט אַרונטערגענומען, ווערענד דער גיבור יאַקאָוו האָט צו זיין פאָטער אַ ווינק געטהאָן. דורך די

אַפּענע טהיר זיינען אַריינגעקומען נאָך אַנדערע פּערזאָנען, אום צו זעהן.

— שנעלער! — האָט בעפוילען דאָקטאָר לאַטאַן.

דער מאַן האָט גענומען דרעהען דאָס ראָד שטאַרקער, די פיס פון דעם אַלטען האָבען גענומען לויפען, און אַ פרעהליכקייט האָט איהם אָנגעכאַפּט, ווי אַ קינד, וואָס מען קיצעלט, און איצט האָט ער געלאַכט הויך אויפ'ן קול, געוואָרפען מיט'ן קאָפּ און געוואַלדעוועט:

— איז דאָס קאָמיש! איז דאָס קאָמיש!

דער גיבור יאַקאָוו האָט אויך אַ געלעכטער אַרויסגעפּלאַצט. אַ טופּע געטהאַן מיט'ן פוס, אַ פּאַטש זיך געטהאַן איבער די קניע און געשריען:

— איז ער אָבער אַ חברה־מאַן, דער גלאַווים! איז ער אָבער אַ חברה־מאַן, דער גלאַווים!

— גענוג! — האָט דער דאָקטאָר בעפוילען.

מען האָט דעם וואַגאַבונד'ס פוס בעפרייט, און די דאָקטוירים האָבען געדאַרפט דעם ערפאָלג פעסטשטעלען. איצט האָט מען גע־זעהן, ווי דער אַלטער גלאַווים איז אַליין פון'ם שטוהל אַרונטער און איז אַוועק. ער איז געגאַנגען מיט שטילע טריט, אַפילו אַבי־סעלע קרום, איינגעבויגט און ביי יעדען טראָט האָט ער דעם פּנים געקרימט, אָבער ער איז געגאַנגען!

דאָקטאָר באַנעפּיל האָט דער ערשטער ערקלעהרט:

— דאָס איז מערקווירדיג!

דאָקטאָר בלעק האָט מיט איהם איינגעשטימט, נור דאָקטאָר האַנאַרא האָט געשוויגען.

גאַנטראַן האָט איינגערוימט פּאָול'ן אויפ'ן אויער:

— איך פערשטעה דאָס ניט. קוק זיי אָן, זיינען זיי אידיאָטען אָדער איינפאַכע שווינדלער?

איצט האָט אַנדערמאַט גערעדט. ער האָט דערצעהלט די

געשיכטע פון דעם דאָזיגן הייל־מיטעל זייט דעם ערשטן טאָג אָן, און געענדיגט:

— אויב אונזערער אַ פּאַציענט פּיהלט זיך שוואַכער ווינ־טער, וועלען מיר איהם ווידער געזונד מאַכען יעדען זומער.

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען צו לויבען די בעדער פון מאַנט אַריאַל, אויפגעוויזען זייערע גוטע מעלות, אַלע זייערע גוטע מעלות.

— איך אַליין האָב צו פערדאַנקען נור די בעדער פון מאַנט אַריאַל, וואָס איך האָב איצט אַ קינד.

אָבער פּלוצים האָט ער זיך מיט שרעק דערמאָנט אָן עפּעס. ער האָט דאָך זיין פרוי פערשפּראָכען צו שיקען פּאָול ברעטיני. עס איז איהם זעהר אונאַנגענעהם געווען, וואָס ער האָט דאָס פער־געסען. ער האָט זיך אומגעקוקט, דערזעהן פּאָול'ן און איז צו איהם צוגעגאַנגען:

— ליעבער פריינד, איך האָב גאַר פערגעסען אייך צו זאָגען, אַז כריסטיאַנע וואַרט דאָרט אויף אייך.

— אויף מיר? איצט?

— יאָ. זי איז היינט אויפגעשטאַנען און וויל אייך זעהן. לויפט גלייך צו איהר און ענטשולדיגט מיך פאַר איהר.

פּאָול איז אוועק צום האָטעל. זיין האַרץ האָט געקלאַפּט פאַר אויפרעגונג. אויפ'ן וועג האָט ער געטראָפען דעם אַלטען מאַרקיז, וועלכער האָט צו איהם געזאָגט:

— מיין טאָכטער איז אויפגעשטאַנען און זי וואונדערט זיך, וואָס איהר זייט נאָך ניט געקומען.

ער האָט זיך אַפּגעשטעלט אויף דעם ערשטען טרעפּעל, אום נאָכצודענקען, וואָס ער זאָל איהר זאָגען. ווי וועט זי איהם אויפ־נעהמען, וועט זי זיין אַליין? ווען זי וועט אָנפאַנגען צו רעדען וועגען זיין פערלאָבונג, וואָס זאָל ער איהר ענטפערען?

זייט זי איז געלעגען געוואָרען, האָט ער רוהיג ניט געקענט טראַכטען וועגען איהר, אַזוי אונאַנגענעהם האָט ער זיך געפּיהלט; און ביי דעם געדאַנק וועגען זייער ערשטער בעגעגנים, איז ער שטענ־

דיג רויט אָדער בלייך געוואָרען. ער האָט אויך געטראַכט מיט טיעפער אויפרעגונג וועגען דאָס אונבעקאַנטע קינד, וועמענס פאָ־טער ער איז געווען, און געוואָלט האָט ער עס זעהן און אין דער איי־גענער צייט האָט ער מורא געהאַט עס צו זעהן. ער האָט זיך גע־פיהלט בעפלעקט דורך איינע פון יענע אונמאָראַלישע האַנדלונגען, וועלכע דריקען דאָס געוויסען פון אַ מאַן דעם גאַנצען לעבען לאַנג.

בעזונדערס האָט ער מורא געהאַט פאַר דעם בליק פון דער דאַזיגער פרוי, וועלכע ער האָט געליעבט אַזוי היים און אַזאַ קורצע צייט. וועט זי מיט פאָרווירפען איהם בעגעגענען, מיט טרעהרען, מיט פעראַכטונג? האָט זי איהם גערופען, אום איהם אַרויסצו־יאָגען? און ווי אַזוי זאָל ער זיך געגען זי בענעהמען: דער־שלאָגען, פערצווייפעלט, זאָל ער פאַר איהר זיין האַרץ אויסגיסען, אָדער צוהערען זיך און שווייגען? זאָל ער זיך זעצען אָדער בע־סער שטעהן?

און ווען זי וועט איהם איהר קינד ווייזען, וואָס זאָל ער דאַן טהאָן? וואָס זאָל ער זאָגען? וועלכען געפיהל דאַרף ער דאַן אַרויסווייזען?

פאַר דער טהיר איז ער נאָך אַמאָל שטעהן געבליבען, און ווען ער האָט זיך צום גלעקעל צוגעריהרט, האָט ער בעמערקט, ווי זיין האַנד האָט געציטערט. אָבער דאָך האָט ער אַ דריק גע־טהאָן זיין פינגער אויפ'ן קליינעם עלעפאַנט־ביינערנעם קנאָפּ און דערהערט פון'ם צימער דאָס קלינגען פון דעם עלעקטרישען גלע־קעל. אַ מיידעל האָט געעפענט און איהם אַריינגעלאָזען. אַזוי שנעל ווי ער איז אַריין אין די טהיר פון'ם סאַלאָן, האָט ער דער־זעהן אין אַ צווייטען צימער כריסטיאַנע'ן, וועלכע איז אויף אַ זאָפע געלעגען און אויף איהם געקוקט.

דער וועג צום צווייטען צימער האָט זיך איהם אויסגעוויזען אָהן אַ סוף לאַנג. די קניע האָבען זיך איהם אונטערגעבויגען. ער האָט ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז.

זי האָט זיך קיין ריהר ניט געטהאָן, קיין וואָרט ניט אַרויס־גערעדט, ביז ער איז צו איהר ניט צוגעגאַנגען. איהר האַנד איז געבליבען ליגען אויסגעשטרעקט אויפ'ן קלייד, איהר לינקע אויף דעם ברעג פון דער וויעג אַנגעשפּאַרט, וועלכע איז מיט פאַרהאַנגען פערצויגען געווען.

ער איז געבליבען שטעהן אַ דריי טריט פון איהר. ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טהאָן. דאָס מיידעל האָט הינטער זיי די טהיר צוגעמאַכט, זיי זיינען געבליבען אַליין.

ער האָט געוואָלט פאַלען צו איהרע פיס און בעטען, זי זאָל איהם מוחל זיין, אָבער זי האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבען איהר האַנד, וואָס איז אויפ'ן קלייד געלעגען, אויסגעשטרעקט זי איהם אַנטקעגען און געזאָגט מיט אַן ערנסטער שטימע:

— גוט מאָרגען!

ער האָט ניט געוואַגט איהרע פינגער צו בעריהרען, האָט נור צו זיי זיינע ליפּען צוגעלעגט, איינבויגענדיג זיך, און זי האָט געזאָגט:

— זיצט!

ער האָט זיך געזעצט אויף אַ ניעדעריגען שטוהל ביי איהר צו די פיס. ער האָט געפיהלט, אַז ער מוז רעדען, אָבער ער האָט קיינע ווערטער ניט געפונען, קיינע געדאַנקען, ער האָט ניט גע־וואַגט אפילו צו קוקען איהר גלייך אין די אויגען אַריין. צום סוף האָט ער דאָך אַרויסגעשטאַמעלט:

— אייער מאַן האָט מיר פערגעסען צו זאָגען, אַז איהר וואַרט אויף מיר. דערפאַר בין איך פריהער ניט געקומען.

זי האָט געענטפערט:

— אַך, דאָס מאַכט נישט, צי מיר זעהען זיך ווידער אַביסעל פריהער, אָדער שפּעטער.

ער האָט שנעל געפרעגט:

— איך האָף, איהר פיהלט זיך שוין גוט.

— דאנק. אַזוי גוט, ווי מען קען זיך פיהלען נאָך אַזעלכע שרעקליכע קלעפּ.

זי איז געווען זעהר בלייך, מאגער, אָבער שעהנער ווי פריהער, איידער זי איז געלעגען געוואָרען. בעזונדערס האָבען איהרע אויגען איצט אַזאַ טיעפען אויסדרוק געהאַט, ווי ער האָט פריהער ביי איהר קיינמאָל ניט געזעהן. זיי האָבען אויסגעזעהן דונקעלער, ניט אַזוי העל ווי פריהער, ווענינער דורכזיכטיג, טיעפער. איהרע הענד זיינען געווען אַזוי ווייס, ווי טויטע. זי האָט געזאָגט:

— עס איז זעהר שווער דורכצומאַכען אַזוי פיעל ליידען. האָט אימיצער אָבער זיי איין מאָל דורכגעמאַכט, פיהלט ער דערנאָך געווען קרעפטען אויף דאָס גאַנצע לעבען לאַנג.

ער האָט אויסגעפליסטערט געריהרט:

— יאָ, עס איז שרעקליך אַזוי פיעל צו ליידען!

זי האָט געענטפערט, ווי אַן עכאָ:

— שרעקליך!

זייט אַ פּאָר סעקונדען האָט מען געהערט פון דער וויעג דאָס גערויש פון גאַנץ לייכטע בעוועגונגען, דאָס שטילע ריהרען זיך פון אַן ערוואַכענדען אוים דעם שלאָף קינד. ברעטיני האָט זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין די וויעג. דאָס בעדערפניס צו זעהן וואָס דאָרט האָט געלעבט, האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר פערשטאַרקט אין איהם און איהם געמוטשעט. דאָ האָט ער בעמערקט, אַז די פאַרהאַנגען פון דער וויעגעלע זיינען פון אויבען ביז אונטען פערשפּילעט געווען מיט די גאָלדענע שפּילקעס, וואָס בריטאַניע פלעגט אויף איהר קלייד טראָגען. די דאָזיגע שפּילקעס האָט ער אַזוי אָפט פריהער אויף שפּאַס ארויסגעצויגען און ווידער ארום די שולטערען פון דער געליעבטער זיי אריינגעשטעקט, די דאָזיגע פיינע שפּילקעס מיט קעפּלאַך אין דער פאָרמע פון אַ האַלבער לבנה.

ער האָט פערשטאַנען די אַנצוהערעניש, וואָס זי האָט דערמיט איהם געגעבען, און אַ ביטערער געפיהל האָט זיך אין איהם ער־

וועקט; ער האָט זיך דערפיהלט אָפּגעשטויסען דורך דעם דאָזיגען צוים מיט גאָלדענע שפּילקעס אויף אייביג פון דעם דאָזיגען קינד.

א שטילער געשריי, אַ צאַרטער געוויין האָט זיך פון הינטער די ווייסע פאָרהאַנגען דערהערט. כריסטיאַנע האָט זיך גלייך אַ כאַפּ געטהאָן צו שאָקלען די וויעג און געזאָגט מיט אַ עטוואָס האַרטער שטימע:

— ענטשולדיגט, וואָס איך האָב אַזוי וועניג צייט פאַר אייך, אָבער איך מוז אויף מיין טאָכטער אכטונג געבען.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, ווידער איהר האַנד אַ קוש גע־טהאָן, וועלכע זי האָט איהם אויסגעשטרעקט און, ווען ער האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צום געהן, האָט זי אַרויסגערעדט:

— איך וועל גאָט בעטען פאַר אייער גליק!

ע נ ד ע.